STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03224

DOS HOYZ OYFN BARG

Sz. Horonczyk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03224-7

D:\YIDDISH\TITLES\9780657032241T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

שמעון האָראָנטשיק

דאָס הויז אויפֿן באַרג

ר אָ מ אַ ן

קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון לי־
טעראַטור־פאָנד ביים פאַריין פון יידישע
ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווארשע.

Printed in Poland

SZ. HOROŃCZYK
DOS HOJZ OJFN BARG

Copyright by Sz. Horończyk
Warszawa 1934.

הילע געצייכנט פון עדמונד מיכאַלאָוויטש.

געזעצט אין „הומאַניטע״, שוו. יערסקע 32.

Druk. „Pośpiech", Św. Jerska 32

~~1272898~~ Y 722,c.1

ערשטע טייל

קאַפּיטל 1

נאָכן אַוועקציִען זיך פון די שטאָטישע זומער-ווױנער, איז דאָס הויז אַ פּאָר וואָכן ליידיק-געשטאַנען, כּמעט געוועזן נישט באַוווינט; אַ רויטציגלדיקס מיט אַ שפּיציקן רויטן דאַך, האָט דאָס נישט גאָר גרויסע הויז, ווי אַ האָן, וואָס זיצט אויף אַ סטויג היי, אַראָפּגעקוקט פון שפּיץ באַרג איבערן טייך צו דער שטאָט אַראָפּ. און אַז פון טייך האָט זיך נאָר נישט געהויבן דער אַזוי אָפט געדיכטער נעפּל, האָט דאָרט דאָס הויז מיט דער טונקעלער וועלדער-וואַנט הינטער זיך — האַלב-רונדיק — זייער געלאָקט דאָס אויג מיט זיין נידעריק-גאָרנדיקער רויטער ליכטיקייט אין ים פון גרין. ס'האָט אַהער געאָטעמט מיט וואַלד-רויִקייט.

און ס'איז דאָרט, אויפן באַרג, טאַקע שטיל-געווען.

איינער אַליין, ווי אַמאָל אדם אין גן-עדן, איז דער אַלטער לעמקע מיט אַ געלאַטעטעם טראָט אַרומגעקראָכן צווישן די זיך שווער צו דער ערד-בייגנדיקע אויבסט-ביימער; הויך, מאָגער, מיט אַ ווייסער באָרד, אָנגעטון אין ליייוונטענע הויזן און אַ ווייס מיצל אויפן קאָפּ, האָט ער אויסגעזען, ווי איינער פון אַבֿרהם-אָבינוס צייטן; קיינמאָל זיך נישט געאיילט און קיינמאָל נישט ליידיקגעגאַנגען, שטיל מיט אַ ריטל נאָכאַנאַנד אָפּגעטריבן די צוויי קי פון די אויבסט-ביימער, און אַז אַ קו האָט לסוף נאָך אַ שמאַגע אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ מיטן גאַווערדיקן מויל מיט אַ מו-ו-ו!... — און ווייטער געוואָלט אַכלען פון בוים, האָט ער צום ריטל נאָך צוגעלייגט אַ:

— אַך, די פּרעכטיקע שטיק!

אָדער ער האָט ערנסט, מיט כּוונה אויפגעהויבן אַראָפּגעפאַלן אויבסט און עס צוזאַמענגעטראָגן אויפן אויסגעשפּרייטן זאַק; מיט אַ שמייכל צוגעקוקט, ווי זיין צייטנווייז חסר-דעהדיקל ווייב — אויך אַזוי הויך און דאַר ווי ער, נאָר מיט אַ בלאָס פאַרשלאָפן פּנים און קליינע אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס זי האָט אים שוין אַלע צוועלף קינדער באַגראָבן — שמועסט זיך אויס מיט אירע הינער, ווי מיט מענטשן, רופט זיי מיט די צערטלעכסטע נעמען, ווי אַמאָל די קינדער...

ער, דער אַלטער לעמקע, האָט ליב איינזאַמקייט און אָרדענונג. טעג גאַנצע רעדט ער טיילמאָל קיין וואָרט נישט אויס (מיטן ווייב פאַרשטייט ער זיך שוין אָן ווערטער), און בלויז נאָר אום נישט דאָס לשון צו פאַרגעסן, האָט ער אַמאָל, אין פאַרבייגיין, אַ וויציקן שמועס-געטון מיט זיין איינציקער איינוווינערין, די מיטליעריקע פרוי, וואָס וווינט קעגנאיבער אים אַ טיר ביי אַ טיר — און באַקומט געלט פון איר מאַן אין אַמעריקע — אָדער מיט איר מוטער, צי גאָר אַמאָל מיט איר טאָכטער, וואָס האָט שוואַרצע אויגן ווי אַ יידישקע און ביי אירע אַכצן יאָר, האַקט זי האָלץ, ווי אַ געניטער פּויער.

און די טעג זענען געווען סוף-זומערדיקע, מיט אַ לייכטער זון און מיט אַ טיפן שאָטן, וואָס האָט זיך פון וואַלד אַלץ ברייטער געשפּרייט — אַזוי איז דאָ דעמאָלט געווען און ס'איז גוט געווען.

אָבער דער זומער איז אַוועק און ס'האָבן אָנגעהויבן קומען שכנים פון אונטן דער פאָרשטאָט. לעמקע האָט זיך געלאָזט פון זיי איבעררעדן, אַז ס'איז נישט גוט היינטיקע צייט אין די לאַנגע ווינטערנעכט איינער אַליין דאָ צו וווינען. (פאַראַיאָרן אין אַ ווינטערנאַכט, האָבן זיך צו אים אַריינגעריסן באַנדיטן אין מאַסקעס און צוגענומען דאָס געלט פון אַ פאַרקויפט שטיק וואַלד) — האָט ער זיך געלאָזט צורעדן, דער אַלטער לעמקע, צו פאַרדינגען שטובן. איצט איז דאָס הויז פול מיט זיי און מיט זייערע קינדער, טומלען און דרייען זיך בייטאָג

און בײנאַכט. ער האָט שױן אין הױז דאָ אַלערלײ געמישטע פּאָר־פעלקער... און איצט נאָך, האָט פּלוצלינג דער װינט אָנגעטראָגן אָט דעם ייד מיטן רענצל, אױך דינגען אַ װױנונג, געקומען אײנמאָל און געקומען נאָכאַמאָל, געזעסן און געשמועסט, ביז ער האָט זי לסוף געדונגען און באַלד טאַקע אױפגעציילט געלט (קעגן אָט דעם נסיון — געלט — קאָן דער אַלטער דײטש נישט האַרט זײן).

— אַ ייד! — איצט װעט דאָס הױז שױן זײן אַן אמתע נחת־תבה!...

דער אַלטער לעמקע, זיצנדיק אַזױ קעגנאיבער דעם אַרײנגעקומענעם — אױף דער באַנק לעבן פענסטער, אינמיטן שמועסן פון דאָ און פון דאָרט, פון „װאָס די בלעטער שרײבן" און אַז „דאָ, אין לאַנד, די נײע מלוכה האָט נאָכנישט אַ נעם־געטון די לײצעס אין דער האַנט אַרײן ריכטיק און טיכטיק, װי עס דאַרף צו זײן..." — האָט ער מיטאַמאָל אַ שטעל־אָן געגעבן אױף דעם יונגנמאַן זײן רױט פּנים אײנגערעמט אין װײסע האָר, װי אין אַ רעם און אָנגערעמיקע אומבאַשטימט־קאָלירנדיקע אױגן, און אין מיטן בעסטן גלאַט־שמועסן, אַ פרעג־געטון מיט װאָס ער, זײן צוקונפטיקער לאָקאַטאָר, װיל זיך דאָ פאַרנעמען, — װאָס זײן טואונג איז.

דער יונגערמאַן האָט נישט גלײך געענטפערט, איז אַ װײל געזעסן אין פאַרלעגנהײט. אַן אומבאַקװעמער שמײכל, װי אַ שאָטן, האָט אַ װײל אױף זײן קלײן, רױט, פול מױל גערוט און זײן טונקל פּנים מיט דער גאָרנישט־קלײנער נאָז און די ברױנע ליכטיקע אױגן, האָבן אױך װי געהאַט אױף זיך שפּריצלעך פון דעם אומבאַקװעמען שמײכל, און ער האָט די ערשטע װײלע נישט געהאַט דעם אַלטן פיער װאָס צו ענטפערן אױף זײן פרעג.

און טאַקע! װאָס? זאָל ער דען נעמען און אױף דער מינוט אַרײנקנעלן מיטן אַלטן, אַז ער, דער דרײסיקיעריקער דניאל — איז אַהערגעקומען דאָ אין דעם שטילן הױז, צװישן שטאָט און דאָרף, אָנצושרײבן די געשיכטע פון זײן

אַלטער יחוסדיקער, אַמאָל מיט תורה און עשירות שטאַרק-באַ־רימטער משפחה, וואָס די לאַנגיעריקע דעגענעראַציע האָט זי דערפירט, אַז אירע אָנגעהעריקע שטאַרבן-אויס צווישן דרייסיק-פערציק-יעריקן עלטער און ער, דניאל, איז שוין דאָס לעצטע, לעצטע בלעטל פון אָט דעם שטאַם-בוים.

האַ! זאָל ער אים דאָס דערציילן? ער וועט עס דען פאַרשטיין?

און אפשר אים אויך דערציילן, אַז שוין מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק, האָט ער, דניאל, פאַרקויפט אַ ירושה-הויז אין דער רעזידענץ-שטאָט — דאָס לעצטע הויז — און זיך געלאָזט איבער דער וועלט זוכן מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון זיין אַמאָל-באַרימטער משפחה, געווען אין אַ סך שטעט און שטעטלעך, גענישטערט אין אַלטע שטויביקע פּאַפּירן, באַזוכט בית-הקברותן אין פוילן, דייטשלאַנד... און אַז אָט דאָ, אין דער וואַליזע, וואָס ליגט ביי זיינע פיס, געפינט זיך טאַקע די פרוכט פון זיין זוכן, אַחוץ וואָס מ'דאַרף אים נאָך צושיקן?

צי קאָן ער דאָס דעם אַלטן דערציילן? ניין! — האָט ער אין זיך באַשלאָסן — דערדאָזיקער פּראַקטישער פויער וועט נאָך מיינען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ משוגענעם און וועט אים די דירה אויך נישט געבן.

דערווייל אָבער, איידער דער יונגערמאַן איז אין זיך פאַרטיק-געוואָרן וואָס צו ענטפערן, האָט דעם אַלטנס ווייב מיט דעם שפּיציקלעכן בלאַסן פּנים, אויפגעהערט אינמיטן צו קלייבן קאַרטאָפל אין גרויסן צוויי-אויערדיקן טאָפּ אַריין, זיך אַ וויש-געטון די נאָז מיט דער האַנט-פלאַך און אַ פרעפל-גע־טון צו באַפעסטיקן דעם מאַנס פרעג:

— געוויס, מיר ווילן דאָך וויסן פונוואַנען איר וועט האָבן אונז צו צאָלן פאַר דער וווינונג, — און גערעדט האָט זי דאָס מיט אַ שעפּטש, ווי אַ תפילה און אים זייטיק אָנגעקוקט מיט גראָ-בלאָע פאַרשלייערטע אויגן.

— הילדאַ, זיי דאָך שטיל, — בעט זי דער אַלטער.

— אָבער דאָס איז דאָך אונזער רעכט, — רעדט זי וויי־

טער מיט דעם תפילהדיקן שעפּטש, — מיר מוזן עס וויסן...

אויב שוין יאָ אַזוי, האָט דער יונגערמאַן ווי עס איז זיך אַרויסגעפּלאָנטערט, זיי דערציילט, אַז ער האָט אין דער הויפּט־שטאָט אַ הויז, בּאַרעס־געלט האָט ער אויך, און דאָ איז ער אַהערגעקומען אָט, גלאַט אַזוי, כּדי דאָ, אויפן בּאַרג זיך אָפּצורוען אַ פּאָר חדשים, אָדער נאָך לענגער, ווילאַנג אים וועט געפעלן דאָ צו זיצן.

— יאָ, אַזוי איז פאַרשטענדלעך, — איז די אַלטע מסכּים מיט אַביסל אַ העכערן שעפּטש, — דאָ זענען שוין אַסך אַזוי אַהערגעקומען, אַפילו אויפן ווינטער, איבּערהויפּט שווינדזיכטיקע...

— „שווינדזיכטיקע”, — האָט ער ווי מעכאַניש איבּערגעחזרט און אַ קעלט איז אים אַדורך, אַזש ער האָט נערוועז אויפגעשוידערט — דאָס רוב פון זיין משפּחה, די דרייסיק־פערציק־יעריקע שטאַרבּן פון שווינדזוכט, און דערבּיי האָט אים אַ פלי־געטון דורכן מוח: „צי וועט נישט דאָס הויז זען מיין טויט?”

דער אַלטער, ווי ער וואָלט מורא־געהאַט, אַז מיט איר זאָג קאָן זיין חסר־דעהדיק ווייבּ אַמאָל קאַליע־מאַכן דאָס געשעפט, ווייל דער יונגערמאַן איז עפּעס שלאַבּעריק־געוואָרן — האָט ער געאיילט זי אָפּצושטעלן:

— אַך, וואָס דו פּלוידערסט! דאָס גאַנצע הויז איז דאָך איצט בּאַווינט פון סאַמע געזונטע.

— דאָס האָסטו רעכט, היינריך, אָבּער די היינטיקע איינווינער געהערן דאָך נישט צו די זומער־הערשאַפטן.

בּאַלד וויל זי וויסן, וואָס ער האָט דאָ אַלץ ליגן אין דער וואַליזע, און צי מער האָט ער נישט קיין געפּעק, ווי אָט דאָס ווינציקע... דער אַלטער רופט זיך דערבּיי גאָרנישט אָן, נאָר קוקט־אָן זיין גאַסט און שמייכלט, ווי ער וואָלט געזאָגט: „אַן עסק האָסטו וואָס זי פּלוידערט”.

נאָר דאָ געשעט אַן אויסטערלישע זאַך: די אַלטע, נישט־בּאַקומענדיק קיין ענטפער, גיט זי זיך מיט אַן אומגעדולדיקער

האַסטיקייט אַ רוק-אַרויף דאָס ווייסע פּעסט- און ענג-פֿאַרבונדע-נע קאָפּטיכל, אַזש גראָ-בלאָנדע האָר ווייזן זיך אַפּער. אַ ווילד, אומהיימלעך-משוגע פֿייערל גיט אַ בליץ-אויף אין איר רויק, פֿאַרשלייערט אויג. זי גיט דראָענדיק אַ קוק אַרום זיך, ווי אַ חיה פֿאַרן וואַרפֿן זיך. דאָס געדויערט קוים אַ רגע. דער אַל-טער אַפּנים באַמערקט דאָס. ער הערט-אויף צו שמייכלען. אויך זיין בליק ווערט אַנדערש, ווי ער איז געווען די גאַנצע צייט, גאָר אַן אַנדערער לעמקע... זיין האַרטער, רויער בליק צוימט זי. דאָס אַלץ שפּילט זיך אָפּ אָן ווערטער — שאַ-שטיל און קורץ, גיך, פֿון אויג-צו-אויג, אַזש דניאל שוידערט-אויף. איר אויג לעשט זיך אונטער דעם מאַנס בליק. זי ווערט צוריק פֿאַר-שלאָפֿן און וויל שוין עפּעס אַנדערש וויסן:

ווי ער רופֿט זיך, ווי אַזוי איר בייער לאָקאַטאָר הייסט.

און אַז זי הערט — „דניאל טוֹב", קוקט זי מיט די בישט-נאָרמאַלע, ווי פֿאַרחלומטע, פֿאַרשלאָפֿענע אויגן אַרויס צום האַרבסטיקן סאָד, וואָס שיט פֿון זיך בלעטער. ביי יעדן ווייע פֿון אַ ווינטל פֿאַלן פֿון די ביימער העל-געלע און רויטלעכע בלעטער, באַשימערט מיטן אָפּגלאַנץ פֿון דער קרענקלעכער זון — און זי רעדט מעלאַנכאָליש-פֿרום, ווי אַ געבעט:

— דאַניעל, יאָ — דאָס ווייסט זי — דאַניעל איז געווען אַ פּראָפֿעט, אַ הייליקער פּראָפֿעט, אָבער „טאָוו", „טאָף", וואָס פֿאַראַ נאָמען איז דאָס, אַזאַ נאָמען האָט זי נאָך נישט געהערט.

— „טאָוו" איז געוויס אַ פֿאַמיליענאָמען, — מאַכט איר דער מאַן קלאָר און קוקט צו דניאלן אויף אַ באַשטעטיקונג.

— אַך, אַזוי, — שאָקלט זי מיטן קאָפּ, — דאָס קאָן שוין זיין, אָבער, — פֿאַרשטייט זי וויטער נישט, — פֿאַרוואָס דען נישט „טאָפּף" — טאָפּף האָט אַמאָל אונטן געוווינט אַ פֿישער...

דניאל האָט נישט-ווילנדיק אין זיך אַ שמייכל-געטון, ווי די אַלטע האָט צוגעטראָפֿן, — דער אַמאָליקער נאָמען פֿון דער משפּחה אין דייטשלאַנד, איז טאַקע געווען „טאָפּף" אָדער „טאָפּ". אַלס קינד האָט ער, דניאל, געהערט דערציילן אַ מעשה, אַ משפּחה-לעגענדע, פֿאַרוואָס די משפּחה האָט זיך אַזאַ נאָמען

געגעבן. ס׳איז אַ דערמאָנונג פון אַן אונטערגעוואָרפענעם טאָפּ בלוט אין אַ יידישער שול פון אַ דייטש שטעטל מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק. איז געשען אַ נס, דאָס בלוט אין טאָפּ איז ביים איבערפאַל פאַרוואַנדלט-געוואָרן אין רויטן פּסחדיקן באָרשטש, דער עלילת-דם איז בטל-געוואָרן — און דער רב פון דער קהלה — דער שטאַם-פאָטער פון דער משפחה, האָט אַלס זכר פון „נס” אָנגענומען דעם נאָמען „טאָפּ”.

דניאל איז נאָך אַביסל דאָ געזעסן, געשמועסט מיט דעם אַלטן לעמקע, וואָס מיטן פּאַטריאַרכאַליש-ביבלישן פּנים. פון אַלטן האָט געווייעט אַזאַ געלאַסענע רויקייט, און דער סקעפּטישער שמייכל פון זיין רויטלעך-פרישן פּנים איז געווען אַזאַ גיכט-פויערישער, אַזאַ אָנגעזאַפּטער מיט לעבנס-חכמה, אַז דאָס געמיט פון דעם מיטשמועסער האָט זיך דערפון באַרויקט. אָבער זי, די אַלטע, האָט, מוז זיין, דעם אַלטן אויף די נערוון געשפּילט. און, אום דערצו אַ סוף צו מאַכן, האָט ער אַראָפּגענומען פון דער וואַנט דעם שליסל און אַרויסגעגאַנגען מיט זיין גייעם לאָקאַטאָר אים איבערצוגעבן די וווינונג.

אַזוינאָך האָט דניאל, דער לעצטער שפּראָץ פון דער אַמאָל-יחוסדיקער משפּחה טוב, וואָס אירע אָנגעהעריקע שטאַרבן-אויס צווישן דרייסיק-פערציקיעריקן עלטער, לויט דער עצה פון זיינס אַ באַקאַנטן אין דער גרויסער שטאָט, זיך באַזעצט דאָ אין דער צווישן שטאָט און דאָרף באַרגיקער וואַלד-געגנט, אין דעם רויטן הויז, און זיך אָנגעדונגען צו עסן ביים אַלטן אָנקינדערדיקן פּאָרפאָלק לעמקע.

קאַפּיטל II

דניאל טוב האָט זיך גיך צוגעוווינט צו דער שטילקייט און איינזאַמקייט פון דער באַרג-געגנט. זיין וווינונג — אַ זייטיק בוידעמשטיבל אונטערן שפּיץ-דאַך — איז ווייס אויסגעקאַלכט מיט אַ ריין געשייערטן דיל און אַ ווייס-געמאָלט קלאָר פענסטערל. נאָך האַלבן טאָג הייבט די זון זיך אָן צוצורוקן צו זיין פענסטער, און פאַרנאַכט, ביים פאַרגיין, געזעגנט זי זיך די לעצטע מיט זיין היים-נעסט: אַ ציטערדיק רויט שטיק זונשיין אין דער פאָרם און גרייס פון פענסטערל, פלאַטערט דעמאָלט אויף דער וואַנט העכער-אַרויף, איבער זיין בעט, און די פענסטער-שויבן, רויטגליענדיקע ווי שטיקער פלאַם בליצן דעמאָלט ווייט, ווייט-אַראָפּ, צו אומבאַקאַנטע וועגן און דערפער.

דער טאָג פאַרגייט אים גיך, בלויז אין אַרבעט פאַרגייט דניאלן דער טאָג — אין שרייבן די געשיכטע פון זיין אַלטער יחוסדיקער משפחה... אַז ס'קומט די צייט פון עסן גיט מען אים פונאַונטן צו וויסן. די אַלטע לעמקען מאַכט דאָס אויף איר אופן. אַזוי ווי זיין שטיבל געפינט זיך פונקט איבער איר שטוב, קלאַפּט זי ביי זיך אין שטוב מיט אַ שטיק האָלץ אָן באַלקן. הערט ער דאָס קלאַפּן ביי זיך אויבן פון יענער זייט דיל, ווייסט ער שוין, אַז דאָס רופט מען אים עסן.

— נו, גוט געשלאָפן? פרעגט אים די אַלטע, יעדן טאָג דאָסזעלבע און מאַכט זיך דערביי אַוועק דאָס טיכל פון די אויערן.

— זייער גוט, — ענטפערט דניאל אויף יעדן טאָג, די זעלבע ווערטער.

— הייסט עס, אַז איין אויג האָט נישט געזען דאָס צווייטע, אַ גאַנצע פּעלקע נאַכט נישט? — באַגריסט אים דער אַלטער מיט זיין אַרט שפּרוך און שמייכלט צופרידן.

מ׳זעצט זיך עסן אַרום דעם אין דער העלפט געדעקטן טיש. דער אַלטער, פאַרנדיק געלאַסן מיטן לעפל אין דער שיסל פאַרעדיק געקעכטס און צוריקוואַרפנדיק מיטן קאָפּ די ווייסע קודלעס, זיי זאָלן אים נישט פאַרשטעלן די אויגן — צווישן איין זופּ און צווייטן, טוט ער אַ פרעג, ווי פון העפלעכקייט־וועגן:

— און וועגן קריג שרייבט גאָרנישט די צייטונג — שוין מיד?

— זיי ווערן עס, גלויב איך, דאָך נאָך מאַכן, — פּרעפּלט די אַלטע, לעקנדיק זיך די ליפּן מיטן ראַנד צונג.

דערנאָך, ביים סוף מאָלצייט, קומט דער שמועס ס׳רוב אַרויף וועגן לאַנדווירטשאַפט. אַזוי ווי דניאל פאַרשטייט נישט דערין אַריינצורעדן, ווערט דאָס רעדן אַרויפגעקערעוועט וועגן דער ניי־געגרינדעטער מלוכה דאָ, אַז זי פירט נאָך נישט דאָס לאַנד ווי עס דאַרף צו זיין...

פון לעמקען נעמט פלוצלינג אַרויסרעדן דער אומצופרידענער דייטש:

— די סלאַוון קאָנען נישט רעגירן... — פּסקנט ער אָפּ.
דאָ נעמט די אַלטע זינגען איר „לידל”:

— זיכער!... געלט — סאַראַ געלט איז דען דאָס? — סאַמע פּאַפּיר. אַז דו לייגסט עס אַוועק, כאַפּן זיך דערצו די מייז... ס׳זאָל דאָס זיין כאָטש אַ שטיקל גאָלד אָדער זילבער.

— נו, גענוג, הילדאַ! — דערמאָנט זי דער אַלטער. ער האָט מורא, אַ פרעמדער אויער זאָל נישט דערהערן, אַז אין זיין שטוב איז מען נישט צופרידן מיט דער מלוכה.

נאָכן עסן גייט זיך דניאל אַ ווייל איבער ביים ראַנד

וואַלד, אַביסל שפּעטער זיצט ער שוין צוריק בײַם טישל איבער די פּאַפּירן.

אַ היפּש פּעקל האָט ער פאַר זיך די פּאַפּירן, דניאל... ער האַלט זיך שטרענג אָן די מקורים, וואָס ער האָט צונויפֿגעקליבן — פּוצט גאָרנישט צו; אַפֿילו דאָרט, ווו עס קומט־אויס עמעצן פֿון זײַנע עלטערן פֿאַרצוּשטעלן פֿון אַ נישט שיינער זײַט — קוקט ער נישט דערויף. דאָס בוך, האַלט ער, איז אַ מצבה פֿון אַ משפּחה, וואָס האָט געלעבט, געקעמפט, געליטן, געהאָפט — און מיטאַמאָל געגומען אויסשטאַרבן, ווי אַ בוים, וואָס קאָן נישט דערהאַלטן די פֿרוכט, נאָר וואַרפט זי פֿון זיך, גרינע, נישט־רײַפֿע, אָן האָפֿענונג אויף ווײַטערער פֿלאַנצונג.

אַזוי זיצט ער און אַרבעט, דניאל, מיט התמדה, שעהן, שעהן.

נאָר אָפּטמאָל פֿאַרנאַכטצײַט, צוזאַמען מיט די אָוונט־שאָטנס, גנבעט זיך אַרײַן דאָ אין פֿאַרשוויגענעם שטיבל אַן אומעט, דער אומעט דרינגט אַלץ מער אַרײַן, פֿאַרקריכט אין דניאלס געמיט, פֿרעסט און צופּט... עס דערמאָנט זיך אים אלחנן... אַ בחור מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד. ער איז געשטאָרבן בחורוויז, אין אַן אײַנזאַם שטיבל; אַ קרענקלעך־קאַרגער, האָט ער די לעצטע יאָרן געקליבן אין גאַס ליידיקע פֿודעלעך פֿון שוועבעלעך, שפּענדלעך, פּאַפּירלעך, און אַז מ׳האָט אים געפֿרעגט, צו־וואָס ער טוט דאָס, האָט ער געענטפֿערט ערנסט, מיט פּאַראַיבל:

— וואָס הייסט צו־וואָס? — אַוועקצולייגן אויפֿן ווינטער צו הייצן דערמיט דעם אויוון. — און געשטאָרבן איז אָט דער־דאָזיקער אײנציקער ברודער דניאלס מיט אַ צוויי יאָר צוריק, אין אַכט־און־דרײַסיק־יעריקן עלטער.

דניאל גלויבט, אַז אָט דער פאַר־נישט־און־ווידער־נישט אים אַזוי אָפּט באַגעגענדיקער טרויער — דאָס איז דער שאָטן פֿון זיך שטיל־דערנענטערנדיקן טויט און האָט אַ שייכות צו זײַן משפּחה, דער אויסשטאַרבנדיקער, צווישן דרײַסיק־פֿערציק־

יעריקן עלטער, וואָס צו אָט דער שוועל — דרייסיק יאָר — איז דניאל צוגעקומען שוין מיט עטלעכע חדשים צוריק.

אָבער, דאָ — אין דער שטילער און לופטיקער, צווישן שטאָט- און דאָרף-געגנט און ביי דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, איז דער טרויער פאַרט נישט אַזוי בלייאיק שווער, ווי דאָרט, אין דער גרויסער שטאָט, וווּ ער איז פריער געווען. דאָרט איז ער טיילמאָל גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען מיט אַ פרעסנדיקן טרויער אין האַרץ, ווי אַ בענקעניש נאָך עפּעס, וואָס ער אַליין פאַרשטייט נישט. און אַ סך, אַ גאַנץ סך, האָט אָט דער אומעט געבּרענגט דערצו, וואָס ער, דניאל, איז דעם פאָריקן אָנהייב ווינטער אַוועק פון דאָרט אין דער וועלט-אַריין...

דניאל צינדט-אָן די לאָמפּ, מאַכט ליכטיק אין שטוב, פאַרטיפט זיך צוריק אין שרייבן און דער פיינלעכער אומעט פאַרשווינדט, ווערט אויסגעוועפּט, פּונקט ווי די פאַרשטאָרבענע, וואָס ער דערמאָנט דאָ, וואָלטן געוואַכט איבער אים, ער זאָל קאָנען רויק שרייבן זייער לעבנסגעשיכטע, זיי זאָלן נישט אינגאַנצן פאַרגעסן-ווערן פון צווישן די לעבעדיקע.

דניאל זיצט איבערגעבויגן איבער די פּאַפּירן. אויפן טישל לעבן אים ברענט אַ לעמפּל. דאָס לעמפּל פאַרשפּרייט קאַרג ליכט. אויף דער וואַנט, הינטער דניאלס רוקן, הויערט אַ שאָטן, אין דערזעלבער פּאָזע, וואָס ער ביים טיש, נאָר ברייטער און מגושמדיקער, מיט אַ ווילד-צעפלאָשעטן קאָפּ האָר, וואָס באַוועגט זיך גראָטעסקאַרטיק לויט יעדן ריר פון דעם ביים טיש זיצנדיקן.

דאָס ווענטל הינטער דניאלס רוקן איז אַ הילצערנס — געמאַכט פון ברעטער און באַשמירט מיט אייל-פאַרב אויף ווייס. דאָסדאָזיקע ווענטל טיילט-אָפּ דאָס שטיבל פון דרינען נאָך אַ קלענער פּאָדער-חדרל. און די עטלעכע שויבן אין דער טיר דורינען דינען דעם שטיבל אַלס פענסטער.

פון די פיר שייבלעך קוקט דאָ אַריין אַ פינסטערניש, ווי פון אַ תהום; לינקס פון דניאלן געפינט זיך דאָס איינציקע אמתע פענסטער פון דער וווינונג, און אין אָט-דעם פענ-

טטער קוקט איצט פונדרויסן אַ ברייטער און ווייטער האַרבסטיקער טונקעלער הימל אָן לבנה, נאָר דורכויס באַזייט מיט שטערן און שטערן; גרויסע, ריינע און שאַרף־ווינקנדיקע און פלאַטערנדיקע, קאַלטע שטערן.

אינמיטן בעסטן, ווען דניאל זיצט פאַרטון מיט התמדה אין זיין אַרבעט, איז פונקט מיטן געדאַנק גאַנץ ווייט פון אָט דעם אָרט און איבערהויפּט פון דער איצטיקער צייט — קלאַפּט עמעץ דרינען אין דער טיר. דניאל כאַפּט זיך פון אָרט, לויפט אַריין עפענען; עס איז דאָס סאַמע ערשטע מאָל דאָ, וואָס עמעץ קלאַפּט אין זיין טיר. — עס קומט־אַריין אַ מיטליעריקער מענטש, אָנגעטון ווי פון דער אַרבעט אַוועק. דניאל דערקענט אין אים אַ שכן פון דעם הויז, נאָר גערעדט האָט ער נאָך קיינמאָל נישט מיט אים. פון לעמקען ווייסט דניאל, אַז דערדאָזיקער הייסט — סטעסע, איז אַ לעט, אַרבעט אין שטאָט אין אַ פאַבריק, — און, לויט לעמקען, האָט ער נישט פיינט דעם ביטערן טראָפּן.

— גוטנאָוונט! — זאָגט ער פריינטלעך. ער אַנטשולדיקט זיך פאַר זיין אומגעריכטן אַריינקומען. ס'איז אים, זאָגט ער, איינגעפאַלן אַביסל צו באַזוכן דאָ דעם נייעם שכן; אַ טיר לעבן אַ טיר וווינען זיי, דאַרפט מען אַמאָל אַ שמועס־טון, — אויב ער שטערט נאָר נישט.

— ביטע זייער, — זאָגט דניאל, מער פון העפלעכקייט, ווי אינדערעמתן, ווייל גראָד האָט זיך אים אַזוי גוט געאַרבעט.

— קומט־אַריין דרינען, — און דניאל עפנט פאַר אים די טיר צום באַלויכטענעם שטיבל.

דער עלטערער אַרבעטער סטעסע, איז דערנאָך היפשלעך לאַנג געזעסן קעגנאיבער דניאלן, אויף דעם איינציקן איבעריקן שטול, וואָס דאָס שטיבל פאַרמאָגט, געזעסן אין די מיט אייל גלאַנציק־פאַרשמירטע מלבושים, גערייכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן, כסדר געוויקלט מיט די פינגער לאַנגע און גראָבע פּאַפּיראָסן, פול־געמאַכט דאָס שטיבל מיט טאַבאַק־רויך און גערעדט:

— זע נאָר, — וווּנדערט ער זיך, — איר וווינט דאָך דאָ אײנזאַם, ווי ראָבינזאָן אויף דער אינזל, איר האָט זיך דאָך נאָך אַפילו מיט אײערע נאָענטסטע מיטוווינער נישט באַקענט, און דאָ, אונזער הויז, אין עק וועלט, איז דאָך אינטערעסאַנט ביז נאָר... דאָ איז דאָך אַ רעפּובליק, אַ רעפּובליק פאַר זיך. איך וואָלט עס אָנגערופן אינטערנאַציאָנאַלע רעפּובליק און איר וועט מוזן מודה-זײַן, אַז איך האָב רעכט; וואַרט, דערקענט עס נאָר...

און, אַרויסלאָזנדיק אַ קנויל רויך פון מויל, וואָס דרינגט גלײַך אַרײַן אין דניאָלס נאָז און נעמט אים באַלד בײַסן אין האַלז, — נעמט סטעפּע אַרויס דאָס שטיקל פּאַפּיראָס פון צווישן די ציין, קוקט, צי עס איז נאָך געבליבן עפּעס, צי עס לוינט נאָך אין מויל צו נעמען. ער וואַרפט עס לסוף אַוועק און דערציילט ווײַטער:

— הייבט אָן בײַ מיר. — איך בין אַ לאַטיש, מײַן פרוי — אַ פּוילישע; מײַן סובלאָקאַטאָר — אַ פּאָליאַק, זײַן ווײַב — אַ רוסישע; ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק איז ער געקומען מיט איר פון רוסלאַנד; דער שכן פון ווינקל דאָ — סאַמאַרין — אַ רוס, זײַן ווײַב — אַ דײַטשקע. ווידער די, וואָס האָבן זיך געבערעגנט צו ציען ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק — די קראַנקע פרוי, — איך ווייס נישט גענוי, — אָבער, לויטן אויסזען, איז ער און זײַן ווײַב פון צוויי באַזונדערע פּאָליוסן און זייער טאָכטער איז טאַקע שיין ווי אַ געמיש...

נאָר גענוג! איך זאָג דאָך אײַך, אַז דאָס הויז אויפן באַרג, איז אַ רעפּובליק, עטלעכע מלוכות דאַרפן אַהער צושיקן אַמבאַסאַדאָרן...

אינמיטן שמועסן, אַז ס'איז אויף אַ רגע שטיל-געוואָרן, האָט זיך געהערט פון אַ ווײַטערן ווינקל אַ טומל, אַ גראַמאָפאָן שפּילן און קלאַפּן מיט די פיס צום טאַקט...

— דאָס איז פון מיר, — באַמערקט סטעפּע און שמייכלט, — מײַן מיטוווינער שמידאָווסקי, האָט פאַרבעטן אַ פּאָר גוטע

ברידער און זיי הוליען אַביסל לכּבוד דעם מאָרגנדיקן רו-טאָג-
איך בין עקסטרע אַרויסגעגאַנגען, אום נישט צו טרינקען.
— וואָס, איר האַלט נישט פון טרינקען? — פרעגט דניאל
און ער טראַכט: „אַביסל, פונדעסטוועגן, האָסטו מיטגעטרונקען",
ווייל אים דאַכט זיך, אַז זיין מיטשמועסער האָט מיט זיך
אַריינגעברענגט אַביסל בראָנפן-ריח.
— נישט — איך האַלט נייעט, — פאַרבעסערט סטעסע, —
אַדרבא! איך האָב יאָ ליב צו טרינקען, נאָר — איך טאָר נישט.
אַז איך ריר מיך נאָר צו צו אַלקאָהאָל, ווער איך ווילד, קום
פשוט פון זינען...
און אַזוי, אין שמועסן, האָט ער דערציילט, אַז ער
שטאַמט פון דורות אַלקאָהאָליקער. זיין פאָטער — אַ שענקער
אין ריגע, איז געשטאָרבן פון ווייסן פיבער און ער — דער
זון — ווי אויך זיינע ברידער — אַז זיי דערשמעקן נאָר בראָנפן,
ווערן זיי שוין פון ריח אַליין שיכּור...
— איר ווייסט, — זאָגט ער און קוקט צום שטיקל פאַפּי-
ראָס אין זיין מויל, — מיר דאַכט זיך אָפט, אַז איך האָב אין
מויל אַלקאָהאָל. פון מיין שווייס ביי דער אַרבעט, זאָגן
מענטשן, פילט זיך שנאַפּס. און ס'טרעפט טאַקע טעג, וואָס איך
פיל מיך ריכטיק שיכּור, כאָטש איך האָב קיין בראָנפן נישט
געטרונקען.
דניאלן גיט עפּעס אַ בליץ-אויף אין קאָפּ:
— און פונדעסטוועגן — איר זענט דאָך, דאַכט מיר,
שוין נאָך די פופציק?...
סטעסע האָט, אַפּנים, פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט:
— יאָ, אַפילו באַלד זעכציק. מיר שטאַרבן נישט יינג.
מיר שטאַמען פון פויערן, וואָס האָבן דאָס לעבן פאַרברענגט
אויף דער פרייער לופט און אין שווערער אַרבעט, — ער
פאַרציט שטאַרקער דעם האַלב-אָפּגעלאָשענעם פאַפּיראָס און
זאָגט צו:
— פּריצים, אַדל-לייט, קינדער פון אַלקאָהאָליקער שטאַרבן
אויס גיך, ווי מייז פון אַרשעניק.

„ריכטיק, — איז דניאל אין געדאַנק טרויעריק מסכּים, — קינדער פון גראַפן הולטאַיעס, צי קינדער פון חסידים, „לשם הדווה" בראָנפן־טרינקערס... ס'איז אַלץ די אייגענע דעגענע־ראַציע"...

אָט אַזוי איז דער אַרבעטער סטעסע, דער לעט, אָפּגע־זעסן ביי דניאלן אַ שעה־אַנדערהאַלבן און געשמועסט. ער האָט גערעדט אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן, דניאלן איז אָבער גאָרנישט אַזוי געבליבן אין קאָפּ, ווי סטעסעס דערציילן וועגן דעם, אַז ער האָט אַלקאָהאָל אין בלוט; און פון זיין פאָטער, וואָס איז געשטאָרבן פון דעם אַלקאָהאָל־משוגעת, וואָס מ'רופט „ווייסער פיבער" — אַז בעתן אָנפאַל דערפון, האָט ער שעהנווייז זיך כּסדר געדרייט אַרום זיך, ווי אַ פאַרסמטע מויז, געדרייט, געדרייט אָן אויפהער און גיך אַזוי, ווי אַ ראָד אַרום־אַרום, ווי אַ מיל...

* *

*

יענע נאַכט נאָך סטעסעס באַזוך, האָט זיך דניאל אינ־מיטן נאַכט אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט נישט געוווסט, פון וואָס ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן, — אַן אַנלבּושדיגע פלאַטערדיגע אָנווּנג פון טויט האָט אים אין שלאָף עפּעס אין אויער אַריינגעשעפּטשעט. דאָס אַריינגעשעפּטשעטע איז נישט געבליבן, נאָר דער הויך, דער הויך פון טויט איז געבליבן העגגען אַרום אים און דאָס בלוט אין די אָדערן גע־מאַכט אים קילן...

אַרום אים איז געווען טויט־שטיל, שטיל און פינסטער, מיטן־נאַכט. פון דער דרויסנדיקער פינסטערניש האָט זיך גע־הערט אַ טראָמפּייט אויסשפּילן אַ סיגנאַל. אים האָט געענטפערט אַ צווייטער פון אַביסל ווייטער, באַלד אַ דריטער, אַ פערטער, און יעדער ווייטער און נאָך ווייטער.

דניאל ווייסט, אַז דאָס קומט פון וואַלד אונטן. אַזויער־נאָך שמועסן זיך אַדורך די וואַלד־שומרים אויף די פּאָסטנס, אָבער דאָס, וואָס זיין באַוווסטזיין האָט דאָס פאַרשטאַנען, האָט

Free Public Library, Newark, N. J.

גאָרנישט געשטערט, אַז זיין געמיט זאָל דאָס אויפנעמען, ווי אַ שרעקיקן המשך פון דער טויט-אַנונג — און ער איז געלעגן ביז אינדערפרי מיט אָפענע אויגן.

ערשט צומאָרגנס, נאָכן איינוואַשן-זיך מיט קאַלט וואַסער און מאַכן דעם טעגלעכן שפּאַציר אין וואַלד, האָט ער זיך צוריק באַרויקט, זיך געזעצט ביים טיש און געאַרבעט, ווי נעכטן און אייערנעכטן.

קאַפּיטל III

דערנאָך האָט זיך געמאַכט, אַז דניאל האָט איינמאָל אַביסל אויפגעהערט צו אַרבעטן און זיך אַזוי אַ לענגערע צייט נישט צוגערירט צו די בלעטלעך.

ער האָט אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. ער איז יעדן אינדערפרי אויפגעשטאַנען אָנגעלאָדן מיט חשק זיך אַוועקצוזעצן ביים טישל, אָבער — עס איז גענוג-געווען ער זאָל אַביסל אַראָפּגיין אויף דער לאָנקע, שפּאַצירן לעבן וואַלד, איז ער שוין אַזוי פאַרקראָכן ביז צום אָנבייסן, דערנאָך ווידער אַביסל און נאָך אַביסל, אַזוי שוין דעם גאַנצן טאָג. מאָרגן ווידער אַזוי, איבערמאָרגן — אויך, און אַזוי שוין כסדר.

זיכער, אַז דערין איז אויך שולדיק-געווען ס'שיינע וועטער.

אינמיטן טריבן אָקטאָבער, האָט זיך מיטאַמאָל פלוצלינג אין אַ פאַרמיטאָג, ווי אויף אַ וויילע, אַ באַוויז-געטון פון הינטער אַ וואָלקן די זון, זיך באַוויזן ווי כּלאחר־יד. זי האָט אַ ליבלעך-וואַרעמען שיין-געטון, באַלד האָט זיך פאַר איר כּבוד-וועגן אַ רייניק-אָפּ-געטון אַ שטיקל הימל, דאָ ווו פאַר אַ מינוט ערשט איז געווען גראָ, בלייאיק-גראָ, איז געוואָרן קלאָר, בלאָ, און דאָ ווו בלאָ איז נאָכנישט געווען, איז געוואָרן — ווייס...

די מיט זשאַווער און חושך שווער-באַלאָדענע האַרבסט-כמאַרעס זענען צוריק אין זייער אומהיימלעכער הייל אַוועק. אויף זייער אָרט זענען אָנגעקומען קליינע בלאַנק-ווייסע פוך-וואָלקנדלעך, לופטיקע און לייכטע אַזעלכע, און אינגאַנצן האָבן זיי

אויסגעזען, ווי ריין-ווייסע אַטלאַס-קישעלעך אויפֿן שפּיגל פֿון אַ בלאָען טייך.

זיי זענען געשווומען איינציקווייז און בחבֿרותא, צוזאַמענ-געגאַנגען און זיך צעשיידט, ווידער צוזאַמען און ווידער איינ-ציקווייז; געשווומען זאָרגלאָז און שטיפֿעריש, און איז אַ וואָלקנדל שטיין-געבליבן אינמיטן הימל-פֿעלד, האָט עס אויסגעזען, ווי אַ יינג ווייס-האָריק ציגעלע, וואָס האָט זיך עפּעס פֿאַרטראַכט, דרייט-אויס דאָס קעפּל, זוכנדיק די מוטער, גלאָצט עס אַ ווייל אויף דער ניי-געבוירענער וועלט, רירט מיט די פֿיסלעך... און די זון שיינט — צוריק זומער געוואָרן.

ס'איז טאַקע צוריק געווען זומער.

דאָס רויטע הויז, אַ באַנייטס, האָט געלאַכט צו דער זון און די זון צום הויז. פֿון וואַלד זענען אַהין-און-צוריק, ווי מיט וויכטיקע שליחותן, פֿאַרבשורהט געפֿלויגן פֿאַרשידענע פֿייגל, גרויסע און קליינע. זיי האָבן געפֿילדערט און געטומלט אויף פֿאַרשידענע קולות און טענער. די לופֿט האָט געציטערט פֿון זייער פֿליגל-געפּאַטשעריי.

קראָען און סראָקעס האָבן פֿון פֿרייד אַזש אינדערלופֿט געטאַנצט, געקראַקעט — נישט ווי זייער שטייגער — בייז און מרה-שחורהדיק, ווי אין שטאָט ווינטער פֿאַר אַ זאַווייערוכע — נאָר לייכט און פֿריילעך, ווי דער קורצער שטייגנדיקער שאַל פֿון טראָמייטן...

אויפֿן שאַרפֿן דאַך-ראַנד פֿון הויז זענען זיי געשטאַנען רייענווייז, זייטיק, מיט אויסגעדרייטע שאַרף-שנאָבלדיקע קעפּ-לעך, מיט איין אויג געפֿינטלט אַרויף צו דער צעלויכטענער, וואַרעמער זון. אין זייער פֿאַרוווּנדערט, אָפּגעהאַקט, האַסטיק רופֿן האָט זיך געדאַכט צו הערן: „וואָס, צי איז שוין צוריק זומער?״ — אויף וואָס די עלטערע קראָען פֿון די ביימער האָבן געענטפֿערט מיט געזעצטע שווערלעכע קולות, ווי: „נאָכנישט זו-מער, נאָכנישט, אָבער אין וואַלד וועלן מיר נאָך קאָנען לעבן...״

דער אַלטער לעמקע, צוריק אין די לייוונטענע הויזן און טרעפּעס אויף די באָרוועסע פֿיס, איז לאַנגזאַם געגאַנגען נאָכן

אַקער־אײַזן, איבערגעוואָרפן די שטיקער פעלד־ערד. די איבערגעדרייטע פאַראָדערטע שראָלן האָבן געגלאַנצט אין דער זון. אַ פּאָרע האָט זיך דערפון געהויבן, ווי אַ לײַכט רויכל. דאָס פערדל פאָרנט אין געשפאַן, דער אַלטער פון הינטן — ביידע לאַנגזאַם מיט גלײַכע שווערע טריט, האָבן זיי, אין גיין, פון אַלטקייט, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ צום טאַקט פון אַקער־אײַזן... און אַזוי דער באַלעבאָס, ווי ס׳פערד, האָבן צוזאַמען אויסגעזען, ווי אַ שטיק פאַרגליווערטער האַרבסט, אַוועקגעשטעלט דאָ פנים־אל־פנים מיט דער צעלויכטענער זון.

יעדעס מאָל, ווען די קראָען האָבן זיך פריילעך צעפּילדערט, פליענדיק אין אַ ראָד הויך איבער דעם אַלטנס קאָפּ, האָט ער זײַן ווײַס־בערדיק פנים מיטן מיצל דערהויבן. לעמקע האָט נישט ליב קיין קראָען. דערבליקנדיק דניאלן אויפן בערגל לעבן וואַלד, האָט ער צו אים אַהינגעשריגן:

— די בעסטיעס פרייען זיך... נו־נו, עס וועט נאָך זײַן חייסער ווינטער, דער וואַלד פאַרשנייט...

— מ׳קאָן נישט וויסן, — ענטפערט דניאל, ווײַל עפּעס אַרט אים דעם אַלטנס פאַרזאָגן...

— וואָס קאָן מען נישט וויסן? הע, הע, הע, — לאַכט ער אונטער זקניש, — דאָ אויפן באַרג איז דער ווינטער שטרענג, דאָרט, — ווײַזט ער מיטן קאָפּ קעגנאיבער, — אונטער יענעם באַרנע־בוים, האָבן זיך פאַר עטלעכע יאָר ווינטער וועלף געשפּילט, געוואָיעט גאַנצע נעכט... היי־יאָר וועט אויך זײַן אַזאַ, פאַראַנען סימנים...

אין וואַלד איז געווען טיף שטיל און געהיימנישפול. שטיל זענען בלעטער געפאַלן פון די ביימער, און אויך אַזוי שטיל האָבן זיך פלינק־פיסיקע חיהלעך באַוועגט צווישן די קופּעס אַראָפּגעפאַלענע בלעטער מיט אַ קוים־הערבאַרן שאָרך און נישט אונטערשיידנדיק זיך מיט דער קאָליר פון אַלעם אַרומיקן.

דער וואַלד, פונקט ווי די גאַנצע געגנט, איז אויך געווען פול מיט בערג און טאָלן. לעבן איינעם אַזאַ באַרג, וואָס

האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנגע ערד-וואַנט, באַוואָקסן אויבן מיט
נאָדל- און בּלעטער-ביימער, האָט זיך דניאל טוב צוגעזעצט
אַביסל. עס איז דאָ געווען אַזוי פאַרסודעט רויק, אַז אַלע
אויפגעבּרויזטע עצמות-נפשן, ספקות און נישט-פאַרהיילטע געמיט-
ווונדן, האָבּן זיך אין אים געגומען אָפּזעצן, פונקט ווי מאָנט
אין אַן איינגרויקנדיקן טייך. אַלע זאָרגן האָבּן אויסגעזען נאַ-
ריש, קינדעריש, ס'האָט זיך אין דער מינוט גאָרנישט געוואָלט
און גאָרנישט פאַרלאַנגט, נאָר זיצן און האָרכן, ווי די שטיל-
קייט שפּאַצירט דאָ אין זיידענע זאָקן; אין דער האַלבּטונקל-
קייט בּרעכט זיך ווו-נישט-ווו דורך אַ זון-שטראַל פונצווישן
דעם געדיכטן צווייגן-געפלעכט, גילדט-אָפּ דאָ אַ פּאַס צווישן
צוויי ביימער, ווי אַ גילדענער שטרייף, דאָרט אַ צווייג גרינע
נאָדלען, אַנדערש-ווו אַ האַלבּ-פאַרהוילן ווינקל צווישן ביימער-
שטאַמען, און דאָרט — די טונקל-רויטע האַרטע קנאָספּן פון
ווילדן רויזן-קושאַק, וואָס זעען-אויס, ווי פאַרצייטישע פּעסלדי-
קע אויריננגען — גליען אין געבּראָכענעם זון-שטראַל, ווי צע-
בּרענטע בּרעקלעך קוילן אין פייער.

פון ווייט הינטער אים, האָבּן זיך געהערט טריט, שאָרשן
אין בּלעטער און רעדן אַ סך קולות. דניאל האָט זיך אויפגע-
הויבּן און ווייטער געגאַנגען.

אין דער וואַלד-געדיכטעניש איז אים אַקעגנגעקומען אַ
גאַנצער קאַראַוואַן זיינע שכנים. טייל האָבּן געטראָגן אויף די פּליי-
צעס פּעק שפּענער און טייל — קערב שוואָמען. פּאָרויס זיי,
ווי אַן אָפיציר פאַר אַ מיליטערישער אָפּטיילונג, איז געגאַנגען
שמידאָווסקי, — סטעסעס סובּלאָקאַטאָר. שמידאָווסקי איז אַ שוס-
טער, אַרבּעט פאַר אַ שיך-מאַגאַזין אין שטאָט. ער איז אַ יינ-
גער, אַ הויכער, אַ געשיקטער, מיט פיינע שוואַרצע וואָנסעלעך
און פאַרמאָגט אַ וויגנדיקן גאַנג, ווי אַ מיידל. ער באַרימט
זיך, פאַרטרויעט יעדן אַ סוד, אַז אין רוסלאַנד, מיט אַ יאָר
צוריק, איז ער געווען אַ גאַנצער מאַכער, שיער נישט אַ קאָ-
מיסאַר; דאָס איז דערזעלבּער שמידאָווסקי, וואָס סטעסע דער-
ציילט וועגן אים, אַז דער זיידע זיינער, אין דייטשלאַנד, האָט

געהייסן פראָסט-פשוט: „שמידט", ווי אַ סך אַנדערע דייטשן; דער פאָטער, אין פוילן, פאַר דער מלחמה, אַלס פּראַוואָסלאַווּנער רוסישער סטראַזשניק — „שמידאָוו" און ער, דער זון, צוריקקומענדיק פון „באָלשעוויע" און איבערגייענדיק אין קאַטאָליציזם, האָט זיך צום נאָמען צוגעגעבן אַ פוילישן „סקי", הייסט ער איצט — שמידאָווסקי. — אַזוי דערציילט דער לעטסטעס, וואָס אין זיין שטוב וווינט ער, דערדאָזיקער.

— שטיין-בלייבן! — האָט שמידאָווסקי אויסגעשריגן, מעשה-קאָמאַנדיר. ער האָט דער ערשטער אַראָפגעוואָרפן זיין פּאַק און זיך געוואָנדן צו דניאלן:

— שכן, איר האָט אונז איבערגעשראָקן, איר טראָגט אַזאַ וואַזשנעם שטעקן. פונדערווייטנס האָבן מיר געמיינט, אַז ס'איז דער „בּאָראָווי", — מיין ווייבערישע אַרמיי האָט שוין חשק-געהאַט צו צעלויפן זיך.

— זעטס נאָר, זעטס, — האָבן אויך די באָבעס אַראָפגעוואָרפן די פּעק פון די פּלייצעס און אים, האַלב-ערנסט, אין די אויגן געשפּרונגען, — ווי דאָס שעמט זיך נישט צו פּלאָפּערן. אַליין האָט ער געזוכט ווי זיך צו פאַרשטעקן.

— ביי מיר הינטער דער ספּודניצע האָט ער געוואָלט, — מאַכט די געשטופּלטע סטעסען. איר האַלב-פאַרבעלמעט אויגפּלאַמט עפּעס, איר פּנים איז רויט, און דער מעכטיקער בוזעם הויבט זיך ביי איר, ווי אַן אָנגעיוירן טייג אין אַ שיסל.

נאָר דער פּאַפּיראָסן-מאַכער, — דער רוס סאַמאַרין, — מיט אַן אויסגעאיידלט פּנים, וואָס פּאַסט זיך גאָרנישט פאַר אַן איינוווינער פון הויז דאָ, — מיט אַ פּאַק טרוקענע צווייגן אויף זיך, איינגעבונדן אין אַ קאָלדרע, וועלכע געדענקט נאָך מן-הסתם איר באַלעבאָס' בעסערע צייטן, — און הינטער אים זיין ווייב, די דייטשקע — אַ שיקלדיקע, אַ קרענקלעכע, מיט אַ גרין פּנים און רויט נעזל — מיט אַ קלענערן פּאַק אין ביידע הענט, — זיי זענען, אַפּנים, נישט צופרידן פון אָפּשטעלן זיך. סאַמאַרינס ווייב קוקט מיט אַ דייטלעכער אומצופרידנקייט אויף

דניאלן, ווייל ער איז די סיבה פון אויפהאַלטן. און גלייך בלאָנדזשען אירע אויגן שרעקעוודיקע אין אַלע זייטן:

— סערגיי, — מונטערט זי דעם מאַן אין אַ פאַרדייטשט פויליש, — קום, לאָמיר אַליין גיין.

באַרויקט ער זי ווידער, מיט אַ פאַרוסישט פויליש:

— מאַרי, עס שאַדט נישט, מיר גייען באַלד.

דניאל שטייט נאָך אַלץ אין מיטן, אַרומגערינגלט פון זיינע שכנים.

— מיין ווייב איז מיר דאָ ערגעץ אַוועקגעקומען, — טוט שמידאָווסקי לצנותדיק צווויסן. — טאָמער געפינט איר זי דאָ, די קאַצאַפּקע, באַלאַמוטשעט זי נישט צו־לאַנג און שיקט מיר זי אַהיים.

דניאל קוקט אים אָן און די באַבעס לאַכן:

— זי וועט נישט אַזוי גיך אַהיימקומען, — רופט זיך עמעץ אָן, — מסתמא זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפן מיטן „באַראָווי“.

— דאָס שאַדט נישט, — ענטפערט שמידאָווסקי, גאָר נישט צו וויסן, ווער דאָס האָט געזאָגט, — מיטן „באַראָווי“, — יאָ, וועט ער אונז דערלויבן צו קלייבן...

— אַ מאַן דאָס איז, — קוויטשעט די סטעסען און לאַכט, — גאָרנישט אייפערזיכטיק.

— „אייפערזיכטיק“, — ציט שמידאָווסקי צוזאַמען דאָס מויל און די וואָנסעלעך. מיט זיינע העלע, גאָרנישט־זאָגנדיקע צעבלישטשעטע אויגן קוקט ער זיך אַרום, און זיין בליק שטעלט זיך לענגער אָפּ אויף איינער פון זיין „קאַראַוואַן“, — אַ מיידל מיט אַ קערבל שוואָמען אין דער האַנט.

דאָס מיידל האָט זיך ערשט די לעצטע טעג געבריגגט אַהער צו ציען, מיט איינער אַ קרענקלעכער, עלטערער פרוי, וואָס דאָקטוירים האָבן זי געראַטן דאָ צו פאַרברענגען אַ ווינטער, און לעמקע האָט איר פאַרדונגען אַ שטוב אונטן, — קעגנאיבער דער שניידערין. דאָס מיידל האָט אַ שלאַנקן וווּקס, העלעך־שיינע פיס אין לעטשלעך און אַ שיין שטרענג־פאַרשלאָסן פנים. — „אייפערזיכטיק“, — איבערחזרט ער, קוקנדיק

אַלץ אויף דעם שטרענג-שיינעם מיידל, און ווען די אַרומיקע ריכטן זיך צו הערן עפּעס אַ חכמהלע, ווי זיין שטייגער, ענדיקט ער קורץ-און-שאַרף, אַלץ נישט אַראָפּנעמענדיק פון יענער די אויגן: — מיר זענען זיך נישט אייפערזיכטיק, זי אויף מיר — אויך נישט.

איצט לאַכט קיינער נישט. די קליינע הויקערדיקע גויע, די ברוקירערין, וואָס איר מאַן איז זומער-צייט אומגעקומען דורך אַן אויטאָ אין גאַס, ווען ער האָט געברוקירט, — גיט בייז אַ בורטשע:

— פאַרשאָלטענער, ווי דאָס רעדט וועגן אַ לייבלעך ווייב. — נאָר גלייך דערויף צעלאַכט זי זיך מיט אַ הויך געלעכטער, ווי אַ יינגע שיקסע עפּעס און גלייך, אויך אַזוי גיך, וואַרפט זי זיך גיפטיק אויף שמידאָווסקין:

— מיין טאָכטער, מיין יאַדוויגע, צו וואָס האָט זי מיטגעשלעפּט? זי האָט געקאָנט בלייבן מיט אונז, נישט גיין ערגעץ אַנדערש מיט איר...

שמידאָווסקין אָבער איז שוין, אַפּנים, גענוג דער שמועס. ער הויבט-אויף זיין פּאַק, נעמט גיין און הינטער אים — די איבעריקע, אַ רייע אין דער לענג, ווי אַ שורה גענז, גייען זיי אים נאָך, יעדע מיט איר פּאַק און דערווייטערן זיך צווישן די ביימער.

טיפער אין וואַלד האָט דניאל פון ווייטלעך געהערט בילן אַ הונט. ער האָט דערקענט, אַז דאָס איז דעם וואַלד-שומרס הונט. ער האָט געוואָלט גיין אין אַ צווייטער ריכטונג, אַז מיטאַמאָל זענען פון ערגעץ אָנגעקומען צוויי פרויען. אין דער וואַלד-טונקלקייט האָט דניאל נישט דערקענט, ווער דאָס איז. נאָר די רוסישע האָט באַלד אָנגעהויבן צו רעדן אין דריי פערטל רוסיש און איין פערטל פויליש, אים געבעטן אַרויספירן אויפן וועג דאָס מיידל, ווייל זי ווייסט נישט, וווּ אַהיימצוטרעפן, זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט ביים קלויבן שוואָמען, און זי — די שמידאָווסקין — קאָן נאָך נישט אַהיימגיין, ווייל זי דאַרף דאָ ערגעץ נאָך גיין.

דאָס מיידל, האָט דניאל דערקענט, קוקט אויף דער רו-
טישער מיט פּאַראיבל. זי האָט, מוז זיין, זיך אָנגעשטויסן, ווו-
יענע דאַרף אַזוי נויטיק גיין, ווייל ווען די רוסישע האָט גע-
רעדט, האָט דאָס מיידל נאָכאַנאַנד געקוקט צו דער זייט, פון
וווּ ס'האָט זיך געהערט דאָס בילן פון הונט, און ס'איז קענטיק-
געווען, אַז זי איז נאָך מיט זיך נישט פאַרטיק, צי זי זאָל
גיין מיט דעם „זשיד", אָדער מיטקריכן ווייטער מיט דער רו-
טישער.

יענע האָט אָבער נישט געוואַרט. נאָך איידער דאָס מיידל
האָט זיך באַשלאָסן וואָס צו טון, האָט זי זיך אַ דריי-צוועק-
געטון צווישן די ביימער און באַלד האָבן זיך געהערט אירע
„הו-הו"-קולות — עמעצן אַפּנים צוזויסן-געטון, אַז זי גייט. און
דער וואַלד האָט דאָס ווידער-קול פון איר „הו-הו" צעטראָגן
הויל אין אַלע זייטן, ווי דעם אָפּקלאַנג פון ביקסן-שאָסן.

דניאל מיט זיין באַגלייטערין האָבן געהאַט היפּשלעך צו
גיין. זי, דאָס מיידל — דער הויקערדיקער ברוקירערינס טאָכ-
טער — איז אַ נידעריק-וווּקסיקע מיט אַ פויערניש אַביסל צע-
גאָסן אָבער נישט גאָר מיאוס פּנים, מיט אַ קאַרטאָפל-נאָז, ווי
די מוטער, טונקעלע קיילעכדיקע אויגן, וואָס קוקן פרעמד און
נישט-צוטרויליך — איר איז נאָך מסתמא קיינמאָל נישט אויס-
געקומען צו גיין אַליין אין דער נאַכט-שעה אין אַ וואַלד אויג-
אויף-אויג מיט אַ ייד. דניאל האָט געמערקט, אַז ווי זי איז
געגאַנגען ווייט פון אים אָפּגערוקט — האָט זי מיט די קיילעכ-
דיקע פרעמדע אויגן שפּיציק און שאַרף נאָכגעקוקט זיין יעדן
ריר און בייג, אום ביי זיין מינדסטן טריט צו איר זאָל זי
קאָנען אַנטלויפן.

ער האָט געפּרווּט מיט איר אָנהייבן אַ שמועס, גלאַט
אַזוי פון היימלעכקייט-וועגן, זי אָבער האָט דערצו קיין חשק
נישט געהאַט, קוים געענטפערט קורץ: „יאָ, ניין". אַז זיי האָבן
זיך אַביסל אָפּגערוט און ער האָט איר פאָרגעלייגט זיך צו
זעצן, האָט זי זיך שטום אָפּגעזאָגט און געבליבן שטיין קעגנ-

איבער אים מיט שאַרף־אָנגעשטעלטע אויגן, ווי זי וואָלט אים געהיטן.

ערשט אַז זיי זענען שוין געווען עק וואַלד, ווו פון צווישן די שיטערע ביימער האָט זיך געזען אַביסל טאָג־ליכט — האָט זי זיך אַפּנים שוין זיכערער דערפילט — האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן וועגן דער רוסישער: — אַזאַ מאַלפּע! אַז זי האָט געוואָלט גיין צו איר „גאַנך", צוואָס האָט זי מיך מיטגע־שלעפּט דאָרט שוואָמען קלויבן? — אָפּגעזאָגט דאָט מיט דערדריקטער אויפרעגונג, האָט זי צו דניאלן אַ שמייכל־געטון, געזאָגט אַ דאַנק און גענומען גיך גיין צו דער היים.

ביים ראַנד וואַלד איז דניאל אַ ווייל געבליבן שטיין אָנ־געשפּאַרט אָן זיין שטעקן. דער פאַרנאַכט איז איבערגעגאַנגען אין אָוונט. לינקס, עטלעכע שפּאַן ווייטער, איז דאָס רויט־ציגל־דיקע הויז געווען איינגעהילט אין טונקלקייט. אין די פענסטער־לעך האָט זיך זעלטן־ווו געזען ליכט. אונטן אין טאָל, ווייט פון איבערן טייך, האָט אַהערגעקוקט די שטאָט, אַ מאָדנע פאַר־כישופטע שטאָט! איינגעהילט אין האַלב־טונקעלן שלייער, האָבן זיך געזען דעכער, קירך־טורעמס און געביידעס, הויך איבער די טורעמס און געביידעס, האָט זיך געשפּרייט אַ נעפּל, פאַנטאַסטיש און הערלעך האָבן זיך אין קופּער־פאַרביקן האָרי־זאָנט געריסעוועט הייזער איבער הייזער, דעכער אויף דעכער אַזוי און אַזוי, דאָ און דאָ און דאָרט און נאָך און נאָך... אַ גאַנצער מיש־מאַש פון דעכער, טורעמס און שפּיצן; גאַמן קליינע, ווי פאַר ליאַלקעס, און גרעסלעך, ווי שפּעלטלעך קוים — האָט די טיף־פאַרנאַכט־שעה פאַרשפּינען אין גראָ מיט אַ צוגלאַנץ רויט־ליליע פון אויבן, אין וועלכן די דעמערונג איז געשווומען, ווי פעדעמלעך שפּינוועבס; פאַבריק־קוימענס האָבן געבלאָזן רויך, ווי ליולקעס אַזעלכע; גרויסע קוימענס, אַ סך קוימענס, ווי די שטאָט וואָלט געווען אַרומגעפּלאַנצט מיט הויכע געמויערטע ביימער. און פלוצלינג! ווי מיט אַ צויבער־שטעקעלע, האָבן זיך איינס נאָכן אַנדערן אָנגעצונדן פענסטער, גאַסן... אין אַ רגע איז דאָרט איבערן טייך געווען אַ גאַנצער צעוואָרפענער גע־

פלעכט — געקנוילט און געשפּרייט פון ליכט, לאָמפּן און ליכטלעך, שימערנדיק ווי שטערן און פינטלענדיק... און די אַלע פלאַמען און פלעמלעך האָבן זיך געריסן אַהער—דאָ צום וואַלד, צו דער דאָרפישער שטילקייט.

דניאל איז געשטאַנען, ווי פאַרשפּונען אין דער נעץ מאַגיענדיקע ליכט-שפּריצלעך; אַהין, אַהין האָט געצויגן זיין נשמה! אַהין, צו דער שטאָט! אַ ברום האָט זיך געהערט, איבערן טייך איז געפאָרן אַ באַלויכטענער דאַמפּער; ערגעץ, אויפן וועג, האָט געהודזשעט אַן איילנדיקער צוג איבער די רעלסן, דערפון האָט דאָ געציטערט די לופט איבער די ביימער, און פון דער שטאָט דאָרט, פון די צעפלאָסענע עלעקטרי-ליכט, האָט זיך אַהער דערטראָגן אַן אָפּקלאַנג פון אויטאָ-סיגנאַלן, נישט-דייטלעכע עכאָס פון מענטשלעכע שטימעס... און דאָ, דאָס הויז, אַ רויקס, אַ דרעמלענדיקס, האָט קוים געוואַכט מיט אַ שוואַך-באַלויכטן פענסטערל; לעמקע האָט געטראָגן אַן אָרעם היי אין קי-שטאַל, געקראָכן אויף דער לייטער צום בוידעם, נאָך פאַשעפאַר די בהמות אויף איבער נאַכט; אַ באַבע מיט אַן עמער, איז געגאַנגען אַראָפּ צום ברונעלע נאָך וואַסער... דער טאָג מיט זיינע זאָרגן איז געווען פאַרגאַנגען. מאָרגן איז זונטיק, מ'דאַרף נישט פרי אויפשטיין. פון אַ פענסטערל אינדערזייט, וואָס מ'זעט דאָ נישט, — ביי סטעטען, — האָט, מסתמא שמידאָווסקי אַביסל אָנגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן. ס'האָט געהילכט שנאָפּלדיק אַ לידל, געפּרוווט וועקן וואַלד און האַרבסטיקע לאָנקעס, לסוף געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער, ווי עס וואָלט זיך געלאָשן.

אין און אַרום הויז — איז נאַכט. —

קאַפּיטל IV

זונטיק איז אין הויז אַ יום-טובדיקער רו-טאָג. סטעסע שערט זיך צו דאָס גראָלעכע בערדל, טוט-אָן דאָס בעסערע נאָכנישט געלאַטעטע רעקל און הויזן; שמידאָווסקי פּריזירט זיך איבער די וואָנסעס, דרייט די שפּיצן שטייף אַרויף — אויף עכט פּויליש, בינדט די פּייער-רויטע בינדע אַרום שטייפן גומע-נעם קראַגן, זעצט אַריין אינמיטן „לעקעכל" די בלישטשענדיקע שפּילקע, און, סקריפּענדיק מיט די גלאַנציקע שיך, לאָזט ער זיך איילִיק מיט אַ פּאַרקירצט געדרייט שטעגל צווישן די בערגלעך און טאָלן צו דער בריק, וואָס פירט אין שטאָט — האַלטנדיק, מעשה עלעגאַנט, דעם צוגעלייגטן אויבערמאַנטל אויף דער האַנט, עס זאָל אים לייכטער זיין צו טענצלען מיט די געשיקטע פיס; ביי סאַמאַרינען אין דער וווינונג, קעגנאיבער דניאלס שטיבל — שטייט אַביסל אָפן די טיר. די קרענקלעכע דייטשקע, אַרומגע-וויקלט דעם קאָפּ אין אַ ווינדל, וואָס איז איר געבליבן נאָכן געשטאָרבענעם קינד — האַלט נאָך אין רוימען לכּבוד זונטיק; ביי דער קליינער באַבע, די ברוקירערין — איז שוין אויפגע-רוימט, דער זעכציגיעריקער זון, גייט אַרויף-און-אַראָפּ, עס הילכן זיינע טריט, ווי האַמער-קלעפּ. ער זינגט זיך אַ ליד וועגן אַן אַלטן ציגיינער מיט אַ פידל... און די קרומרוקנדיקע מוטער שלעפּט שוין אַרויף געלן זאַמד צום שיטן אויף דער דיל.

נאָר אונטן, ביי די שטיגן פון דער טיר, ווו עס וווינט די עלטערע פרוי מיט דעם שיינפּיסיקן מיידל, הערט זיך גאָר-נישט.

דערנאָך קומט-אַרויס פון איר טיר די געשטופּלטע סטעסען. שוין אַן אָנגעביסענע, אָנגעטון אין אַ רויטער, ספּעציעל יום-טובדיקער בלוזע, אויפּפריזירט דעם קאָפּ, אָפּגעוויסלט דאָס פּנים און מיט גרויסע קלימפּערדיקע אויערינגען אין די אויערן שטעלט זי זיך אַביסל אַוועק אין אַלגעמיינעם פּאָדערהויז, אָנגעלענט אָן דער באַריער, און צוזאַמענשלאָגנדיק די דיקע הענט אויפן פולן בויך, פאַרפירט זי הויך אַ גערעד מיט איר סובלאָקאַטאָרקע — די רוסישע. יענע קורץ, פול און רירעוודיק — האָט זיך היינט אָנגעטון אַ קרעטאָן, מאָדנע ברייט און קאָליריק געבלימלט קלייד. דאָס שמועסן זייערס גייט אַלץ העכער און לעבעדיקער, שלאָגט-איבער דאָס פון אונטן אַרויפדרינגענדיקע זקנישע איבערוווערטלען-זיך פון לעמקען מיט דער לעמקעכע. — די טירן אַרום עפענען זיך, ס׳נעמען זיך אַרום זיי קלייבן באַבעס, ווי פליגן אַרום אַ זיסן קוילעטש, טייל שוין אָנגעטועניע און — אויך נאָך באַשאָווערטע. אַפילו אונטן, די „אַריסטאָקראַטקע” פון הויז — די שניידערין, וואָס וווינט אין צוויי שטיבן, באַקומט געלט פון אַמעריקע און פאַרמאָגט איר אייגנס צוויי מילך-ציגן — גייענדיק מיט דער טאָכטער אין דער קירך, קומט-אַרויף אויף אַ מינוט מיט דער פרומער זונטיק-מינע און מיטן גאָלד-געלייזשטן קירך-ביכל אין האַנט, כאַפּן אַ וואָרט. — איז אַלץ יענע טיר, ביי די אַרויפגאַנגס-שטיגן — פאַרמאַכט, וואָס דאָס גיט די באַבעס שטאָף צום לעבעדיקן שמועס, שוין אויף דער קאַנטע...

די סטעסען ווייסט:

— דער וואָס איז מיט זיי דאָ געווען, ביים אַהערקומען מיט דער דראָזשקע, דער ברונעט — איז איר געוועזענער „קאָכאַנעק”. פון אים טאַקע האָט זי געהאַט די טאָכטער, און ער איז אַ ייד, אַ רייכער ייד.

— פע! — מאַכט די הויקערדיקע ברוקירערין, — שלאָפן מיט אַ זשיד! איך וואָלט מיך געעקלט, אַ ייד האָט אַ ריח ווי אַ באָק.

די רוסישע ענטפערט דערויף מיט אַן אַרויספּלאַצנדיק,

שרייענדיק געלעכטער. די סאמארינען, אנגעטון אין א לאנג, טונקל, פארנט צו קנעפלעך, קלייד, ווי אן ארעסטאנטן־כאלאט און נאך אלץ מיט דער ווינדל אויפן קאפ, מאכט זיי שטיל מיט א פרעפל, אויף איר, ווי דער מאן רימט זי - אינטעליגענטיש־דערצויגענעם מויל־געשנירלטן טאן — אז דרינען — דער — איז אויך א ייד און ער הערט זיך אונטער. רוקן זיי זיך אפ פון לעבן דניאלס שטוב, און דער שמועס גייט ווייטער פאר איי א צווייטן עק קארידאר.

דער זונטיק דא, אין אפגעזונדערטן הויז ביים וואלד, איז אזוי אומגעשטערט רויק, אז אויך דניאל איז דערמיט אנגע־שטעקט, אויך ביי אים איז דער זונטיק געווארן עפעס מער ווי אן אנדערער טאג. זונטיק איז זונטיק. זונטיק גייט ער מיט סטעפען פיש־כאפן, אדער זיי מאכן א שפאציר אויף א גאנצן טאג אין דער אומגעגנט. — און ס׳האט דניאלן א הנאה־געטון, אז ער האט איצט א קוק־געטון אין פענסטער און געזען, אז עס לייטערט זיך אויס און ס׳וועט נישט רעגענען.

דניאל, אן ערשט־אויפגעשטאנענער, אריבערגעווארפן קוים א רעקל, איז ארויסגעלאפן פון די שטיגן. אז ער איז ארויס־געקומען פון הויז, איז אויף דער שוועל פון דער וואראנדע, קעגנאיבער דעם אויבסט־גארטן, געזעסן די לעמקען. זי האט גע־האלטן א הינדל אין די ארעמס, געדריקט עס צום הארץ, גע־שלאכצט און געקושט עס, וויינענדיק און רופנדיק נאכאנאנד „פופכען, מיין אומגליקליכעס פופכען".

„וואס פארא געפילפולע אלטע", — האט דניאל געטראכט ער האט פארשטאנען, אז פון בענקעניש נאך די געשטארבענע קינדער, שאפט זי זיך די אילוזיע, אז די הון איז איר קינד. — אזוי האט ער געמיינט, דניאל, און דער צער האט אים א צופ געטון.

א פינף מינוט שפעטער, ווען דניאל איז צוריקגעגאנגען, צוגעקומען דארט צו דער שוועל, האט די אלטע מער נישט געוויינט. דאס הינדל, מיט אן אפגעשניטענעם קאפ, האט זיך געווארפן מיט די פיס ארויף, קלאפנדיק מיטן דורכגעהאקטן

גארגל אין דער ערד. אנגעדריקט אביסל איז געלעגן דער אפגעשניטענער קאפ מיט א האלב-אפן בלאס פארגלייזט אויג, און דערלעבן איז געשטאנען די לעמקען מיטן מעסער אין האנט און צוגעקוקט דעם הינדלס טויטן טאנץ.

דניאל האט דאס צוגעקוקט אנדערש. ער האט זיך אזוי-פיל צו דער אלטערס מינע נישט צוגעקוקט. ער האט בלויז געזען דאס, אלס המשך פון איר פרייערדיקן קושן דאס הינדל, דריקן צום הארץ און רופן צערטלעך „פוהכען"...

ס'איז געווען, אינמיטן דעם — איז פון הויז געקומען ארויסגעגאנגען סטעסעס בלאנדהאריק, צעניעריק מיידל; איז, — אין עפענען די הויז-טיר און דערבליקן די לעמקען שטיין אזוי מיטן פארבלוטיקטן מעסער, האט דאס מיידל צעטומלט אויסגעשטעלט פארשטארטע אויגן און אפן מויל, ארויסגעלאזט פאראימהט א געשריי און גיך צוריקגעלאפן, פארהאקנדיק הינטער זיך די טיר. דעמאלט האט די לעמקען רויק אוועקגעלייגט דאס מעסער אויף דער שוועל און זיך אראפגעבויגן צום נאך-פלאטערדיקן הינדל — אפפליקן עס און צוגרייטן צום קאכן.

דניאל האט זיך דעם טאג נישט געקאנט צורירן צום מיטאג. דער גאנצער טאג איז אים שוין געווען א פארשטערטער, און פון דעמאלט-אן, האט ער די לעמקען אנגעהויבן אנדערש צו זען. ער האט זי איצט, אין באזונדערע אויגנבליקן, אלץ ווידער געזען מיט דעם זעלטענעם אומהיימלעכן פלעמל אין אויג, שטייענדיק נאך מיט די פארטערטע אויגן, מיטן בלוטיקן מעסער אין האנט.

* * *

דער הארבסט האט זיך מיטאמאל שטארק און בייז א לייג-געטון איבער דער בארג-געגנט. דאס הויז האט זיך איינגעקארטשעט, קלענער און טרויעריקער-געווארן. פון די שטובן האבן זיך געטראגן הויכע, בייזע גערעדערייען און מחלוקות... שמידאווסקי איז כסדר געגאנגען אין שטאט צום ביסקופ, זיך

באַוויט, די גלחישע „קורינע" זאָל מבטל־מאַכן זיין פאַרבינדונג מיט דער פּראַוואָסלאַוונער פרוי. זי האָט דערפאַר אָנגעהויבן צו ברענגען אירע „פאַרערער" צום מאַן אין שטוב. אין די אויגן פון אירע קינדער און אַרומיקע.

ער האָט זיי געטריבן. זי האָט נישט געלאָזט. און די געשטופּלטע סטעסען, — די מכלומרשטע רודף־שלומניצע, — איז געווען די אמתע נשמה פון דער מחלוקה, מיט אירע „עצות" פאַר ביידע צדדים...

ביי דער הויקערין, די אַלמנה, האָט מען געשמועסט, איז גרויס די נויט. זי האָט זיך מתקנא־געווען אין דער רוסישער אין אָנגעהויבן, וואָס אַמאָל דרייסטער, פאַרצוהאַלטן דער טאַכטער, פאַרוואָס זי קאָן נישט צוהעלפן דער שטוב:

— דרינען, — האָט זי געוויין, — אַפילו שוין אַ חתונה־געהאַטע, מיט צוויי קינדער, און פאַרשטייט צו מאַכן זיך וויכטיק ביי מאַנסלייט, און דאָ צו דיר ווער קומט? אָט, אַז דאָס ווייבל „מוכא" וואָלט נישט געווען, וואָלט איך שוין פאַר קיינעם נישט געהאַט די טיר צו עפענען...

— וואָס מיינט דערמיט די מאַמע? — האָט דער זעכצנ־יעריקער זון געפרעגט. — וויל נישט אַמאָל די מאַמע, אַז יאַדוויגאַ זאָל דאָ צוזאַמענטרייבן יונגען, ס'זאָל ווערן אַ „ביינזעל"...?!— און ער האָט ביין אַ זעץ־געטון מיט דער פויסט אין טיש.

— נאַריש יינגל, — האָט די מוטער געענטפערט מיט אַ גרויסער הפסקה. — אַ מאַמע מיינט נאָר גוטס צו זען ביי אירע קינדער. אָט ביסטו ערשט אויף דער לער, פאַרדינסט נאָך גאָרנישט... פאַרוואָס זאָלסטו נישט, אין אַ פרייען זונטיק, אַהער־פאַרבעטן אַ פּאָר געזעלן, וועלן זיי דאָ שפּילן אַביסל קאָרטן, שריבקען, זינגען, און מיר וועלן מיטלאַכן.

— אויב עס גייט נאָר אין דעם, — האָט דאָס יינגל באַרויקט געענטפערט, — וועל איך מיך באַמיען...

— איז גוט, איז גוט, — האָט די אַלטע געקוואַלן און מיט די הענט געפּאַטשט, — הערסט, יאַדושאַ, דעם זונטיק

וואָס שוין פריילעך-זיין, דיין ברודער זאָגט... — דאָס האָט דניאל געהערט דורך דער וואַנט...

ביי סאַמאַרינען ווידער, איז אַמאָל אַרויפגעקומען אַ פּאָליציאַנט מיט צוויי ציווילע. צוגעגאַנגען צו די באַהאַלטעניש, האָבן זיי גענומען פון דאָרט אַרויסשלעפּן פּעקלעך טאַבאַק און פּאַפּיראָסן. אַלץ צוגענומען, זענען זיי צוריק אַראָפּגעגאַנגען, זיך אויסגעזעצט אויף די ראָווערן און אַוועקגעפאָרן.

די סאַמאַרינען האָט דערנאָך באַוויינט איר צוגענומען האָב-און-גוטס, געיאָמערט, ווי נאָך אַ געשטאָרבן קינד. סאַמאַרינס באַקן האָבן זיך אויסגעצויגן, ווי נאָך אַ קרענק און, אום זיי אַביסל צו טרייסטן, האָט זייער אַלטע קרובה פון דער שטאָט, וואָס זי האָט אויפגעצויגן סאַמאַרינס ווייב און וואָס איר מאַן איז אַמאָל, ביי די רוסן, געווען אַן עלטערער אַקציזניק און היינט ציט ער זיין פּרנסה פון שטיין פאַר זיין וווינונג מיט אַ קויבערל אויבסט און שויבן-קעסטל מיט צוקערלעך — פאַר שול-קינדער, — האָט אָט די קרובה אַרויפגעברענגט צו די סאַמאַרינס צוויי צוגעוווינטע הינער, וואָס זענען איר געבליבן פון אַ גאַנצן צענדליק און זי פלעגט זיי צו קאָרמענען פון דער האַנט, — שווערע עופות, באַוואַקסענע מיט אַ סך פעדערן; ביידע פון איין גרייס און ביידע פון איין קאָליר, מיט טשופּעקלעך אויף די קעפּ, — האָט זי די ביידע הינער איבערגעלאָזט ביי איר כמעט-טאָכטער, אַלס שטיקעלע פאַרגיטיקונג פאַרן שאָדן.

אַזוי אָבער ווי אין שטוב איז איצט געווען אַ נויט, האָט די אַלטע שוין אויך געמוזט ברענגען עסן פאַר די הינער, און יעדן צווייטן טאָג איז זי, נעבעך, געקומען צו קריכן פון שטאָט אויפן באַרג, מיטברענגענדיק פאַר די עופות דאָס איבערבלייבעכטס פון איר טיש און פון אירע שכנימס טישן.

...איצט איז דער האַרבסט שוין מיט זיין גאַנצער שווערקייט אויף דער ערד געלעגן. בייזע ווינטן האָבן כסדר געברומט, געפליקט די לעצטע בלעטער פון די ביימער, געבויגן די נאַקעטע שטאַמען ביז דער ערד. פון דאָ און פון דאָרט, און פון אומע-

שוּם זענען די ווינטן געלאָזן, געדרייט זיך, אָנגעבראַכט אַ הויפן אָפּגעפּליקטע נאַסע בלעטער, אַביסל שטרוי פון דאַך פון לעמקעס שייער, געדרייט זיך דערמיט, געהוליעט אין קאַטאַוועסלעך און עס לסוף אַ פאַרטראָג-געגעבן העט-ווו, צעדרייענדיק און צעבלאָזנדיק אַלץ אַרום.

אין די באַרנאַכטן איז דער הימל געווען ווי שטאָל, מיט אַ גרינלעכן אָפּגלאַנץ. אָרימע מענטשן זענען דערפון דערשראָקן געוואָרן און געציטערט. און איז דער האָריזאָנט פאַרביק-געווען, איז די פאַרביקייט געווען אַ נישט-היימלעכע, אָן שום ווייכקייט, דראָענדיק רויט איז זי געווען, אכזריותדיק ווי דאָס רויטע העמד פון אַ תליון — סאַמע מידת-הדין.

און די נעכט זענען געווען בייזע, פינסטער-בלינד, גאָרנישט איז געווען צו זען, נאָר חושך, שווערע געדיכטע פינסטערניש, — אַז ס'האָט אַ גרויל אָנגענומען אַ פוס אַרויסצושטעלן. די שויבן האָבן געקלימפּערט אונטער דעם מעכטיקן רייסן פון ווינט.

ער האָט געברומט און געוואָיעט, ווי אַ טויטלעך-פאַרוווּנדעטע חיה, אַזש די קינדער האָבן זיך מיט אַן איבערגעשראָקן געוויין פון שלאָף אויפגעכאַפּט.

...די לעמקען האָט איצט געהאַט איר משוגעת-סעזאָן. פינקטלעך, ווי לויט אַ לוח, ווערט זי חסר-דעה צוויי מאָל אין יאָר: פרילינג און האַרבסט. אָבער אַזוי ווי דידאָזיקע צוויי צייטן אין יאָר זענען פאַרשידן, אַזוי איז איר משוגעת פאַרשידן — צוגעפּאַסט צום וועטער.

זי איז געוואָרן אַרבעטזאַם און פלייסיק גאָר אָן אויפהער. אַלע פורן ריבן, וואָס דער מאַן און נאָך אַנדערע געדונגענע, האָבן געבראַכט פון פעלד, אַראָפּצוּוואַרפן אין די קעלערס אויפן ווינטער, אַלס פּאַשע פאַר די בהמות — האָט זי איינע אַליין אַרומגערייניקט; אין ווינט און רעגן, אין קעלט און נעץ, איז זי געזעסן פאַר דער טיר מיטן מעסער אין דער האַנט, אַליין גערייניקט די ריבן פונם גרינס און בלעטער, און קיין שום אַנדערן האָט זי נישט צוגעלאָזט;

— דאָס איז מײַן פֿליכט!

אָרום איר איז שוין הויך, ווי אַ וואַנט, געלעגן אָנגעוואָרפֿן אָפּגעשניטענע בלעטער און גרינס. זי איז דעם גאַנצן מעת-לעת געזעסן שווייגנדיק מיטן מעסער אין האַנט, פֿאַרנעצט און פֿאַרשלומפּערט, און — געשניטן.

אין שטוב איז נישט געווען ווער עס זאָל עפּעס קאָכן. אַזוי לעמקע ווי דניאל האָבן נישט געגעסן קיין געקעכטס. דער אַלטער האָט ווי-נישט עפּעס אָפּגעקאָכט, האָבן זיי געגעסן און אויך איר אַרויסגעטראָגן, האָט זי געגעסן, ווו זי איז געזעסן, און זיך נישט אַוועקגערירט.

— וואָס נעמט איר זי נישט אַרײַן? — פֿרעגט דניאל.

— דאָס מוז זיך בײַ איר אויסשטיין, — לאַכט דער אַלטער בײַזלעך, — עס וועט שוין לאַנג נישט געדויערן, און דערווײַל — האָ-האָ! — טוט זי אַוועק אַביסל אַרבעט.

און עס איז זיך טאַקע אויסגעשטאַנען.

איינמאָל, ווען דניאל איז אַרײַנגעקומען עסן, איז זי ווי אַ רוח געקומען אַרײַנצולויפֿן און מיט אַ שטיק האָלץ זיך פֿאַרמאַסטן אויפֿן מאַן:

— אַלטער גאָט-לעסטערער! מײַנע קינדער האָט גאָט צוגענומען, ווײַל דו גלייבסט נישט אין זײַן קראַפֿט...

דניאל האָט זיך אַביסל דערשראָקן, נאָר דער אַלטער האָט זי אָנגעקוקט און געשמייכלט. ער האָט אַרויסגעריסן דאָס שטיק האָלץ פֿון איר האַנט און עס רויק אַוועקגעוואָרפֿן צו דער קיך אַהין. די אַלטע איז צוגעגאַנגען און זיך געזעצט אויף דער באַנק לעבן פֿענסטער, געזעסן און אַרויסגעקוקט מיט פּוסטע אויגן, ביז זי איז אַזוי זיצנדיק אײַנגעשלאָפֿן.

— איצט וועט זי ווידער זײַן שטוב-ווירטין, — האָט דער אַלטער אַ זאָג-געטון צום באַלקן.

און אַזוי איז געווען.

איצט איז זי ווידער געשטאַנען און געקאָכט, זיך אויסגעשמועסט מיט אירע הינער. צו די ריבן האָט זי מער נישט אַרויסגעקוקט. איצט זענען דאָרט געזעסן די געשטופּלטע [illegible]

און די הויקערדיקע ברוקירטע און גערייניקטע די ריבן, —
ס׳איז זי מער נישט אָנגעגאַנגען.

* *
*

...אין שפּעטן האַרבסט האָט זיך דניאלן מיטאַמאָל פאַר־בענקט צו מענטשן, צו דער שטאָט...

ס׳איז אים מיטאַמאָל לעסטיק און אומעטיק־געוואָרן דער ציל, צוואָס ער איז אַהערגעקומען און זיך דאָ באַזעצט. ער האָט זיך טעג גאַנצע אַרומגעדרייט אין שטיבל, ווי אין אַ תפיסה, מיט לעכצעניש געקוקט ווייט אַהין איבערן טייך, ווו די שטאָט איז געלעגן פאַרדעקט אין נעפּל, עס האָט זיך אים גע־בענקט אַהין, — אָבער געגאַנגען איז ער נישט.

ער איז ווייטער דאָ געזעסן, ווי ביז איצט. אָבער די בענקעניש אין אים, די צוגעוווינטקייט צו דער שטאָט, האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, אים געפּייניקט, און צו די בלעטלעך האָט אים נישט געצויגן — נישט געקאָנט זיך אַוועקזעצן שרייבן.

אום צו זיין מיט עפּעס פאַרנומען, אום זיך צו פאַרגעסן, האָט ער מיטאַמאָל ערנסט גענומען באַקוקן זיין שטיבל, צי עס איז גוט פאַרזיכערט אַלס ווינטער־וווינונג, און אַז ער האָט געזוכט — האָט ער געפונען, אַז די זייט צום דרויסן, — די גאַנצע זייט, וואָס דאַרף זיך שליסן מיטן באַלקן — איז אויבן [illegible] מיט דער האַנט קאָן מען דורכטאָרן די גאַנצע זייט.

האָט ער זיך אַ נעם־געטאָן צום פאַרריכטן:

אונטן, לעבן שייער, איז אַמאָל געשטאַנען אַן אַלט הײַזל און שטיקער ציגל ליגט דאָרט לרוב; ליים, ווידער, האָט מען געקאָנט אויף דער לאָנקע אויסגראָבן. דניאל האָט אַרויפגעטראָגן גענוג ציגל און דורכגעאַרבעט מיט וואַסער דעם ליים. אויבן, אויפן בוידעם, איז ער אָפּגעזעסן כסדר עטלעכע טעג, אונטער־געלייגט ברעטלעך, דרויף וואַלד־מעך און אויבן וואַלד־מעך שטי־קער ציגל. די ציגל האָט ער באַשמירט מיט ליים און אויבן ליים — אַ שיכט געלן זאַמד. ס׳איז געוואָרן הויך, ווי אַ שטיבל און קיין ווינט האָט מער נישט אַריינגעשטויסט.

איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי דער אין שטאָט אויסגעוואַקסענער דניאל, דער נערוועזער, פון דער דעגענערירטער, יונג־אויסשטאַרבנדיקער משפחה, — האָט זיך גענומען צו אַזאַ אַרבעט. אָבער ער האָט זיך גענומען און האָט עס געמאַכט. אַזוי ווי ער האָט באַשלאָסן, אַזוי האָט ער עס געמאַכט, און ס'איז געווען גוט געמאַכט.

פאַרטיק־געמאַכט איינס, האָט ער זיך גלייך גענומען צו אַ צווייטער אַרבעט — אין דעם שטיבל, אַלס וווינונג, וואָס איז באַוווינט נאָר זומער — איז נישט געווען קיין אויוון, ווייל די זומערוווינער האָבן נישט געדאַרפט הייצן — איז ווידער געווען אַ וואָך אַרבעט... דניאל, מיט דער צוהילף פון אַ ספּעציאַליסט אין אויוון־שטעלער — האָבן דעם אויוון אויפגעשטעלט. נאָך אַט דער אַרבעט, ווען אין אויוון האָט שוין געברענט פייער, און אין שטיבל — פאַרמאַכט און פאַרקלעפּט אַלע שפּאַרעס און לעכער — האָט געשמעקט מיט וואַרעמקייט, האָט ער זיך אַביסל באַרויקט, דניאל, און ווייטער שוין געקאָנט פאַרזעצן זיין אַרבעט אַרום די בלעטלעך.

אָבער איינגאַנצן אויסגעהיילט פון דער בענקעניש צום שטאָטישן לעבן און מענטשן, איז ער נאָך ווייט נישט געווען. איינמאָל, אין אַ שוואַכער מינוט, האָט ער אָנגעשריבן און שיער נישט אַוועקגעשיקט אַ בריוו, מיט אַ בקשה אַביסל אַהערצוקומען צו זיין געוועזענער באַקאַנטער — דעם מיידל אין דער גרויסער שטאָט. צו יענעם מיידל, וואָס ר'האָט זיך אַפילו נישט געזעגנט מיט איר; פאַרברענט איר פאָטאָגראַפיע, — און זיין לעצטער, נישט־פריינטלעכער שמועס מיט איר, איז געווען וועגן איר געפאַרבטע ליפּן. ער האָט דעמאָלט צו איר אַזוי געזאָגט:

— אַ פרוי, וואָס פאַרבט זיך די ליפּן — האָט אויך אַ געפאַרבטע נשמה, און אַזעלכע איז מיר דערווידער, — און געזאָגט האָט ער איר דאָס נאָך אַנדערהאַלבן יאָר באַנאַנט־זיין, און זי האָט די גאַנצע צייט גענוצט שמינקע.

אָבער אַוועקגעשיקט דעם בריוו האָט ער פאָרט נישט. ער האָט זיך באַקעמפט.

און די אָוונטן און די נעכט זענען ווייטער געווען אומהיימלעך. ער איז אָפטמאָל ביז שפּעטער נאַכט געזעסן ביי די שכנים, נאָר אויך דאָרט האָט ער זיך נישט איבעריק געפילט.

זיצט ער אַזוי איינמאָל אין אָוונט און שרייבט — קלאַפּט עמעץ אָן. ער עפנט די טיר, אַ פרוי קומט־אַריין. ער קוקט זי אָן, עס איז די רוסישע — שמידאָווסקיס ווייב, וואָס יענער איז זיך מיט איר שוין האַלב צעגאַנגען, און זיי זענען נאָך פאָרט צוזאַמען.

וואָס זי פאַרלאַנגט?

זי האָט נישט גלייך געזאָגט וואָס, נאָר געבליבן שטיין אויף דער שוועל מיט אַ געמאַכטן, פאַרלעגנעם שמייכל, געהאַלטן אַ פינגער ביים מויל, ווי אַ קינד וואָס שעמט זיך, און לסוף ערשט זיך אָנגערופן:

— ווי שפּעט איצט איז?

דניאל ווייסט, אַז זי האָט דרינען אַ זייגער, אַ וועקזייגער שטייט ביי איר אויפן טישל, און סטעפע האָט אויך אַ זייגער — נאָר פונדעסטוועגן איז ער גרייט איר צו זאָגן. זי אָבער כאַפּט זיך צוריק:

— אָך, ניין, זי וויל אים נאָר פרעגן, דער וויפלטער אין חודש היינט איז?

אָבער אויך דאָס פרעגן אירס, איז נישט שווער צו דערקענען, איז בלויז אַן אויסרייד.

דניאל פאַרשטייט, צוואָס זי איז געקומען. ס'איז איבערהויפּט נישט שווער צו דערקענען אין איר מינע, און דניאל שטעלט זיך נאָך פאָר, אַז דאָס האָט זי די געשטופּלטע צו אים אַריינגעשיקט, אום אים צו נעמען אויף די ציין פאַרן גאַנצן הויז...

ער ענטפערט איר העפלעך, אָבער אייז־קאַלט:

— ווי שפּעט איצט איז? — פינף מינוט צו האַלב צען; דער וויפלטער היינט איז? דער צוועלפטער — דער צוועלפטער נאָוועמבער! — און זיין מינע האָט געזאָגט, אַז ער וויל וואָס גיכער ווידער זיין אַליין.

נאָך זיך, — אָבער אַ וואָך, פֿריער יענעם מאָל, — האָט איינמאָל, נאַכן אין אָוונט, זײַן אויער היטער דערכאַפּט לײַכ-טע פרויען-טריט זיך אָפּשטעלן הינטער זײַן טיר, באַלד האָט מען אָנגעקלאַפּט. ער איז זיכער-געווען, אַז ס'איז ווידער די רוסישע. ער האָט זיך פאַרגענומען צו זײַן מיט איר שטרענג, און מיט דעם באַשלוס האָט ער די טיר געעפנט.

נאָר דאָסמאָל האָט ער אַ טעות-געהאַט. ס'איז גאָר גע-ווען דאָס שלאַנקע מיידל מיט די שיינע פיס, וואָס ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל געזען דעמאָלט אין וואַלד מיטן קערבל שוואָמען, און ווױנט אונטן, אין דער טיר, וואָס לעבן די שטיגן און מען זעט זי אין הויז אַזוי זעלטן.

זי האָט נישט אָנגעקלינגלט, נאָר זי האָט זיך מאָקע אונטער זײַן בליק געשעמט, אַזש זי איז צונטער-רויט געוואָרן. זי האָט אַ בקשה: באָרגן איר אַ פּאָר שוועבעלעך, ווײַל איר קרובה („הייסט עס — האָט איך אַ פּלי-געטון אין כּוח — נישט קיין מוטער") פילט זיך היינט נישט געזונט, און זי האָט נישט אין שטוב קיין שוועבעלע.

„די קרובה האָט שווינדזוכט" — האָט זיך דניאל דער-מאָנט, וואָס מ'זאָגט אין הויז.

— אין גאַנצן הויז איז שוין פינסטער, — פאַרענטפערט זי זיך, פאַרוואָס זי איז פונקט דאָ אַרײַנגעקומען.

זי — וואָלט דניאל שוין יאָ באַשטאַנען — זאָל דאָ אַביסל לענגער פאַרבלײַבן, סתם אַזוי ...יסל דאָ זײַן, אום ער זאָל מיט איר שמועסן, ווײַל איר אַרײַנקומען, דער אָנבליק אירער, האָט אויף אים אַ ווײ-געטון מיט דעם זעלטענעם, נאָך וואָס ער בענקט און איז אומרויק.

ער האָט זיך געמאַכט וואָס לענגער זוכן די שוועבעלעך, אויסגעפרעגט, וואָס דער קרובה איז, צי זי דאַרף נישט אונטן זײַן הילף — אַ מאַנסבילשע הילף — דאָ, עק-וועלט, איין פרוי אַליין אַרום אַ קראַנקער...

ער האָט זי אָנגעקוקט. ס'האָט זי אים געדאַכט, אַז אַזוי ווי זי שטייט דאָ, אין דעם שטיבל, באַלויכטן פון לעמפּל, און

דרויסן פּייפט אַ ווינט, — איז זי דאָ אַמאָל שוין געשטאַנען, זי — דאָרט און ער — דאָ און אין אויך אַזאַ נאַכט. אפשר איז דאָס געווען אין חלום און אפשר נאָך איידער זיי ביידע זענען געווען געבוירן, אָבער געווען איז עס זיכער, ער געדענקט עס גענוי. אַזוי לאַנג האָט ער עס נישט געדענקט, נאָר איצט האָט ער זיך דאָס דערמאָנט, קלאָר דערמאָנט מיט אַלע קלענסטע אײנצלהייטן.

יאָ, זי מיט די שאַרף־געשניטענע ברעמען און שטרענגשיינעם פּנים.

אום זי אויפצוהאַלטן נאָך אַ ווייל, האָט ער אָנגעהאַלטן, זי זאָל נעמען דאָס גאַנצע שאַכטעלע שוועבעלעך. זי האָט עס לסוף גענומען, איבערלאָזנדיק אַ פּאָר פאַר אים, מיט אַ שטיקל וואָס אָנצוריייבן.

ער האָט צוגעהאָרכט ביז אירע טריט זענען אַראָפּ פון די שטיגן און שטיל־געוואָרן. דעמאָלט האָט ער פאַרלאָשן די לאָמפּ, זיך געלייגט און באַלד רויק איינגעשלאָפן, אַזוי רוי־ איינגעשלאָפן, ווי אַ קינד, וואָס די מאַמע וואַכט אים איבער בענעל.

קאַפּיטל V

דריי מיידלעך באַרמאַגט דאָס הויז אויפֿן באַרג, און יע־דע פֿון די מיידלעך האָט ביי די איינוווינער אַן אַנדערע מערכה.

די ערשטע איז אירקע דער שניידערינס. די מוטער פֿאָרט נייען אין פּריצישע הויפֿן, אַחוץ דעם, באַקומט זי געלט פֿון איר מאַן אין אַמעריקע. די טאָכטער לערנט אין אַ שול, טראָגט אַ לילאַ־סאַמעט היטעלע מיט אַ שטערנדל, גייט אַלע אינדערפֿרי אין שטאָט מיט אַ פּאַק ביכער, — פֿאַר איר האָט מען אין הויז שטאַרק דרך־ארץ, מען רופֿט זי „פּאַננאַ אירעצאַ", מ׳באַגריסט זי אויף פֿריער און מ׳טרעט איר אָפּ דעם וועג.

— אירקע איז אַ פּאַניענקע.

די צווייטע איז דאָס מיידל ביי דער קראַנקער פּרוי, אונטן. פֿון איר רעדט מען נישט שטענדיק גלייך, נאָר צו־מיינסט נישט גוט, ווייל מ׳ווייסט ווייניק פֿון איר לעבן. זי דערציילט נישט פֿון זיך. מ׳איז קוים געוווירגעוואָרן, אַז זי הייסט וואַנדאַ — (ווייל אַזוי, הערט מען, רופֿט זי די קראַנקע) — און ווייל זי קומט נישט אין די שטובן שמועסן.

— זי איז „שטיונע", — קרימט איר די געשטופּלטע נאָך, — אויך מיר אַ וואַזשנע פּריצהטע!...

דאָס דריטע מיידל אין הויז איז יאַדוויגאַ, דער קרום־רוקנדיקער ברוקירערינס, נאָר אָט פֿון דער יאַדוויגאַ רעדט מען איצט אַ סך.

די מעשה איז אַזוי שמידאָווסקי גייט כּסדר צום ביס־קופּ, ער איז זיכער, אַז די „קוריע" וועט מבטל־מאַכן זיין פֿאַר־בינדונג. איי הויז רעדט מען דערפֿון אָפֿן. די קרום־רוקנדיקע

ברוקירערין זיצט איבט גאַנצע טעג דרינען, ביי סטעסען אין ערשטן שטיבל, לעבן שמידאָווסקיס שוסטער-בענקל. צוליב-וואָס זי טוט דאָס? — ווייסט מען שוין אויך. די געשטופּלטע סטע-סען האָט שוין לאַנג צעפּויקט, אַז די ברוקירערין וויל שמי-דאָווסקין אַריינקריגן צו זיך אין שטוב און אים אָוועקגעבן אַ ווינקל צו אַרבעטן, די שטוב צו וווינען און — די טאָכטער אַלס צולאָג... צי מיט אַ חופּה, צי אָן אַ חופּה, — דערווייל זאָל ער נאָר זיך אַריינציִען און זיך טיילן מיט איר מיט די פּאַר-דינסטן.

— אָט דאָס נאָר, — זאָגט די געשטופּלטע סטעסען, — מיינט דאָס קרומריקנדיק, איינגעהויקערט באָבעלע, מיט די קורצזיכטיקע אויגן, וואָס, כּלומרשט, זינגט דאָס גאַנצע טעג, אָבער עס האָט ליב צו גראָבן, פֿאַלשע גענגלעך האָט עס ליב.

דערווייל אָבער, אַזוי אומגעריכט, האָט דעם באָבעלע אַ שפּיל-צו געגעבן דאָס גליק. ס'איז זיך פֿאַרלאָפֿן אָט וואָס: שמידאָווסקיס ווייב איז אַוועק צום ביסקופּ אין פּאַלאַץ, זיך אַהין אַריינגעקריגן און — מיט איר האַלב-רוסיש, האַלב-פּויליש לשון און נישט צו-איידל מויל — זיך דאָרט גענומען אויסטענהן וועגן יושר... און געמאַכט האָט זי איר אויפֿשפּיל אַזוי העפֿטיק, אַז דער הייליקער שררה, דער ביסקופּ אַליין אין זיין סאַליע איז געשטערט-געוואָרן אין זיין רו און מ'האָט זי געלאָזט אָפּפֿירן אין אַרעסט פֿאַר מאַכן סקאַנדאַלן.

דורך דער צייט — עטלעכע טעג — וואָס די שמידאָווסקאַ איז געזעסן, האָט דערווייל די ברוקירערין אויפֿגערוימט ביי זיך די וווינונג, געמאַכט אַן אָרט פֿאַר שמידאָווסקין. אַ געלע-גער האָט זי אים אָנגעגרייט אַ גוטס — אַ פֿעטס, ברייט בעט, אַזוי ברייט, — לויט דער געשטופּלטער סטעסען, — נישט נאָר גענוג בלויז פֿאַר אַ פּאָרפֿאָלק, צום שלאָפֿן דערין, נאָר אַפֿילו זיך אַריינצונעמען נאָך אַ קעפּס-ווייב אויך...

שמידאָווסקי האָט זיך טאַקע נישט געלאָזט צופֿיל בעטן, די מניעה איז נאָר געווען — די צוויי קינדער שמידאָווסקיס, ווייל די סטעטען האָט זיי נישט געוואָלט האַלטן אָן די עלטערן,

געוואָלט מן-הסתּם וועגן דעם אויך דירכגעקומען, נאָר, אײדער וואָס-ווען, איז דערווײַל די „קאַצאַפּקע“ צוריקגעקומען פון אַרעסט און דער פּלאַן איז די לעצטע מינוט צעשטערט-געוואָרן.

די רוסישע, אַ בייזע און צעזאָדענע, נאָך אין דער עגבע צעניטעטן, אין טוך אויפן קאָפּ, איז קודם-כּל, ווי אַ געוויטער, אַרײַן צו דער ברוקירערין, אַ געהעריקע פּאַרציע אַ געב-געגעבן איר מאַנס „צוקונפטיק ווייב“, — זי באַזונגען נאָך מיט אַן אָקטאַווע העכער, ווי ביים ביסקופּ אין פּאַלאַץ, אַזוי, אַז דאָס מיידל האָט זיך דערנאָך אַ פּאָר טעג געשעמט פאַר דער טיר אַרויסצוווייזן. נאָר די אמתע גאָב האָט באַקומען די מוטער — די קרומרוקנדיקע, וואָס זינגט זיך שטענדיק אונטער, קוקט מיט פאַרמרוזשעטע אויגן און איז, דאַכט זיך, די אומשולד אַליין — ביי אַן אָפענער טיר איז עס פאָרגעגאַנגען. דאָס גאַנצע הויז איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף דעם בייז-וואונדער, אַפילו לעבקע מיט דער לעמקעכען...

און די רוסישע האָט דער באַבעלע בקול-רם אַן עצה-געגעבן, צו שיקן איר טאָכטער איבער די קאַזאַרמעס, וועט זי איר ברענגען יעדן טאָג אַ פולן פאַרטוך קופּער-גראָשענעס. אַז זי האָט איר דאָס אַ זאָג-געטון, איז דערביי געשטאַנען די געשטופּלטע סטעסן מיט אַ ברייט צעשמייכלט רויטלעך פּנים; די סאַמאַרינען האָט געקוקט מיט פאַראיבלדיקע אויגן, מיט אַן אינטעליגענטיש מינעלע און מיט אַ ביסל צעשפּרייטע נאָזלעכער, ווי אַ הונט, אַז ער ציט-אַריין דעם ריח פון אַ געשמאַק מאכל; און די „אַריסטאָקראַטקע“, די שניידערין פון אונטן, איז געשטאַנען אויבן, אויפן העכסטן טרעפּל, מיט אַ שיעפּלעך-דערהויבענעם קאָפּ און פאַריסן אויער, ענלעך ווי אַ הון, אַז זי הערט זיך צו צו אַ פאַרנאַכטיקן ווייטלעכן גערויש, — זי איז אַבנים זיכער-געווען, די „אַריסטאָקראַטקע“, אַז מ׳זעט זי נישט דרינען. אָבער געזען האָט מען אין דער אָפענער טיר איר אויער, אַ רויטלעכס, אַ שאַרפס, אַ שטראָם-אָנגעצויגנס און לויטערנדיקס; אַן אויער, וואָס זאַפּט אין זיך אײַן דאָס געהערטע

אַזוי פלייסיק און מיט התמדה, ווי אַ שוואָם זאַפּט־איין אַ פליסיקייט.

די „קאַצאַפּקע" האָט אַליין העכער און שאַרפער זיך אָפּגערעכנט; געהיימע מיידל־זאַכן צעטרייבערט און אויסגעשריגן. — דערביי איז געשטאַנען די סטעסען מיטן ברייט־צעשמייכלטן געשטופּלטן פּנים, ווי אַ מחותנתטע, און אין דער געעפנטער טיר האָבן אַריינגעקוקט קעפּ... דאָס קליינע באָבעלע, נעבעך, איז שיער אין חלשות־געפאַלן פון בושה. זי האָט זיך, ווי אַ פאַרמאַטערטע הון, געטון אַ זעץ־אַנידער אויף דעם איבערגעקערטן קעסטל לעבן קעכל, צעטומלט אַ בליק־געוואָרפן אויף אַלע אַרום און זיך מיט דעם פאַרטוך דאָס פּנים פאַרדעקט, אירע אָפּלאַכער זאָלן נישט זען, ווי די טרערן קאַפּען איר פון די אויגן.

די רוסישע האָט זיך גאָרנישט געקאָנט איינשטילן, זי האָט גערעדט ביז הייזעריקייט, ביז אַ פאַרטריקנטער שוים האָט זיך איר אַרום די ליפּן אָפּגעזעצט, ביז די צונג איז איר געוואָרן אין מויל, ווי אַ לעדער. דאָס האַרץ האָט איר וויי־געטון אויף זיך אַליין דאָ אין פרעמדן לאַנד, און אויף די צוויי קינדער... און שוין נאָך אַלעם, איז זי אַריינגעגאַנגען צו איר שטאָם־ברודער — סאַמאַרין, אים פאָרגעהאַלטן, פאַרוואָס ער האָט נישט קיין גוט וואָרט פאַר איר...

— איך מיש זיך נישט, — זאָגט סאַמאַרין קאַלט און טרינקט ווייטער די טיי. ער האָט זי אַפילו נישט געבעטן זיצן, און זיין ווייב, די דייטשקע, איז מיטאַמאָל געוואָרן פלייסיק און גענומען פונקט איצט אָפּשטויבן די פאַפּירענע בלומען פון וואַזאָן.

— איר זענט אַ פּראַוואָסלאַוונער, און האָט נישט קיין טרייסט־וואָרט פאַר אַן עלנדער יתומה, — האָט זי צו אים גערעדט פּראָסט רוסיש, — אָט די הייליקע פון די בילדער זענען אייך אַזעלכע געווען? — גיט זי אַ וויז־אַרום אויף די סך בילדער.

— דאָס זענען נישט קיין הייליקע, נאָר בילדער פֿון רוסישע קייזערס, — האַקט ער זי קורץ אָפּ.

— אַלץ-איינס, — מיינט זי און שטייט מיט רויטע אויגן.

— ס'איז נישט אַלץ-איינס, — רעדט ער מיט אַ באַליידיקטן, באַלערנדיקן טאָן, — און אַט דאָרט דעם קייזער, — ווייזט ער אָן אויף איין פּאָרטרעט אין אַ באַגילדטער ראַם, — האָבן די באָלשעוויקעס אומגעבראַכט, און איר זענט אויך אַ באָלשעוויטשקע, — ענדיקט ער שוין מיט אַ קוויטש.

— איך בין נישט! — שרייט זי צוריק, און די קינדער, פֿון מורא, טוליען זיך צו אירע קניען.

— ווי-אַזוי זענט איר נישט? — פּרעדיקט סאַמאַרין ווייטער. — האָט איר דאָך אַליין דערציילט, אַז אָט דאָס קאַפּיטל, וואָס איר טראָגט נאָך איצט, האָט איר באַקומען אַ מתּנה פֿון די באָלשעוויקעס, באַלד ווי זיי האָבן פֿאַרכאַפּט די מאַכט, און איר זאָלט שטימען פֿאַר די, וואָס זיי הייסן.

— אַלזאָ, זענט איר יאָ, — נעמט זיך סאַמאַרין צוריק צום גלאָז טיי, און זיין ווייב אין דעם שטוב-קלייד, ווי אין אַן אַרעסטאַנטן-כאַלאַט, דרייט זיך פֿון איר אַוועק מיט אַן אויסדרוק פֿון עקל אויף איר גרין פּנים.

די רוסישע אָבער רעדט שוין מיט לחכעיס:

— אַוודאי האָב איך געקריגן, און נישט דאָס בלויז באַקומען אַ מתּנה! איך — יאָ, אַזעלכע ווי אייער ווייב, וואָלטן זיי גאָרנישט געגעבן! אַזעלכע! — שרייט זי און מעסט זי אָפּ מיט די אויגן און צעלאַכט זיך שפּאָטיש מיט די הענט ביי די באַקעס.

— פֿון מיין פֿרוי בעט איך נישט צו רעדן, מיין פֿרוי האָט געענדיקט גימנאַזיע, קען שפּראַכן. זי איז נישט אייך גלייכן, — רעדט סאַמאַרין מיט באַליידיקטער ווירדע.

די רוסישע אָבער שרייט אים שוין אין פּנים אַריין ביי דער געעפֿנטער טיר.

— אַוודאי קאָן זי! — גיין ברודיק קאָן זי, אַ קינד צעקוועטשן קאָן זי!... אַ ריכטיקער מאַנסביל וואָלט זיך געעקלט

אין איר גאַנץ צו קומען. זי ליגט דאָך ווי אַ הילצן'... דאָס, וואָס מ'גיסט אַרויס אין זי!... נאַ, טוט זי נאָר אַ דעק-אויף, לאָמיר נאָר אַ קוק-טאָן!... אַפּילו אַן אינוואַליד אָן פֿיס וואָלט זיך צו אַזעלכעס נישט צוגערירט, אָבער איך — אַ־הע! איך קריג צוגעצאָלט געלט און מ'קושט מיך... און מ'בעט זיך, יאָ, יאָ!... — —

אַט אַזוי איז עס געגאַנגען אויף די העכסטע טענער, אַזש די קראָען פֿון די ביימער דרויסן זענען זיך צעפֿלויגן, מיינענ-דיק, אַז דאָס שרייען פֿון די מענטשן האָט אַ שייכות צו זיי...

ערשט לעמקע איז אַרויסגעקומען מיט אַ געפּילדער: „ווײַ-טערע סקאַנדאַלן?! איך שמייס אײַך אַלע מיטאַמאָל אַרויס!“ — איז רויק געוואָרן, און די טירן האָבן זיך צוריק פֿאַרמאַכט.

* * *

דער שפּעט-האַרבסט האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין ווינטער. דער וואַלד האָט ס'רוב גערוט אַ שטיל פֿאַרשוויגענער, ווי פֿאַר-פֿרוירן אין אומבאַוועגלעכקייט, — נאָר האָט זיך אַ ווינט דער-הויבן, האָט ער אין גרימצאָרן געטרייסלט די ביימער-שפּיצן, געפּייטשט און געוואָיעט, געריסן און געבראָכן צווײַגן... די לאָב-קעס אַרום, פֿאַרפּרישעט מיט שניי, ווי באַזאַלצן, האָבן מיט אַ שטיל שאָרשן אײַנגעזאַפּט אין זיך די טריט פֿון דורכגייער. פֿון קעלט האָבן זיך די מחנות היינער אײַנגעקאָרטשעט, זיך פֿאַרשטעקט אין די סטויגעס, פֿאַרקראָכן אין די סטאָדאָלעס אָדער זיך באַהאַלטן אין די לעכער צווישן אָנגעלייגטן האָלץ.

די אַלטע לעמקען האָט צוריק באַקומען איר פֿאַרשלאָפֿע-נעם גאַנג און פֿאַרשלאָפֿענעם אַרט רעדן. זי איז געשטאַנען דרינען בײַם פֿענסטער, אָנגעטאָן אין דער פֿון אַלטקייט שוין ברוין-געוואָרענער פּליושענער יאַקע און ווײַס קאָפּטיכל, אַרויס-געקוקט צו די שנייעלעך, וואָס דרייען זיך אין דער גראָבער לופֿט און גערעדט, ווי פֿון שלאָף:

— דער ליבער גאָט שיט אונז ווייסן פאַרין-צוקער, ווייצנמעל...

נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד דאָס איבערגעחזרט, אַז עס האָט געקאָנט אַ שלאָף אָניאָגן אויפן צוהערער.

דער אַלטער לעמקע האָט פאַרבראַכט מיט האַקן האָלץ, אָנגעטאָן אין אַן אַלטער געלבלעכער בורקע — אַוודאי נאָך עלטער ווי דעם ווייבס פליושענע יאַקע — אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריקל; אַ שפּיציק באַראַנקאָווע היטל אויפן קאָפּ און שווערע הענטשקעס — מיט אַ גלאַנציקער האַק אין די הענט, איז ער געשטאַנען שעהנווייז איבער די „פּיענקעס“, געלאָזן זיך פאַרמאָסטן און: „הו—וק!“ — איז די האַק אָפּגעשפּרונגען, איז ער נישט פויל-געווען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַזוי לאַנג געפּיקט און געפּיקט, ביז ער האָט אויסגעפּיקט אַ שפּאַרע, ווו ער האָט שוין סוף-כּל-סוף געקאָנט אַריין מיט דער שאַרף פון דער האַק.

איז ער אַזוי געשטאַנען, געדלובעט די „פּיענקעס“ שעהנווייז, שעהנווייז, טאָג-טעגלעך.

דניאל טוב איז דעמאָלט דווקא נישט איינזאַם-געווען.

איינמאָל אינדערפרי, ווען דניאל האָט געעפנט ס'פענסטער אַביסל די שטוב דורכצולופטערן, איז פון דרויסן אויף דעם שטיקל מויער לעבן פענסטער אין ווינקל געשטאַנען אַ האַלב-דערפרוירענער פויגל. דער פויגל איז געשטאַנען איינגעקאַרטשעט אויף די צוויי דינע פיסלעך, דאָס קעפּל מיטן שנעבעלע איינגעדריקט צווישן די האַלב-אַראָפּגעפאַלענע פליגעלעך, און מיט די קוים נאָך אָפענע אויגן, ווי מיט צוויי שווארצע פּינטעלעך, פאַריאושט און סמוך-למיתהדיק געשטאַרט פאַר זיך.

אַז דניאל האָט דאָס פייגעלע גענומען אין דער האַנט, האָט ער געשפּירט, ווי עס ציטערט. ער האָט דאָס פייגעלע אַריינגענומען אין שטוב, עס דערוואַרעמט, געמאַכט אים אַ נעסטעלע פון היי און פעדערן. דער פויגל האָט אויפגעלעבט. אַ פּאָר שעה דערנאָך, האָט ער שוין גענומען צו זיך עסן, און עטלעכע טעג שפּעטער, איז דער פויגל שוין פריי אין שטוב

אַרויסגעפֿלויגן, געשטעלט זיך דניאלן אויפֿן אַקסל און פֿון דער האַנט אַרויסגעגעסן.

דניאל האָט דעם פֿויגל אַ נאָמען-געגעבן „מאירל", ווײַל אים ייִנגל האָט ער געהאַט אַ חבֿר, אַ רירעוודיק שוואַרץ ייִנגל, וואָס, ווער ווייסט פֿאַרוואָס, דער פֿויגל האָט אים דער-מאָנט אָן דעם אַמאָליקן חבֿר פֿון חדר.

דניאל האָט זיך מיט פֿאַרגעניגן אָפּגעגעבן מיט זײַן פֿלי-גנדיקן חבֿר, און יענער האָט געפֿלאַטערט, געפֿלויגן איבער דער שטוב. און דאָס וויסן נאָר, אַז מיט אים געפֿינט זיך אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש, איז דניאלן שוין היימלעכער-גע-וואָרן, און דער פֿויגל, אַפּנים, האָט זיך אויך דאָ גוט געפֿילט. ער האָט נישט געפּרוווט אַרויסצופֿליִען אַפֿילו בײַ אַן אָפֿן פֿענ-סטער. דערנאָך שוין יאָ אַרויסגעפֿלויגן, נאָר באַלד צוריק אַרײַן. אָן אָפּשטעלן-זיך גלײַך צוריק אַרײַנגעפֿלויגן, ווי ער וואָלט מורא-געהאַט, דער פֿויגל, אַז מ'וועט דאָס פֿענסטער פֿאַרמאַכן און ער וועט אינדרויסן בלײַבן.

עס איז דניאלן איצט געווען היימלעכער ווי אין אָנהייב האַרבסט. נאָר — נישט בלויז דער פֿויגל איז געווען די סיבה פֿון דער היימלעכקייט.

* * *

איבערן הויז האָט שוין געהערשט דער אמתער ווינטער. בײַ די שכנים איז די צײַט נישט גוט געווען. סאַמאַרין האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך פֿון דעמאָלט, זינט די פּאָליצײַ האָט אים צוגענומען די סחורה; שמידאָווסקי, אַ גאָכ-נישט-געגטער, האָט שוין געהאַט אין שטאָט אַ כּלה — אַ שיקסע אין אַ קאָבצעליוש און אין באָטן אויף די פֿיס; מאַדישע, מיידל-שע באָטן, אויבן-אַרום מיט סאַמעט-פּליסן. זי האָט אויסגעזען בלאַסלעך, געהאַט נישט קיין שיינע פֿיס.

און אַז זי פֿלעגט קומען רופֿן דעם חתן, האָט זי מורא-געהאַט אַרויפֿצוגיין אין שטוב, נאָר אים געוווּנקען אין פֿענס-טער אַרויף. עס איז געווען אַ מעשה: שמידאָווסקיס ווײַב, — די רוסישע, — האָט אַמאָל דערבליקט, ווי זי רופֿט אים, האָט

זי זיך מיט אַ שטעקן אַראָבגעלאָזט צו איר. האָט יענע געגעבן לויפן, מיט די נישט־שיינע און נישט־געשיקטע צו־דינע פיס, — האָט זי אַזוי געאַרבעט, ווי אַ קינד, וואָס לערנט זיך ערשט גיין. און פון באַרג אַראָפּצולויפן איז נישט לייכט, — האָט זי זיך טאַקע גענומען קייקלען, אַראָפּקייקלען, ווי אַ באַלעם און געמאַכט דערביי קולות, געשריגן צו גאָט און צום התן, אַז ס'גאַנצע הויז איז געקומען אַראָפּצולויפן און אויך דער התן...

די געניטע באַבעס אין הויז האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס אויף שמידאָווסקיס גוסט:

— וואָס געפינט ער אין איר? ס'איז דאָך אַזוי גאָר — טאַמע קליידלעך...

ביסלעכווייז האָט שמידאָווסקי, — נאָך וווינענדיק מיטן ווייב, — שוין אויפגעהערט איר פּרנסה צו געבן; טעגוויז נישט אַהיימגעקומען, האָט די רוסישע זיך אָנגעהויבן אַרויפצוברענגען „פּאַרערער", תחילת בלויז נאָענטע באַקאַנטע, דערנאָך שוין אויך פרעמדע, — יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר אַ פּאָר גראָשן אין טאַש.

ביי סטעפען איז איצט אויך שווער. אין פאַבריק אַרבעט מען נאָר געציילטע טעג אין וואָך. ס'איז איצט נישט קיין סעזאָן. די קינדער שיקט די סטעפען אַרום אין די דערפער בעטן עפּעס ביי גוטהאַרציקע „גאָספּאָדאַזשעס". דער פערציגיעריקער וויצעק פלעגט פון דידאָזיקע „וואַנדערונגען", אין אָוונט אַהיימקומען שיכורלעך מיט אַ בראָנפן־ריח אין אָטעם. כטעסע, — דער פאָטער, — האָט מן־הסתם דערפון נישט געוווּסט. ער האָט, אפשר, אויך נישט געוווּסט, אַז זיין ווייב האָט אָפּגעמאַכט אַ געשעפט מיט דער רוסישער, אַז ווען זי וועט דאָ עמעצן האָבן, זאָל די סטעפען איר אָבנעמען איר שטוב, — ווייל דאָרט איז לייטישער, און אַכטונג־געבן אויף די קינדער, ווען זי, — די מוטער — וועט דרינען מיט עמעצן פאַרברענגען. זי האָט איר דערפאַר געצאָלט פּראָצענטער פון איר פאַרדינסט. איינמאָל, אָבער, האָט די רוסישע דערכאַפּט, אַז די סטעפען גענאַרט זי אָפּ: זי גיט גאָר נישט אַכטונג אויף די קינדער. זי איז גאָר

אַריינגעגאַנגען אַביסל צו אַ שכנטע, און דערווייל, ווען זי איז דרינען געווען פאַרנומען מיטן „גאַסט", האָבן די קינדער אַריינגעקוקט אַהין דורך דער שפּאַרע אין דער טיר. די עלטערע, נעליאַ, האָט בשעתן קוקן געלאַכט,—געלאַכט ווי עס וואָלט זי עמעצן געקיצלט, אַריינגעשפּיזט די אויגן אָהן כסדר געלאַכט אָן אויפהער, העכער און העכער; דאָס קלענערע מיידל, די דריי-יעריקע קאַטיאַ האָט אָבער געוויינט, געשריגן „מאַמאַ" און געוויינט, ווייל איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער, דרינען, אין די שטיוול, טוט שלעכטס דער מוטער, — דעמאָלט איז די רוסישע אַרויס מיטן מויל אויף דער סטעסען, אַז זי גיט איר בחינם געלט:

— פון היינט-אָן, — האָט זי געשריגן איבערן גאַנצן הויז, — וועסט דו דאָס טון, און איך וועל דיר אַזוי אַכטונג-געבן אויף דיינע קינדער!...

די סטעסען האָט צוריקגעוואַלדעוועט:

— פּראָווע נישט קיין בושה-שטיק! דעם רינשטאָק איז אַלץ-איינס, ווי-אַזוי מ'גיסט אין אים אַריין פּאָמעניצעס...

האָט אָבער די רוסישע, — גאָט ווייסט פונוואַנעט, — געוווסט פון דער סטעסען מעשיות פון אַמאָל, אין וואַרשע, אויף דער פּאָרשטאָט, נאָך איידער זי האָט חתונה-געהאַט מיט סטעסען, — האָט זי איצט די מעשיות אויסגעשריגן. די סטעסען האָט אָבער אויך נישט פאַרשוויגן — ביז זיי זענען זיך ביידע פאַרמאָרן מיט די פויסטן, זיך געכאַפּט ביי די קעקסלעך און ביי די געז, און אין הויז האָט מען געהאַט אַן אומזיסטן ספּעקטאַקל...

אינגיכן האָט די רוסישע צוגעקריגן אַ „סטאַלען פּאַרערער", — דעם עלטסטן וואַלד-וועכטערס זון, — אַן ערשט פון די זעלנער-געקומענעם יונגן שייגעץ, מיט אַ טונקל-אָפּגעברענט פּנים, שוואַרצע האָר און צוזאַמענגעוואָקסענע ברעמען. דערדאָזיקער „פּאַרערער" האָט דער רוסישערס מערכה צוריק אויפגעריכט. די סטעסען האָט ווידער אָנגעהויבן מיט איר גוט צו לעבן, זי געחנפהט און געטון פאַר איר אַלץ אומזיסט — בלויז נאָר אום צו געפינען חן אין דעם „פּאַרערערס" אויגן. ער זאָל זי לאָזן קלויבן האָלץ אין וואַלד.

אויך יאַדוויגאַ, דער בוקבינדערינס, האָט געקריגן אַ קאַוואַליער, אונטן פֿון דער פֿאָרשטאָט, — אַ יונג, אַ שמיד. די יאַדוויגאַ האָט נישט געדאַרפֿט קיין טובות פֿון פֿרעמדע. די מוטער אַליין האָט איבער איר געשיצט. ווען זי איז מיטן קאַוואַליער געזעסן דרינען, אין צווייטן שטיבל, איז די הויקערדיקע קורצזיכטיקע מוטער געזעסן פֿאָרנט, אין קעכל, — אָפּגעטיילט פֿון דרינען מיט אַ ברעטער־וואַנט. די מוטער האָט זיך געזונגען דאָרפֿישע לידער, געזונגען מיט אַ קול, ווי אַ הון פֿאַרנאַכט, — אַזש דרינען דניאלן, האָט זיך דערדורך מיט מער חשק געשריבן, די נערוון האָט עס אים באַרויקט. און איינציקן מיטן זינגל פֿון דער מוטער, — האָט זיין אויער דערכאַפּט שיקסעשע קוויטשערייען פֿון צווייטן שטיבל, ווו די טאָכטער האָט פֿאַרברענגט מיט איר יונג. און אַז די כיכיכים און קוויטשן זענען שוין צו־הויך געגאַנגען, האָט די מוטער, ווי אַ פֿון אַ זיסן שלאָף־איבערגעוועקטע, — אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און אַריינגערעדט:

— יאַדוויגאַ, דו שטערסט מיר צו שלייסן פּעדערן, זיי שטיל, איך בעט דיך.

„און דאָס אַלץ, — טראַכט זיך דניאל, — טוט די מוטער צוליב דעם ביסל קאַרטאָפֿל, וואָס ער ברענגט דאָ אַמאָל אַרויף“...

און דניאלן שטעלט זיך פֿאַר די אויגן דאָס שיקסל, — די נאָך ווייט נישט צוואַנציק יאָר אַלטע יאַדוויגאַ, מיט די קיילעכדיקע אויגן און נישט־מיאוס פּנימל, — מיט דעם הויכן, ברייטפּלייצעדיקן יונג, דרינען, אין דעם שטיבל, פֿון וועלכן נאָר די דינע וואַנט טיילט אים — דניאלן — אָפּ.

* *

*

לעמקע האָט נישט קיין גוה־יבנע מיינונג וועגן זיינע איינוווינער אויבן:

— דאָס זענען נישט קיין מענטשן, נאָר חיות, — זאָגט ער וועגן זיי מיט געלאַסענעם ביטול און פֿאָרט זיך מיט דער האַנט־פֿלאַך איבער דער לאַנגער ווייסער באָרד, — זיי פֿאַרן

זיך ווי די חיות, אפילו נישט אנקוקנדיק יענעם אין פנים — און רייסן זיך ארום ווי די חיות, ווי די הינט. אט די גאנצע געגנט איז שוין אזוי, אונטן אין דער פארשטאט איז אויך נישט אנדערש.

ער, דער אלטער לעמקע, האט איצט א סך צייט. דער ווינטער-טאג פארגייט גיך, אינאווונט איז אינדרויסן גארנישט צו טון. דער אווונט איז לאנג, זיצט ער שעהנווייז צוזאמען מיטן משוגענעם ווייב אין דער געהייצטער קיך. ער זיצט ביים פייער, ווארפט-צו שפענדלעך, קוקט ווי זיי כאפן זיך אן, ברענען און ווערן אש — און מוז אויסהערן איר נישט-זיניקע פלוידערייען, אז מען האט איר מוסר-געווען פון הימל, אז ער, איר מאן, היינריך, האלט מיט זיינע פלייצעס אונטער דעם הימל, און דעריבער נאר לעבט ער, אום דער הימל זאל נישט איינפאלן... און אז זייער לאקאטאר, דניאל, וואס עסט דא, איז דער האר פון שניי — דער כמונה, גאט האט עס אים אנפארטרויט, ווייל ער טראגט דעם נאמען פון א הייליקן פראפעט...

אן אנדער מאל זענען אירע פלאפלערייען נאך אומזיניקער. זי איז חושד דעם מאן אין האבן באציונגען מיט איר קו: דעריבער, זאגט זי, גייט ער יעדן אווונט פארן שלאפן ארויס אין קי-שטאל און דערפאר קרענקט די קו, גיט ווייניק מילך, און דאס קאלב, וואס די קו וועט האבן — וועט זיין פון אים. איר מאנס קינד וועט דאס קאלב זיין, זיין בלוט און פלייש וועט עס זיין, די קראפט פון זיינע לענדן...

שעהנווייז זיצט זי און פרעפלט, פאפלט, מאכט נישט צו דאס מויל אויף א מינוט. ער זיצט קעגנאיבער, הערט און ענטפערט נישט, קוקט אפילו נישט אין איר זייט, ווי קיינער וואלט גארנישט גערעדט, ווי קיינער וואלט דא גארנישט געווען.

נאר טיילמאל, אין די אומענדלעך-לאנגע אווונטן, אז אים ווערט שוין איבערדריסיק, טראכט ער וווּ צו גיין, און ס׳רוב מאל גייט ער ארויף צו דניאלן.

ער זיצט, לעמקע, אז דניאל האט שטענדיק צו טון מיט

פּאַפּירן, שרייבט עפּעס — מיינט ער, אַז זיין לאָקאַטאָר איז אַ שרייבער:

— אַזוי, — רעדט ער געלאַסן און נאָכדענקלעך אויף זיין דייטש לשון, וואָס איז אַ סך נענטער צו יידיש ווי צו דייטש, — זענען זי, הייסט עס, אַ שריפטשטעלער? וועגן וואָס שרייבן זי, אייגנטלעך?

ער וויל זיך גאָרנישט לאָזן איבערצייגן, אַז ער, דניאל, איז נישט קיין שרייבער:

— אַז מען שרייבט — איז מען שריפטשטעלער. דאָס איז דאָך נישט קיין בריוו, נאָר עס וועט זיין אַ בוך צום דרוקן.

און פאַרזונקען אין אַמאָליקע צייטן, האַלטנדיק אַ וויילע אַראָפּגעלאָזט דעם ווייס־האָריקן קאָפּ, רעדט ער, ווי זיין שטייגער, וואָרט־ביי־וואָרט.

— איינמאָל, שוין לאַנג, האָט זומערצייט דאָ געוווינט אַ שריפטשטעלער. ער איז געווען אַ דיכטער און האָט זיך געהאַלטן זייער שטאָלץ, איז געגאַנגען געקליידט נישט אַזוי ריין — אָבער אַנדערש ווי אַלע אַנדערע מענער קליידן זיך...

דער אַלטער שמייכלט ביטער:

— אָבער ער האָט עס פיין אויסגעפירט, יענער דיכטער. צו אים פלעגן קומען אַ סך געסט יונגוואַרג. ער איז צו זיי שטאָלץ געווען און זיי האָבן געהאַט פאַר אים רעספעקט. אָבער קלוג, — פאַרמרוישט דער אַלטער די אָנברעמיקע אויגן און שמייכלט, — איז ער געווען, יאָ, דיכטער קלוג — געליבט האָט ער זיך מיט אַלע מיידלעך, וואָס זענען צו אים געקומען, דאָס איז געווען זיין רעכט. אַ דיכטער דאַרף אַזוי, צוליב וואָס־דען זענען זיי צו אים געקומען? און זיי זענען אַלע געווען שיינע, די מיידלעך, — אָבער חתונה־געהאַט האָט ער נאָר מיט איינער פון זיי, מיט דער רייכסטער, זי איז אַפילו נישט געווען אַזוי שיין, מעגלעך מיאוסער פון די אַנדערע, אָבער — די רייכסטע. איר פאָטער איז נאָך היינט פון די רייכסטע אין שטאָט...

לעמקע רעדט ווייטער און שמייכלט, ווי שפּאָטיש:

— היינט דאַרפט ער שוין געוויס נישט צו זיין קיין

דיכטער, גיין אָנגעטאָן אַנדערש ווי אַלע, טראָגן אַ קאָפּ לאַנגע האָר אינמיטן הייסן זומער און וואַרטן מ'זאָל אים ברענגען גוטע זאַכן, — היינט קאָן ער זיך דאָס שוין אַליין קויפן, און דאָ אויפן באַרג וווינען דאַרפט ער שוין געוויס אויך נישט. אַז מ'האָט געלט — איז פאַראַנען קור-ערטער בעסערע.

דער אַלטער טראַכט אַ ווייל און גיט-צו:

— יאָ, יאָ, אַזוי איז די וועלט, אַלע שטרעבן נאָר צו רייכקייט.

* *

*

דער לעצט סטעפע איז אומעטיק. אין דער פּאַיאַנס-פאַבריק, וווּ ער אַרבעט אַלס מאָלער, אַרבעט מען נאָר פיר טעג אין דער וואָך, און פון נאָך ניי-יאָר וועט מען נאָך ווייניקער אַרבעטן... איינמאָל אין אָן אָוונט איז סטעפע געזעסן דרינען ביי דיוואַן, געריכערט געוויקלטע פּאַפּיראָסן, געלאָזט דעם רויך צום באַלקן און לאַנג געשוויגן.

אין שטיבל איז געווען געגוג וואַרעם, אינדרויסן איז געווען אַ שטיל וועטער אָן ווינט. די לאָמפּ אויפן טישל האָט רויק געברענט, דער פלאַם האָט נישט געשפרונגען און נישט געצוקט. סטעפעס אויגן האָבן געקוקט אין ווינקל צום נעסטל אין געפלאָכטענעם קיישל, ווו דער פויגל איז געזעסן און געדרימלט און נאָר זיין שפיציק קעפל האָט אַרויסגעקוקט; סטעפע האָט אַ ווייל אַהינגעקוקט און זיך אָנגערופן:

— אָ, אַז דער מענטש וואָלט געהאַט אַזאַ מאָגן, ווי אַ פויגל, וואָלט גוט געווען: אין איין מינוט מיט אַ ברעקעלע וואָלט מען שוין זאַט-געווען.

נאָר, נאָך איידער דער הויך פון אָט דעם זאָג איז זיך אינדערלופט צעגאַנגען, האָט ער מיט אַ שפּאַסיקער הייטערקייט צוגעגעבן:

— נו, יאָ, דעמאָלט וואָלטן געוויס די פאַרדינסטן אויך געווען פויגלישע, אָדער גאָר מוראַשקעדיקע, — און שוין מיט אַ געלעכטער צוגעלייגט:

— און טעלער — מיין פּאַך — וואָלט מען דאָך, אַלס פויגל, אַוודאי נישט געדאַרפט...

און פלוצלינג גיט ער שאַרף אַ שטעל־אָן די אויגן אויף דניאלן און גיט כיטרע אַ פרעג:

— און איר, שמועסט מען, האָט דאָ זיך געשאַפט אַ פריינ־דין, אָבער איר האָט אַ גוסט, זיכער אַ פיינעם גוסט! וואָס קוקט איר אַזוי פאַרוואונדערט? נו, אונטן, דאָס מיידל וואַנדאַ... מ'האָט אייך שוין עטלעכע מאָל געזען מיט איר...

דניאל איז גרייט צו ענטפערן עפּעס, נאָר ער טראַכט, ווי־אַזוי געלונגענער צו ענטפערן, אַז דער ענטפער זאָל זיין גע־נוג פאַר אַלע אין הויז... פון סטעסעס פּנים, פון דער אומבאַ־האָלפנקייט, וואָס איז דערויף אויסגעגאָסן, איז צו דערקענען, אַז אים טוט שוין באַנג דאָס גאַנצע פרעגן. אָבער נאָך איידער דניאל ענטפערט, גיט דער פייגל עפּעס אַ פּישטש פון שלאָף, דאָס קעפל, זעט מען, ציט זיך אים אויס אַהער צום לאָמפּנ־פלאַם און גלייך דערויף עפנט זיך די טיר, און, אום־אָנגע־קלאַפּט, סטעסעס פערצניעריקער זון קומט־אַריין. דניאלן בלייבט דער ענטפער טויט אין מויל. ער קוקט אויף סטעסעס זון. דער איז קורץ געוואַקסן, אָבער פעסט געבויט, פאַרמאָגט אַ יינגליש פּיפּיק פּנים און אַ קורץ, אַביסל אַרויפגעשאַרצט נעזל, ווי די מוטער.

סטעסע נוצט־אויס דעם איבעררייס און נעמט וויטער רעדן פון זיין אַרבעט — פון דער פאַבריק, פון קאַנטאָר, וווּ מ'קלערט רק צו באַצוולהן די אַרבעטער... דער זון רופט דעם פאָטער אַריינצוגיין עסן נאַכטעסן, און סטעסע, מיטן לאַנג שוין נישט־צוגעשוירענעם שטויביק־גראָען בערדל, גיט אויף־צופלייס אַ פרעג דעם זון, ווי אום אויפצוהייטערן די שטימונג, וואָס זיין פריערדיקער זאָג האָט גורם־געווען:

— נו, וואָס, וויצעק, — נעמט ער אָן דעם זון ביים אַקסל, ווי אַ יינגן קאָלעגע, — וועסט נאָך ניי־יאָר מיטגיין מיט מיר צו דער אַרבעט אין פאַבריק?

— דער פאָטער ווייסט דאָך, אַז נישט! — ענטפערט דער זון מיט העזה און מיט פאַרקנייטשטע ברעמען.

— נאָר וואָס־דען ווילסטו ווערן? — פרעגט ער דעם זון.

און מאַכט אויפמערקזאַם דניאלן מיט אַ בליק, ער זאָל זיך צו־הערן.

— אַ זעלנער וויל איך ווערן.

— וואָס הייסט אַ זעלנער — ביסט דען שוין אַלט איינ־אונצוואַנציק יאָר?

— פֿאָטער אויפֿהערן, — מאַכט דער זון אַ גרימאַסע, — מ'האָט דאָך שוין גערעדט, מ'נעמט־אָן קליינע אויך צום אָר־קעסטער, אָדער צו עפּעס־אַנדערש, מ'נעמט־אָן...

— נאַריש ייִנגל, — זאָגט דער פֿאָטער שוין ערנסט און קענטיק מיט ווייטיק, — אַן אַרבעטער איז אַ מענטש פֿאַר זיך אַ פֿרייער...

— מוחל, — שלאָגט אים איבער דער פֿערצניעריקער בנ'אָק אויך ערנסט, — מוחל די פֿרייקייט! ביי די זעלנער וועל איך קריגן גוט צו עסן צו־דער־זעט, שיין אָנצוטון און פֿרייקייט וועל איך אויך האָבן, אַז אַ זעלנער גייט עמעצן אין דער מאָרדע, מעג ער אויך, אַ זעלנער איז שטענדיק פֿריי, נאָר בלויז קעגן אָפֿיציר נישט.

— נו, טאָ קום מיין „זעלנער״ אַהיים צו דער מאַמען, — זאָגט מטעסטע שוין קענטיק מיט נחת, און ער רופֿט זיך אָן צו־ריידן אויף דייטש, אַז דער זון זאָל נישט פֿאַרשטיין.

— אַזוי וועט מיין אייגענער זון מיך אַמאָל „באַרויקן״, אַז איך וועל אומצופֿרידן־זיין פֿון דער אָרדנונג...

אַז דניאל קערט זיך צוריק פֿון פֿאַריגלען די טיר נאָך מטעסען, דערבליקט ער, ווי דאָס נאַכטיק־שוואַרצע פֿענסטער נעמט זיך באַצירן מיט אַ פֿראָסט־הייטל, עס גלאַנצט אין דער לאָמפּנשיין, ווי אַ בלעטל זילבער באַזייט מיט פֿינקלדיקע דימענטן.

קאַפּיטל VI

נאָר פּלוצלינג, ווען דניאל טוב האָט שוין געהאַלטן אין סאַמע מיטן פון זיין אַרבעט, איז אים מיטאַמאָל דער חשק אַוועקגעקומען. ס׳איז אים נמאס-געוואָרן דער טעלעגראַפישער נוסח און דער טרוקן-כראָנאָלאָגישער אופן פון באַשרייבן אין פאַקטן דאָס לעבן פון זיין משפחה; ס׳זענען אין אים געבוירן-געוואָרן ספקות. ער האָט זיך פאַרטראַכט, אויף לאַנג פאַרטראַכט — און איז געקומען צום באַשלוס:

„צי דען זענען ריכטיק און אמתדיק בלויז נאָר יענע געשעענישן אין אַ מענטשנס לעבן, וואָס צופעליק זענען זיי טאַקע פאָרגעקומען, און נישט די, — וואָס לויט זיין, דעם מענטשנס, כאַראַקטער און שטעלונג צו זיינע מיטמענטשן, האָבן זיי געדאַרפט פאָרקומען, נאָר צוליב עפעס אַ סיבה זענען זיי נישט פאָרגעקומען?“

און נאָך האָט ער זיך געטראַכט:

„ס׳איז נאָך ווייניק צו באַשרייבן דאָס לעבן פון דעם און דעם יחיד; דאָס לעבן פון אַן איינצלנעם מענטש, אָדער אַפילו קליינער משפחה; — נישט-פאַרבונדן און געקייטלט מיטן לעבן פון דער אַרומיקער סביבה און קלאָר פון דער צייט, אין וועלכער דאָס שפיגלט זיך אָפּ, — זאָגט גאָרנישט און איז פאַר קיינעם נישט וויכטיק“.

אַזוי האָט ער מיטאַמאָל געגומען נאָכקלערן, דניאל, און ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן אַ נייעם פּלאַן: אָנהייבן די גאַנצע אַרבעט פונדאָסניי; געבן ברייטע בילדער און שילדערונגען פון

גאַנצע קיבוצים; אמתע, געטרייע בילדער פון די קיבוצים און יחידים פון יעדן דור, וואָס ער באַשרייבט, נאָר אָט דאָס גאַנצע לעבן זאָל זיך קייטלען אַרום דער פּערזאָן, וואָס ער מיינט אַרויסצוברענגען. אַזוי־אַרום וועט די געשילדערטע פּערזאָן אַרויסקומען קלאָרער און בילטער; דער הינטערגרונט און די סביבה וועלן דער געשילדערטער פּערזאָן צוגעבן לעבן און ווירקן.

איצט, איז מער נישט געבליבן דניאלן, ווי צו פאַרבּרעטערן און צו פאַרגאַנצן אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן ביזאַהער, אָבער דאָס אָנצוקלײַבערענגען, האָט דאָס האַרץ נישט צוגעלאָזט, — איז עס ווייטער געלעגן אָנגעוואָרפן אויפן טיש און פּאָדלאָגע — אַ פּאַק באַשריבענע פּאַפּירן. אַרבעט פון טעג און נעכט, שעהען פון התמדה און דערהויבונג...

די ערשטע צייט האָט דניאל אַפילו נישט קיין האַרץ געהאַט דאָס אָנצוקוקן, צוזאַמענפּאַקן אין אַ פּאַק און אַוועקצולייגן. ס'איז זיך ווייטער געלעגן אָנגעהויפט און אָנגעוואָרפן. דניאל האָט זיך מער צו די פּאַפּירן נישט צוגערירט. ער האָט זיי בלויז באַטראַכט ווי שטיין און ציגל פון אַ חרובער געבײַדע. וואָס אַז מ'רייניקט זיי געהעריק אַרום — קאָן מען זיי ווי־נישט־ווי צונוצן צו דער נייער געבײַדע.

אָבער די נײַע אַרבעט האָט ער נאָך אויך נישט אָנגעהויבן. ער האָט נאָך ערשט געפּלאָנטעט, געטראַכט, — און אָט אַזוי פּלאָנעוועדיק, טראַכטנדיק און וואַרטנדיק אויף דער „ריכטיקער מינוט” — דערווײַל מיטגעלעבט דאָס לעבן פון די הויז־אײַנוווינער. .

* *
*

ס'האָט זיך גאָר נאָענט אָנגערוקט די ניטל־חגא; אין הויז, די אײַנוווינער, ווו איינער האָט נאָר געקאָנט דערקרימען און דערקראַצן, האָט ער זיך געסטאַרעט, דער יום־טוב זאָל בײַ אים האָבן אַ ליטיש אויסזען, אָבער — שווער! ס'איז זיי זייער שווער אָנגעקומען צו מאַכן יום־טוב.

די סאַמאַרינער האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו שעכטן איינס פון די צוויי הינער, וואָס די מומע האָט איר אַנומלטן געשענקט. פונקט איצט, ווען די הינער האָבן ווידער אָנגעהויבן צו לייגן, זאָל זי זיי פאַרנוצן אויף פלייש? שעכטן — אָפשניידן די קעפּלעך און אויפעסן — ניין! זי קאָן דאָס נישט!

ס׳איז דאָך ווי אַ פריינט אין שטוב; פונקט אַז דו דאַרפסט עפּעס צו קאָכן, שענקט עס דיר אַן איי.

— גאָט מיינער! — האָט זי פאַרן מאַן, ווי ביי אַן אומגליק די הענט פאַרבראָכן און זיך שיער צעוויינט. — איך קאָן דאָס נישט! בעסער זאָלן מיר איינגאַנצן בלייבן אָן פלייש. טערגיי, איך בעט דיך, — האָט זי דאָס מאָגערע מויל אויסגעצויגן, ווי אַ קינד, אַז מ׳וויל עס וויי-טון און דעם מאַן די באַק געגלעט, — צווינג מיך נישט דאָס צו טון, ס׳איז דאָך אין שטוב ווי אַ פריינט, ווי אַ קינד... — און די טרערן האָבן איר אַ פלייץ-געטון פון די אויגן.

דערפאַר האָט די סטעסען אַ גליק-געטראָפן, אַ זעלטן גליק: פאַרטאָגס איז אַ סטאַדע קוראָפּאַטוועס ערגעץ געפלויגן אונטן לעבן טראַקט, און אין געדיכטן נעפּל זענען עטלעכע פון זיי, מוז זיין, אַריין מיט די קעפּ און העלזלעך אין די דראָטן, וואָס אויף די סלופּעס לענגאויס דעם טראַקט און אַראָפּגעפאַלן טויטלעך-פאַרוווּנדעט. אַז סטעסע איז באַלד דערויף דאָרט-אַרום פאַרבייגעגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט ער אויפגעקליבן אַכט שטיק, גאַנצע אַכט נאָך צאַפּלדיקע קוראָפּאַטוועס מיט פאַרבלוטיקטע צעריסענע קעפּלעך און העלזער.

סטעסע האָט צוליב דעם זיך מטריח-געווען נאָכאַמאָל אויפן באַרג אַהיים. שמייכלענדיק פאַרנחתט — געבראַכט צו טראָגן די אַכט וואַלד-הינער. דאָס ווייב זיינס, — די געשטופּלטע, — האָט גלייך אַריינגערופן די שכנטעס, זיי ווייזן דאָס גליק... איר קול האָט קלאָר, ווי אַ שופר, געשאַלט איבערן הויז:

— דאָס געטלעכע קינד, יעזוס, האָט זיך פאַר אונז באַ-

מיט, מיר זאָלן קאָנען, ווי געהעריק, פייערן זיין הייליקן גע-
בוירנסטאָג.

נאָר די ברוקירערין האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו פייערן. זי האָט קוים געהאַט אויף אַ לעבל ברויט, — אַפילו אַ יום-טובדיק ברויט, אַ רונדיקס, שיין אויסגעקנעטן, ווי אַ קוי-לעטש, אָבער פּאָרט נאָר אַ קאָרן ברייטל.

פאַרנאַכט, אין דער טונקל-שעה, איז זי דערמיט געקו-מען אויפן באַרג, זיך געשעמט, די שכנטעס זאָלן נישט זען איר איינציק יום-טוב-געבעקס, האָט זי דאָס געהאַלטן הינטערן טוך, צום האַרץ צוגעדריקט. דער לאַבן האָט איר אַרויסגעסטאַר-טשעט ווי אַ בערגל, און אַז די סטעטען האָט זי אָנבאַגעגנט אַזוי קומענדיק צוהעצקען אויפן באַרג מיט אַ בערגל פון הינ-טערן טוך ביים האַרץ — האָט זי זיך אַ ווענד-געטון צו דער רוסישער מיט אַ פרעג, אַ ד סקרעטן פרעג, אָבער גענוג הויך — די קרומרוקנדיקע ברוקירערין זאָל הערן:

— איר האָט געזע, שמידאָווסקין, — איר איז שוין פאַרנט אויך אויסגעוואַקסן אַ הויקער.

* *
*

ערב ניטל, פאַרמיטאָג, איז געפאַלן אַ שניי. נאָכמיטאָג האָט דער שניי אויפגעהערט. ס'איז געווען לינד וועטערן ווייט און שטיל, אַז צומאָל קיין ווינטל האָט זיך נישט גערירט, זעלטן פייערלעך האָט דער וואַלד אויסגעזען, ווייס זענען גע-ווען דיביימער און ווייס זענען געווען די צווייגן. די אָי-ווייסן פון-געבעטע וואַלד-וועגן מיט רייען פאַרהילטע ביימער — ביי די זייטן, ווי זיי וואָלטן געפירט אין אַ פאַרכישופטן שלאָס. און האָט אינדערלופט אַ לעצט שנייעלע געפלאַטערט, — האָט עס אַזוי לייכט געשימערט, ווי דער חלום פון אַ וויג-קינד. און איז אַ קראָ געפלויגן, האָט איר אויסגעשריי נאָך טיפער די שטילקייט איינגעוויגט, און דער סאָך פון איר פעך-שוואַרצן פליגל, האָט נאָך ווייסער די ווייסקייט געזילבערט. —

ס'איז געווען שנייאיק-שטיל און פייערלעך; ס'איז געווען נישט טאָג און נישט נאַכט און — ביידע צוזאַמען. שנייאיק בלוילעך און צאַרט האָט דער בלאַסער פאַרנאַכט אינדערלופט געציטערט, געציטערט, ווי אַ שטום-אָפּגעשטאָרבענער האַרפּן-טאָן, בלויז די לינדע לופט-כוואַליעס באַוועגן זיך, נישט מיטן אויג צו דערזען און נישט מיטן אויער צו דערהערן — אַזוי האָט דער פאַרנאַכט פון פאַרשנייטן וואַלד אָנגעשוועבט.

ווייטלעך, אויפן ברייטן וואַלד-וועג, האָבן זיך פון שטאָט אומגעקערט פויערן מיט איינגעקויפטע פעקלעך, און זיי האָבן אויסגעזען פאַרצויבערט, ווי אָט יענע עליהום, וואָס זענען אַמאָל געקומען באַגריסן דאָס געבוירן פון דעם קינד ישו...

ס'איז געווען אַזאַ זעלטענער פאַרנאַכט, אַז ס'האָט זיך געגלוסט צו גיין און גיין, אָן אויפהער גיין און טרינקען דעם שטיל-שמעקנדיקן ריח פון לינדער לופט, שניי און וואַלד.

* *

*

דער סטעסען איז געלונגען, מיט דער הילף פון דער ריסישער און איר געליבטן, דעם עלטסטן וואַלד-וועכטערס זון, צו ברענגען פון וואַלד אַ ביימל אויף אַ „כאָינקע”. נאָך איר זענען אויך די איבעריקע געלאָפן. די סאַמאַרינען האָט זיך אויך געברענגט אין די ברוקירערין — אויך, — כאָטש זי האָט נישט געהאַט מיט וואָס עס צו באַפּוצן. דער סאַמאַרינען האָט די אַלטע מומע, — דעם געוועזענעם רוסישן אַקציזניקס ווייב — געברענגט פון שטאָט מיט וואָס אויסצופּוצן די „כאָינקע”. און אונטן, דער שניידערין, דער „אַריסטאָקראַטקע”, האָט מען געברענגט אַ ק...ק-אויסגעפּוצטע „כאָינקע” פון אַ פּריצישן הויף, וווּ זי האָט לעצטנס געאַרבעט. אָבער צום שענסטן אויסגעפּוצט, — דאָס האָבן אַלע אין הויז מודה-געווען, — איז געווען דער סטעסעס „כאָינקע”: באַהאָנגען מיט לעקעכלעך, מיט צאַצקעס, און אַפילו מיט באַזילבערטע און באַגילדטע אייער, וואָס אַזוי אויסגעפּוצט איז אַפילו נישט געווען דער שניידערינס — די מתנה פון פּריצישן הויף.

און שמידאָווסקין האָט זיך פּלוצלינג פֿאַרגלוסט צו באַזוכן ניטל-יום-טוב אינאָווגט דאָס האַלב-געגטע ווייב פון רוסלאַנד און אירע צוויי קינדער.

ער איז אַרויפגעקומען מיט אַ וויזיט דעם ערשטן טאָג ניטל, באַלד אָנהייב אָוונט.

שמידאָווסקי האָט זיך אַפּנים פֿאָרגעשטעלט אויבן צו טרעפן נישט אַזאַ לייטישן טיש און פריילעכע שטימונג. און טאַקע?... — געפונען האָט ער אָבער אַזאַ יום-טובדיקייט, אַז ער איז געבליבן צעמישט און זיך די אויגן אַ רייב-געטון, צי עס חלומט זיך אים נישט.

ס'איז דאָ געווען זייער פיין. מ'האָט זיך נישט געהאַט צו שעמען: די שטוב איז געווען איבערגעקאַלכט (אַז מ'האָט אַזאַ פריציש פלייש — קוראָפּאַטוועס — האָט די סטעסען געזאָגט — מוז אַלץ איבעריקע אויך זיין קאָמפּלעט...) און באַפּוצט מיט פּאַפּירענע בלומען פון אַלע קאָלירן; געברענט האָבן אַזש צוויי לאָמפּן, איינע אויף אַ פוס, אַן אייגענע, און אַ הענגלאָמפּ, געבאָרגט אונטן פון דער שניידערין פון דער ווערקשטול איבער דער מאַשין. — די „כאַינקע”, באַשטעלט מיט קאָליריקע אָנגעצונדענע ליכטלעך און באַהאָנגען מיט די צאַצקעס, האָט זי געגרינט און געבלישטשעט, אַז עס האָט די אויגן פאַרנומען; אויפן געדעקטן טיש זענען אַחוץ די געבראָטענע קוראָפּאַטוועס און פיש, וואָס די רוסישע האָט אָן אַ פּרוטה געלט געברענגט אונטן פון אַ פישער — אירס אַ באַקאַנטן — און זענען איצט געלעגן אויף אַ פּולמעסיק באַפּוצט מיט מייערלעך, פעפערלעך, געווירץ און גרינס,—געשטאַנען צעשטעלט נאָך אַנדערע גוטע זאַכן און נאַשוואַרג — אַלץ אַזעלכעס, וואָס מ'עסט נישט אַלע טאָג; די שטוביקע זענען געווען אָפּגעוואַשן, אָנגעטון נישט ווי אינדערוואָכן; משקה איז אויך געווען. דער גראַמאָפאָן (סטעסעס אייגנס — נישט געבאָרגטס) האָט געשפּילט, און מ'האָט געטאַנצט, און פון זיין, שמידאָווסקיס, אַוועקגוואָרפן ווייב איז נישט אָפּגעטרעטן דער יינגער וואַלד-וועכטער אין די גלאַנציקע שטיוועלעך מיט שוואַרצע וואָנסעלעך און לעבעדיקע אויגן...

תאַראַבטשיק, דאָס הויז אויפן באַרג. 5.

און אַז שמידאָווסקי האָט דערזען זיין ווייב שיין און ריין אָנגעטון, טאַנצן מיט איר נייעם „פּאַרערער״, אַ פריילעכע, אַ צעזונגענע, און די קינדער אַרום דעם מיט גוטע מאכלים באַשטעלטן טיש — האָט אים מיטאַמאָל דאָס ווייב אָנגעהויבן צוריק צו געפעלן. אים האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן באַנג צו טון דער שוין דריי-פערטל-אויסגעפּירטער גט. אַלע האָבן דאָס דער-קענט אין זיין פּנים און אָן די הייסע בליקן, מיט וועלכע ער האָט דאָס ווייב באַשענקט, און די בייזלעכע בליקן אין איר קאַוואַליערס זייט. ס׳איז לייכט-געווען צו דערקענען, וואָס אין אים קומט איצט פאָר. סטעסע, אַלס באַלעבאָס, האָט שמידאָוו-סקין געבעטן צום טיש עפּעס פאַרזוכן; די געשטופּלטע סטעסען האָט געווונקען צו דער רוסישער, און שמידאָווסקין האָט זי הויך אַ פרעג-געטון:

— ווי האַלט עס מיטן גט — שוין דערליידיקט?

— מ׳ווייסט נאָך גאָרנישט, — האָט שמידאָווסקי נישט-גיחאדיק געענטפערט.

ער, שמידאָווסקי, האָט נישט אַזוי ווייט געקוקט אויף די מאכלים, ווי אויפן ווייב. ער האָט זיך וואָס-אַמאָל נענטער צו איר צוגעשאַרט. דעם יינגן וואַלד-וועכטערס אויגן זענען געוואָרן ווי שטאָל, און פונקט אַזוי זענען געוואָרן שמידאָווסקיס אויגן. אַ ווײַלע האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט, ווי צוויי העגער... אָבער — נאָר קוים אפשר אַ רגע, וואָרים אַפּנים, אַז ביידע האָבן זיך דאָ לגבי דער „זי״ געפילט גלייך היימיש און גלייך פרעמד... פלוצלינג רופט זיך אָן שמידאָווסקי צום וואַלד-וועכטער:

— פאַניע יאַניע, קומט-אַראָפּ וועלן מיר טרינקען עפּעס אין שענק.

— די שענקען זענען היינט פאַרמאַכט, — רופט זיך אָן די שמידאָווסקין, און דער וואַלד-וועכטער גיט מיט היין אַ כאַפּ-אַראָפּ אַ פלאַש פון טיש, עפנט זי אויף. זיי ביידע טרינקען-אויס גלעזלעכווייז די ערשטע העלפט און אַלע אין שטוב דאָס איבעריקע.

— נאָך טרינקען! — גיט דער וואַלד-וועכטער אַ רעד און

שאַרצט זיך אַרויף די אַר־" אָנצוהייבן אַ צווייטע פלאַש בראַנפן.

— ניין, איצט עפּעס עסן, — עצהט די סטעסען.

די צווייטע פלאַש האָט דער ייִנגער וואַלד־וועכטער מער נישט געעפנט. ער האָט זיך עפּעס ווי באַזינען און נישט געוואָלט מער טרינקען. ער האָט צוויסן־געטון, אַז ער מוז אויף אַ ווייל אַ לויף־געבן צום פּאָטער, וואָס וווינט פון דאָ אַ פיר קילאָמעטער ווייט, וועגן „באַראַווע" ענינים. עס איז אים, ווייזט־אויס, זייער נויטיק־געווען, עס האָט אים אָבער אַפּנים נישט געגלוסט איצט אַוועקצוגיין, ווייל אַלע מינוט האָט ער געקוקט אויפן זייגער, צי עס איז נאָך צייט... אָט אויף דעם האָט שמידאָווסקי שפּעקולירט. ער האָט געוואָלט אַרויסקריגן פון שטוב דעם וואַלד־וועכטער, אום ער זאָל אַביסל צוריק זיין מיטן ווייב.

דער וואַלד־וועכטער איז אָבער אויך נישט געווען קיין נאַר, און נישט קיין חשק־געהאַט צוועקצוגיין, ווי לאַנג שמידאָווסקי איז דאָ...

אַזוי זענען זיי ביידע געזעסן און געוואָלט איבערוואַרטן איינער דעם אַנדערן. אָבער איבערוואַרטן האָבן זיי נישט געקאָנט און שפּעט איז געוואָרן, איז שמידאָווסקי געפאַלן אויף אַ המצאה: ער האָט זיך געזעגנט און איז אַראָפּגעגאַנגען, אָבער נישט אַהיים, נאָר ער איז אַריינגעגאַנגען אין וואַלד־אַריין איבערוואַרטן יענעם.

יענער, דער וואַלד־וועכטער איז טאַקע באַלד אַראָפּגעקומען, אָבער ער איז עפּעס פון מיטן־וועג צוריק אַרויפגעקומען און דאָ געטראָפן ווידער שמידאָווסקין.

— אַ, וואָס טוסטו דאָ ווידער, פּאַניע?

— כ'האָב דאָ עפּעס פאַרגעסן, — און אויך מיט אַ פראַגע:

— און דו, פּאַניע, וואָס עפּעס צוריק?

— איך — אויך עפּעס פאַרגעסן...

אַזוי איז דאָס געגאַנגען עטלעכע מאָל אין דעם אָוונט. און אַלץ — אַן געשלעג און אָן זידלערייען, אַלע מאָל האָבן זיי זיך צוריק געטראָפן און אַלץ אויפסניי געפרעגט:

— וואָס טוסטו דאָ?

— און דו, פּאַניע?

און די רוסישע האָט געזען, ווי וויכטיק זי איז אין די אויגן פון די מאַנסלייט, איז זי געוואָרן נאָך פרייליכער, האָט געלאַכט, געזונגען, און געשיינט האָט זי ווי אַ ניי-געבוירענע.

אַזוי איז עס דעמאָלט היימלעך-געווען, און די רוסישע — זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן דעם אויפגעצוווּנגענעם גט און אַלע צרות, וואָס דער מאַן האָט איר ביז איצט געטון און וועט איר ווייטער טון. איר ברייט רוסיש סטעפּ-האַרץ האָט געקוואָלן. זי האָט אויף ביידע מאַנסלייט רחמנות-געהאַט און צו ביידע גוטגעווען, פאַרשטייט זיך, אַז בשתיקה איינעם הינטערן צווייטנס וויסן... און דער גראַמאָפאָן האָט געשפּילט אַלץ נייע מאַזורקעס און וואַלצן, און מ'האָט געגעסן די געבראָטענע קוראָפּאַטוועס, געטרונקען משקה. און די שכנים זענען אַריינגעקומען אַפילו די ברוקירערין האָט פאַרגעסן איר ברוגז און איז אַריינגעקומען, באַלד אויך איר טאָכטער יאַדוויגאַ מיט איר חתן דעם שמיד, און אַלע האָבן געגעסן און געטרונקען און געטאַנצט און געזונגען. אַחוץ דעם אַלטן לעמקע מיטן חסר-דעהדיקן ווייב, וואָס האָבן זיך, ווי געווייינלעך, תחילת-אָוונט געלייגט — האָט קיינער אין הויז די נאַכט נישט געשלאָפן; אַפילו די פּאַננאַ אירענאַ, וואָס לערנט אין שטאָט אין גימנאַזיע, און איר מוטער — די פיינע שניידערין, וואָס האָט געקריגן געשיקט אַן אויסגעפּוצטע „כאָינקע" פון פריצישן הויף — זענען אויך אַרויפגעקומען אָנטיילנעמען אין דער יום-טוב-שמחה. מ'האָט פאַר זייער כבוד-וועגן געברענגט צוויי ריינע שטולן פון דער סאַמאַרינען, און די שמחה האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן...

אַזוי פריילעך האָט דאָס הויז אויפן באַרג געפּראַוועט יום-טוב — אַלע שכנים צוזאַמען.

— — —

אָבער דער יום-טוב איז אַוועק, און ווידער האָט די נויט אין יעדער טיר אָנגעקלאַפּט, ווידער האָט זי אין יעדער שטוב דעם אויבנאָן פאַרנומען. און ווידער האָבן זיך פון יעדער שטוב געטראָגן מחלוקות און בייזע געשרייען...

קאַפּיטל VII

צו־אָוונט־צו איינמאָל, איז מיט דניאלן אין זיין שטיבל געזעסן איינער אַ ייד פון שטאָט, אָנגעטון אין אַ באַלעבאַטיש פּעלצל. אַ מאָדנער ייד, מאָדנע מיט זיין אַרט־רעדן און מאָדנע מיט זיין אויסזען, מיט זיין אָן סימן פון האָר פּליכוואַטן קאָפּ, רונדיק, גאָל־הויטיק און גלאַנציק; אַן אויסערגעוויינלעך־קורצזיכטיקער בליק, און דאָס גאַנצע פּנים זיינס — רונדיק און פּלאַטשיק — האָט אויסגעזען ווי דאָס אויסגעמאָלטע — אויף רעקלאַמע־פּאַפּירלעך — פּנים פון דער לבנה, — און אויך אַזוי רויט ווי טיילמאָל די לבנה אין די זומערדיקע אָנהייב־אָוונטן, פאַר אַ רעגן. און אַ גישט־געוויינלעכע גיריקייט איז אויף אָט דעם פּנים געלעגן אויסגעשפּרייט — איבער אַלע זיינע שטריכן: פון די בולטע אויגן איבער די אַרויסגעהויבענע פּוכקע בעקלעך און אַרויסגערוקטער גאָמבע מיט גוידער־קנייטשלעך.

דער ייד איז איצט, אייגנטלעך, שוין דאָס צווייטע מאָל דאָ געווען, פונדעסטוועגן האָט אים דניאל נישט געקענט. ער האָט נאָר געוווסט דאָס, וואָס יענער האָט אים אַליין פון זיך דערציילט:

אַז ער הייסט „שטאָקפיש” — אָט שרגא שטאָקפיש, אָדער אויף פּראָסט־יידיש — פייוויש. וואָרים עס איז דאָך דאָסזעלבע: שרגא איז טייטש ליכט. — און פעב, אָדער פעבוס, האָט ביי די אַמאָליקע גריכן געהייסן דער גאָט פון ליכט. — דאָסדאָזיקע בקיאות מכוח זיין נאָמען, האָט ער אַזוי אויף איין פוס אַרויסגעוויזן. און נאָך האָט ער באַלד אַרויסגעפּאַקט, אַז ער פאַר־

מאָגט אין שטאָט עפּעס אַ ביוראָ, פֿאַרדינט, אַזוי זיך, נישקשה און האָט אַ ווייב, וואָס געפֿעלט אים שוין נישט, און כאָטש זי טוט זיך אָן אין רויטע בלוזקעלעך — פֿונדעסטוועגן נעמט זי ביי אים נישט אויס, און ער זוכט זיך פֿאַרגעניגן אויף דער פֿאָרשטאָט.

דאָס ערשטע מאָל איז דערדאָזיקער דאָ געוועזן מיט עט־לעכע וואָכן צוריק. ער איז דעמאָלט אַהערגעקומען דייטלעך צו דער רוסישער, זי זאָל אים אויפֿנעמען. ער האָט באַקומען איר אַדרעס פֿון אַ באַקאַנטן אין שטאָט, דער רוסישערס אַן „אַמאַ־טאָר".

— נישקשה, מיר דינען זיך אָפּ, — האָט שטאַקפּיש אויפֿ־געקלערט, פֿאַרוואָס יענער האָט אים געגעבן דעם אַדרעס, — ער האָט שוין דורך מיר אויך מער ווי איינמאָל אַ הנאה־געהאַט...

דעמאָלט — מיט עטלעכע וואָכן צוריק — איז דערדאָזי־קער אָנגעקומען ביי דער רוסישער, און צוריקוועגס האָט ער אַביסל אָפּגעטרעטן ביי דניאלן, ווייל מ'האָט אים דערציילט, אַז דאָ וווינט אַ ייד, האָט ער געוואָלט „אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן אַ ייד, וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט דאָ אין העק". איצט אָבער איז ער אַפּנים „דרינען" נישט אָנגעקומען: דער רוסי־שערס „פּריינט" — דעם עלטסטן וואַלד־וועכטערס זון — האָט דידאָזיקע „געסט" נישט צו־פֿריינטלעך אויפֿגענומען.

וואָס־פֿאַראַ מין „ברוך־הבא" ער האָט דרינען געהאַט, האָט ער נישט דערציילט, נאָר דאָס לבנה־פּנים זיינס, דאָס גלאַנציקע, צופֿרידענע, איז אים איצט געווען, ווי מאַט, אָן דעם געוויינ־לעכן גלאַנץ, און די שטאַרק־קורצזיכטיקע אויגן הינטער די שרעקלעך־דיקע בריל־גלעזלעך, האָבן געקוקט מיט אַן אָפּשיין פֿון מבולבלקייט, און ער האָט כּסדר געהאַלטן אין איין רעדן און פֿאַרענטפֿערן־זיך, פֿאַרוואָס ער טוט אַזעלכע זאַכן...

— האַלט מיך נאָר נישט פֿאַר אַ פּראָסטן בואָף, איך בעט אייך, נישט קיין זנות זוך איך, ניין, חס־ושלום! אַן עליה זוך איך, אַ לייטערונג, אַן עליה דורך זינד. אָט וואָס איך זוך! די נעטלעכקייט דורכן רינעטאָק זוך איך און — געפֿין זי...

ער גיט אַ גלאָץ מיט די פאַרקנייטשטע קורצזיכטיקע אויגן אינדערלויפט אַרום און חזרט-איבער:

— אַ סך מאָל געפינען איך זי, און אַלץ צויף אַזאַ אופן.

— אויף ס'אַרא אופן? — פרעגט דניאל, נישט ווייל ער פאַרשטייט נישט, וואָס ער מיינט, נאָר ווייל ער קאָן נאָך נישט באַנעמען, וואָס-פאַרא מין מענטש דאָ זיצט פאַר אים.

— לאַכט נישט, כ'בעט אייך, — און, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן נעמט ער שיטן מיט תרעומות אין אַ ברייטלעכן, נאָזיקן קול:

— אדרבא, זאָגט מיר! יעדער מענטש האָט בלוט אין די אָדערן און דאָס בלוט פליסט, רוישט, וויל עפּעס, רייסט זיך צו עפּעס. אַמאָליקע צייטן אַ סוחר, האָט געהאַט אַ יענע-וועלט, אַ חומש, אַ גמרא, אַ ספר... היינט איז אויס! — שבת איז קיין שבת. פאַר אַ גראָשן לייזונג וועט אייך יעדער ייד עפּעס נעמען ס'געוועלב. — אַ ווייב איז קיין ווייב... דער יצר-הרע לויערט פון יעדן קליידל אויף דער גאַס, פון יעדן שאָרש מיטן פוס... נו, כ'בעט אייך, וואונדערט אייך נישט — אַ הוץ אַלטע יידן אַמאָליקע — איז היינט דער רוחניות פאַר יעדן פּרנסה-דיקן סוחר — אַ שיקסל...

און מיטאַמאָל גיט ער אַ קוויטש-אַרויס, ווי מיט גדלות:

— אַ מענטש אַ לייטישער, אַ גאַר-גאָר אָגגעזעענער און פאַוווסטער, אַ באַרימטער... ניין, איך וועל אייך זיין נאָמען נישט זאָגן, איר מוזט אַליין טרעפן לויט דעם פרעג.

— אָבער הערט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט:

— „אייער זיידע האָט געוווסט, וואָס ער וויל, אייער פאָטער — ווייסט אויך וואָס, אָבער — איר — צי ווייסט איר דען, וואָס איר ווילט, צו וואָס איר שטרעבט?" — אַזוי האָט ער מיך געפרעגט דער באַרימטער מאַן, קוקנדיק מיר אין דער נשמה.

דניאלן האָט זיך אַ כאַפּ-ארויסגעגעבן פון מויל:

— ווי-אַזוי ווייסט איר נישט — אָט ווייסט איר דאָך וואָרט? — און ער האָט פאַרביסן אַ שמייכל.

יענער האָט אים בלויז אָפּגעמאָסטן מיט אַ קרום בליקל, און ווייטער געשיט:

— אַ ראיה האָט איר, אַז איך מיין נישט פּראָסט ניאוף, נאָר עפּעס העכערס: אָט — מער ווי איינאיינציק מאָל נעם איך נישט קיינע, איינמאָל און גענוג, איבערגעלעבט ביי איר אַן עמאָציע, איז שוין! מער קען איך זי נישט.

— און דאָ זענט איר דאָך שוין היינט געקומען ס'צווייטע מאָל? — לאָזט אים דניאל נישט באַקומען. ער פרעגט עס בלויז אום דעם נישט-סימפּאַטישן, נישט-אַריינגעבעטענעם פאַרשוין אַזויערנאָך פון שטוב-אַרויס פּטור צו ווערן.

יענער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געזוכט, אַפּנים, וואָס צו ענטפערן. נאָר בשעת טראַכטן איז ער אויך, חלילה, נישט ליידיק געזעסן. ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ געצאַצקעט פּאַפּירל, אַרויסגעוויקלט דערפון אַ קורצע דיקע און רויטלעכע קאַרמעלקע, פּונקט ווי די פינגער, וואָס האָבן זי געהאַלטן. ער האָט די נאַקעטע קאַרמעלקע צוגענומען נאָענט צו די אויגן, זי גענוי באַקוקט, ווי אַ פרומער ייד אַן אתרוג, צי ער האָט נישט חלילה קיין פּגימהלע, אַ טשמאָטשקע-געטון מיט די גראָבלעכע ליפּן. פון מיטן וועג צום מויל — זי נאָכאַמאָל צוגעטראָגן צו די קורצזיכטיקע אויגן, ווידער נאָענט צוגעטראָגן, באַקוקט, אַזש מיט דער נאָז אָנגערירט, סוף-כל-סוף אַריינגענומען אין מויל, געקייט, געפּאַטשט מיט די פעטע ליפּן, אַזש אָט דער אַרט עסן — האָט אויך דערמאָנט אין זיין ליבלינג-שמועס: זנות.

— איך מאַך עס נאָך קלוג, — האָט ער האַלב-בטלניש, האַלב-ציניש זיך באַרימט, פאַרגעסנדיק אַפּנים אָדער מאַכנדיק-זיך פאַרגעסן צו ענטפערן אויף דעם, וואָס דניאל האָט אים געפרעגט, — איך פאַרשוין מיין ווייב און קינדער. אינדערהיים בין איך דער געטרייער מאַן און דער גוטער טאַטע, און אין שטאָט — דער אָנשטענדיקער באַלעבאָס. איך טו, וואָס מיין האַרץ גלוסט, נאָר שאַ-שטיל.

— אַנדערע, — זאָגט ער און שמייכלט שאָדפריידיק, — ווייסן עס נישט אַזוי צו טון. איינעם אַ יינגן סוחר איז אַ „זי-

אַ „פּראָפעסיאָנעלע״ — געקומען מאָנען באַצאָלט — און נישט אין געוועלב איז זי געקומען, נאָר דווקא אין שטוב און פּונקט ווען ער איז געזעסן מיטן ווייב ביים מיטאָג-עסן... אַ צווייטער האָט נאָך מיאוסער אָפּגעשניטן...

ער אָבער —

— איך טו עס דאָך צוליב דער דערהויבונג, צוליב דער עמאָציע...

און שוין האָט ער גרייט אין מויל אַ פערז פון אַ געדיכט, ווו דער מחבר דערציילט וועגן זיך:

„איך יאָג זיך נאָכן רייץ און נישט נאָכן זין,
און זוך הייליקייט דורך זינד...״

און מיטאַמאָל פון דער העלער הויט נעמט ער ווייזן בקיאות אין סאָציאָלאָגיע:

— אַ קלאַס, וואָס האַלט אין אונטערגיין, איז פּונקט ווי אַ יחיד אַן אָפּגעמשפּטער פון אַן אומהיילבאַרער קרענק — קלאַמערט זיך מיט די רעשט כּוחות אין לעבן, זוכט נאָך אַריינצוכאַפּן אַביסל תּענוגים און וויל נישט וויסן פון קיין מאָרגן!...

און פּלוצלינג אויך אַזוי מיר-נישט-דיר-נישט:

— קיין פרומער בין איך נישט, אָבער אַ דאַווענען כאַפּ איך גערן אַמאָל אַריין, אַ דאַווענען דערהויבט אויך אַמאָל.

און ווידער צוריק צום ערשטן:

— רופט עס נישט זנות, עס ווענדט זיך, ווי-אַזוי מען טוט עס, דער צוגאַנג...

ער דערמאָנט זיך עפּעס און רעדט גאָר ערנסט:

— אין דער מאָכמעדאַנישער רעליגיע פאַרנעמט דערדאָזיקער ענין אַ הויפּט-אָרט, ביי אונז — ווערט עס אויך נישט איגנאָרירט. די גמרא זאָגט, אַז ס'איז אַ זעכציקסטל הנאה, ווי אין גן-עדן...

און ער צעלאַכט-זיך, שפּריצנדיק פון מויל:

— שטעלט אייך נאָר פאָר — אין גן-עדן איז זעכציק מאָל אַזויפיל הנאה, ווי ביי אַ יינג שיין שיקסל...

זיינע אויגן צעבליצן־זיך אונטער די ברילן, ווי צוויי גלי־ווערעמלעך. און מיטאַמאָל ווידער:

— ניין, פרום בין איך נישט...

און אַזוי אין איין אָטעם... דניאל האָט גאָרנישט באַמערקט ווי־אַזוי — רעדט ער שוין וועגן עפּעס אַנדערש, אָבער אַלץ נאָך פון דעם ענין: וועגן די מעשים פון אונזערע אבות פאַרצייטנס, אַז זיי האָבן אויך נישט פיינט־געהאַט, דאָס וואָס ער, שרגא שטאָקפיש, האָט ליב... און אין אַ רגע רעדט ער שוין פון תנ"ך... און גלייך דערויף, ווי זיין שטייגער, רעדט ער שוין וועגן די ביבל־קריטיקער, וועלכע ער, שטאָקפיש, האָט נישט ליב.

— ניין, בשום־אופן נישט ליב!

— די ביבל־קריטיק — ס'איז נישט קיין יידישער צוגאַנג, אָן פיצל פיעטעט, אָן ליבע... און די ביבל־קריטיקער אַליין, — ס'איז דאָך אַ באַוווּסטע זאַך, אַז דער דייטש דעליטש אין זיין „ביבל אונד באַבעל" איז אַן אַנטיסעמיט! ווער דען, אויב נישט קיין פאַרביסענער אַנטיסעמיט וועט זאָגן, אַז די סעמיטישע ראַסע האָט זיך מיט גאָרנישט נישט אויסגעצייכנט און אַז די תורה איז עמעצן נאָכגעמאַכט? קאָן מען דען זאָגן, אַז די יידן האָבן עפּעס גענומען פון די בבלים? פאַרקערט, לייגט זיך גיכער אויפן שכל...

— און רענאַן, — פאָרט ער ווייטער, ווי אַ שנעלצוג, וואָס לויפט אָן אָפּשטעל פאַרביי אַ סטאַציע, לאָזט נישט אָפּעטעמען, פאַרגיגט זיך אַפילו נישט געהעריק די נאָז אויסצושנייצן, נאָר ווישט, דלובעט אין דער נאָז און רעדט דערווייל אָן־אויפהער, — ערנסט רענאַן, אָט דער פראַנצויז, איז דען נישט קיין אַנטיסעמיט? באשר, ווי זאָגט ער דאָרט — **אַז** די סעמיטישע ראַסע איז טאַקע גרויס און דערהויבן, נאָר אַז יידן זענען נישט קיין סעמיטן — איז עס דען נישט צום לאַכן?

— און אפשר גאָר, — שנייצט ער זיך שוין הויך די נאָז, — אַזוי ווי יענער פאַרוועניק, דער געשיכטע־שרייבער, —

פֿאַטש אַ ייִד, זאָגט, אַז בלויז נאָר די ספֿרדים זענען די אמתע ייִדן, און די אַשכּנזים — קומען אין דער העלפֿט נאָר אַרויס פֿון ייִדן — פֿון דער ווײַבלעכער זײַט...

— ס'הייסט, — נעמט ער זיך קאָכן, — אַז מיר, די אַשכּנזישע ייִדן, שטאַמען פֿון רוימישע ממזרים? אַ העזה אַביסל אַזוי צו שרײַבן!...

נאָר אָט אַזוי אינמיטן בעסטן פֿילאָזאָפֿירן און שיטן מיט געבילדעטע ווערטער, האָט מען אָנגעקלאַפּט. אויף דניאלס ענטפֿער, האָט זיך די טיר געעפֿנט, און עמעץ איז אַרײַנגעקומען.

ס'איז אַ נישט־זעלטענע זאַך, עמעץ פֿון דניאלס שכנים זאָל וועגן עפּעס צו אים אַרײַנקומען. איצט איז עס געווען יאַדוויגאַ, דער ברוקירעריגס טאָכטער. זי איז אַרײַנגעקומען פֿרעגן, צי ער, דער שכן, קאָן איר נישט באָרגן אַ פּאָר קילאָ קוילן אײַנצוהייצן, זי האָט זיך באַלד דערוועגן מיטגעברענגט אַ קויבער, אין וואָס די קוילן אַרײַנצונעמען. אָבער אויף דעם גאַסט — שטאָקפּיש — האָט דעם מיידלס אַרײַנקומען אויסטערליש געווירקט. ער האָט אָפּגעהאַקט אינמיטן דעם געבילדעטן שמועס, זיך ראַפּטום אַ כאַפּ־געטון פֿון אָרט, זיך גלײַכגעמאַכט די ברילן אויף די אויגן, צוגעגאַנגען האַרט צו איר, מיט די קורצזיכטיקע אויגן איר פֿון גאָר נאָענט גענוי און שטאַרק אַ בליק־געטון אין די אויגן, מיט אַ באַזונדער מין קוק, דערנאָך האָבן זײַנע בולטע אויגן הינטער די גלעזער אַ בלאָנדזשע־געטון מיט אַ פֿרעג אין דניאלס זײַט, ווי זיי, די אויגן, וואָלטן אים געפֿרעגט, ווער און וואָס די איז. דניאלן האָט דאָס פֿאַרדראָסן, אָבער ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון. ער האָט בלויז פֿאַראיבלדיק געשוויגן. יענער, אָבער, האָט אין איין רגע אָנגענומען אַ מין גראַציעזע האַלטונג: ער האָט מעשה־עלעגאַנט זיך אַ בייג־געטון פֿאַר דעם שיקסל, זיך פֿאָרגעשטעלט אויף פּויליש, אַלס אַנגעזעענער סוחר אין שטאָט, און מיטאַמאָל אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ טעוועלע שאָקאָלאַד און עס איר גרויסאַרטיק דערלאַנגט:

— פּראָשען, זאָל די פּאַניענקע מיר טון די געפֿעליקייט.

דאָס שיקסל האָט געקוקט מיט מבולבלע אויגן, געקוקט אַמאָל אויף דעמדאָזיקן און אַ רגע אויף דניאלן, און נאָר פֿון צעטומלטקייט, מוז זיין, האָט זי פֿון יענעמס האַנט גענומען דאָס טעוועלע שאָקאָלאַד, געהאַלטן עס אין האַנט מיט אַ מינע, ווי מ׳טוט איינעם אַ געפֿעליקייט און מ׳נעמט אים אויף אַ רגע עפּעס פֿון דער האַנט, ווייל יענער האָט געבעטן.

איצט איז געקומען די מינוט, דניאל זאָל זיך אָנרופֿן מיט אַ וואָרט וועגן דעם, וואָס אין זיין שטוב דערלויבט זיך עמעץ אויף אָנקניפּן אַזעלכע גאַסיקע באַקאַנטשאַפֿטן.

דערדאָזיקער שטאָקפּיש, מוז אָבער זיין, האָט מיטאַמאָל פֿאַרגעסן, אַז ער איז דאָ געזעסן אָנדערהאַלבן זייגערנע שעהן און אַרויסגעפּאַקט פֿון זיך כלערליי פּלוידערייען, — ער האָט, ווי אין אַן אַכסניה, אַ כאַפּ-געטון זיין הוט, אויפֿדערגיך, ווי ביים אָנרייכערן ביי עמעצן אין גאַס אַ פּאַפּיראָס, אַ גריס-געטון און אַרויסגעגאַנגען.

נאָך זיין אַרויסגיין האָט דאָס שיקסל נאָכאַמאָל אַ קוק-געטון אויף דניאלן, ווי זי וואָלט אים געפֿרעגט מיטן בליק, ווער דער איז און פֿאַרוואָס ער האָט איר דאָס געגעבן. דניאל האָט איר דערויף געענטפֿערט נישט מיט ווערטער, נאָר מיט אַ ציי די פּלייצעס און אַ שמייכל, — אַ שמייכל, וואָס האָט מער גערעדט, ווי ווערטער, אַז ער ווייסט אויך נישט און ט׳איז עפּעס אַ פּגע-רע, ווער קאָן אים און ווער ווייס אים.

דאָס שיקסל יאַדוויגאַ האָט דערווייל אַריינגעלייגט אין קערבל די עטלעכע שטיק קוילן. זי האָט דערנאָך אָפּגעווישט די הענט אָנם פֿאַרטוך, געזאָגט, אַז ווי נאָר זיי וועלן קיפּן ברענעכטס, וועט זי צוריקברענגען, און אַרויסגעגאַנגען. ערשט היפּשלעך שפּעטער האָט דניאל דערזען, אַז דאָס שטיקל שאָקאָלאַד איז איבערגעבליבן אויפֿן טיש.

נאָך יאַדוויגאַס אַרויסגיין, האָט דניאל גענומען אָנצינדן די לאָמפּ. פֿון דעם מאָדנעם פֿאַרשוין, וואָס איז דאָ געווען און פֿון זיין פּלוידעריי, האָט ער שוין לגמרי נישט געטראַכט. אַזוי

פֿון אים, ווי פֿון זײַנע שמועסן—איז אים אין קאָפּ שוין גאָרנישט געבליבן.

אינמיטן אָנצינדן די לאָמפּ, האָט דניאלס אויער פֿאַרנומען פֿונדרויסן הינטער דער טיר עפּעס אַ שטיל פֿליסטערן פֿון צוויי פּערזאָן. ס'איז געווען לײַכט צו באַנעמען, אַז דאָס איז דער, וואָס איז ערשט דאָ געווען און—יאַדוויגאַ דער ברוקירערינס. — דאָס האָט געגעבן אַ שטויס אויף אַ רגע צו פֿאַרטראַכטן זיך און לײַכט אַ שמייכל צו טון.

אַ קורצע ווײַל האָט אָנגעהאַלטן דאָס פֿליסטערן, אָבער פּלוצלינג האָט אינדרויסן גענומען גיין דער שמועס הויך און העכער, — און מיטאַמאָל האָט אָפּגעהילכט אַ פּראַסק, ווי אַז מ'פֿאַרפֿאָרט עמעצן אין באַק. ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ געדרודער. אַרום האָבן זיך געעפֿנט טירן, און אַז דניאל האָט געעפֿנט זײַן טיר, אַרויסגעקוקט זען, וואָס עס איז געשען, איז דעם פֿאַרשוין שטאָקפּישס קאָפּעליוש געלעגן לעבן סאַמאַרינס טיר; געלעגן ווי אַן אַוועקגעוואָרפֿן טעפּל. ער אַליין, דער שטאָקפּיש, האָט געפּויזעט אויף דער ערד, כּמעט מיט דער נאָז געשאַרט איבער דער פּאָדלאָגע, זוכנדיק די אַראָפּגעפֿאַלענע ברילן. בײַ איר טיר איז געשטאַנען יאַדוויגאַ, נאָך מיטן קערבל קוילן, און געשיט פּעך-און-שוועבל אויף דעם חוצפּהדיקן זשיד, דעם נאַכאַל, און די סטעסען פֿון איר טיר און די סאַמאַרינען פֿון אירער, האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ. די סאַמאַרינען האָט פֿאַרלעצט געשאָקלט מיט איר קעפּל, דעם שעפּסענעם; די סטעסען האָט גערעדט שאַרף:

— וואָס איז דאָ, אַ מיידל-הוין? אַ באָרדעל? ווי האָט אַ מענטש די העזה?...

און די קרומרוקנדיקע ברוקירערין האָט געגוואַלדעוועט מיט איבערגעטריבענעם גרימצאָרן:

— יאַדוויגאַ, אַ טאָפּ קאָכנדיק וואַסער, וועל איך אים דעם קאָפּ אָפּבריען!...

און ער אַליין, דער שטאָקפּיש, באַטראַכטנדיק די ברילן אין דער ליכט פֿון אַ טיר-שפּאַלט, צי אַ גלעזל איז נישט גע-

פּלאַצט, האָט, ווי אַ געניטער אין אַזעלכע פאַלן, איינצייטיק אונטערטעניק און חוצפּהדיק זיך פאַרענטפערט:

— פאַרוואָס אָבער איז דאָס מיר געקומען? פאַרוואָס האָט עס די פּאַניצנקע געטון, פאַרוואָס?

און געצווונגען אונטערגעלאַכט:

— העע-העע-העע...

און דניאל טוב, דער ייד, האָט געפילט, ווי די שכנימס רעדן און זידלען באַציט זיך אַזוי גוט אויף אים, ווי אויף יענעם, אַז יענעמס שולד, איז פאַר די הויז-איינוווינער אויך זיין, דניאלס, שולד.

* *

*

דניאל איז אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג קויפן פאַרן פויגל קערנער.

דער שניי, אַן איינגעלייגטער, האָט געקוויטשעט אונטער די פיס-טריט. דער אינדערפרי, אַ פרעסטלדיקער, איז מיט ערשט-קוים-געעפנטע אויגן גראָ-ווייס און האַרט געהאָנגען אי-בער דער באַרג-געגנט. דער הימל אין מזרח האָט זיך געוויטלט אין שטייפן נעפל, דער וואַלד מיט פּראָסטיק-ווייס באַהויכטע, ווי באַהאָרטע צווייגן אין פראָנט — איז געשטאַנען פאַרשטאַרט און טויט, און אונטן אין טאָל, ביים ברונעלע, איז געשטאַנען דער אַלטער לעמקע איבערגעבויגן. ס'האָבן זיך אַרויסגעזען בלויז זיינע אויפגעהויבענע הענט אין שווערע פוטערנע הענטשקעס אָן פינגער. דידאָזיקע אומגעלומפּערטע בערישע הענט האָבן, ווי אַ פּלאָקן, געהאַלטן דאָס שטיק האָלץ פון די „שאָנדעס“, און פאַרמעסטנדיק זיך דערמיט געהאַקט אין אייז, וואָס האָט זיך איבער-נאַכט איבערגעצויגן אויפן וואַסער.

— אַך, דו שווייַן-הונט!... — וואָט ער איבערן פאַר-עקשנטן אייז געשריגן, ווי איבער אַ לעבעדיק באַשעפעניש, און פונדאָסניי גענומען דערין בויקערן.

אונטן — די פאָרשטאָט-גאַס האָט ערשט ווי זיך מיישב-

געווען, צי זי זאָל שוין אָנהייבן דעם נייעם טאָג. דאָס רוב געוועלבער זענען נאָך געווען פאַרמאַכט, אַ משוגענער שייגעץ איז געלאָפן איבער דער נאָך פוסטער ווינטער־גאַס, אַ באָרוועסער און האַלב־נאַקעטער, און מיט אַ מין הייליקן וועלפישן ברומען געשאָלטן, צי געזונגען; צוויי ווייבער האָבן זיך אויפן קול איבערגעוואָרטלט איבער דער ברייט גאַס, יעדע פון איר הויז. די קעפ מיט די מיילער האָבן זיך נישט געזען, נאָר די איבערנאַכט־אויסגערוטע „שרייערס" זייערע — האָבן געהילכט אין דער פראָסטלדיקער לופט; אַ יינג אויסגעפוצט בחורל, קענטיק אַ בעוראַליסט, מיט אַ פיין שטעקעלע אין האַנט, האָט געאיילט צום אויסבייג, ווו די בריק געפינט זיך — מסתמא אין שטאָט אויפן פּאָסטן. און ביי אַ האַלב־געעפנטער יאַטקע זענען געשטאַנען צוויי הינט — אַ שוואַרצער, אַ גרויסער נענטער, און אַ קלענערער, אַ ווייסער, אַביסל ווייטער; געשטאַנען מיט אויסגעצויגענע העלזער און אויף די שפּיץ פיס, גרייט ביי דער ערשטער סכנה צו מאַכן „מיק", מיט בעטלעריש־לעכצנדיקע אויגן געקוקט אַריין צום אויפגעהאָנגענעם געשאָכטענעם קאַלב מיטן קאָפּ אַראָפּ, וואָס ס'בלוט איז אים נאָך שנירלעכווייז געראָנען איבער דעם פייכטן פּיסק מיט דער פאַרשטאַרטער צונג אַרויסגעשטעקט צווישן די טויטע מילך־ציין... די הינט האָבן געקוקט אַהין מיט זשעדנע אויגן, געגעצנדיק זיך באַלעקט, און פון אַ פאָדערהויז־אַרויס האָט אַ פאַרפעדערטער קאָפּ פון אַ יידענע נאָכגעשריגן אַ ייד אין אַ שוין גאָר־אָפּגעטראָגענעם נגידישן פעלץ און צעלאַטשטע קאַלאָשן:

— מענדל־מאיר־יויקל, ריצר דיך אַביסל, געשווינדער!...

דאָס געוועלב, ווו דניאל קויפט די קערנער איז נאָך געווען פאַרמאַכט. דניאלן איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן צו מאַכן אַ שטיקל שפּאַציר מיטן ברעג טייך, אַראָפּ, פאַרביי דער דאַמףמיל. ער האָט אַזוי שפּאַצירט אַלץ ווייטער־און־ווייטער אַן ערך אַ שעה צייט. דערנאָך, ווען ער איז מיט די געקויפטע זשאַרנעס אין אַ פּאַפּירן טאָרבעלע צוריק אַהיימגעגאַנגען, האָט ער ביים אָנהייב באַרג אין איינגעפרוירענעם זאַמד געטראָפן דאָס

בלאָנדהאָריקע, בלוי-אויגיקע מיידל וואַנדאַ. זי האָט, ווייזט-אויס, זיך אָפּגערוט, און לעבן איר איז געלעגן אַ היפּשלעך שווער בינטל האָלץ, וואָס זי האָט, מסתמא, געבראַנגט פון אַ געוועלב און געוואָלט עס אַרויפטראָגן אַהיים.

מיט דעם מיידל איז דניאל אַביסל באַקאַנט. עטלעכע מאָל איז זי שוין געווען ביי אים אין שטוב. ווי געוויינלעך, די הויז-איינוווינער, אַז זיי דאַרפן עפּעס, מוזן זיי נעמען איי-נער פון אַנדערן, ווייל ס'איז ווייט און שווער אַראָפּצוגיין אין געוועלב. — אַ צוויי מאָל איז שוין אויך דניאל געווען ביי איר אין שטוב, — איינמאָל, ווען איר קרובה איז געהאַט אַוועק-געפאַלן אין אַ מיטן-טאָג און מ'האָט זי געמוזט מינטערן, און אין הויז איז פונקט נישט געווען מער קיין מאַנסביל, ווי דניאל און דער אַלטער לעמקע. איצט איז זי דאָ געשטאַנען אָנגעלענט מיטן רוקן אָן אַ בוים, אַ ווייס וואָליטשקען טיכל איבערגעוואָרפן איבער די דינע פּלייצעס, די צוגעשוירענע בלאָנדע האָר אַביסל צעשויבערט, וואָס דאָס האָט איר נאָך מער חן צוגעגעבן; אויף די הענט — דינע טריקאָטענע הענטשקעס, — און זי האָט קענ-טיק דאָ זיך אָפּגעשטעלט, אום צו האָבן כוח אַרויפצושלעפּן דעם היפּשלעכן פּאַק האָלץ אויפן באַרג — צו זיך אַהיים.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געגריסט און געוווּנדערט זיך, אַז זי מאַכט זיך אַזעלכע שוועריקייטן וועגן אַביסל האָלץ, ווען זי קאָן אין וואַלד צו יעדער צייט אָנקלייבן טרוקענע צווייגן.

— אָבער דאָרט איז דאָך איצט אָנגעשנייט, — דערווי-דערט זי.

— אַביסל טיפער אין וואַלד איז נאָכנישט אָנגעשנייט, — האַלט ער זיך ביי דאָס-זייניקע און זאָגט, אַז לויט אים, איז יעדנפאַלס לייכטער צו ברענגען אַביסל האָלץ פון וואַלד, ווי אַראָפּצוגיין פון באַרג און אַרויפשלעפּן.

— דאָס איז אמת, — זאָגט זי און ציט הויך אָפּ דעם אָטעם, — אָבער אין וואַלד טאָר מען נישט קלייבן, ס'איז פאַר-באָטן.

— פונדעסטוועגן נעמט דאָס גאַנצע הויז האָלץ פון וואַלד.

אַפילו ער, דניאל אַליין, ברענגט זיך אויך פון דאָרט צוביסלעך.

זי קוקט אים אַ ווײַלע אָן. אירע אויגן זענען בלאָ און די ברעמען טונקל. פון פראָסט איז איר ס'פנים רויטלעך, אויף די שלייפן ציטערן איר דינע אָדערלעך. זי קוקט אים אַ ווײַלע אין פנים און זאָגט שטיל, שעמעוודיק:

— פאַניע, איך וויל מיך נישט פאַר אײַך אַרויסשטעלן מיט פחדנות, אָבער דעם אמת געזאָגט, האָב איך שטאַרק מורא פאַרן „באַראָווי", אַז איך דערהער נאָר פונדערווײַטנס בילן זײַן הונט, ווער איך שוין דערשראָקן.

דניאל טוט אַ קוק אויף איר. איר גאַנצע דינע פיגור און אײַדל אויסזען איז נישט אַזאַ, וואָס זאָל זיך קאָנען שטעלן אויסטענהן מיטן פויער, — דעם וואַלד-וועכטער, למשל — ווי די רוסישע, אָדער ווי די סטעסען, צי אַפילו ווי די קרומרוקנדיקע ברוקירערין, וואָס קושט דעם וועכטער די הענט, אָדער די סאַמאַרינען, וואָס אַז ער כאַפּט זי, צעוויינט זי זיך ווי אַ קינד, אַז מ'כאַפּט אים עפּעס אַוועק. — ניין, זי, דערקענט מען, איז אַן אַנדערע. דניאלן גיט מיטאַמאָל אַ ציי צו אָט דעם פּיינעם קריסטלעכן מיידל... און געמיט נעמט אים קלאַפּן אַ וואַרעמע סטרונע. ער איז צופרידן, וואָס ער האָט זי איצט געטראָפן און וועט איצט מיט איר צוזאַמען אַרויפגיין, און וועט איר העלפן אַרויפנעמען דאָס בינטל האָלץ. און נאָר פון פלוצלינג-באַפאַלענער הייטערקייט — רופט ער זיך אָן און רעדט שוין די גאַנצע צייט צו איר מיט אָט דערדאָזיקער וואַרעמער הייטערקייט. אָט, פונקט ווי אַז מ'טרינקט אונטערוועגס ערגעץ אומגעריכט אַ גלאָז גוטע שמעקעדיקע טיי אין אַ ווינטערדיקן טאָג, נאָך לאַנג אויספרירן זיך, — אין אַ וואַרעמער פרײַנטלעכער שטוב.

— אָבער אַזוי פרי שוין אַראָפּגעגאַנגען קויפן. זי, זײַן יינגע שכנטע, מוז אַפנים געכטן אָוונט זיין געגאַנגען זייער פרי שלאָפן, מיט די הינער צוגראָד.

— אָ, ניין, — ענטפערט זי אויך הייטערער, — נעכטן איז זי דווקא זייער שפּעט געגאַנגען שלאָפן, זיבער שוין געווען

6. האַראָנטשיק, דאָס הויז אויפן באַרג.

נאָך האַלבער נאַכט. איר קרובה האָט נעכטן אַזאַ שלעכטן טאָג געהאַט, האָט זי...

— און אַזוי אַליין געזעסן? — פרעגט ער און אים ווילט זיך, זי זאָל זאָגן, אַז יאָ, — זי איז געווען אַליין.

זי טרעפט אים טאַקע צו:

— יאָ, איינע אַליין מיט דער קראַנקער, אַפילו קיין בוך נישט געהאַט אַריינצוקוקן, און דאָ די נעכט זענען דאָך אַזוי שרעקלעך, ס'דאַכט זיך, אַז מ'איז איינע אַליין אויף דער וועלט און די שעהען ציען זיך לאַנג — ווי אַ יאָר.

דאָ רופט זיך דניאל אָן גלאַט-אַזוי:

— און איך בין נעכטן אויך אַזוי אַליין געווען אויבן ביי מיר אַ גאַנצן אָוונט, און זיך געלאַנגווייליקט.

אָט-אַזוי רופט ער זיך אָן, דנאיל, און דאָס איז טאַקע קיין ליגנט אויך נישט.

— וואָלט איר כאָטש אַביסל אַראָפגעקומען, — זאָגט זי פראָסט.

ער גיט איר שאַרפלעך אַ קוק אין פנים, צי זי מיינט עס ערנסט, אָבער אין איר פנים זעט זיך קיין שום שפּאַס נישט. איר פנים איז אָפן און שיין, און קוקט אים אין זיינעם, ווי אַ מענטש, וואָס איז איינזאַם און איז צופרידן מיט עמעצן אַביסל צו פלוידערן.

— ניין, — ענטפערט ער און שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ביי אַן אוממעגלעכער זאַך, — דאָס וואָלט איך נישט געוואַגט, סתם אַריינקומען מיט אַ וויזיט צו אַ מיידל...

זי מאַכט זיך גלייך די האָר ביי די אויערן און ענטפערט:

— איך בין נישט קיין מיידל, און אַחוץ דעם — איר וואָלט מיך נישט קאָמפּראָמיטירט, וואָס פאַלט אייך איין?

יאָ, אמת, זי איז נישט קיין מיידל, כאָטש קוקנדיק אויף איר איז עס שווער צו גלייבן; געהאַט שוין אַ מאַן...

— נאָר, — האַלט ער זיך ביי דאָס זייניקע, — אויסער דעם — וואָלט אים אויך שווער-געווען אַראָפצוגיין.

זי וויל דווקא וויסן פאַרוואָס.

ער ענטפערט נישט באַלד, עס טוט אים שוין אַביסל באַנג, צו-וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, ס׳ווילט זיך אים נישט מיט איר ברוגז-ווערן, נאָר אַז זי פרעגט עס איבער, זאָגט ער לסוף:

— אייער קרובה, רעכן איך, וואָלט נישט אַזוי אַנטציקט-געווען, אַ ייד זאָל צו איר אַרייַנקומען מיט אַ וויזיט.

דערויף ענטפערט זי נישט באַלד, אַ ווייל רויטלט זי זיך פון זיין דרייסטקייט אַנצורירן דידאָזיקע אַנגעווייטיקטע פראַגע — קוקט אים אָן, ווי געפּלעפט, נאָר דערנאָך זאָגט זי: — זי וויל איצט נישט רעדן וועגן איר קרובה, צי זי האָט יאָ, צי נישט ליב יידן — כאָטש ער דאַרף וויסן, אַז נישט בוכשטעבלעך אַלע אָן אויסנאַם פּאָליאַקן האָבן נישט ליב יידן — זי וויל נאָר אָט-וואָס זאָגן:

— קלויבן אָדער בראַקירן מענטשן, קאָן מען נישט אין אָט-אַזאַ העק. דאָ איז מען צופרידן, אַז עמעץ קומט-אַרייַן, איידער צו זיצן גאַנצע טעג אַליין.

— אָבער דאָ וווינען דאָך היפּשלעך קריסטן, — זאָגט ער שוין מיט אַ קאַפּ איראָניע, ווייל דערדאָזיקער שמועס מאַכט אים אַביסל צערייצט.

דאָ אָבער קומט זי שוין אויך אַביסל אַרויס פון גלייכגעוויכט:

— אַך! — שרייט זי שיער אויס מיט האַרץ. — רעדט שוין בעסער נישט פון די, וואָס וווינען דאָ! מיט זייערע „פּליאָטקעס” און מיט זייערע מעשׂיות טוען זיי דער קראַנקער זיכער קיין טובה נישט. און נאָר הינטער אונזער פענסטער אָדער אין הויז לעבן דער טיר שמועסן זיי עס זיך אָדורך, מ׳זאָל דרינען הערן.

— פאַרוואָס טוען זיי אייך דאָס? — פרעגט דניאל.

— ווער ווייסט זיי! אפשר ווייל מיין קרובה האָט זיי ביים ערשטן מאָל נישט געבעטן נאָך צו קומען. נאָר זאָל דער פאַן מיר גלייבן זיכער, דאָס איז נישט בלויז אַ קאַפּריז פון

דער קראַנקער — זי זאָגט, אַז זיי ברענגען מיט זיך אַזאַ לופט, וואָס שטיקט זי, און זי, מוז דער פאַן וויסן, ליידט אויף לונגען.

— זיי לעבן זייער אָרים, — פאַרענטפערט דניאל זיינע שכנים, — זיי הונגערן פראָסט.

איצט שווייגן זיי אַ ווייל, זיי גייען שוין אַהיים. דניאל טראָגט איר בינטל־האָלץ. אויפן באַרג איז גליטשיק, און מען מוז זייער פאָרזיכטיק זיין ביים אַרויפגיין. דאָס מיידל גייט לעבן דניאלן. איר גאַנג איז גלייך, שיין, איר וווקס — דין און די פיס ווי געטאָקט. אים, דעם אייביק דאָ איינזאַמען, באַנעמט מיט אַמאָל אַ הייסע פרייד פון וועגן זיין דערלעבן־גייערין, אין אים אינעווייניק גייט אַ וואַרעמקייט אויף־און־אָפּ, שטאַרק און שטאַרקער, אַזש די אויגן קוקן ליכטיקער, און דער אָטעם גייט לעבעדיקער, ער גיט אַ קוק פאַר זיך פאָרויס, און ער טוט פלומרשט גלייכגילטיק אַ פרעג:

— און היינט, ווי פילט זיך די קרובה?

— אָ, היינט איז איר בעסער, אַ סך בעסער, — און זי גיט־צו, — דאָס איז אַן אויסטערלישע קרענק: נעכטן איז זי געווען האַלב־טויט, און היינט האָט זי זיך אָנגעטון, האָט געגעסן, און פילט זיך געזונט.

— אַזוי! — רופט דניאל אויס. ער טוט אַ קוק: זיי זענען שוין באַלד אויפן באַרג. עס זעען זיך שוין די שפיצן ביימער פון וואַלד, און אָט זעט זיך אויך דאָס רויטע הויז אויפן שפיץ־באַרג. איצט זעט עס זיך פון אַ זייט, — אַ שטיקל שפיציקן דאַך מיט איין קוימען, פון וועלכן עס שלענגלט זיך אַ רויכל צום ווייסן ווינטערדיקן הימל. אים גיט פלוצלינג אַ כוואַליע אַ שלאָג־צו צום האַרץ, ווי אַ שיכּרות:

— אַזוי! — ריפט ער נאָכאַמאָל אויס, און אָנקוקנדיק זיין באַגלייטערין מיט אַ צעשטראַלטן בליק, רופט ער זיך אָן געהאַמעוועט:

— איצט דערוועג איך מיך שוין אייך פאָרצולייגן, אפשר

וואָלטן מיר היינט אין אָוונט אַביסל אָט-דאָ אַרום וואַלד אַרומ-געקראָכן, איך דערדרייסט מיך...

און אַז זי ענטפערט נישט באַלד, קוקט ער זי אָן, זי זעט-אויס פאַרטראַכט, ער חזרט-איבער:

— אָט דאָ אַזוי, כאָטש — איינמאָל אַהין און צוריק, יאָ, אויב איר באַשטייט...

זי רופט זיך אָן:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — ווייט פון הויז קאָן איך נישט. איר ווייסט דאָך, איך בין, אַזוי-צו-זאָגן, אַ קראַנקן-פלעגערין, נאָר צו אייך אַרויפקומען אַביסל, אויב איר דער-לויבט.

— הע, — ער בלייבט שטום אויף אַ רגע, אום גלייך דערויף מיט קוראַזש אויסצושרייען:

— צי איך דערלויב!? — שרייט ער אויס און צעלאַכט זיך — צי איך דערלויב? — חזרט ער איבער. — האַ-האַ!... דאָס איז גוט! איך לייג אייך פאָר, און איר פרעגט, צי איך דער-לויב... פריילין, ניין, אַנטשולדיקט — פאַני — איך ווייס נאָך נישט אייער פאַמיליע-נאָמען — דערלויבט אייך אָנצורופן אויפן נאָמען — זאָג איך — פאַני — פאַני וואַנדאַ, איר מעגט צו מיר קומען ווען נאָר איר ווילט, אָט האָט איר מיין שליסל, זאָל ער אייערער זיין, אינגאַנצן אייערער, און אויב איר ווילט — וואַרף איך אים אַוועק, וואָס טויג מיר אייגנטלעך אַ שליסל, ביי מיר איז נישטאָ וואָס צו גנבעווען, און אַז יאָ, — אַרט מיך אויך נישט... אָבער גיט-נאָר אַ קוק, דער הימל קלערט זיך אויס און די ביימער דאָרט — עפּעס אַזוי צאַרט שטיל שטייען זיי... — נאָר פלוצלינג טוט ער זיך אַ כאַפּ, אַז ער פּלאַפּלט ווי אַ שיכורער, אָדער משוגענער. דער קאָפּ זינקט אים אַראָפּ. ער דערוועגט זיך נישט אַ בליק צו טון אויף זיין דערלעבן-גייערין, אָבער ער האַלט נישט אויס, — פון דער זייט, ווי אַ פאַרשולדיקט יינגל, וואַרפט ער אַ קוק, נאָר, ווען ער ריכט זיך צו דערזען אַ שפּאָטיש אָדער דערשראָקן פנים, ווי מ'קוקט אויף אַ נישט-נאָרמאַלן — דערזעט

ער אַ וואַרעם שמייכלדיק פּנים מיט ליכטיקע בלאָע אויגן,
און — צי ווייל זי האָט זיך אַ גליטש-אויס-געטון, צי גלאַט-
אַזוי — זי האָט אים אויף אַ מינוטקעלע אָנגערירט ביים אָרעם
און שטיל היימישלעך זיך אָנגערופן:

— נו, גוטער שכן, מיר זענען שוין אָנגעקומען, איר
קאָנט שוין אָפּלייגן דעם פּאַק האָלץ, אַ דאַנק אייך, און ווונ-
דערט אייך נישט, און טייטשט נישט שלעכט אויס, אויב אַזאַ
פרוי ווי איך וועל מיך אויף אַ ווייל וועלן צעשטרייען און
אַביסל אַרויפקומען צו אייך.

* *
*

יענעם טאָג האָט דניאל טוב אָנגעהויבן צו שרייבן זיין
ווערק, אַזוי-ווי ער האָט עס פאַרטראַכט אָנצוהייבן פונדאָס-
ניי. ער האָט עס איצט אָנגעהויבן אויף גאָר אַן אַנדערער אָרט,
ווי עס איז געווען פריער, עפּעס גאָר נייע געדאַנקען און
פאָרשטעלונגען האָבן זיך דעם טאָג אין אים געראָיעט, ער איז
אַ גאַנצן טאָג געזעסן ביים טיש, געשריבן בלעטל נאָך בלעטל.
די געדאַנקען זענען געפלויגן, און דער מוח האָט געאַרבעט,
ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל מיט אומאויפהערלעכע בליצן און
איינפאַלן, אַז עס האָט זיך אַלע ווײַלע געוואָלט אויסשרייען
פון אַנטציקונג. ער האָט געאַרבעט — אַפילו פאַרגעסן אַראָפּצו-
גיין עסן. די לעמקען האָט אומאויפהערלעך געקלאַפּט מיטן
שטיק האָלץ ביי זיך אָן סופית, רופנדיק אים אַראָפּצוקומען
עסן.

ער האָט געאַרבעט, און דאָך איז אין זיין מוח פריי-
געווען איין ווינקעלע, וואָס דאָרט האָט זיין שאַפן נישט עק-
זיסטירט: דאָרט, אין יענעם ווינקעלע, האָט געהערשט זי —
דאָס קריסטלעכע מיידל וואַנדאַ, און דאָרט, אין יענעם ווינקע-
לע מוח, האָט נאָכאַנאַנד, ווי בליצן אויפגעלויכטן:

— „זי וועט קומען, קומען“... —

און אָט די פרעמדלעכע בליצן האָבן נישט גאָר נישט געשטערט
דאָס שאַפן, נאָר — נאָך געגערט עס, ווי אייל גערט פייער.

VIII קאַפּיטל

שנייען האָבן זיך געמערט, פרעסט האָבן זיך געשטאַרקט. אַראָפּ פון באַרג — פון ביידע זייטן וועג אויף די ביימער זענען אויף די פאַרשנייטע צווייגן געזעסן פאַרהונגערטע, פאַרפרוירענע קראָען, געזעסן אַזוי לאַנג, ביז אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט איז אַ קראָ פון בוים אַראָפּגעפאַלן.

אינדערפרי איז אונטער יעדן בוים געלעגן אַ קראָ אָדער מער, געלעגן שטייף, טויט, מיט דעם העלן פעדערדיקן בייכל אַרויף, מיט די צוויי פיסלעך אינדערהייך, און דאָס קעפּל מיטן רויבערישן שנאָבל אַוועקגעבויגן אין שניי אַריין, ווי זי וואָלט אַלדאָס-בייזע איצט געוואָלט באַהאַלטן און נאָר דאָס רחמנות-דיקע אַרויסשטעלן פאַר דער אַכזריותדיקער וועלט...

אין הויז איז איצט געווען שטיל. זעלטן האָט זיך אַ טיר געעפנט, אַפילו קיין קולות האָבן זיך נישט געהערט, ווי די מענטשן אין די שטובן וואָלטן פאַרפרוירן-געווען... דער ווינט האָט שוין אַ צייט געיאָגט פון צפון-מזרח-זייט, ווו דער ברייטער וואַלד-טראַקט געפינט זיך.

אַז דער ווינט גייט פון יענער ריכטונג, יאָגט ער צוריק דעם רויך פון דער סטעטענס קוימען. די סטעטען האָט דע-מאָלט נישט נאָר נישט געקאָנט הייצן, נאָר עס האָט נאָך צו איר אין שטוב צוריקגעיאָגט דעם רויך פון די, וואָס האָבן געוווינט אונטער איר, — האָט זי דערפאַר געשאָלטן מיט טויטע קללות די עבידערין, וואָס וווינט אונטער איר, זי האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעשמועסט מיט דער רוסישער, איר דעם קוימען

צו פאַרשטאָפּן... נאָר סטעסע — ער איז עס געוואָר-געוואָרן פון די קינדער און עס איז נישט געוואָרן דערפון.

ביי דער ברוקירערין קאָן מען יאָ איצט הייצן. אַדרבא! אַז דער ווינט איז פאַר דער סטעסען שלעכט, איז ער פאַר איר קוימען — וואָס געפינט זיך אין דער קעגנאיבערדיקער ריכטונג — דווקא יאָ גוט, ביי איר ברענט דעמאָלט אויסגעצייכנט! האָט זי אָבער נישט וואָס צו ברענען. ביים וואַלדוועכטער האָט זי נישט מיט וואָס אויסצונעמען, לאָזט ער זי נישט קלויבן, איז אין שטיבל ביי איר קאַלט, אַז וועלף צו טרייבן. ליגן זיי גאַנצע טעג אין בעט צוגעדעקט מיט אַלעם, וואָס אין שטוב געפינט זיך נאָר. אין בעט איז זיי פאָרט וואַרעמער, און נאָר אַז זיגמונט — דער זון — קומט-אַהיים און ברענגט עפּעס צום איבערבייסן, קריכט די מוטער מיט דער טאָכטער אויף אַ ווייל אַראָפּ פון געלעגער.

אונטן ביי לעמקען איז יאָ וואַרעם, און שטאַרק וואַרעם, אָבער נאָר אין קיך. אין שטוב איז קאַלט, ווי אויבן ביי דער ברוקירערין. די לעמקען פאַרגינט זיך נישט דרינען צו הייצן. נאָר איידער זיי גייען אַהין אַריין שלאָפן, וואַרעמט זי אויס צוויי שטיינער אין פייער, וויקלט זיי איין אין שמאַטעס און לייגט זיי צופוסנס אין בעט, זיך די פיס צו דערוואַרעמען. אַנומלטן זענען די שטיינער געווען צו-הייס, האָט גענומען ברענען ס׳בעטגעוואַנט, ס׳בעט אַליין אויך, און ס׳איז אין הויז שיער נישט אויסגעבראָכן אַ שרפה.

אַז דניאל קומט אין אָוונט אַראָפּ עסן, טרעפט ער אָוונט-ביי-אָוונט דאָסזעלבע; נאָך הינטער דער טיר ווייסט ער שוין, ווי עס וועט אויסזען. ער ווייסט אויך, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן און די אַנדערע וואָך, וועט אַלץ אַזוי אויסזען. אין קיך איז הייס, אַז קיין פאַרע זעט זיך נישט. די לעמקען, אָנגעפּעלצט אין דער שוין געלער פלישענער יאַקע, און צוויי טיכלעך אויפן קאָפּ — איינס אַ ווייס אַרומגעבונדן, און איינס אַ טונקלס אַ גרעסערס דערויף, — זיצט אויף איר בענקל, און פּרעפּלט צו זיך אומזיניקע נאַרישקייטן. דער אַלטער אויף אַ צווייט בענקל זיצט לעבן דער קיך, וואַרעמט-זיך פון הנאה-וועגן שפּענד-

לעך צום פייער און קוקט, ווי זיי ברענען-אויס. טיילמאָל האָט די אַלטע אָפּ פון אירע משוגענע פלאַפּלערייען און זאָגט אים אַ בשורה:

— אַלטער, היינט וועסטו האָבן צום נאַכט-עסן שפּעק צום ברויט.

דאָס פריידט דעם אַלטן, ווייל געוויינלעך עסט ער און זי טרוקן ברויט, ווייל די קי מעלקן זיך איצט קנאַפּ, פּוטער איז דאָ ווייניק, לאָזט מען זי בלויז פאַרן קעסט-עסער, וואָס באַצאָלט, און זיי — די צוויי אַלטע — קייען טרוקן ברויט מיט שוואַרצע קאַווע, — היינט אָבער וועט זיין חזיר-שמאַלץ, וואָס זי האָט געקויפט אונטן אין יאַטקע.

די אַלטע — נאָכן זיצן שטהנווייז אויף איין אָרט — הויבט זיך אויף, גייט אָנגרייטן עסן. דער אַלטער ווערט מיטאַמאָל רעדעוודיק:

— אַמאָל, יאָ, שוין לאַנג צוריק אין אַ ווינטער, אין פּונקט אַזאַ פראָסט ווי היינט...

גייט דאָ אַ משה ווי איינמאָל, ווען ער איז יינגערהייט געפאָרן מיט אַ פראַכט-דאַמפער, געבליבן איינגעפרוירן אין וועג, נישט ווייט פון אַ דאָרף... און דאָ דערציילט ער גענוי, ווי ער האָט דעם גאַנצן ווינטער געוווינט מיט נאָך איינעם אויפן איינגעפרוירענעם טייך, אין דאַמפער, ווי גוט און פריילעך ס'האָט זיך אים דעמאָלט געלעבט...

— אַך, די יוגנט! דאָס בחורישע לעבן, — זיפצט ער.

די מעשה האָט שוין דניאל אַ סך מאָל געהערט. נאָר דעם אַלטן, מוז זיין, דינט שוין נישט דער זכרון, און ער דערציילט זי אַלץ ווידער.

האָט אָבער גראָד די אַלטע אַ קלאָרערע מינוט, און זי האָט פּונקט אויפגעכאַפּט אַ פּאָר ווערטער פון דעם, וואָס ער דערציילט פון אַמאָל — ווערט זי בייז, ווייל זי ווייסט, אַז זיין דערעיקר-הוליען דעמאָלט איז געווען — ווייבער... ווערט זי היינט אייפערזיכטיק אויף דעם, וואָס ער האָט געטון מיט איבער פופציק יאָר צוריק, איידער ער האָט זי נאָך געקענט;

טוט זי, אים אויף צו להכעיס, אויף דערגיך אַ באַגראָב ערגעץ אין אַ לאָך דאָס חזיר־שמאַליץ, און טוט אים צו וויסן מיט ווילד־צעבליצטע אויגן:

— אַלטער זינדער! נישטאָ שוין קיין שפּעק, פּאַרגיצט, נישטאָ!

*　　*

*

פאַר די שווער־פאַרפרוירענע שויבן רוקן זיך גראָע איינטעניקע טעג. איינמאָל ווען דניאל איז אויפגעקומען אינדערפרי, האָט זיך געהערט פון וואַלד קנאַלן, ווי שאָסן. ס'איז אים קלאָר־געוואָרן, אַז דאָס לייגט מען אין וואַלד ביימער; דעם גאַנצן טאָג זענען דעמאָלט פורן געפאָרן אין וואַלד אַריין. סוחרים און „מענטשן" האָבן געאײַלט אַהין־און־צוריק צו פיס, און אויף דראָשקעס, ווי אויף אַ יאַריד.

דעם צווייטן טאָג אינדערפרי, האָבן זיך די קנאַלן מער נישט געהערט. נאָר די קראָען זענען מיט געשרייען געפלויגן אַהין־און־צוריק מיט פיצלעך קאָרע אין די שנעבל — אַפּנים פון הונגער, עס געוואָלט פרוּוון עסן. די הויז־איינוווינער האָבן געמעכיעט, געשלעפּט פון וואַלד אָפּגעהאַקטע צווייגן און שפּענער. נאָכן אָנבייסן, ווען דניאל איז אַרויסגעגאַנגען פון לעמקען, געוואָלט אַריינגיין אין הויז פון דער צווייטער זייט צו זיך אַרויף, האָט אים פלוצלינג אָפּגעשטעלט די שניידערין, און גענומען אויפגערעגט פאַר אים זיך באַקלאָגן, מאַכנדיק מיט די מאָגערע לויזע הענט, און קליינעם קעפּל מיטן שפּיציקן רויטן נעזל:

— אַז דאָס זענען פשוטע באַנדיטן! מיר האָט דער כראַביע דער פריץ איבערגעגעבן צוצונעמען די צווייגן־און־שפּענער, נאָר וואָס קאָן איך טון! אָט, נאַ, זעט!.. — האָט זי אָנגעוויזן ווי די איינוווינער האָבן געשלעפּט אויף די פּלייצעס, און אין די הענט פּעק האָלץ פון וואַלד.

זי האָט אַלץ העכער און אויפגערעגטער געשריגן. אַז דניאל האָט זיך פון איר אָוועקגעדרייט, האָט זי דאָס געשריגן

סתּם אין דער לופט אַריין און אַלץ בייזער, ווי אַ מענטש, וואָס מ'באַרויבט אים.

די סאַמאַרינען האָט אין מיטן וועג צום הויז-צו איבער-געלאָזט איר פּאַק, און איז אַנטלאָפן; די סטעסען האָט זיך באַהאַלטן הינטער דער וואַנט פון שייער; נאָר די רוסישע — אָזש מיט צוויי פּעק, איינס — צווייגן אויפן רוקן, און דאָס צווייטע — שפּענער אין אַ פלאַכטע — אין דער האַנט — איז איר אַקעגנגעגאַנגען, אויפנעמענדיק דעם קאַמף:

— דער פּריץ, דער כראַביע, — איז זי נאָכקרימענדיק איר אין פּנים געשפּרונגען, — פאַר-וואָס איז דאָס דער וואַלד דעם פּריצס, דעם כראַביעס? — ער האָט אים געפלאַנצט, ער האָט אים געהיטן?... ער האָט מיט די אייגענע הענט די ביימער געהאַקט?...

— ביי אונז איז, גאָט-צו-דאַנקען, נישט באָלשעוויע... — האָב די שניידערין דאָס שנעבעלע פאַרצויגן מיט עקל, און זיך פון איר אָוועקגעדרייט.

— באָלשעוויע איז נישט? — איז איר די רוסישע, ווי אַ צערייצטער הונט פאַרויס געשפּרונגען אין פּנים און זיך דאָס ברייטע קלייד אין די פּראָסטיק-רויטע הענט געדראַ"טן. — וואַרט נאָר, גוטע שוועסטער, צו דיין לעקן דעם פּריצס הינטערשטן וועט אויך אַ סוף-נעמען. ביי אונז האָבן נאָך גרעסערע פּריצים דערנאָך ביי די פּאַראָבקעס געלעקט. וואַרט נאָר, זיי וועלן דאָ אויך דערצו דערפירן...

אָבער די רוסישע, אַז זי צעברענט זיך, ווייסט זי נישט פון קיין מאָס. זי איז אין איין אָטעם אַרויף פון פּריץ אויף איר, דער „אַריסטאָקראַטין", וואָס דער פּריץ שיקט איר מתנות... אַזוי אַז די צניעותדיקע שניידערין איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין שטוב, און זיך דעם גאַנצן טאָג מער נישט אַרויסגעוויזן. די באַבעס האָבן טאַקע דערפאַר אָנגעברענגט האָלץ וויפל זייער האַרץ האָט געגלוסט, זיי האָבן זיך מיד-געש, עפּט, אָבער עס האָט געלוינט.

דעם אָוונט האָט פון אַלע קוימענס אַ רויך געוואַליעט. ביי דער ברוקירערין האָט מען פון גרויס חמימה אָזש די פענ-

סטער געמויזט עפּענען אויפֿן קנאַקעדיקן פראָסט. לעמקע האָט געברומט, אַז פון אַזאַ אָן-מאָסדיק ברענען, קאָן ווערן אַ שרפֿה. און דער עולם האָט אַלץ אויפסניי געפּאַקט אין די אויוונס, פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי האָבן געפרוירן.

אַזוי איז געווען דעם טאָג. אָבער צומאָרגנס איז געקומען דער עלטסטער וואַלד-וועכטער מיט צוויי פויערן און אַ פּאָליציאַנט: מ'האָט פון אַלע שטובן און פון די קאַמערן צוזאַמענגעשלעפּט די אָנגעטראָגענע צווייגן-און-שפּענער, דער פּאָליציאַנט האָט אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל פאַר גנבענען פון וואַלד — און דאָס צוזאַמענגעשלעפּטע אַריינגעלייגט צו דער שניידערין אין דער האָלץ-קאַמער. דאָס אַלץ איז געטון-געוואָרן פאַר דער שניידערין. זי אָבער, האָט דערצו קיין פינגער נישט צוגעלייגט; זי איז אַפילו נישט אַרויסגעגאַנגען פון איר שטוב. דעם שליסל פון דער האָלץ-קאַמער האָט אויך נישט זי אַרויסגעברענגט. דער וואַלד-וועכטער האָט געמוזט דערוועגן אַריינשיקן, און דערנאָך, ווען דאָס האָלץ איז שוין דרינען געווען, האָט ער דעם שליסל צוריק איר אַריינגעגעבן.

* * *

אין אַן אָוונט איינמאָל, איז וואַנדאַ אַרויפגעקומען, דערנאָך נאָכאַמאָל געקומען, און שפּעטער ווידעראַמאָל און ווידער— און יעדעס מאָל איז זיין האַרץ איר אַנטקעגנגעלאָפן. ביי איר אַריבערטרעטן די שוועל איז אין שטיבל ליכטיקער-געוואָרן. אַ צאַרטקייט האָט זי מיט זיך מיטגעברענגט, און דידאָזיקע צאַרטקייט איינדערלופט אַרום זיך געשפּרייט און איבערגעלאָזט נאָך אויף שעהן נאָך איר אַוועקגיין.

זי האָט זיך געזעצט. ער איז פאַר איר אויף די פיס געשטאַנען, ווייל די צעווירבלטע פרייד האָט אַזאַ שיכּרות אין אים צעזאָדן, אַז ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן און, — ווי אַ אויף אַ ווייל פון דער תּפֿיסה אַרויסגעפירטער, טראַכט מיט שרעק וועגן דער איינזאַמער קאַמער, וואָס יואַרט אויף אים, — אַזוי האָט אים באַנג-געטון פאַר די מינוטן, וואָס פאַרפליסן און זי וועט צוריק אַוועקגיין.

ביידע זענען זיי געווען איינזאַם און ביידע — יונג;

ביידע האָבן געזוכט דידאַזיקע צוזאַמענקומונגען, זיך געפריידט מיטאַנאַנד. די אָפּגעלעגענע איינזאַמקייט האָט זייער באַקאַנטשאַפט און פריינטשאַפט אַלץ ענגער און פריידיקער געשמידט.

און זי — זי איז דאָך געווען אַ קריסטין! אַ טאָכטער פון יענעם פאָלק, פאַר וועלכן זיינע, דניאלס, זיידעס און פאָטער — האָבן מורא-געהאַט; זיי דעם וועג אָפּגעטרעטן, געציטערט פאַר זייער חגא-טאָג, זיי אויסגעמיטן און — אין האַרץ — פאַראַכט...

אַלס קינד, איז דאָך דניאלס ערגסטע נאַכט געווען, אַז אים האָט זיך געחלומט פון גויים, פון צלמים, פון שקצים...

און זי — וואַנדאַ! — ער איז דאָך אַ ייד, אַ זשיד, איינער פון די, וועמען דיין פאָלק פאַראַכט און באַליידיקט, איבער וועמען דיינע גאַסן-יינגען מאַכן זיך פריילעך! וואָס איז עס געוואָרן פון דיר, שטאָלצע פוילישע טאָכטער? פאַרוואָס קומסטו מיט אַזאַ פריילעכן בליק אין זיין שטיבל? פאַרוואָס האַלטסטו קוים איין דיינע פיס, נישט אַזוי ווילד צו לויפן, אין דער קוים אויסגעוואַרטער מינוט, אין זיין שטוב אַרויף?

פאַרוואָס?

אָבער ניין, עס איז דאָך פשוט: זיי זענען יינג, עס ציט זיי איינעם צום אַנדערן. זיי האָבן זיך גערן און זיי זוכן זיך.

און אָט איז געקומען איינמאָל אַ העל-ליכטיקער לבנה-אָוונט. זיי זענען צוזאַמען אַראָפּגעגאַנגען אַביסל איבערגיין-זיך.

אין וואַלד איז געווען אָנגעשיט שניי, אומעטום שניי און שניי, גליטשיק... ווו ס'איז זיי שווער געווען אַליין צו גיין, האָבן זיי זיך ביי די הענט אָנגענומען, זיך געהאַלטן ביי די הענט, ווי צוויי קינדער. זיי האָבן געפלוידערט און געשמייכלט ווי קינדער.

— קאַלט? — פרעגט ער.

— ניין, אַ פיצל אויך נישט, — ענטפערט זי, און ביידע שמייכלען.

אָבער פאַר זיי — אַמאָל פון דער זייט און אַמאָל פון

דער צווייטער, איז געשטאַנען דאָס הויז. אין דער העל־לבנהדיקער נאַכט איז עס געלעגן ווי אַ שטיק שאָטן... אין אָט דעם הויז האָט גענעסטיקט דלות, נויט, אָרימקייט; ביין־בלוט און פאַרביטערטקייט צו יעדן פנים, וואָס האָט געוויזן אַ שמייכל. יעדעס מאָל, ווען זייער בליק האָט זיך באַגעגנט מיטן אין שאָטן־ליגנדיקן הויז, איז דער שמייכל אויף די ליפּן פאַרשטאַרט־געוואָרן, דאָס זאָרגלאָזע וואָרט אין מויל איז אָפּגעשטאָרבן, און ס'האָט זיך זיי נישט געוואָלט עמעץ פון הויז זאָל זיי באַגעגענען.

דערנאָך, אויבן אין דניאלס שטיבל, ווען וואַנדאַ האָט שוין געדאַרפט צוריק אַוועקגיין, האָט אים באַנג־געטון, און ער האָט גענישטערט ביי זיך אין קאָפּ עפּעס, מיט וואָס זי נאָך אַביסל אויפצוהאַלטן.

אויפהאַלטן! — אַלץ־איינס וועט די מינוט פון אַוועקגיין קומען, אַזוי זיכער, ווי דער מענטש מוז אַמאָל שטאַרבן, און מער ווי פאַרלענגערן אַביסל זיין דאָ־זיין קאָן מען נישט — אַזוי אויך וועט זי סיי־ווי באַלד אַוועקגיין, און אַלץ־איינס ווען — וועט עס אַלץ זיין שמערצלעך.

— וואַנדאַ, — ער פרעגט, ווען זיי וועלן זיך ווידער קאָנען זען.

— ווען? — פרעגט זי איבער און שווייגט, ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן, ווייל זי קאָן נישט וויסן, ווען זי וועט ווידער האָבן אַ פרייע שעה.

זיי שטייען איינער קעגן אַנדערן. איר מויל איז האַלבגעעפנט, די ליפּן רויט און פריש. ער קוקט איר אין פנים, זיינע אויגן קושן אירע ליפּן. זיינע אויגן מוזן איצט אַ זעלטענעם בליק האָבן, דערפון ווערן אויך אירע אויגן אַנדערש. צוויי פּאָר אויגן — טונקעלע יידישע, אַביסל אומעטיקע, אָנגעזאַפּט מיט יידישן טרויער און צער פון דורות — שמעלצן זיך אין ליכט פון אַ פּאָר אַנדערע אויגן — פוילישע, דורכגעזאַפּט מיט דער בלויקייט פון פוילישן הימל, פרילינג־צייט, ווען ער ליגט טיף אויסגעשפּרייט איבער דער לאַנדשאַפט; מיט דער בלויקייט

פון קאָרן-בלימלעך; נישטאָ אין די אויגן קיין עצבות, קיין טרויער, נאָר פאַראַן אין זיי זון, לופט און ליכט... און דאַך באָדן זיך די אויגן אײנס אין אַנדערנס גלאַנץ און וואַרעמקייט; בײדע נעמען גלײך, און בײדע גיבן גלײך. זײ גלעטן זיך, האַלדזן, קושן זיך און קושן זיך, האָלוביען און צערטלען — און אַלץ מיט די בליקן.

נאָר אָט אַזוי, אינמיטן, גיט ער אַ דערבליק איר האַלדז; דער האַלדז איז דין און הויך, פאָרנט, אינמיטן, פאַרמאָגט דער האַלדז אַזאַ לענגלעכע פאַרטיפונג. דאָרט ליגט אַ קייטעלע הענגען; אָן שום כוונה עסט זיך זיין בליק איין אין דעם — וואָס קאָן דאָס זיין? אים פאַלט-איין, אַז דאָס מוז זי טראָגן עפעס אַ קמיע אויפן האַלדז. אַ קריסטלעך-קאַטוילישע קמיע און — וואָס איז דאָס? אים ווערט מיטאַמאָל קאַלט, דער דור-דורותדיקער פאַרפאָלגטער ייד, גערודפט פון קירך און צלם — ווערט פאַרציטערט, דערזעענדיק אויפן האַלדז פון זיין ליב מיידל אַ קאַטוילישע רעליקוויע... זי דערפילט אין זיין בליק אַן ענדערונג, זי דערכאַפּט, ווי ער שטאַרט אויף דעם, ווי פון זיך אַליין, גיט איר אַ האַנט אַ בלאָנדזשע, מיט איין מאַך מיט דער האַנט ביים האַלדז, ציט זי אַרויס אַ צלמל, אַ קליין, אָן שום באַפּוצונג, גאָלדן צלמל, אַפילו זייער איינפאַך, און איידל אויסגעפּאַרטיקט, אָבער פאָרט — אַ צלמל.

זי באַמערקט פּשוט:

— דער איינציקער אָנדענק פון מיין פאַרשטאָרבענער מוטער.

ער שווייגט.

איצט איז שוין די קינדערישע תמימותדיקע אָפנהאַרציקייט פון אים אַוועק. ער שמייכלט העפלעך, קאַלט און נישט-אויפריכטיק.

איר טוט זיין פאַלשער שמייכל אַ שטאָך. איר בליק, אויך שוין אומגעענדערט, נעמט בלאָנדזשען איבערן שטיבל. מיטאַמאָל דערבליקט זי זיינע פאַפּירן די אָנגעשריבענע, און זי רופט זיך אָן מיט אַ קאַפּ גויישער שפּאַטישקייט:

— אָ, וואָס סאָרט שריפט איז דאָס — היעראָגליפן, צי אַראַביש?

— דאָס איז יידיש, — ענטפערט ער, געקרענקט פון איר טאָן.

— אָבער די אותיות, עפּעס אַזעלכע אויסטערלישע.

— אונזער יידיש־העברעישע אותיות.

— און וואָס אַזעלכעס שרייבט איר דאָ, פאַניע שכן? — פרעגט זי אַלץ אין דעמזעלבן טאָן.

— אַזוי זיך, גלאַט געשריבן.

— און איך האָב געמיינט, — שטעכט זי שוין פשוט, — אַז דאָס שרייבט איר אַזעלכע תפילות, „מאָדליטוועס", אַ פּסאַלמען, למשל.

אים קרענקט און באַליידיקט איר חוזק, און ער נעמט צוריק מיט איר זיין אָפנהאַרציק.

— דאָ שרייב איך אַזאַ, ווי זאָל איך עס אָנרופן, אַ דערציילונג, אָדער — ריכטיקער — די ביאָגראַפיע פון אַ משפחה...

זי אָבער לאָזט נישט נאָך.

— טאָר מען דאָך הייסט עס אייך נישט שטערן, רויב איך דאָך אייך צייט...

— ניין, איר רויבט מיר גאָרנישט.

— דאָס זאָגט איר נאָר אַזוי, — דערהויבט זי שעלמיש דעם בליק מיט אַ קאַלטן שמייכל, — אין האַרץ קרענקט אייך מסתמא געוויס גענוג אויף דער „שיקסע", וואָס זי שטערט אייך.

איצט האָט זיך אין אים דערוועקט די מורא, זי נישט צו פאַרלירן, אַזש אַ שווייס, — האָט ער געפילט — שלאָגט אויף אים אויס.

— פאַרוואָס רעדט זי אַזוי. זי ווייסט דאָך, אַז ער האָט זי גערן.

— ניין, זי מיינט עס ערנסט. זי איז אָפנהאַרציק. יידן, זאָגט מען, זענען עס נישט. — אָבער זי צעלאַכט זיך פריינטלעך און גיט־צו:

— איבריקנס, איז דאָס אַלץ נישט אויף לאַנג, זי רעכנט

אַוועקצופּאָרן, צו דער קרובֿה דאָ וועט קומען אַ טאָכטער, דע־מאָלט וועט זי אַוועקפּאָרן.

זי ווערט פּלוצלינג טרויעריק. דניאלן טוט־וויי איר טרוי־עריקייט. ער וויל צורעכט־מאַכן די שטימונג. ער וויל רעדן פֿון עפּעס אַנדערש. אָבער זיין צונג פֿאַרקריכט אַלץ צו דעם.

— ניין, זאָל זי נישט טראַכטן פֿון שטערן; זי שטערט אים אַבסאָלוט נישט. איבעריקנס, לעצטנס שוין אַ פּאָר חדשים שרייבט ער אינגאַנצן נישט... און דאָס איז אַזוי וויכטיק אויך נישט.

זי שווייגט און ער צערעדט זיך ווידער:

— דאָס איז די געשיכטע פֿון אַ משפּחה, אַ משפּחה, וואָס איז שוין באַלד אויסגעשטאָרבן, — וואָר איז אויך, אַז צו־ליב דעם האָט ער זיך דאָ באַזעצט.

— פֿון אייער משפּחה? — פֿרעגט זי ערנסט.

— יאָ, פֿון מיין משפּחה.

— זי איז שוין אויסגעשטאָרבן?

— יאָ.

— איר זענט דער לעצטער?

— דער סאַמע לעצטער.

— קיין ברודער, קיין שוועסטער, קיין קרובֿים?

— גאָר נישט.

זי קוקט אים אומעטיק אָן:

— ס'איז שלעכט אַליין צו זיין אויף דער וועלט.

— נו, איך בין שוין נישט קיין קינד.

— יאָ, אָבער פֿאָרט...

און פּלוצלינג:

— ווי אַלט זענט איר?

ער צעגערט אַ ווייל.

— דרייסיק? — פֿרעגט זי.

— געטראָפֿן! געוואָרן דרייסיק מיט אַ פּאָר חדשים צוריק.

— איר זעט נישט אויס אויף דרייסיק.

— איר — אויך נישט, — לאַכט ער שוין.

— נו, מיר פעלט נאָך צו דרייסיק זעקס יאָר.

— און איר האָט שוין באַוויזן חתונה-צו-האָבן און צו ווערן אַן אלמנה?

— איך האָב פרי חתונה-געהאַט, נישט געהאַט ווו צו זיין, — און אַזוי שטייענדיק אַוועקצוגיין, מיט דער פאַרמאַכ-טער האַנט אָנגעלענט אָן עק טיש, מיט עטלעכע בלאָנדע האָר אַפּערגעגנבעט פון הינטערן בערעט — האָט זי דערציילט, אַז קיין מוטער האָט זי שוין לאַנג נישט, און דעם פאָטער האָט זי קיינמאָל נישט געקענט. די מוטער האָט געדינט אַלס שטוב-מיידל אין אַ הויף, האָט זי דער יינגער פריץ פאַרפירט. זי געדענקט אַפילו נישט ווי די מוטער האָט אויסגעזען; אויפגע-צויגן האָט זי אַן אַלטע אָרימע פרוי אין אַ שטעטל. די, אוגטן — איז דער אַלטערס אַ וווייטלעכע קרובה. די אַלטע רופט זי „באָבע". צי זי איז איר טאַקע אַ באָבע, ווייסט זי נישט. און דאָס אַלץ, וואָס איר איז געבליבן פון דער מוטער — איז דאָס צלמל, דער איינציקער אָנדענק, — דאָס זאָגנדיק, האָט זי דאָס צלמל געדריקט זיך צו דער באַק, ווי אַ ליב-נאָענטן לע-בעדיקן.

— „אַך, אַזוי!" — האָט דניאל געטראַכט. — „דעריבער האָט זי אין אויסזען און אין די מאַניערן אַזויפיל אַריסטאָקראַטישעס, דאָס איז, מוז זיין, פון „אים" דעם פאָטער".

— אָבער דאָס צלמל, — רופט ער זיך אָן, ווייל אים איז אומבאַקוועם פון הערן עמעצנס סוד און גאָרנישט דערויף זיך אָנצורופן, — דאָס צלמל איז נישט פון פויערישן גוסט.

— יאָ, מעגלעך, אַז דאָס האָט די מוטער געהאַט פון „אים".

אַ שטיל שווייגן.

— און אייער טאָטער האָט איר אַמאָל געזען? איר קענט אים?

זי האָט בלויז אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט, ווי פון אַ
אַ נישט־ניחאדיקייט.

— אַנטשולדיק, — איז ער רויט־געוואָרן און זיך פאַרשעמט.

— און איר שטאַמט אַוודאי פון „ראַבינס".

— כמעט, — האָט ער צוגעשאָקלט, — ס'זענען טאַקע געווען רבנים אין דער משפּחה, נאָר — ווי־אַזוי דערקענט איר דאָס?

— אייער טונקל פּנים, די קרומע צעשויבערטע ברעמען, אַז איר ווערט עלטער־ווערן, ווערט איר האָבן מוראדיקע ברעמען, ווי די גזשיוועס... מ'דערקענט, אַז אייערע זיידעס האָבן געהאַט פּאות און לאַנגע בערד... אַלס קינד, האָב איך מיך פאַר אַזעלכע יידן געשראָקן, אַנטלאָפן פאַר זיי.

— די באָבע האָט געשראָקן? — „דער ייד וועט דיך כאַפּן" — וויל ער גוטמוטיק טרעפן.

— און אייך אַוודאי פּונקט אַזוי — מיטן גוי?

דערויף ענטפערט ער נישט. אים וואָלט זיך געגלוסט אַ זיפץ־צו טון: זי האָט מען בלויז געשראָקן מיט יידן, ער אָבער האָט די מורא פאַר גויים געהאַט אין בלוט, אין געמיט. ער האָט שוין געזען, ווי גויים שלאָגן יידן, און ער אַליין, דניאל טוב, אין זיין ביסל יאָרן, האָט שוין דורכגעלעבט אַ פּאָגראָם, געקריגן געשלאָגן, געוואָרן פאַרוווּנדעט...

ער שטייט, ווי פאַרטראַכט, באַהערשט פון נישט־היימלעכע זכרונות. זי שטרעקט אים אויס די האַנט צום אָפּשייד. ער נעמט די האַנט, האַלט זי אַ ווייל אין זיינער. איר האַנט איז אַ לענגלעכע, אַ דינע, אַן אַריסטאָקראַטיש־אויסגעאיידלטע האַנט, אָבער מיט מאַזאָליעס פון אַרבעטן. און אַזוי פאַרטראַכט, נעמט ער צו איר האַנט צו די ליפּן, קושט זי שטיל און לאַנג, פאָרט מיט זיינע ליפּן איבער איר איידעלער הויט. די האַנט איז קיל און גלאַטיק. ער גלעט אַזוי מיט די ליפּן, ווידער־און־ווידער... אַ ציטער גייט אים אַדורך... אַן ענלעכן ציטער פלעגט ער פילן אַלס ייִנגל, ווען ער פלעגט קושן די ספר־תורה. דאָס איז געווען הייליקע פאַרערונג, און נאָך עפּעס אינטימעס, הייסעס... מיט מיידלעך פלעגט ער זיך נישט טאָרן שפּילן, ווייל

עס פּאַסט נישט פֿאַר אַ יידיש יינגל, האָט ער זיין גאַנץ אָנגעזאַמלט געמיט איבערגעטראָגן אויף דער ספר־תורה אין קאָלירט סאַמעטענעם מענטעלע, און ער פֿלעגט זי קושן מיט באַגייסטערטע פֿאַרטרערטע אויגן...

...נאָך דעם מאָל האָט דניאל זיך געשראָקן, אַז זי וועט מער נישט קומען. אָבער אין עטלעכע טעג קומט זי ווידער, דערנאָך ווידער און ווידער. דעם ערשטן אָוונט היטן זיי זיך, יעדער פֿאַר זיך, נישט צו באַרירן אַזעלכע שמועסן, וואָס קאָנען פֿאַרשאַפֿן בייז־בלוט... דערפֿון ווערט זייער שמועס אַביסל געצווינגען, ווי אַז מ׳גייט אויף אַ וואַקלדיקער בריק — אָבער ביסלעכווייז קריגט דער שמועס צוריק די נאַטירלעכקייט.

אין הויז דערגייט מען פֿון די באַזוכן און מ׳רעדט... אַ סך מאָל דערכאַפּט דניאל, הינטערן רוקן, אין פֿאַרבייגיין, אַז מ׳רעדט פֿון אים אין שייכות מיט דעם מיידל, אונטן. איינמאָל, ווען ער איז צוליב עפּעס דרינען געווען, האָט די געשטופּלטע כטעסען, מכלומרשט נאַאיוו, אים אַ פֿרעג־געטון:

— אַזוי, פּאַניע טאָוו, זי קומט אָפּט צו אייך, דאָס מיידל פֿון אונטן, די וואַנדאַ, און אייער פֿריינט פֿון שטאָט, דער פּאַן שטאָקפּיש, קומט אויך?...

דניאל האָט די ערשטע רגע אַזוי ווייט נישט באַנומען דעם מיאוסן מיין פֿון איר זאָג — דאָס צוזאַמענבינדן וואַנדאַס צרויפֿקומען מיט דעם פֿאַרשוין שטאָקפּיש. אָבער נאָך איידער ער האָט די מעגלעכקייט געהאַט דאָס מויל צו עפֿענען, האָט זיך אָנגערופֿן די רוסישע, וואָס לעצטנס זעט זי עפּעס צרהדיק אויס:

— הע, האָט זי אַ דריי־געטון מיטן קאָפּ, — מאַנסבילן האָבן אַ נאָז, ווי אַ הונט, זיי דערפֿילן דיר פֿון ווו ווייט אַ „סחורהלע"...

דערויף האָט דניאל גאַנץ קאַלטבלוטיק געענטפֿערט, אַז דער שטאָקפּיש איז נישט זיינס קיין פֿריינט, און קיין באַקאַנטער אויך נישט. ער איז צוויי מאָל געווען ביי אים אין שטוב און

דאָס — צוריקוועגס פון דאָ, ווייל ער האָט אין שטאָט פון עמעצן געהאַט אַן אַדרעס דאָ, צו אַ פרוי...

אויף דניאלס דאָזיקן זאָגן האָט זיך די רוסישע צעלאַכט מיט אַ ברייט און הויך געלעכטער, אַ נישט-דאָ-לענדיש געלעכטער, און די סטעסען האָט זיך מיטאַמאָל גענומען קליין-מאַכן, אַ שטייגער, ווי זי וואָלט נישט געווען דאָס וויכטיקסטע רעדלעך פון אַלע הויז-רכילותן...

— פאַניע, וואָרים איך ווייס דען פון עפּעס, מענטשן רעדן, רעד איך נאָך, איך, פאַניע, האָב אַנדערע זאָרגן אויפן קאָפּ...

אַזוי־ערנאָך איז דניאל דערגאַנגען, אַז מ'האָט שוין אים מיט דעם מיידל אויף די ציין גענומען.

ס'איז דער געוויינלעכער שטייגער אַזוי? אָבער עס קרענקט, עס קרענקט און גלייכצייטיק פאַרברודיקט עס, די פילסט זיך טיילמאָל, ווי מ'וואָלט דיך, אַ ריין-אָפּגעוואַשענעם, אַ זויבערן און איבערגעטוענעם — אין בלאָטע אַרומגעשלעפּט. איינמאָל אינדערפרי, איז אונטן אין הויז געווען עפּעס אַ גע-שמועס. אפשר האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַנדערש, — דניאלן אָבער האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר וועגן אים און דעם מיידל גייט עס. לעמקע האָט דעם טאָג אַזוי בייזלעך געשמייכלט אונטער די צוגעשוירענע וואָנסעס. די לעמקען האָט נאָכאַנאַנד דערמאָלט עפּעס כסדר געפּרעפּלט... דניאלן האָט זיך געדאַכט, אַז זי דערמאָנט נאָכאַנאַנד: „יודען... יודען"... וואָס זי האָט דער-מיט געמיינט, איז נישט מעגלעך-געווען צו דערגיין און פרעגן די — האָט קיין צוועק נישט.

אַז דניאל גייט-פאַרביי אונטן, יענע טיר, בלייבט ער אַ רגע שטיין און האָרכט זיך צו. אַנומלטן האָט זיך אים געדאַכט צו הערן אַ כריפּען פון אַ קראַנקער, אַ בייז וואָרטשען אויף עמעצן, מסתמא אויף וואַנדען — דאָס האָט ער אויך אָנגענומען אויף זיין חשבון...

אָט די אַלע גערעדעכצער אין הויז און אָנצוהערענישן — אַרן אים, אייגנטלעך, בלויז נאָר וואָס שייך דעם מיידל. ער

אַליין לאַכט זיך דערפון אויס. אים אַרט נישט, וואָס באַבעס, צי ווער עס זאָל נישט זיין — רעדט הינטער זיין רוקן.

אים איז נאָר אַ מיטלייד פאַר איר, — אָבער זי קומט ווייטער. זי איז צו אים פריינטלעך, און ס'איז גאָרנישט צו באַמערקן, זי זאָל דערפון עפּעס ליידן.

— וואָס הערט זיך ביי אייך, וואַנדאַ?

און זי ענטפערט מיט די צוויי חן-גריבלעך אין די באַקן און מיט בלאָע, וואַרעמע אויגן:

— נישט קיין נייעס, ווי געוויינלעך.

קאַפּיטל IX

סטעסע אַרבעט נישט. די פֿאַיאַנס־פֿאַבריק האָט זיך פֿאַר־מאַכט. דערווײַל אויף אַ פּאָר חדשים בלויז — זיצט ער, סטעסע, גאַנצע טעג אינדערהיים. ס'איז ווינטער, פֿיש כאַפּן קאָן מען נישט, זיצט ער און לייענט ביכער, אַלץ־איינס וואָסערע — קירכן־ביכער אונטן פֿון דער שניידערין, צי אַפּיקורסישע ביכער פֿון די חברים. ער לייענט אַלץ, וואָס ער קאָן נאָר באַקומען.

— אַלץ בעסער, ווי זיצן און קוקן אין פֿאַרפֿרוירענעם פֿענסטער, — פֿאַרענטפֿערט ער זיך פֿאַר דניאלן.

די באָרד האָט ער זיך שוין לאַנג נישט אַראָפּגענומען. ער איז שוין באַלד באַוואָקסן, ווי לעמקע, נאָר נישט אַזוי ווײַס־האָריק און נישט אַזוי פּאַטריאַרכאַליש, ווי לעמקע. איבע־ריקנס, וואָס שייך צו „שניי־ווײַס", איז עס לעמקע אויך נישט. ער וואָלט עס באַדאַרפֿט צו זײַן, נאָר ער איז עס נישט, ווײַל ער וואַשט זיך נישט מיט קיין זייף (ס'איז אַ שאָד — זייף קאָסט געלט), און אָן זייף וואַשט זיך לעמקע אויך קנאַפּ. אין בעט דאָס קישן הינטער לעמקעס קאָפּ, האָט אַ טונקל־ברוידיקן פֿלעק אין דערזעלבער פֿאָרם און גרייס, ווי דער קאָפּ, וואָס ליגט דערויף. — סטעסע איז נישט אַזוי. סטעסע וואָלט זיך יאָ געוואַשן מיט זייף, איז עס אָבער נישט בנמצא אין שטוב. דאָס איינציקע שטיקל זייף פֿאַרשטעקט ערגעץ די סטעסען, עס זאָל זײַן דערמיט אַ העמד פֿאַר די קינדער אויסצוואַשן.

זיצט ער, סטעסע, אין דער שטוב, בלענדט זיך די פּייכט־פֿאַרלאָפֿענע אויגן בײַ די גראָב מיט אייז, און דערויף מיט

אַ האָריק שנײ־„פּעלעכל" — פּאַרפרוירענע שויבן, קוקנדיק אין בוך. און ווייל אים ברענט שטענדיק אויפן האַרץ, גיסט ער אין זיך כּסדר צו לעשן דעם דאָרשט. אויפן נישט־געהייצטן קעכל שטייט אַ גרויסער טאָפּ אײַז־קאַלטע ציקאָריע־וואַסער, גיסט ער עס נאָכאַנאַנד אין זיך טעפּלעכווייז.

— אַז מיר ברענט כּסדר, ווי נאָך בראָנפן.

דער אַלטער לעמקע, וואָס כאָטש ער קומט אין ערגעץ נישט, ווייסט ער פונדעסטוועגן אַלץ, וואָס בײַ זײַנע לאַקאַטאָרן טוט זיך — קאָן נישט פאַרשטיין פונוואַנעט די סטעסטעס לעבן, אַז קיינער פון זיי פאַרדינט נישט שוין וואָכן. — נישט אַנ־דערש, — ווערט ער פאַרטיק, — די לייט אויבן, לעבן פון נישט ערלעכן, שלעפּן פון זײַן שייער און קעלער.

— יאָ, ברומט ער, — דער טויפל סטעסע באַרויבט מיך ביס לעכווייז...

אין אַזעלכע־אָ מינוטן, ווערט לעמקע אויס פּאַטריאַרכאַ־ליש און פילאָזאָפיש. אַז עס רירט־אָן זײַנס אַ ספקדיקן גראָשן, ווערט ער גאָר אַן אַנדערער לעמקע. די ווײַסע האָר שטעלן זיך אים אויף ווי די שטעכיקע האָר אויפן רוקן פון אַ צערייצט חזיר. די פינגער פלאַטערן אים, ווי זיי וואָלטן לויז־געוואָרן פון די געלענקן, דאָס פּנים — טונקל־רויט און די אָן־ברעמיקע אויגן חערן שטעכיק, ווי שפּיזן.

אָבער אַזוי, אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אַז זיי טרעפן זיך, זענען זיי דווקא גוטע־פרײַנט. מ׳זאָגט זיך „גוטמאָרגן" און מ׳שטעלט זיך אָפּ אַ שמועס־טון. נאָר, הינטער די אויגן, איז מען זיך שונאים אויף ס׳לעבן. סטעסע קאָן נישט פאַרשטיין, און ווייל דעם אַלטן אָנקינדערדיקן נישט מוחל־זײַן, וואָס ער קאַרגט און קמצנט, און לעמקע קאָן סטעסען נישט פאַרגינען, וואָס ער פאַרדינט נישט און לעבט פאָרט.

אָבער סטעסעס לעבן איז אַ גאָר־גאָר געמוטשעט לעבן. אין שטוב מוז ער זיצן אײַנגעהילט אין אַ קאָלדרע פון בעט אַרויס. די קאָלדרע איז אַן אַלטע, אַ צעדריוולטע, אָבער אָן דער קאָלדרע איז נאָך ערגער, ווייל אין שטוב איז אַ פראָסט,

ווי אינדרויסן. די סטעסען מיט די קינדער לויפן גאַנצע טעג איבער די דערפער, אין דער אומגעגנט אַרום, דערוועקן רחמנות אין מענטשלעכע הערצער. איבאָוונט, אַז אַלע קומען זיך צוזאַמען, הייצט מען איין אין קעכל, ווערט היימלעכער.

מיט ברענגען ברענעכץ פון וואַלד — איז איצט שווער. דער רוסישער וואַקסט דער בויך, מיט יעדער וואָך ווערט ער העכער און פולער. דעם עלטסטן וואַלד-וועכטערס זון — דער שיינער יינג — קומט אַלץ ווייניקער. ער האָט — ווייסט די סטעסען — שוין אַן אַנדערע מויד, אין אַ דאָרף, נאָכן וואַלד ערגעץ; דערפאַר קומט אָבער איצט אָפטער שמידאָווסקי. אמת, דער גט איז שוין לאַנג געמאַכט. שמידאָווסקי האָט שוין אין שטאָט אַ ווייב און אַ וווינונג, אָבער אַהער קומט ער אָפטער ווי פריער; ברענגט עפּעס פאַר די קינדער און אַמאָל אויך פאַר איר — דעם געוועזענעם ווייב. זיי לעבן דווקא גאַנץ פריינטלעך צווישן זיך, און אַז די רוסישע איז גוט געשטימט צום געוועזענעם מאַן, פאַרזיכערט זי דער סטעסען, אַז דאָס קינד, וואָס זי טראָגט איז פון אים:

— פון דער ניטל-נאַכט — רופט-זי גענוי אָן די דאַטע, — איך האָב אים דעמאָלט באַלד געזאָגט, אַז ס'וועט אָננעמען...

איז זי ווידער בייז אויפן געוועזענעם מאַן און גוט צום וואַלד-וועכטער, ווייל ער איז דאָ געווען און איר עפּעס געברענגט, — פאַרזיכערט זי פאַרקערט:

— פון יאַנעקן איז עס, פון אַ סך פריער פאַרן ניטל-יום-טוב.

אָבער אַזוי, איז זי ווייטער גוט, צו ביידע: יעדן באַזונדער בעט זי עפטער קומען, און יעדער איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

...זונטיק איז אין שטוב פריילעכער, זונטיק נעמט די סטעסען אַרויס דאָס אָנגעקליבענע ברענעכץ פון דער קאַמער. מ'הייצט גוט איין דעם אויוון. עס קריכן זיך צוזאַמען שכנים פון די אַרומיקע שטובן, און עס קומען אַמאָל סטעסעס חברים פון שטאָט.

סטעסעס חברים זענען פאַבריקס-אַרבעטער. איינער פון זיי, — ער הייסט זייבער, — איז אַ הויכער, טרוקענער און גאָלער. האָט אַן אָנגעזעצענעם פּאָסטן אין דער גרויסער פּאַפּיר-פאַבריק, — פאַר אים האָט מען דאָ גרויס דרך-ארץ. זייבער זאָגט-צו סטעסען אַריינצופירן צו זיך אין פאַבריק. מ'גלייבט עס אים, און מ'האָפט.

ער, דערדאָזיקער זייבער, איז מיט סטעסען פערזענלעך באַקאַנט שון פון לאַנג. אַזוי אָבער, אין די אָנשויונגען גייען זיי זיך שטאַרק פאַנאַנדער. די סטעסען ווידער, וויפיל זי פאַרזיכערט נישט, אַז זי האָט בלוטיק פיינט די „צעשטערער און גאָט-לעסטערער", צו וועלכע דערדאָזיקער זייבער, ווי מען שמועסט, האָט אַ שטיקל שייכות, — איז זי אים אָבער דאָס מוחל, ווייל ער וועט שאַפן איר מאַן אַרבעט.

און זייבערס ווערטלעך און גלייכווערטלעך זענען טייל-מאָל גאַנץ שאַרף, אין נאָך זיין אָוועקגיין ברעכן דעריבער מאַנכעסמאָל אויס מחלוקות צווישן מאַן-און-ווייב, און אַמאָל אויך — מיט די שכנים.

זייבער רופט, למשל, צו זיך צו סטעסעס צוויי קינדער. דאָס יינגל איז עוואַנגעליש, ווי דער פאָטער, און דאָס מיידל — קאַטויליש, ווי די מוטער.

די קינדער גייען-צו, צונעמען די געבראַכטע מתנות. ער אָבער טוט זיי אַ פרעג:

— זאָג מיר נאָר, וויצעק, — פאַרוואָס געפעלט דיר נישט די גאָטעס-מוטער און פאַרוואָס געפעלט זי זאָשקען יאָ?

— זי געפעלט אים אויך, — זאָגט די מוטער און שמייכלט נישט-פריינטלעך, אָבער חניפיש.

און סאַמאַרין קאָן זיך נישט איינהאַלטן. דער קוים-באַגראָבענער האַס שפריצט שוין פון אים אַרויס און ער קווי-טשעט שוין האַלב-רוסיש, האַלב-פויליש:

— דאָ, אין דעם לאַנד, געפעלט יעדן גאָט און גאָטס-מוטער. דאָ, גאָט-צו-דאַנק, הערשן נישט מערדער און גאָט-לעס-טערער... — און עס שפריצט פון אים אַ מבול גיפטיקע רייד...

אָבער זייבער ענטפערט אים גאָרנישט. ער זעט אים איבערהויפּט נישט, ווי ער וואָלט גאָרנישט דאָ געווען. זייבער קוקט אויף די קינדער, גלעט זיי די מאָגערע איינגעפאַלענע בעקלעך, טיילט זיי די מיטגעבראַכטע גוטע זאַכן, און די קינדער כראָמטשען, שמאַטשקען און לעקן אַפילו די פּאַפּירלעך.

* *
*

וואַנדעס בלאָע אויגן זענען אומעטיק, אַ שטילער צער קוקט פון זיי. דאָס אַמאָל קלאָרע ליכט, וואָס קוקט איצט פון אָט די אויגן, איז ענלעך צו אַ פאַר-רעגן-טאָג, ווען די זון ווייזט זיך פון הינטער אַ דין כמאַרעלע, ווי פאַרשלייערט.

— וואָס איז דיר, טייער מיידעלע, פאַרוואָס אַזוי טרויעריק? — איז דניאל גרייט צו פרעגן, אָבער ער פרעגט נישט. ער איז נישט דרייסט, ווילאַנג זי זאָגט עס נישט אַליין.

טראַכט דניאל. טראַכט אַהין, טראַכט אַהער, און באַשליסט, אַז דאָס מוז זי האָבן עגמת-נפש פון דער קראַנקער קרובה. ער איז גרייט זיך דערין אָנצוכאַפּן, אַז אַזוי איז עס. די קרובה זעט נישט אויס צו זיין אַ גוטמוטיקע, און אפשר איז זי אַמאָל יאָ געווען גוטמוטיק, נאָר איצט, ווייל זי איז קראַנק, איז זי קאַפּריזנע.

דניאל איז שוין אַמאָל דרינען געווען, אָבער גאַנץ קורץ. די קראַנקע איז דעמאָלט געלעגן פאַרחלשט. אָבער ער זעט זי טיילמאָל. ס'טרעפט: ער גייט-פאַרביי די פענסטער אין דער מיטאָג-שעה, וואַרפט-אַריין אַ בליק, דערכאַפּט ער דרינען זיצן אין אַ פאָטעל, מיט אין אַ פלעד-פאַרוויקלטע פיס, אַ מיטליעריקע פרוי, מיט אַן איינגעפאַלן, געל, ווי וואַקס פנים, הענט, — פאַרלייגטע אויפן פלעד, — יעדעס ביינדל קאָן מען אָפּציילן; אויגן האָט די פרוי גרויסע, אויסטערליש גרויסע, טונקעלע און פלאַקערדיקע, ווי אָנגעצונדענע קינדלעך. „אָט די אויגן, — טראַכט דניאל, — אַזעלכע תהומותדיקע, בייז-נישט-פאַרגינעריש-ברענענדיקע אויגן, זענען יעדן נישט קראַנקן אַ דם-

שונא, און אַזאַ מיידל ווי וואַנדאַ מוז זיך ביי איר נישט וויי־ניק אָנליידן!"

איינמאָל האָט דניאל נישט אויסגעהאַלטן. עס האָט אים אַ ציפּ־געטון, זעענדיק די טונקעלע רענדער אַרום אירע אויגן.

— אפשר מעג איך וויסן? — האָט ער נישט־דרייסט גע־פרעגט.

— אַך, גאָרנישט, — האָט זי אַ שמייכל־געטון, אָבער באַלד איז זי ווידער ווי פאַרשאָטנט־געוואָרן.

דערנאָך, אין שמועסן, האָט זי דערציילט, אַז עס קומט־צופאָרן דער קרובהס אַ רייכע טאָכטער פון אַמעריקע, און זי וויל די מוטער אָדער מיטנעמען מיט זיך, אַז נישט — אַריינ־געבן זי אין אַ סאַנאַטאָריע...

דניאלן האָט אַ בליץ־געטון אין קאָפּ:

„אפשר האָט זי מורא, אַז זי וועט נישט האָבן ווו צו זיין?..."

אָבער געפרעגט האָט ער מער גאָרנישט. ער האָט נאָר געזען, אַז דאָס מיידל ווערט פון טאָג־צו־טאָג אומעטיקער. זי רעדט אָפט פון דער קרובהס טאָכטער, וואָס קומט, זעצט זיך שוין אויף דער שיף, אָדער האַלט היינט־מאָרגן ביים אויפ־זעצן זיך.

נאָר, אַז דער אומעט וואַנדעס איז נישט — פון די רכילותן אין הויז, איז ער זיכער, ווייל אַרויפקומען קומט זי אָן שום צו היטן זיך און אָפט, — ווי פריער.

— קאָן איך אייך היינט באַגלייטן אין שטאָט? — האָט ער נישט־דרייסט געפרעגט, און זיכער־געווען, אַז זי וועט אים מיט אַן אויסרייד אָפּזאָגן.

זי האָט נישט אָפּגעזאָגט. פאַרקערט:

— מיט פאַרגעניגן! אַז איר ווילט! נאָכן מיטאָג וועל איך גיין. אַזייגער... נו, איר וועט שוין זען, איך וועל אייך רופן.

— ניין, נישט נויטיק רופן,—האָט ער איר געוואָלט פאַר־לייכטערן, — איך וועל שוין אָפּפּאַסן...

אין שטאָט איז זי געוואָרן אויפגעלעבטער. זי האָט געהאָט צו מאַכן עטלעכע קליינע איינקויפונגען, און נעמען אַ בוך אין ביבליאָטעק. דניאל איז מיט איר אומעטום מיטגעגאַנגען. דערנאָך האָבן זיי, אין פאַרבייגיין, באַזוכט אַ הויז, וואָס האָט זיך גערופן „מוזעום" — „מוזעום פאַר דער אומגעגנט". — דאָרט זענען אַ חוץ אויסגעשטאָפּטע פייגל און חיהלעך — געלעגן שטיקלעך שטיינער און אַלטע צעבראָכענע שאַרבנס. געלעגן איז דאָס אונטער גלאָז, און מ'האָט געדאַרפט גלייבן, אַז דאָס זענען עפּעס וויכטיקע אַנטדעקונגען, אַ צושטייער צו דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, פון דער פאַרהיסטאָרישער צייט.

אַז זיי זענען אַרויסגעקומען פון „מוזעום", האָט שוין גענומען טונקל-ווערן. אין די גאַסן האָבן זיך אָנגעצונדן גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, געשעפטן און שוי-פענסטער האָבן זיך באַלויכטן... דער ווייניקער שניי, אָנגעלייגט אין בערגלעך אָוועקצופירן, האָט אונטערן עלעקטרישן ליכט, געהאַט ווי אַ בלאָלעכן אָפּשיין. דער פראָסט איז שוואַכער-געוואָרן. זיי האָבן שפּאַצירט אויפן טראָטואַר פון דער הויפּט-גאַס. אין דערדאָזיקער פּראָווינץ-שטאָט, מוז זיין, זענען זיך די פּנימער שוין באַקאַנט, — אַפילו אַז מען קאָן זיך נישט מיט די נעמען, זענען אָבער די פּנימער באַקאַנט, אַזוי ווי די מויערן און שוי-פענסטער, — יעדער ווייסט, וועלכע פּנימער ער דאַרפט צו באַגעגענען. און זיי, דניאל און וואַנדאַ, מוזן האָבן מיט זיך געשאַפט אַ צעמישונג צווישן די שטאָטישע געשמינקעוועטע מיידלעך און פריזירטע פּאַצעטן... דניאל האָט באַמערקט, אַז מ'באַקוקט אים און זיין באַגלייטערין פון אַלע זייטן. מ'דרייט-אויס די קעפּ און מ'קוקט זיי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אָן.

ס'קאָן אָבער אויך זיין, אַז מ'האָט אַזוי אָנגעקוקט דאָס זעלטענע פּאָרל — פון אַן עכט-יידיש טונקעלן „ער", און פונקט אַזוי עכט-סלאַוויש בלאָנד-האָריקער און בלאָ-אויגיקער „זי".

וואַנדאַ איז געווען אָנגעטון אין אַ העלן, נישט-איבעריק וואַרעמען מאַנטל און די האָר באַהאַלטן אונטערן בערעט. איצט האָט זי אפשר נישט אַזוי שיין אויסגעזען, ווי אין היימישן

אָנטוּן, אין דער סביבה פון וואַלד. זי איז ענלעך-געווען צו אַלע אַנדערע מיידלעך, וואָס האָבן דאָ געשפּאַצירט. און נאָר איר שיינער און שלאַנקער גאַנג און די בלאָע אויגן זענען געווען דיזעלבע.

— אפשר אַריינגיין אין אַ קינאָ? — האָט ער פאָרגעלייגט.

זי וואָלט עס גערן געטון, אַזש זי האָט זיך דערפריידט, אָבער געגאַנגען איז זי נישט, — ס'וועט צו-שפּעט זיין.

זענען זיי נאָך געגאַנגען. דער גיכער טעמפּאָ פון שטאָט, די גאַס- און טראָטואַר-באַוועגונג, זענען דניאלן שוין אַביסל-פרעמדלעך פאָרגעקומען, ער איז שוין אַביסל געווען דערפון אָפּגעוווינט. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, אַז ער פילט זיך שוין באַלד, ווי אַ דאָרפסמאַן, אַז ער כאַפּט זיך אַמאָל אַראָפּ אין שטאָט.

אין אַ גאַס האָט דניאלן פלוצלינג געטון אַ וואַך-אויף אין זיכרון דער נאָמען „שטאָקפיש" — עפּעס מיטאַמאָל. ער האָט זיך פאַרדעכטיק אומגעקוקט, ווי צו דערזען דעמיעניקן, וואָס האָט אים דעם נאָמען אונטערגעזאָגט אין אויער אַריין. פאַר זיינע אויגן איז פאַר אַ הויז געהאָנגען אַ שילד פון עפּעס אַ ביוראָ — אַ ווייס שילדל מיט שוואַרצע שריפט, און אונטן, מיט גרויסע רויטע אותיות אַן אונטערשריפט — „ש. שטאָקפיש" — צוויי מאָל אונטערגעשטראָכן, — מ'זאָל, חלילה, נישט קיין טעות-האָבן.

דניאל האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיכער-געווען דאָ צו באַגעגענען דעמדאָזיקן שטאָקפיש, און ס'איז אים שוין באַצייטנס נישט-ניחא-געווען די באַגעגעניש, אָבער דעם שטאָקפיש האָט ער נישט געזען. נאָר צווישן דעם שטראָם מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען און געאיילט פאַרביי אים אויפן טראָטואַר, האָט ער זיך באַגעגנט מיט עמעצנס אַ פּנים און אויגן. ער האָט נישט געוואוסט, ווער דער איז און ווי ער הייסט, אָבער די אויגן יענעמס זענען אים עפּעס גאָר באַקאַנט-געווען, און דניאל איז זיכער-געווען, אַז דער פון דעמדאָזיקן אָנבליק איז אַמאָל מיט יאָרן צוריק — נישט דאָ, נאָר אין אַן

אַנדערער שטאָט — געווען זיינס אַ באַקאַנטער, און אַ גאָר נאָענטער באַקאַנטער.

דערנאָך שוין אַ היפּשע צייט שפּעטער, האָט ער זיך דערמאָנט: מאירל!... דער, וואָס דעם פויגל האָט ער געגעבן זיין נאָמען. יענער מאירל! צו יענעם מאירל איז דער זייער זייער ענלעך. אָבער — צי איז עס טאַקע דער אַמאָליקער מאירל? — גיכער ווי אַלץ — דאַכט זיך דאָס אים אַזוי, ווייל — פּשוט: ער, דניאל, האָט שוין לאַנג קיין מענטשן נישט געזען.

איצט זענען זיי שוין אַהיימגעגאַנגען. די זייטן-גאַסן זענען נישט געווען אַזוי שטאַרק באַלויכטן. דאָ איז געווען מער טונקל. וואַנדאַ האָט זיך ווידער איינגעשרומפּן. איר הומאָר איז ווידער אַוועק. זי האָט דניאלן אָנגענומען ביים אָרעם, זיך געטוליעט צו אים, ווי אַ דערשראָקן קינד צום שטאַרקן טאַטן. איר אומעט האָט אויך אויף אים געווירקט. ווידער האָט אים געמוטשעט די פראַגע: „וואָס איז איר?"

זיי זענען גראָד פאַרבייגעגאַנגען אַ קירך, אַ גרויסע און שיין-געבויטע קירך, און — ווער ווייסט פאַרוואָס, דניאל האָט זיך אַליין נישט געקאָנט קלאָר-מאַכן פאַרוואָס — ער האָט זי צאַרט אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט איר אַהין אַריינגעגאַנגען.

די קירך איז געווען שוואַך באַלויכטן, אין די פאַרשאָטנטע ווינקלען זענען פרויען געשטאַנען אויף די קני. טייל האָבן געבעטן מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט אויפן האַרץ, אַנדערע האָבן געקניט ווי פאַרשטאַרט, מיט ברייט-אויפגעריסענע אויגן, ווי זיי וואָלטן יעדע רגע גרייט-געווען אויף אַ נס, וואָס זאָל דאָ געשען. אַראָפּצו, לעבן די בענק צו זיצן, האָט שטאַרק און הייס געשלוכצט אַ יונג מיידל, באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט; אַ יינגל, אָנגעטון ווי אַ שילער, האָט טרויעריק און מיט צער געקוקט צו די גרויסע קאָלירטע קינסטלעריש-געמאָלטע פענסטער, הינטער וועלכע דער אָוונט האָט זיך געטונקלט; אַן עלטערע פרוי אין שוואַרצן, האָט שטיל און טיף געשעפּטשעט אַ תּפילה, און איבער די אַלע ווייענדע, בעטנדע און שווערע געמיטער —

האָט דער געקרייציקטער קריסטוס אויפֿן גרויסן צלם איבער דער „אַמבאָנע” — צער־פֿול און מיטליידיק זיין בליק געשפּרייט.

וואַנדאַ האָט נישט אַנידערגעקניט. זי האָט זיך אויך נישט געצלמט. דניאל, אום איר צו געבן די מעגלעכקייט זיך דאָס האַרץ לייכטער צו מאַכן, האָט זיך פֿון איר אָפּגעטיילט, אַביסל אַוועקגעגאַנגען.

ער האָט שטיל געבלאָנדזשעט מיט לייכטע טריט פֿאַרביי די זייטן־שטיבלעך. אַלע וועגן האָבן געפֿירט צום אויבן־אָן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ שטויגען האָט זיין אויג אויסגעדריקט. מיט ברייט־אויפֿגעריסענע אויגן האָט ער געגלאָצט איבערן שפּיץ קרייץ, וואָס איבער דער אַמבאָנע. דאָרט איבערן קאָפּ פֿון געקרייציקטן איז געווען אַ בלעך מיט אַן אויפֿשריפֿט. אָבער וואָס איז דאָס? דניאל האָט זיך ווי־ווייט־מעגלעך אויסגעבויגן, גוט, גוט אָנגעשטרענגט די אויגן... יאָ, יאָ, ער האָט נישט קיין טעות — אותיות, יידישע אותיות, די פּיר־קאַנטיקע אותיות, וואָס זענען אים אַזוי גוט באַקאַנט... דניאל האָט געליינט די העברעישע ווערטער, געשריבן מיט יידישע אותיות איבערן קאָפּ פֿון געקרייציקטן קריסטוס, דאָ, אין דער פֿון הייליקע לעמפּלעך שוואַך־באַלויכטענער קירך:

„ישו הנוצרי מלך היהודים”.

אין אים, דניאלן, וואָס איז שוין היפּשלעך ווייט־געווען פֿון טראַדיציאָנעלער יידישקייט, האָט עפּעס אַ פּלאַטער־געטון ביים דערבליקן דאָס. זיין פֿאָטער, אָדער זיידע וואָלט עס פֿאַרגליכן צו אַ טאַטע, וואָס זעט זיין ליב קינד אין גויישע הענט... דניאל האָט אַזוי נישט געטראַכט, אָבער געפֿילט האָט ער זיך אויך נישט גלייכגילטיק. אין אים אינעווייניק האָט זיך אויך עפּעס געראָיעט, עפּעס צערירטעס, אויפֿגעשאַרפֿיטעס, ווי אַ נאָך שוואַך־פֿאַרהיילטע וווּנד, וואָס נעמט טריפֿן...

זיי זענען געגאַנגען אויף דער בריק. הינטער זיי איז געלעגן די שטאָט. אַ העל־ און פֿריילעך־באַלויכטענע און באַלעבטע פֿון מענטשן־טריט, געשמועסן; אויטאָס האָבן געברומט, באַנען האָבן זיך געלאָזט הערן. פֿאַר זיי איז געלעגן דער

שטאָט-קוואַרטאַל, פון יענער זייט בריק — אַ נאַכטיק-טונקעלער, קוים-באַלויכטן פון אַלטפרענקישע נאַפט-לאָמפן, און אַ שווייגדיקער. דאָס וואַסער אונטער דער בריק איינגעפרוירן און איינגעדאַרט, ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל אַנדערש נישט געווען. בלויז איין קליין שטיקעלע פונם האַלב-קילאָמעטער-ברייטן טייך איז געווען אויפגעבראָכן, אָדער נאָך נישט געפרוירן — אַ פּיצעלע, אַזוי גרויס ווי די האַנט פון אַ מענטש. די שיין פון דער לאָמפ איז געפאַלן דערויף, עס באַלויכטן קלאָר, ריין... און מיט אַ גיכן שטילן פלעשקען איז געפלאָסן אומגעשטערט אַ קלאָרער שטראָם וואַסער, ווי דאָס האַרץ פון אַ מענטש, וואָס קלאַפט נאָכאַנאַנד, ווען ער שלאָפט, און אָנגעהאַלטן די לעבעדיקע פאַרבינדונג און געטריישאַפט מיטן ווייט׳עכן ים...

— קינד מיינס, ליבס, נו שוין לייכטער אַביסל אויפן געמיט?

זי האָט נישט געענטפערט מיט ווערטער, נאָר שטיל און צוטרוילעך צוגעטוליעט איר בלאָנד קעפל צו זיין קאָפ. איר אויער און עטלעכע האָר האָבן אים דאָס מויל אָנגערירט. ער האָט מיט זיינע ליפן איר באַק געגלעט. שווייגנדיק זענען זיי אַרויפגעקומען אויפן אין נאַכט פאַרהילטן באַרג — אַרומגערינגלט מיטן פאַרשוויגענעם פאַרשנייטן וואַלד.

קאַפּיטל X

הינער האָבן אָנגעהויבן לייגן, קי — געבן מער מילך, די גרעסערונג פון טאָג האָט זיך שוין גוט אָנגעזען. אין דער מיטאָג-שעה, אַז די זון האָט געשיינט, האָט דער אייז צוביסלעך געטאָפּיעט, דער שניי-פעלץ האָט זיך באַצויגן מיט אַ האַרט הייטל, ווי שטאַרק-איינגעקאָכטע מילך... דער וועג אויפן באַרג איז געוואָרן לייכטער, און אין פרייע טעג האָבן אָנגעהויבן קומען מענטשן פון שטאָט.

ביי סטעסען, אין די זונטיקס, איז יעדעס מאָל עמעץ געקומען. איינמאָל, ווען די זון האָט אין דער מיטאָג-שעה אַזוי ווייט און ברייט געשיינט, געשפּיגלט זיך אין שניי מיט פּלערליי קאָלירן — אונטן ביים באַרג, — זענען יינגוואַרג פון שטאָט — מיידלעך און יינגלעך, קלענערע און גרעסערע — געפלויגן אויף שליטלעך אַראָפּ-באַרג, און זייער געלעכטער און טומל האָט געהילכט אַרויף ביז טיף אין ווייס-פאַרשנייטן וואַלד. ביי סטעסען זענען געווען געסט פון שטאָט — צוויי אַרבעטער — זייבער און נאָך איינער, אַ דיקער מיט גראָבע, בלאָנדע וואָנסעס. אויפן טיש איז געשטאַנען איין פלעשל שוין אָנגעהויבן — און אַ פולס, אַ נאָך נישט גערירטס, דערלעבן — צובייסנס: ברויט, וווּרשט, הערינג... שכנים פון די אַרומיקע טירן זענען אויך דאָ געווען, געקומען הערן נייעס פון די שטאָט-לייט און אַ ביסל פאַרברענגען... די סאַמאַרינען איז אַריינגעקומען אין אַ גרין-זומערדיק קלייד מיט קורצע אַרבל און בלאָטיקע, נישט-אָפּגעוואַשענע עלנבויגנס. פאָרנט, אין סאַמע שפּיגל, האָט דאָס

קלייד געהאַט אַ טונקל-ברוידיקן פלעק, אין דער פאָרעם ענלעך צו אַ ווינדל... דער פלעק איז געווען אַן אָנדענק פון מיט חדשים צוריק געשטאָרבענעם קינד. דעמאָלט — ווען דאָס קינד האָט דאָס געמאַכט — איז דער פלעק געווען אַ גאַנץ אומגליק. סאַמאַרין האָט געשריגן: „ווי גיט מען דאָס נישט אַכטונג און מ'לאָזט זיך אַ תל-מאַכן פון אַ נײַ קלייד!...” — איצט אָבער, איז אָט דער פלעק געווען דער איינציקער אָנדענק פון קינד... —

הײַנט, צוליב די געסט פון שטאָט און צוליב דעם שייגעם זונטיק-טאָג, האָט די סאַמאַרינען אָנגעטון איר בעסט קלייד; דאָס קעפּל מיטן זעקס-האָריקן קעקסל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלט מאָליק פוטערל, — ספק געל-שוואַרצלעך, צי ברוין — אַרומגעשטעקט מיט אַ מחנה ביינערנע שפּילקעס און קעם — גרויסע און קליינע, מיט בלישטשענדיקע און אָן בלישטשענדיקע קעפּלעך, — אַז עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז זי טראָגט אויפן קאָפּ אַזאַ מין פייערלעשער-קאַסקע, אָדער — אַ קליין בערגעלע מיט אָן אַ שיעור פלויטן און דרענגער — און איז אַרײַנגעקומען דאָ, זיך צו ווײַזן...

די באַבעס האָבן איר הינטערן רוקן נאָכגעקרימט און געמאַכט שנעבל. די סטעסען האָט כלומרשט געמאַכט בייזע אומצופרידענע מינעס, ווײַל זי האָט מורא-געהאַט, אַז סאַמאַרין קאָן עס דערבליקן — נאָר די רוסישע האָט אַלע מינוט אַרויסגעהירזשעט אויפן קול. זי איז הײַנט געווען אויפגעלייגט, ווײַל איר געוועזענער מאַן, שמידאָווסקי, איז אויך דאָ געווען, און ער האָט עפּעס מיטגעברענגט פאַר די קינדער און פאַר איר אויך. — די מאַנסלייט האָבן געשמועסט פון אַנדערע ענינים, אָנגעהויבן מיט שמועסן פון אַרבעט און פאַרדינסט, און אַרויפגעקומען אויף אַלגעמיינס, אַז די מלוכה-אָרדענונג איז נישט קיין גערעכטע, די מאַכט געפינט זיך נאָך אַלץ נישט אין די הענט פון די, וואָס זי דאַרפט זיך צו געפינען... פון די אַרבעטער און פויערן...

דער אויסגעטריקנטער גאָל-קעפּיקער זייבער איז דער-

פֿאַר — שטאָל-און-אײַזן. דער עולם דערווידערט אים שוואַך: מ'האָט פֿאַר אים דרך-ארץ, ווײַל ער איז אַ מײַסטער פֿון זײַן אַפּטײלונג. אָבער סטעסע קאָן דאָס נישט אַדורכלאָזן אַזוי, אָן שום קעגן-באַמערקונגען. ער קאָן נישט — מ'זעט ווי עס קומט אים שווער אָן, אָבער — ער עפֿנט דאָך ס'מויל:

— אײן פּאַרטײ דאַרף נישט צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט, — כאַפּט ער זיך אָן אין אַ גענוג לײַכטן פּונקט.

זײבער גיט אַ שטורך מיטן עלנבויגן זײַן חבר מיט די בלאָנדע וואָנסעס, וואָס זיצט פֿאַרדרימלט — אַפֿנים די באַרגלופֿט ווירקט אַזוי אויף אים.

— יוזעף! — שטורכעט ער אים און שמײכלט. — יוזעף, קום מיר צוהילף!

דער חבר גיט אָבער בלויז נאָר אַ פֿאַרשלאָפֿענעם ברום און דרימלט װײַטער.

די סטעסען גיט זיך אַ שנעל אין האַלדז: „ער מוז האָבן גענוג געטרונקען, אײדער ער איז געקומען"... די רוסישע קוקטאַהער פֿון בײַ-דער-קיך און לאַכט, סתם, זי מײנט, אַפֿנים, אַז מ'דאַרפֿט לאַכן.

— אָבער, מענטש, — נעמט זיך זײבער צוריק צו סטעסען, — צו דער אײנער פּאַרטײ געהער דאָך דאָרט (אין רוסלאַנד) דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט פֿון שטאָט און דאָרף.

סטעסע ווערט דרײסטער:

— נישט אמת, פֿאַרהאַנען דאָרט נאָך אַנדערע אַרבעטערפּאַרטײען, נאָר מ'פֿאַריאָגט זײ אונטער דער ערד.

זײבער איז אָבער אויפֿגעלײגט און ער פֿירט דעם שמועס הײמיש — אַפֿנים כּדי די באַבעס זאָלן אויך פֿאַרשטײן.

— דו רעדסט ברודער, פּעטער, ווי דו וואָלסט געהאַט אין דײַן פֿאַרמעגנס — כאָטש דאָס הויז דאָ, ווו דו וווינסט, און נאָך עפּעס דערצו, און די רעוואָלוציע וואָלט עס בײַ דיר צוגענומען, ווי אַ בורזשוי רעדסטו, ווי אַ קעגנער...

— איך בין נישט קײן קעגנער פֿון קײן שום רעוואָלוציע, — רוקט סטעסע אַוועק פֿון זיך דאָס אָנגעהויבענע פּלעשל

טראָגן — עס זאָל אים נישט רייצן, — ווען זי ווערט נאָר געמאַכט אויף לינקס... פונדעסטוועגן, מיין איך, אַז אַ רעוואָלוציע דאַרף נישט צו זיין בלויז נקמה אָן דער בורזשואַזיע, נאָר — און טאַקע דער עיקר צום...

דאָ אָבער, נאָך איידער סטעסע האָט די מעגלעכקייט זיך אַרויסצוזאָגן — גיט די רוסישע אַ שפרונג־צו פון אויוון, וווּ זי האָט עפּעס געפּריכטשעט — נאָך מיט גלאַנציקע הענט פון חזיר־שמאַלץ — און מיטן הויכן מעוברתן בויך פאָרויס:

— אַוודאי נקמה! — שרייט זי און שפּרינגט אַזש. — די סוואָלאָטשעס! אַזוי לאַנג, אַזוי פיל הונדערטער יאָר האָבן זיי געמעגט איזדיעקעווען איבערן אָרימען פאָלק, און זיי האָט מען נישט געטאָרט אַראָפּשלעפּן די פוטערס פון די שמאַלציקע הינטערס און די קאַלאָשעלעך...

— ס'האָט שיין אויסגעזען? — פרעגט זי זייבער און לאַכט.

— יאָ, — זאָגט זי און לאָזט באַלד אַראָפּ דעם טאָן, — אָבער קורץ, אַ פּאָר טאָג נאָר, דערנאָך שוין נישט.

— אָבער געשאָסן האָט מען יאָ לאַנג? — טרייסט זי זייבער.

— געשאָסן האָט מען אונזערס אַ ברודער אויך, פאַר אַ ליאַדע מסירה.

— אין די צערקוועס, — רופט זיך אָן סאַמאַרין, — אויפגעגראָבן קברים פון הייליקע...

און שמידאָווסקי, וואָס האָט פונקט אַראָפּגעלאָזט אַ גלעזל, ווישט זיך אָפּ די ליפּן מיטן טאַשן־טיכעלע, וואָס מיט אַ רויט קענטל, וואַרפט־אַריין אַ פּאַרטיקע מיטגעבראַכטע פראַזע:

— רעליגיע — איז אָפּיום...

דניאל, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, גיט זיך פּלוצלינג אַ רוף־אָן:

— עס ווענדט זיך נאָר, צי מיטן פאַרטרייבן מיט געוואַלט די רעליגיע פון דער אויבערפלאַך — פאַרטרייבט מען

זי אַזויערנאָך אויך פון די מוחות און הערצער פון די מענטשן.

— גיכער פאַרקערט, — באַמערקט סטעפע.

נאָר סאַמאַרין, וואָס בייסט זיך שוין לאַנג די ליפּן, פּלאַצט-אַרויס:

— די יידן האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע, אום אונטער־צוברעכן רוסלאַנד, האָבן אָפּגעשאַפט טיטולן, ווייל זיי קאָנען קיין אַדעליקע נישט ווערן. יידן קאָנען אַלץ טון מיט אַ לייכט הארץ, ווייל זיי זענען צו קיין לאַנד נישט צוגעבונדן... יידן זענען אַ צעשטערערישער עלעמענט...

דערויף האָט אים דניאל געענטפערט לייכט, מיט איראָניע, נישט גענומען גאָר אין אַכט, וואָס אַרום דער עולם שטייט פאַרכאַפּט מיט אָפענע מיילער צו הערן דאָ דעם שאַרפן ווער־טער־דועל מיטן ייד.

— איר, גאָספּאָדין סאַמאַרין, מעגט אַוודאי באַדויערן די רעוואָלוציע, און איך פיל אייך מיט. אין אַמאָליקן רוסלאַנד האָבן אַזעלכע הערן, ווי איר, הויך דערגרייכט, געוועלטיקט איבער אַנדערע... און אַזוי מוזט איר, ליידער, דאָ זיצן, מאַכן פּאַפּיראָסן, באַגנבענען דעם אַקציז...

סאַמאַרין, וואָס האָט זיך די ערשטע רגע צעפלאַמט, איז באַלד שטיל־געבליבן און געענטפערט מיט אַ טאָן, צעבראָכן, ווי אַ ייד אין גלות:

— יעדער מוז דאָך פון עפּעס לעבן, — און טריב אַ שמייכל־געטון.

נאָר זייבער, זענענדיק ווי זיין פרידלעך־אָנגעהויבענער שמועס איז פאַרקראָכן — האָט צוגערופן סטעפעס זון, דעם פערצן־יעריקן וויצעק:

— וויצוש, דו קענסט עפּעס רייכע? — פרעגט ער אים, מעשה חבר:

— יאָ, אַוודאי קען איך, — איז וויצעק צוגעגאַנגען נעני־טער, — אונטן, לעמקע, איז רייך.

— פון וואַנעט ווייסטו, אַז ער איז רייך?

— אָט האָט ער דאָס הויז, און נאָך. האָט אַ פולע שטוב

מיט עסנוואַרג, מעל, סלאָנינע, שינקע, וורשט און געלט אַ סך, פון אונז אַלע אין הויז און פון די מילך...

— הייסט עס, אַז לעמקע איז רייך, — באַשטעטיקט עס זייבער אָן שמייכל, — וואָס דאַרפט מען, נאָך דיר נאָך, טון די רייכע?

— וואָס? — הרגענען, שעכטן... — זאָגט דער קליינער רויק, קאַלט, נאָר די אויגן ווערן אים ווי שטאָל.

דער עולם צעלאַכט זיך. די סטעסען רויטלט זיך אַזש, נאָר זייבער פרעגט ווייטער:

— און אַז דו וואָלסט געווען רייך?...

וויצעק ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן, נאָר די יינגערע שוועסטער — זאָשע — וואָס געראָט־אַריין אַפּנים אין אַ צרה־דיקער באַבע עפּעס — רופט זיך אָן:

— אָ, ער וואָלט געוווסט ס׳געלט גוט צו באַהאַלטן, קיינער זאָל נישט וויסן.

זייבער לאָזט אים נישט נאָך:

— נו, ענטפער, — פאָדערט זייבער ערנסט.

— אָבער ער איז דאָך שוין אַלט, לעמקע, — עפנט ענד־לעך דער קליינער ס׳מויל, — ער האָט פולע שטובן און עסט גאָרנישט, קאַרגט זיך, און מיר דאָ — הונגערן. אָט, וואָס איך זאָג.

דער צווייטער גאַסט, וואָס דרימלט די גאַנצע צייט און נאָר בלויז ביי די גרויסע געלעכטערס האָט ער קוים איין אויג געעפנט — וואַכט מיטאַמאָל אויף — מוז זיין, אַז ער האָט שוין גענוג געדרימלט. ער זעט, אַז אַלע קוקן אויף וויצעקן, מיינט ער געוויס, אַז דער קליינער חברהמאַן האָט געזאָגט עפּעס אַ חכמה, און אום צו ווייזן, אַז ער איז נאָר כלומרשט גע־שלאָפן, אָבער אין אמתן, אַלץ געהערט — מאַכט ער זיך אויף דער גיך גלייך די היפּשלעכע בלאָנדע וואָנסעס אויף דער זייט און אויף די זייט. ער גיסט־אָן און טראָגט דעם קליינעם אונ־טער אַ גלעזל בראָנפן מיט אַ שטיק קישקע צום איבערבייסן,

און דערלאַנגט עס אים שווייגנדיק, מיט כּבוד, ווי פאַר אַ דערוואַקסענעם.

— דו דאַרפסט אים אַביסל לערנען, — ווענדעט זיך זייגער צו סטעסען, — דער ייִנג וואַקסט ווילד, און אַ קאָפּ האָט ער דאַכט זיך, נישט קיין נאַרישן.

* * *

לעמקען, מוז זיין, טראָגט עמיצער צו פון די שמועסן אויבן. ער רעדט נישט, בלויז די בליקן זיינע זאָגן-אויס, אַז ער ווייסט. איז איינמאָל, ביים מיטאָג, רייסט עס זיך פון לעמקען אַרויס, מיט אַ קער דעם קאָפּ אין דניאלס זייט:

— אויבן, ביי די לייט, איז אַ באַנדיטן-הייל, פאַרשווערונגען ווערן געפּלאַנעוועט...

און די אַלטע חסר-דעהדיקע עצהט אים:

— ווייסטו וואָס, היינריך, נאָר מעלדן אונטן אין דער פּאָליציי, וועט מען זיי צונעמען, און מיר וועלן האָבן אַ ליידיקע וווינונג פאַר די זומער-הערשאַפטן.

— נו, יאָ, גיט דער אַלטער אַ לייג-אַוועק דעם לעפל און טוט אַ גלעט די באָרד, טראַכט אַ ווײַלע, און ווען דניאלן דאַכט זיך, אַז ער וועט זאָגן, אַז אָט-אָט גייט ער טאַקע באַלד אַראָפּ אין דער פּאָליציי — פאַרפאָרט דער אַלטער גאָר אַנדערש:

— דאָס קאָן מען אויך נישט, אַזוי גייט נישט, — און ער קוקט-אָן דניאלן, ווי ער וואָלט געפרעגט, וואָס ער וואָלט געזאָגט צו אַזאַ המצאה.

דערנאָך, איינמאָל אינדערפרי, אַז לעמקע איז אויפגעשטאַנען און, ווי געוויינלעך יעדן טאָג, אַרויסגעגאַנגען צום פערד, האָט ער דערזען, אַז דאָס פענסטער פון דער שטוב, וואו ער האַלט תבואה און שפּייז, איז אויפגעריסן, דער לאָדן — צעבראָכן, און פון דרינען — די פּראָדוקטן און אַ טייל תבואה און מעל — איז פאַרשוואונדן.

געווען איז דאָס נאָך אַ שניי-שטורעמדיקער בייז-וועטערדיקער נאַכט. ביינאַכט איז געווען אַ גרויסער ווינט, און מ׳האָט גאָרנישט געהערט.

לעמקע האָט נאָך אָט דער מעשה זיך פֿאַרטראַכט און פֿילאָזאָפֿיש געשוויגן. ער האָט איינער אַליין איבערגעטראָגן אויף זיינע אייגענע פּלייצעס די איבערגעבליבענע זעק תּבואה אין דער שטוב, ווו ער שלאָפֿט; געלאָזט פֿאַרריכטן דאָס אויפֿגעבראָכענע פֿענסטער און לאָדן און — אַלץ געשוויגן. ערשט שוין אַ פּאָר טעג דערנאָך האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגערופֿן צו דניאלן מיט רעזיגנאַציע אין טאָן:

— אַן אַלטער מענטש דאַרף, אייגנטלעך, גאָרנישט צו לעבן. ער לעבט נאָר — מען זאָל פֿון אים דאָס געשעפֿט מאַכן.

נאָר אין אַ ווײַל אַרום האָט ער דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ דערהויבן:

— אַך, אַמאָל, ווען איך בין יונג־געווען, האָט מיר דאָס געדאַרפֿט פּאַסירן! — די אויגן האָבן אים דערביי אַ בליץ־אויף געטון, און די אָנבערעמ־קע, צעבליצטע אויגן האָבן מיט אַ פֿינקלדיקן בליק באַטראַכט די צום האָלץ־האַקן אָנגעשאַרפֿטע האַק, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל מיט דער שאַרף אינדערהויך.

— יאָ, אַמאָל!... — האָט ער מיט די ציין געקריצט, — אַמאָל וואָלטן זיי דאָס נישט געוואַגט...

די לעמקען אָבער, זי — האָט דאָס נישט געקאָנט פֿאַרשווייגן. זי איז איינע אַליין אַרויפֿגעגאַנגען צו דער סטעסען און אָנגעהויבן אויבן זוכן איר גנבה. זי האָט געזוכט אונטער די בעטן, אין שענקל, אין די ווינקלען, אויך דרינען ביי דער רוסישער — און נאָך געוואָלט אַרויסגיין זוכן אין דער קאַמער.

— מיר הונגערן שוין באַלד, — האָט זי געפּרעפּלט צו סטעסען, — איך מוז צוריק האָבן דאָס מייניקע, — און פֿאַרלאַנגט דעם שליסל פֿון דרויסן דעם קעמערל.

אינמיטן אָבער איז די סטעסען אָנגעקומען. זי איז אַרויף אויפֿן מאַן, פֿאַרוואָס ער לאָזט דאָס, און די לעמקען האָט זי פּשוט אַרויסגעפֿירט הינטער דער טיר.

די לעמקען האָט זיך טאַקע געלאָזט אַרויספֿירן, גאָרנישט געזאָגט און געלאָזט טון מיט זיך, וואָס יענע האָט געוואָלט,

זי איז אָבער באַלד צוריק אַרויסגעקומען מיט דער האַק. אַזוי אָבער ווי די טיר איז געווען פאַרשלאָסן, עפּעס האָט מען פון דרינען נישט געוואָלט, און דאָס קלאַפּן דער לעמקעס האָט נישט געהאָלפן, — האָט זי זיך געשטעלט מיט דער האַק וואַכטעווען הינטער דער סטעסענס טיר, און זי האָט אויסגעזען, ווי דאָס ווייב פון אַ באַן-וועג-וועכטער, וואָס שטייט שטראַם מיטן פענדל אין דער האַנט, בעת דער צוג דאַרפט קומען...

* *
*

און וואָס אַ טאָג מער, וואָס נענטער עס האָט זיך אָנגערוקט צום קומען פון דער קרובהס טאָכטער, אַלץ אומעטיקער איז וואַנדאַ געוואָרן. זי האָט זיך באַמיט דאָס נישט אַרויסצווייזן, אָבער דער צער האָט איר פון די אויגן געקוקט.

וואָס, טייבעלע? — פלעגט דניאל איר די האָר גלעטן.— וואָס איז דיר? פאַרוואָס שרעקסטו אַזוי?

זי אָבער פלעגט אים נישט ענטפערן, נאָר טיילמאָל פלעגט זי עלנט ווי אַן איינזאַם ביימל אין האַרבסט-ווינט צו אים זיך טוליען, זוכן שוץ ביי אים אויף דער ברוסט, אַז אַ ווייטיקלעכער צער האָט אָנגענומען, זעענדיק ווי די אויגן ווערן איר פייכט, ווי אַ קלאָרע טרער הענגט אויף די ווימפּערן און ס'האָט זיך געוואָלט מאַכן אָט דער עלנדער טויב אַ נעסטעלע לעבן דעם פייגעלע. זאָל זי אויך אויפלעבן, ווי דאָס פייגעלע, און אַלע דריי וועלן זיי זיך דאָ גוט פילן.

...און די טעג זענען געגאַנגען.

אין הויז האָט זיך אַלץ געפירט ווי ביז אַהער. אָבער ניין! עפּעס נייעס איז פאָרט פאָרגעקומען. די רוסישע — וואָס איז געשען מיט דער רוסישער? ניין, אייגנטלעך, גאָר נישט צום שלעכטן, נישט מער דער בויך אירער — אָט דער בויך, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, דערדאָזיקער הויכער און פולער מעוברת-בויך איז עפּעס אַזוי צווישן אַ טאָג און אַ נאַכט, פלוצלינג איר אַוועקגעקומען, — אַוועקגעקומען, ווי ער וואָלט

גאָרנישט געווען קיינמאָל. ס'איז נישט געווען צו פאַרשטיין.

— ווו איז ער אַהינגעקומען? — האָט דניאל איינמאָל אַ פרעג-געטון אין שפּאַס.

— אַוועקגעשיקט קיין רוסלאַנד צו אונזערע. זיי צאַצקעווען זיך מיט קליינוואַרג.

און די סטעסען מיטן געשטופּלטן רויטן פּנים, בלינד אייגל און „מויל-געווערק" פון אַן אַמאָליקער מכשפה צעלאָזט זיך אין אַ געשפּרעך:

— גלייבט איר נישט. זי לאַכט דאָס! זי האָט גאָר קיינמאָל קיין בויך נישט געהאַט. דאָס איז געווען עקסטרע געמאַכט דעם געוועזענעם מאַן צו כאַפּן אויף דער ווענטקע...

דערויף צעלאַכט זיך די רוסישע מיט איר הויך און ברייט געלעכטער, אַזש זי פּאַטשט זיך מיט די הענט אויף די באָקעס.

אָט, אַפּנים, זיי לאַכן גאָר פון דעם יידישן שכן.

און איין גליק ברענגט מיט זיך דאָס אַנדערע — אין וואַלד האָבן פריצים איינגעאָרדנט אַ געיעג. דריי טעג כסדר האָבן האָרנס געשאַלט, הינט — געבילט, ביקסן געקנאַלט. דערנאָך, אַז ס'איז שטיל-געוואָרן, אויפן פערטן טאָג, האָט זיך די רוסישע (ווידער מיטן שפּרונג און לייכט ווי אַמאָל) געלאָזט אין וואַלד-אַריין — אפשר האָבן די פריצים עפּעס איבערגעלאָזט — און... זי האָט געברענגט צו שלעפּן אַ דערשאָסענעם האָז.

פון האָז האָט נאָך דאָס בלוט גערונען; מעגלעך, אַז די יעגערס האָבן אים נישט געקאָנט געפינען, אפשר — פאַרגעסן און אפשר איז עפּעס אַנדערש געווען. — גענוג, אַז ביי סטעסען האָבן זיי עטלעכע טעג אַוועק געהאַט פלייש צו עסן, פרישע פלייש. מ'איז געווען פריילעך און אָנגעגעסן.

אַביסל נאָך דעם האָט סטעסע באַקומען אַרבעט אין דער פּאַפּיר-פאַבריק, — זייער האָט אים דאָס געשאַפט, — אַפילו בלויז אַלס שוואַרצער אַרבעטער אויפן הויף ביים סאָרטירן דאָס האָלץ צו דער מיל, — אָבער יעדנפאַלס אַ שטענדיקע

אַרבעט מיט אַ וועכנטלעכן לוין, און — די שמחה איז געווען פֿאַרפֿולט.

אויך בײַ סאַמאַרינען האָט זיך דאָס רעדל אַ דריי־געטון צום בעסערן. ער, סאַמאַרין, איז געוואָרן גוט־פֿרײַנט מיט די געזעץ־היטער. זיי קומען אָפּט אַרויף צו אים ווי געסט און — ס'גייט אַ גאַנג. עס קאָסט טאַקע, אָבער עס לוינט...

אין די אינדערפֿריס הערט מען איצט אָפּט, ווי די סאַמאַרינען רופֿט דעם מאַן מיט אַזאַ איידל, הילכיק קעלעכל:

— סערגיי, איך בעט דיך — גיי־אַריין, דער קאַקאַאָ ווערט קאַלט...

און פּונקט אַזוי רופֿט זי אים אויף מיטאָג, ווײַל די פּעטע יויך ווערט געשטאָיעט, אָדער אַז ער זאָל — נישט אַנדערש — שוין אַראָפּלויפֿן פֿון באַרג אין געוועלב וועגן אַ ציטרין, אַז נישט, קאָן זי נישט טרינקען די טיי — און דאָס אַלץ מיט אַזאַ הילכיקן מאַדאַם־טאָן איבער גאַנצן הויז, וואָס אַפֿילו אונטן די שניידערין, דער פֿאַננע אירענעס מוטער, די „אַריסטאָקראַטקע", קאָן זיך מיט איר נישט גלײַכשטעלן.

יאָ, ווען עס גייט גוט און ווען עס גייט נישט גוט. דער קרומרוקנדיקער ברוקירערן גייט נישט גוט, זייער נישט גוט, דאָס יינגע שיקסל יאַדוויגאַ מיט די טונקעלע נישט־צוטרוילעכע אויגן און אַ ביסל אַרויפֿגעשאַרצט נעזל — איז שוין געוואָרן אַן אמתע פּראָסטיטוטקע. די מוטער אַליין שאַפֿט איר אַרויף געסט. דאָס איז איצט זייער איינציקער פּרנסה־קוואַל, זייט דער חתן, דער שמיד, האָט זי אַוועקגעוואָרפֿן, — ווײַל, ווי ער האָט געזאָגט, אַז „אַהער אויפֿן באַרג איז זיך שווער אַרויפֿצודראַפּען, און מוידן פֿעלן אונטן אויף דער פֿאָרשטאָט אויך נישט און איבער דער בריק איז נאָך מער דאָ". — דער זון זיגמונט, אַז ער איז דערגאַנגען וועגן דער שוועסטערס „טועכץ" איצט, איז ער אַוועק פֿון שטוב. אָן אַ „זיי געזונט" איז ער איינמאָל אַרויס פֿון שטוב, און ביז היינט נישט צוריקגעקומען און נישט צוּוויסנגעטון ווו ער איז. אַ פּאָר וואָכן זענען שוין אַוועק, און

מ'ווייסט נישט פון אים, און אין ווערקשטעל אין שטאָט האָט ער אַפילו די אַרבעטס-מלבושים איבערגעלאָזט.

פון שטאָט קומען צו יאַדוויגען מאַנסלייט, — „געסט". דאָס שיקסל האָט זיך תּחילת געבריקעט, געוויינט און נישט אַריינגעלאָזט, אָבער נאָכן ערשטן קליידל און גוטן אָנעסן איז זי ווייכער-געוואָרן.

איצט, איז דרינען שטיל. אַמאָל נאָר הערט מען פון דרינען אַ שטיל רעדן. די מוטער, אין פעדער-שטיבל, דערליידיקט די געשעפטלעכע זייט מיט די געסט, און אַלץ — שאַ, שטיל.

יאַדוויגאַ טראָגט שוין איצט גאַנצע שיך, אַ הוט און אַ מאַנטל, ווי אַ שטאָטיש פריילין, פודערן און מאָלן קאָן זי זיך אויך שוין. געסט קומען אַלץ מער, און טיילמאָל אויך אָנשטענדיקע, לייטישע פון שטאָט, אַזעלכע, וואָס לומפן זיך נישט אויף אַ פּאָר גראָשן מער.

צו יאַדוויגען קומט אַ חברטע אָליאַ, — פון אונטן פון דער פאָרשטאָט, אויך נישט עלטער פון יאַדוויגען, אָבער יענע איז שוין אין דעם „ברויט" אַ פּאָר יאָר, דערנערט דערפון אַ מוטער מיט קליינע קינדער.

די אָליאַ איז אַ שיינע, אַ פולעכע און אַ בלאָנדע. זי קומט אַהער אַרויף ווי צו אַ חברטע, אַ „פאַך־קאָלעגין" — מיט אַ לאַכעדיקן „גוטמאָרגן", אָבער דרינען מיט יאַדוויגען רעדט זי ערנסט און געשעפטלעך. איינמאָל האָט אָליאַ געהאַט צו יאַדוויגען עפעס בייזע טענות, איר עפעס פאָרגעהאַלטן:

— אַזוי טוט מען נישט, פאַרשטייסט, ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער איז ביי מיר אַ סטאַלער...

און געדראָעט:

— יאַצעק ווייסט אויך דערפון, און ער וועט שוין מיט דיר אַ שמועס-טון, וואַרט, ער וועט שוין קומען!...

יאַדוויגאַ, האָט זיך געהערט ביי דניאלן, האָט געוויינט: „איך האָב נישט געוווסט, איך האָב נישט געוווסט"... — האָט זי זיך נאָכאַנאַנד נאַיוו פאַרענטפערט, וויינענדיק. נאָר נאָך אַליעס אָוועקגיין האָט זי געבראָיעט און געסטראַשעט, אַז זי

וועט דעם קאָפּ שפּאַלטן יעדן מאַנסביל, וואָס וועט וואַגן אַרויפֿצוקומען.

אָבער די מוטער, האָט דניאל געהערט, איז צו איר אַרייַנגעגאַנגען, גענומען האָניק-זיס און פּוטער-ווייך צו איר רעדן... איז יאַדוויגאַ שטיל-געוואָרן און מער האָט זיך נישט געהערט.

דאָס רוב „געסט” יאַדוויגעס פירן זיך בשום אופן נישט לייטיש. די מוטער בעט זיי צו קומען נאָר אין אָוונט, גיין לייכט אויף די שטיגן און זונטיק — איינגאַנצן נישט קומען. און זיי — קומען דווקא בייטאָג, קלאַפּן אויף די שטיגן און טומלען, אַזש לעמקע קומט-אַרויס אַ קוק-געבן; און זונטיק קומען זיי גאַנצע חברותות; זונטיק רוט נישט פון זיי די טיר, ברענגען נאָך מיט בראָנפן און שיכּורן זיך אָן...

יאָ, אמת! די ברוקירערין האָט דערפון נאָך ווייט נישט „דאָס גוטע לעבן”. ס'הויז האַלט זי, ווי אין חרם. זי מיידט אויס די שכנים, און זיי מיידן זי אויס. זי ווייזט זיך כמעט נישט פאַר דער טיר אַרויס, אַז יאָ — לויפט זי ווי אַ פון היצל פאַרפאָלגטער הונט; לעמקען מוז זי יעדן חודש בעסערן דאָס דירה-געלט. און אַז יאַדוויגאַ, — אָט דאָס נישט לאַנג צוריק שטילע מיידל — דערהויבט אַמאָל דאָס קול איבער דער מוטער, רופט זי זי מיט די געמיינסטע נעמען:

— אַלטע קורווע, — רייפּערקע, — אַנדערש רופט זי זי גאָרנישט.

און — איינמאָל האָט דניאל ביי זיך געהערט, ווי דרינען האָט עמעץ עפּעס אַ וואָרף-געטון, שאַרבענעס האָבן אַ צעשפּרינג-געגעבן, דערויף אַ יאָמערלעכער קוויטש — ער איז זיכער געקומען פון דער אַלטער ברוקירערינס האַלז. אָט דער יאָמערלעכער קוויטש איז אינמיטן איבערגעריסן-געוואָרן — גלייך יענער האַלז וואָלט פון עמעצנס הענט צוגעשטיקט-געוואָרן, — און מער ווי די מוטער און טאָכטער איז דעמאָלט קיינער נישט דרינען געוועזן.

אַזוי ווייט איז עס שוין געקומען ביי זיי.

אָבער אַ סך מאָל האָט זיך פון דרינען אַזעלכעס נישט

געהערט, לפּנים לעבן זיי צווישן זיך גוט, די מוטער און טאָכטער, נאָר זי שפּירט זיך, די אַלטע, פאַרפאָלגט פון די שכנים, זי חידושט זיך, פאַרשלאָגט די הענט און קאָן נישט פאַרשטיין:

— פאַרוואָס, דרינען די קאַצאַפּקע, די רוסישע, צו איר איז געקומען די גאַנצע שטאָט מאַנסלייט, און ס'איז גאָר קיינעם נישט אָנגעגאַנגען וואָס זי טוט, און לעמקען האָט זי אויך נישט געמוזט יעדן חודש בעסערן. און פאַרוואָס פונקט אויף מיר און אויף מיין קינד, זעצן זיי זיך אָן, קאָנען נישט זען, אַז מיר האָבן צו עסן...

— יעזוס מאַריאַ, פאַרוואָס?

קאַפּיטל XI

סוף ווינטער וועקט זיך די אַלטע לעמקען פון איר פאַרשלאָפנקייט. וואָס נעענטער דער ווינטער רוקט זיך צום פרילינג, אַלץ אומרויקער ווערט זי, אַלץ אָפטער צינדן זיך איר אין די אויגן אומהיימלעכע פלעמלעך.

אָט האָט זי זיך דאָ פלוצלינג איינגעשפּאַרט און וויל נישט לאָזן דעם מאַן פאַרקויפן דאָס קעלבל, וואָס די קו האָט מיט אַ צען טעג צוריק געבוירן. זי טענהט, אַז דאָס איז נישט קיין קעלבל, נאָר איר קינד, מיט וועלכן דער אַלמעכטיקער האָט זי באַגליקט.

זי וויל נישט לאָזן פאַרקויפן און טרייבט מיט אַ שטעקן די קונים — קצבים.

קומט אַנומלטן לעמקע אַהיים פון אונטן, דער מיל, געפינט ער דאָס ווייב אין בעט מיטן קעלבל לעבן זיך. זי האַלט דאָס קעלבל אַרומגענומען, צערטלט עס און רופט זיך צו אים אָן מיט אַ פריידיקער ווייכקייט:

— זע נאָר, היינריך, ער איז שיין, דער יונגע, נישט וואָר?

און ערשט מיטן רימען האָט דער אַלטער זי פון בעט אַרויסגעקריגן און דאָס קעלבל צוריקגעפירט אין שטאַל אַריין.

— איר סעזאָן רוקט זיך אָן, — ווינקט לעמקע, — זי פּאַנעוועט שוין. דאָס יאָר עפּעס צו־פרי אַביסל, — און ער נעמט דערציילן, וואָס אַלץ זי האָט אים שוין געפּרווט אָפּטון, בשעת זי האָט דעם משוגעת־סעזאָן...

— קאָן זי אונז דאָך אַמאָל אָפּסמען דאָס עסן? — פרעגט דניאל און אַן אומהיימלעכקייט נעמט אים אָן.

— זי האָט שוין דאָס אויך געטון, — שמייכלט דער אַלטער ווי פון עפּעס דאָרט אַ ווייס-איך-וואָס, — מיט עטלעכע יאָר צוריק — אַריינגעטון מויזן-סם אין טאָפּ. אָבער איך האָב עס דערפילט לויטן גערוך. איצט, אַז זי האָט דעם „סעזאָן“, עס איך נישט פריער, ביז איך גיב צו פאַרזוכן דעם הונט, — ער הוסט לייכט זקניש אָפּ און גיט-צו:

— דער שאַמעל איז מיר טאַקע דעמאָלט אומגעקומען ביים פאַרזוכן.

— וועלכער שאַמעל?

— נו, זי וויסן נישט? אַ הונט מיינער, אַ גוטער הונט. אין זיין צייט האָט קיינער נישט געוואַגט מיר אויפצוברעכן דאָס פענסטער, ווי דאָ ערשט, אויבן די באַנדע.

ביידע שווייגן אַ וויילע פאַרטראַכט. ביידע טראַכטן וועגן איין-און-דעמזעלבן, אָבער יעדער אויף אַן אַנדער אַרט. דניאל טראַכט, ווי אַזוי דער אַלטער לעבט שוין אַזוי אַ לעבן לאַנג מיט אַזאַ ווייב. — דער אַלטער אָבער רעדט שוין פון עפּעס אַנדערש:

— די, אויבן,—ווייזט ער מיטן בליק אַרויף, ווו די ברוקירערין וווינט, — האָט שוין ווירקלעך אַ מיידל-הויז, — ער צעשמייכלט זיך בייז, שפּאָטיש און רעדט ווייטער, ווי מיט בייזן תענוג.

— אָבער נאָר בלויז איין שטיק „פּי“ פאַרמאָגט זי. דאָס קאָן קיין סך נישט ברענגען. אָ, ווען זי האָט אַזוי אַ צוועלף טעכטער!...

די אַלטע קומט פּונקט צו צום טיש, זי דערהערט דאָס לעצטע:

— איך האָב געהאַט צוועלף טעכטער, — רעדט זי פאַרשלאָפן, נאָר מיט אַ באַהאַלטענער שאַרפקייט, — אַלטער, פאַרוואָס האָסטו זיי מיר אומגעברענגט?

— קוואַטש דאָך נישט! — ווערט דער אַלטער קעגן זיין באַטור אומגעדולדיק, און ער ווענדט זיך צו דניאלן, אַז איר

פאָטער האָט שטענדיק געטרונקען. זי איז דערפאַר קראַנק, און דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז דעריבער האָבן זיך ביי זיי נישט געהאַלטן קיין קינדער.

— ניין, דאָס האָסטו געטרוידן מיט אַ שטיק האָלץ דעם פוס אונטערגעהאַקט. דערנאָך האָט דאָס קינד געקרענקט שוין ביזן טויט אַריין.

— דום-קאָפּף! — גיט דער אַלטער אַ געשריי און זי וויינט.

— אָן קינדער וועל איך פון דער וועלט גיין, פאַר וועמען זאַמל איך דאָס אַלץ? פאַר שטיינקע דעם שלאַנג, דעם ניכטס-ווערט?...

דער אַלטער איז יענעם נאָכמיטאָג אַרומגעגאַנגען אַביסל צערודערט. ער איז אַרויפגעקומען צו דניאלן, זיך אַנידערגעזעצט און, קעגן זיין געוווינהייט, לאַנג גערעדט — נישט געלאַסן, נאָר באַקלאָגנדיק זיך.

— ס'איז טאַקע נישט גוט אָן קינדער אַוועקצוגיין פון דער וועלט, שטאַרבן. — שטאַרבן איז אייגנטלעך גאָרנישט, אָבער קראַנק זיין, קרענקען און נישט האָבן קיין אייגן קינד, וואָס זאָל דיר אַ לעפל וואַסער דערלאַנגען...

און דאָ איז ווידער געגאַנגען דאָסזעלבע, וואָס ליגט דניאלן אויפן האַרץ און וואָס סטעסע האָט ביים ערשטן מאָל דאָ זיין, אויך גערעדט דערפון — שיכּרות.

— איר פאָטער, — זאָגט דער אַלטער, — האָט פונקט געהאַט אַזעלכע אויגן. טיילמאָל, אַז איך קוק אין אירע אויגן,— זע איך דעם פאָטערס אויגן, ווען ער איז געווען באַזאָפן... פונקט אַזעלכע, נישט אַ האָר אַנדערש... ער האָט געטרונקען, ס'פאַרמעגנס אָנגעווירן פון טרינקען, איז געשטאָרבן אין שיכּרות. און זיין טאָכטער — איז שיכּור פון דעם, וואָס דער פאָטער האָט געטרונקען.

דער אַלטער דרייט מיטן קאָפּ פון וווּנדער:

— איז דאָס נישט אומפאַרשטענדלעך, דאָס לעבן, מיין

איך? — איז עס, ווייזט־אויס, דעם אַלטן שווער צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס נעמט זיך.

— און די איבעריקע שוועסטערן? — וויל דניאל וויסן.

— בלויז נאָר איין שוועסטער האָט זי געהאַט, קיין ברו־דער נישט, יענע שוועסטער איז געווען די עלטסטע. זי איז יאָ געווען נאָרמאַל, איז געשטאָרבן פֿאַר עטלעכע יאָר, האָט אויך איבערגעלאָזט נאָר איין טאָכטער, אויך פֿעליק געזונט, דער שטייגער איז איר מאַן.

„הייסט עס, אַז עס זענען דאָ אויסנאַמען" — טראַכט דניאל דערלייכטערט.

— און אַלע מײַנע קינדער... געווען נישט צוועלף, נאָר פֿערצן — צוויי זענען באַלד געשטאָרבן; זײַ געדענקט זי שוין געוויס נישט — צוועלף טעכטער האָט זי מיר געהאַט. אַלע זע־נען זײַ געווען קאַליקעס. אײנע אַזוי ווי די מוטער, — גייסט־קראַנק, די איבעריקע צען, — אַלע קערפּערלעכע קריפּלס, פּאַ־ראַליזירט אויף פֿאַרשידענע קערפּער־טיילן. איינע האָט רעגל־מעסיק יעדן דריטן טאָג געקריגן עפּילעפּטישע אָנפֿאַלן... נאָר, — האָט דער אַלטער אַ זיפֿץ־געטון, — גערטרודע איז געווען גענצ־לעך געזונט. קלוג און שיין, און זי איז צום פֿריסטן געשטאָרבן, דערצויגן קוים ביז פֿופֿצן יאָר.

דניאל קוקט אים אָן, פֿרעגט אים עפּעס מיטן בליק...

— אַ, וואָס די אַלטע האָט געפּלוידערט וועגן פֿוס, אַז איך האָב אים איר צעבראָכן?

— אמת, זי האָט היינט עפּעס געזאָגט... — מאַכט זיך דניאל, ווי ער געדענקט עס שוין באַלד נישט.

— יאָ, ס'איז עפּעס געווען מיטן פֿוס. זי האָט זיך פֿאַר־זינדיקט, האָב איך איר אַ קלאַפּ־געטון, ווי אַ פֿאָטער, וואָס מוז דערציִען זײַן קינד און האָט אַ רעכט דערויף, אָבער וואָרשייַנ־לעך נישט דערפֿון איז זי געשטאָרבן, — מאַכט עס דער אַל־טער אַוועק.

— און די איבעריקע קינדער, — אינטערעסירט זיך דניאל, — זענען שפּעטער געשטאָרבן?

— זיבער! איינע, — די גייסט-קראַנקע האָט אַפילו דערצויגן ביז צוואָנציק — איז פּלוצלינג אַנידערגעפאַלן און געשטאָרבן. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז אַזוי האָט געמוזט זיין. ער האָט עס אָנגערופן מיט עפּעס אַן אויסטערליש אומפאַרשטענדלעכן נאָמען. — נאָר, — גיט דער אַלטער צו נאָך אַ רגע שווייגן, — ווער גלייבט זיי דאָרט, די דאָקטוירים! דאָס זענען אַלץ שווינדלערס און מערדער... ווען איך בין געווען נאָך אַ ייִנגל, געדענק איך, ווען ס'איז אומגעגאַנגען די פּעסט, האָט מען געזאָגט, אַז די דאָקטוירים סמען-אָפּ די קראַנקע. זיי טוען דאָס היינט אויך נאָך, פאַרציִען די קרענק, אום צו האָבן פאַר אַ סך וויזיטן.

דער אַלטער איז דאָסמאָל לאַנג געזעסן און געשמועסט. ס'האָט שוין אָנגעהויבן טונקל צו ווערן. דניאל האָט געטראַכט, אַז וואַנדאַ וועט אַרויפקומען, און אַז זי וועט דאָ זען דעם אַלטן לעמקע — וועט איר נישט אָנגענעם-זיין. אָבער ער האָט פונדעסטוועגן אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם אַלטן.

ער האָט איצט דערציילט, ווי נאָכן לעצטן קינדס טויט — נאָכן טויט פון דער צוואָנציק-יעריקער טאָכטער, איז די אַלטע משוגע-געוואָרן, אַ יאָר צייט אַרומגעשלעפּט זיך איבער די וועלדער מיט אַ פּאַק צוזאַמעגעקליבענע שמאַטעס אויפן רוקן, קיינמאָל נישט אַהיימגעקומען, נישט געדענקט שוין אַפילו, צי זי האָט נאָך אַ היים.

נאָר אַז זי איז ענדלעך צוריק אַהיימגעקומען, האָט זי איינמאָל גענומען אַ מעסער און זיך דעם האַלז איבערגעשניטן.

— קום איך אַריין פון שטאַל, — דערציילט דער אַלטער, — איך גיב אַ קוק, זי ליגט אין בעט מיט אַן אויפגעשניטענעם האַלז, ס'מעסער לעבן איר, און דאָס בלוט פליסט, ווי פון אַ אַ געשאָכטן קאַלב...

דערציילט זיך ווייטער, ווי ער, לעמקע, איז אַרויפגעלאָפן אויפן גאָרן צום איינציקן איינוווינער, וואָס האָט דעמאָלט דאָ געוווינט, — וויפל יענער האָט געצאָלט דירה-געלט און צי ער האָט רעגולער געצאָלט, — דערנאָך, ווי דער שכן

פון אויבן איז אַראָפּגעקומען, און ער, לעמקע, מיט יענעמס ווייב זענען געלאָפן נאָך אַ פעלדשער, נאָך אַ דאָקטאָר, און ווי מ'האָט איר פאַרבײַט דעם האַלז...

דער האַלז איז שוין געווען צוגעבײַט, האָט שוין גענומען לאַנגזאַם צוהיילן, קומט לעמקע עטלעכע טעג שפּעטער אין שטוב אײַנמאָל אַרײַן און — האָסטו דיר ווידער: זי האָט די נאָט אויפגעריסן. זי ליגט ווידער אַ געשאָכטענע און דאָס בלוט פליסט ווײַטער.

— האָט עס ווידער געפעלט געקאָסט און מ'האָט ווידער צוגעבײַט. איצט האָט מען שוין געמוזט דינגען אַ מענטש, וואָס זאָל איר די הענט צוהאַלטן, זי זאָל נישט ווידער אויפרײַסן דעם צוגעבײַטן האַלז...

איצט דערציילט ער, ווען ער האָט געדונגען זי צו היטן. אײַנעם שטשיגעלסקי, וואָס האָט געוווינט אונטן אין דעם הויז, וווּ איצט איז די יאַטקע. ער איז געווען אַ פעסטער פויער, זיך פאַרנומען אַמאָל אין די ייִנגע יאָרן מיט כאַפּן הינט, געווען אַמאָל דער היצעל פון דער געגנט.

איצט דערציילט לעמקע, וויפל דער שטשיגעלסקי האָט גענומען אַ מעת-לעת פאַרן היטן זי און עסן באַזונדער.

— עס האָט מיך גענוג געקאָסט!

נאָר צום סוף פאַרטראַכט זיך דער אַלטער אויפן קול:

— ס'איז געווען נאַריש פון מײַן זײַט, וואָלט איך אַביסל געצעגערט, וואָלט איר דאָס בלוט אָפּגעלאָפן; וואָלט איך פּטור-געוואָרן דאָס משוגענע ווײַב. איר טײַל פאַרמעגנס וואָלט איך צוריקגעגעבן איר משפּחה און איך וואָלט מיר גענומען אַן אַנדער ווײַב, נישט קיין טאָכטער פון אַ משוגענעם שיכּור, וואָס האָט געירשנט דעם פאָטערס בלוט.

ער צעגערט אַביסל און רעדט ווײַטער צו זיך:

— פון דעמאָלט-אָן איז זי דאָך כּסדר משוגע, און באַלד נאָכן אויפשטיין האָט זי מיר אַרײַנגעטון סם אין עסן.

נאָר ער באַזינט זיך באַלד:

— אַז איך וואָלט זי נישט אַזוי טיכטיק געראַטעוועט,

וואָלט איר משפּחה (די שוועסטער האָט דעמאָלט נאָך געלעבט) געזאָגט, אַז איך האָב זי אָפּגעשאָכטן, איך וואָלט געשטאַנען פֿאַר אַ געריכט, און דעמאָלט זענען, מוזט איר וויסן, דאָ אין לאַנד נאָך געווען די רוסן...

* * *

שטײנקע — דער יורש — וואָס זײן ווײַב איז דער לעמקענס אַ שוועסטער-טאָכטער — איז אַן עטלעכע-דרײַסיק-יעריק פּויערל מיט אויגן, וואָס קאָנען נישט יענעם גלײַך אָנקוקן, מיט דינע געלע וואָנסלעך; אָנגעטון גײט דאָס שטענדיק אָפּגעבאַרשט און רײן, אין גאַנצע מלבושים אָן אײן לאַטקעלע, — נאָר — אָפּגעשאָסענע, אַלץ, וואָס ער טראָגט אויף זיך, פֿון אויבער-ראָק ביזן וועסטל און הויזן — האָט שוין אָנגעווירן זײַן אַמאָליקע קאָליר, פֿאַלט איצט אַרײַן אין גרינעם אָדער געלן; אַפֿילו פֿון די שטיוול זענען די כאָלעוועס שטעלנווײַז שוין באַלד צוריק ענלעך צו דער פֿעל, פֿון וועלכע זײ זענען אויסגעאַרבעט-געוואָרן.

רעדן רעדט דאָס שטיל און שטענדיק מיט גאָטס אָדער דעם פּאַסטאָרס נאָמען אויף די ליפּן.

בײַ לעמקען נעמט מען אים גוט אויף. די לעמקען גיט אים פֿון דאָס בעסטע; וואָס זי פֿאַרגינט זיך אַלײן נישט אויפֿצועסן, — שטײנקען גיט זי דאָס יאָ. דאָס טוט זי, ער זאָל נישט אויסקוקן איר אָדער דעם מאַנס טויט.

אַז שטײנקע קומט צופֿאָרן, שטעלט ער אָפּ דעם וואָגן פֿאַרן הויז, שיט-אויס פּאַשע און דרײט דאָס פֿערד אויס מיטן קאָפּ צום אָבֿרעק.

דאָס אַלץ טוט ער זײער פּאַמעלעך. אָפּגעטון דאָס — וואַרפֿט ער אין דער גיך אַ בליק אַרום איבערן הויף, שײַער, שטאַל און גאָרטן, צי דאָ האָט זיך גאָרנישט געענדערט, זינט ער איז דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל.

דרינען, אין שטוב, גיט ער אויך אַזאַ געניִעם קוק דעם

אַלטן און די אַלטע אין פּנים. דער עיקר אינטערעסירט אים דעם אַלטנס געזונט-צושטאַנד, מער נאָך ווי דער אַלטערס... דער אַלטער לעמקע זעט אָבער שטענדיק גלייך אויס, נישט נאָר חדשים ענדערן אים נישט — אַפילו יאָרן — אויך נישט. דאָס מאַכט אונזער שטייגקען טרויעריקלעך, און מיט אַ פרום מינעלע זעצט ער זיך אַנידער אויף דער באַנק ביים פענסטער, נעמט שיטן מיט הייליקע פסוקים און דערציילן משפחה-נייעס. נאָר דאָס רוב שוויגט ער און שמייכלט געהיימנישפול אונטער.

דער אַלטער לעמקע איז נישט פרום, אינגאַנצן נישט, גייט קיינמאָל נישט אין קירך, און אַז עמעץ דערמאָנט אין זיין קעגנוואַרט „גאָט", ענטפערט ער מיט אַזאַ קלוגן סקעפּטישן שמייכל:

— יאָ, דער ליבער הער גאָט וווינט צו הויך פון אונז. ווער ווייסט, צי ער עקזיסטירט גאָר. און די, וואָס רעדן אין זיין נאָמען, זענען אַלע באַטריגער, מיינען נאָר די פּאָר גראָשן אָדער געשענקע.

נאָר, אַז דער יורש רעדט וועגן דעם אַלמעכטיקן, שמייכלט ער נישט, לעמקע. ער זיצט אומעטיקלעך, שוויגט, און מ'זעט באַשיינפערלעך, אַז אַ שטיק געזונט וואָלט אים צוגעקומען, דערדאָ־זיקער שטייגקע זאָל זיך אַרויסגיין און אַוועקפאָרן. ער וואָלט אים באַדאַי מיטגעגעבן אַלץ, וואָס ער פאַרגינט זיך אַליין נישט, — נאָר אַוועקפאָרן זאָל ער, און וואָס גיכער!

אָבער זאָגן זאָגט ער אים דאָס נישט. פאַרקערט: מ'לאָזט אים נישט אַוועק און ער מוז שוין דאָ מיטהאַלטן דאָס זונטיק־דיקע מיטאָג. און אַ מיטאָג מאַכט דעמאָלט די אַלטע, אַ בע־סערס ווי געוויינלעך, און חלקים טיילט זי דעם יורש גרויסע, שיער אַזעלכע, ווי דעם קעסט-עסער, וואָס באַצאָלט.

זיצן אַלע ביים מיטאָג. דער יורש קוקט, ווי די צוויי אַלטע אַרבעטן טיכטיק מיט די לעפל, ריקן אָן אָפּשטעל לעפל איין, לעפל-אויס, און פולע, געהויפטע... ווערט ער נעבעך פאַר־צערט, אַז דאָס בלאַס-געלבלעכע פּנים ווערט אים נאָך בלאַסער

און נאָך געלער. ער זיפּצט-אָפּ, און דאָס עסן באַקומט אים ניִשט.

איינמאָל, ווען ער איז אַ ווייל געבליבן אַליין מיט דניאלן ביים טיש, האָט ער אויף דער גיך זיך באַקלאָגט:

— קינדער קומען-צו, דאָס שטיקל ערד ווערט ניט גרע־סער, באַרגן אויף צינזן — ווילן די באַרגערס גרויסע פּראָצענ־טער, ווייסן נישט ווען איך וועל שוין אַמאָל האָבן צו באַ־צאָלן... קום איך אַמאָל אַהער דאָ, אַ קוק-געבן, נאָר דאַכט זיך, אַז עס ווערט גאָרנישט נענטער... — ער טוט פאַרצווייפלט, רעזיגנירט, אַ מאַך פאַריאושט מיט די פּלייצעס אין רייבעם, נאָר אָפּגעשאָסענעם רעקל און אַ זיפּצל:

— יאָ... יאָ, אַזוי מאַטערט מען זיך, אָרימער מענטש, — און ווידער אַ זיפּצל, אַז אַ מיטלייד קאָן אָננעמען.

נאָר אַז לעמקע איז פּונקט ד׳רויף צוגעקומען צום טיש, האָט דער יורש בלויז, ווי קרימלעך, אַ קוק-געטון אין דעם „יודע" — דניאלס — זייט, און האָט מיט אַ פרום מינעלע גענומען דערציילן דעם אָנקל, ווי ביי אים אין דאָרף — דער רייכער לאַנדווירט לענץ, וועלכער איז אומגליקלעך פון פערד אַראָפּגעפאַלן — האָט געסטערן שוין גאָר שמאָל געהאַלטן, און ווי פאַרנעם און פרום דער פּאַסטאָר האָט ביי אים ווידוי אָפּ־גענומען און געגעבן דאָס הייליקע „אָוונט מאָל".

קאַפּיטל XII

ס'איז געשען עפּעס. דאָס געשעעניש האָט נאָך זיך געבּרענגט אַ צווייטס, דניאלס לעבן און דאָ-זיין, האָט זיך דערדורך, אומגעריכט, אַ קערעווע-געטון אויף גאָר אַן אַנדערן וועג.

אָנגעהויבּן האָט זיך דאָס אַזוי: איינמאָל אינאָוונט האָט וואַנדאַ צופעליק דערמאָנט, אַז מאָרגן וויל זי גיין אין שטאָט טוישן אַ בּוך אין בּיבּליאָטעק, ווייל היינט — זונטיק — איז די בּיבּליאָטעק געשלאָסן. זי האָט שוין נישט וואָס צו לייענען. אין די שפּעטע אָוונט-שעהן, ווען זי זיצט מיט דער קראַנקער קרובה, איז דאָס בּוך איר איינציקער פריינט. — אָבער דאָס גיין אין שטאָט איז איר שווער. זי איז מיד פון דער אַרבּעט אין שטוב און פון דעם וואַכן בּיידערנאַכט, און איצט נאָך — די וועטערן — אָדער ס'איז נאַס, שניי-בּלאָטע, אָדער — פרעסט...

דאָ איז זי שטיל-געבּליבּן, ווי זי וואָלט זיך מיט עפּעס געהאַט אומגערן אַרויסגעכאַפּט. דניאל האָט פאַרשטאַנען, אַז שטיל-געבּליבּן איז זי בּיים, — אַז זי האָט נישט קיין רעכט וואַרעם מלבּוש — אָבער געזאָגט דייטלעך האָט זי דאָס נישט, קענטיק זיך געשעמט.

דניאל, ווייל ער האָט סתּם געוואָלט אַ מענטש טון אַ געפעליקייט און בּאַזונדער אָט דעם פיינעם מיידל — האָט ער זיך אָנגערופן:

— מאָרגן נאָך מיטאָג דאַרף איך צו זיין אין שטאָט, קאָן איך מיטנעמען אייער בּוך.

— גיין, דאָס איז שוין צו-פיל, — איז זי אַזש רויט-גע-

וואָרן, — נישט דערפֿאַר האָט זי דאָס געזאָגט. זי ווייסט, אַז ער דאַרף נישט צו גיין, און בלויז נאָר פֿאַר אירעטוועגן, — ווייל זי אים נישט מטריח-זיין, זאָל גאָט היטן!

— איך דאַרף יאָ צו זיין אין שטאָט, — מאַכט דניאל גאַנץ רויק, — און אַלץ-איינס, וועט ער סיי-ווי גיין. ער האָט דאָרט עפּעס צו דערליידיקן.

— ווייל זי איינמאָל זיין צודרינגלעך, זאָל עס אים נישט פֿאַרדריסן — אויב עס איז נישט קיין סוד, וואָלט זי אים געבעטן איר זאָגן... וועט זי ווייניקסטנס רויק-זיין, אַז נישט זי האָט אַ מענטש געטריבן אין אַזאַ וועטער עטלעכע קילאָמעטער...

— און אַ בוך?... — פֿרעגט ער אַביסל כיטרע.

— וועט זי זיך שאַפֿן פֿון דער שניידערין אונטן, פֿון דער טאָכטער, אָדער נאָך אַביסל בלעטערן אין דעם בוך. זי האָט עס נישט אַזוי געבוי געלייענט, אַביסל געווען פֿאַרנומען, ביסל — פֿאַרשלאָפֿן.

— אַלץ-איינס! איך מוז סיי-ווי מאָרגן גיין אין שטאָט, אויף דער פּאָסט דאַרף איך, — האָט ער זיך מתיר-געווען אַ ליגנט.

אַזויערנאָך איז זי באַשטאַנען, און צומאָרגנס נאָכמיטאָג איז דניאל, דאָס צווייטע מאָל פֿון זיין דאָ-זיין, געגאַנגען אין שטאָט מיט וואַנדעס בוך און מיט אַ צעטל אויסגעשריבן אַ רשימה, וואָסער בוך צו ברענגען.

ס'איז געווען נישט אַזוי ווייט אַ פּראָסטיקער, ווי אַ נאַס-שנייאיקער און ווינטיקער טאָג. גיך איז די נאַכט צוגעפֿאַלן. אין שטאָט האָט זיך דער נעפּל אַזוי שטאַרק נישט אָנגעזען. נאָר אַרום די אָנגעצונדענע קעפּ פֿון די גאַס-לאָמפּן, אַרום דעם ליכט, האָט געהאָנגען אַ געדיכטער טומאַן, ווי אַ וואָלקן-באַלעם...

די ביבליאָטעק האָט זיך שפּעטלעך געעפֿנט. דערווייל האָט דניאל פֿון נישט האָבן וואָס צו טון, אַרומגעשפּאַצירט אַמאָל אויף דעם, און אַמאָל אויף דעם — אויף די צוויי באַלויכטענע טראָטואַרן פֿון דער הויפּט-גאַס און זיך גגלאַנגווויי-

ליקט. דערנאָך, ווען דניאל האָט שוין מיטן געטוישטן בוך אין האַנט געוואָלט אַהיימגיין אויפן באַרג און ער איז נאָך אַריינגעגאַנגען אין אַ געוועלב אײַנקויפן געוויסע קלייניקייטן פאַר זײַן שטוב, האָט אים דאָרט פּלוצלינג דערקענט זיינס אַ פריינט אַמאָל פון די קינדער-יאָרן נאָך, און דניאל האָט זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט.

דאָס איז געווען דער אַמאָליקער סענדערל, דעם אָרעמען מלמדס ייִנגל, וואָס האָט געוווינט מיט דניאלס עלטערן אין איין הויז — טאַקע אין זייער אייגן הויז — אויפן העכסטן גאָרן, אין אַ בוידעמשטיבל. סענדערל האָט געהאַט אַ צונאָמען „שמדקאָפּ", פאַרמאָגט גנביש-ליפּעדיקע אויגן און — אויסגענאַרט ביי די ייִנגלעך פון פאָטערס חדר די מיטגעבראַנגטע זעמל-מיט-פּוטער. נאָר באַזונדער — די גראָשענעס און צווייערס, אויסגענאַרט פאַר קאָלירטע פּאַפּירלעך און ליידיקע שאַכטלעך פון פּאַפּיראָסן. דערנאָך אָבער — אַלס פּופּצניעריקער האָט ער שוין געדרייט אַ וועלט, אַלס קאָלעקטאָר פון עפּעס פּאַרדעכטיקע לאָטעריע-צעטלען. איצט איז פאַר דניאלן געשטאַנען אַ הויך-געוואַקסענער, ראַזירטער, גוט אָנגעטוענער סוחר; דאָ איז ער אַריינגעקומען צו זיינס אַ קונה. ער הייסט שוין מער נישט סענדערל „שמדקאָפּ", און אויך נישט „סענדער שאַמעס", ווי זיין פאַמיליע-נאָמען איז, נאָר — הער שאַמאַס, אָדער פּאַניע שאַמאַס און — נישט אַנדערש, — דניאל האָט געמוזט מיט אים מיטגיין זיך באַקענען מיט זיין פרוי — די הי-געבוירענע — מאַדאַם שאַמאַס און מיט זיין שטובן-שטאַנד...

— איך בין, פאַרשטייסטו מיך, אַ סוחר, אַ געלט-מענטש, און מיין אָרימע משפּחה אין דער היים לאָז איך אויך נישט פאַלן...

„עק וועלט — טראַכט דניאל — אַז סענדערל שאַמעס — העלפט שוין אויף אָרעמע משפּחה-לייט! אַלס בחור, ביים אָרימען טאַטן, ווען ער האָט שוין פאַרדינט, האָט ער נאָך מיט גוטן און מיט בייזן זיי דעם לעצטן ביסן פון מויל אַרויסגעריסן.

דניאל איז שוין באמת נייגעריק-געווען צו זען...

אויפן וועג האָט דער אַמאָליקער סענדערל, אַזוי הינטן-אַרום, געפּרוּווט דערוויל דערגיין, וואס דניאל טוט דאָ, צי ער איז שוין לאַנג הי, צי ער מאַכט הי עפּעס געשעפטן, וואָס פון פאָטערס פאַרמעגנס איז געוואָרן...

— אויב איך האָב קיין טעות נישט, דאַרפסטו צו זיין אַ רייכער יורש, און קיין הולטיי דאַכט זיך, ביסטו נישט.

דניאל, כאָטש ער האָט זיך געהאַלטן אין רעזעוו, נישט געזאָגט וועגן זיך קיין באַשטימטעס, האָט אָבער סענדערלס גע-בענטשטע נאָז, מוז זיין, באַלד דערשמעקט, אַז קיין געשעפטל אָדער פאַרדינסטל וועט זיך דאָ נישט לאָזן מאַכן, און דאָס לעצטע שטיקל וועג אין שטוב, האָט ער שוין מער וועגן „יענע זאַכן" נישט אַזויפיל גערעדט, נאָר דער עיקר זיך גרויס-געמאַכט און גערימט.

— נישקשה, — האָט ער נישט אויפגעהערט זיך פאָרצו-שטעלן, — וועסט זיך דניאל באַלד איבערצייגן, אַז כ'האָב מיך נישט צו באַקלאָגן, בין נישט אַבי-ווער, סענדערל בונים מלמדס לעבט שוין נישט, היינט לעבט און רודערט אַ וועלט — די פירמע שאַמאַס — אינהאָבער: זיגמונט שאַמאַס! — האָט ער דאָס אַרויסגערעדט מיט אָנגעבלאָזענעם שטאָלץ, ווי אַן ערשט-אויס-געקליבענער דאָרפישער וואָיט טיטולירט זיך אַליין דאָס ערשטע מאָל.

„אַז פון סענדערל דעם מלמדס, וואָס דער פאָטער האָט אים אַפּערגעשלעפּט פון זיין באַהעלטעניש אונטערן בעט און אים מכבד-געווען, אום שבת, מיט אַ שטיוול איבערן קאָפּ, ווייל ער האָט בשתיקה אַריינגעריבן דעם קיגל פון טשאָלנט אַרויס און נישט איבערגעלאָזט צום טיש — איז שוין געוואָרן אַ זיגמונט — מוז דער יינג זיך טאַקע האָבן אַרויפגעאַרבעט"...

— און אלחננס ירושה האָסט דו דאָך מן-הסתם אויך גע-קריגן, — האָט ער זיך פאָרט נישט איינגעהאַלטן שוין פאַרן סאַמע אַריינגיין.

די וווינונג האָט אויסגעזען, ווי אַן אויסגעמאָלטע קאַזאַרמע,

אין וועלכער מען האָט איינגעאָרדנט אַ מעבל-מאַגאַזין, צוזאַמען מיט אַ באַזאַר פון פּאָרצעלייַ, גלאָז, און נאָך... — אַזוי איז געווען דניאלס ערשטער איינדרוק.

אַ פול-געפּאַקטע, געפּודערטע פרוי מיט אַן אַרויפגעשאַרצט ברייט נעזל, ברייטע באַקן און ליפּנדיקע, ווי דעם מאַנס, אייגעלעך — מאַדאַם פּאָליאַ שאַמאַס!

די קינדער זענען נישט אינדערהיים געווען, און סענדער האָט עס שטאַרק באַדויערט. דערפאַר האָט מען דעם גאַסט, ווייניקסטנס, געוויזן איין מיידל, וואָס איז פּונקט קראַנק-געווען; געלעגן אין בעט אין דעם שטאַרק און ענג אָנגעשטעלטן און נישט דעם אָטעם אָפּצוציען איינגעהייצטן שלאָפצימער און געפּראַכט אין בעט. אָנגעטון איז זי געווען אין טריקאָט-וועש, און אַחוץ דעם נאָך אַרומגעוויקלט דעם האַלז מיט אַ באַלעם וואַטע און טיכער — און צוויסנגעטון, אַז אָט דאָס מיידל — איז פּיק קלוג, וואָס גאַרנישט איר גלייכן.

— די געדענקסט דאָך נאָך אַוודאי דעם טאַטן אירן, — האָט ער אויף זיך אָנגעוויזן, — איך האָב מורא, אַז אָט דאָס שמיערדוכל — וועט אים, — האָט ער גערעדט בלשון סגי-נהור און ווידער אָנגעוויזן אויף זיך, — נאָך איבערשטייגן... זי האָט נאָך, פאַרשטייסטו מיך — דער מאַמען אויך נאָך צוגעראָטן. זי וועט אינטעליגענט אויך זיין. — הע, פּאָליאַ, ריכטיק?

— זי איז עס שוין! — האָט דער אין שרייענדיקע מלבושים אָנגעטוענער מאַסיווער פילאַר, וואָס טראָגט דעם נאָווען מאַדאַם שאַמאַס — פאַרבעסערט.

לכּבוד דעם גאַסט האָט מען אָנגעשטעלט דעם פּאַטעפאָן. דערפאַר אָבער, אַז דער מאַן האָט געבעטן, הייסן אַריינגעבן טיי, האָט עס די מאַדאַם עטלעכע מאָל נישט דערהערט, און אַז ער האָט לסוף אַליין באַשטעלט ביי דער דינסט, האָט דניאל באַמערקט אַ קנייטשל פון אומצופרידנקייט אויף איר קורצן, בולטן שטערן, ווי אַ דראָענד כמאַרעלע אויפן קלאָרן הימל אין אַ פאַרנעם זומער-טאָג.

סענדערל, אָדער זיגמונט, ווי ער הייסט איצט, איז פון

דעם ווייבס שטרענגן קנייטשל געוואָרן אָפּהענגיק און אַ קאַם טרויעריק, ווי אַ פאַרשולדיקט חדר-ייִנגל.

אַז מ'האָט לסוף פון קיך אַרייגעבראַכט טיי, האָט די מאַדאַם מאָדנע גיך אַריינגעטון אין דניאלס גלאָז אַ לעפעלע צוקער, קאָרג און געגוי, ווי אין אַן אונטערשטאָטישער אַכסניה פאַר באַלעגאָלעס — און אייליק אַוועקגערוקט די צוקער-בויקס. דניאל ווידער, האָט זי דאָס אַלץ געלאָזט טון. נאָר די טיי האָט ער נישט געטרונקען, ער האָט זי געלאָזט קאַלט-ווערן, און אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען האָט אים הנאה-געטון, אַז זיי וועלן דאָס מוזן אַרויסגיסן.

אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט איז דניאל מיטן אַנטוישטן און עקלדיקן געפיל פון אייבעס, וואָס שטאַמט אין אַ היים פון אַן אַלטן באַקאַנטן פון די קינדעריאָרן (אָך, די קינדעריאָרן! אַלדאָס אין זייער צייט מיאוסע — באַשיינען זיי מיט יאָרן דערנאָך מיט אַ צאַרטן פאַרבענקטן פאַרנאַכט-שטראַל), האָט מען אים אַריינגעפירט אין אַ יאַטקע, — אין אַ מין יאַטקע, ווו אַרום די געמאָלטע ווענט און אָנגעשטעלטע טישן, שענק און קרעדענצן ליגן אָנגעלייגט און אָנגעוואָרפן פעטע בהמהשע הינטערחלקס, אָפּגעשינדענע, פון וואַנעט דאָס פעטס טריפט; גראָבע, אָנגעפילטע ווורשטן, באַלייבטע, שמאַלציקע פיס, טאַבעכע מילצן, לונג און לעבערס און קעפ מיט מגושמדיקע פייכטע פיסקעס און מיט אַרויסגעזעצטע קיעשע אויגענעס — און ער האָט זיך נישט געקאָנט קלאָר-מאַכן, פאַרוואָס די שטוב דאָרט דערמאָנט אים אין אַזאַ.

איצט איז דניאל שוין צוריק אַהיימגעגאַנגען.

אויף דער בריק האָט זיך דער נעפל שטאַרק אָנגעזען. די יענע-זייט-טייך-געגנט, די פאָרשטאָט — איז געלעגן אַ באַהאַלטענע אין נעפל, ווי אין אַ מילך-ווייסן, געדיכטן וואָלקן. די קאַרג-אָנגעצונדענע גאַז-לאָמפּן, אַדורכגעריסענע דורכן טומאַן-שלייער, האָבן אַהער צוגעשיינט, ווי קליינע פלעמלעך, ווי נישט-דייטלעכע ליכט-פונקען.

דריבן, די פאָרשטאָט. איז אין איצטיקן נאַך נישט שפּעטן

אָוונט שוין געווען אָפּגערוימט פֿון אַהין-און-אַהער-גייער. אין ס'רוב פֿענסטער איז שוין טונקל-געווען. ס'האָט דאָ אויסגעזען ווי אין אַ קליין שטעטל, אָוונט-צייט.

אין ערשטן הויז, וווּ דער פּאָליציי-פּאָסטן געפֿינט זיך, איז געווען ליכטיק, — שטאַרק ליכטיק, וואָס איז נאָך פֿאַרפֿילפֿאַכט געוואָרן דורך דער אַרומיקער געדיכטער פֿינסטערניש. — דורכן נישט-פֿאַרפֿרוירענעם פֿענסטער, האָט זיך קלאָר געזען, ווי די פּאָליציאַנטן זיצן בײַם טיש און שפּילן קאָרטן. עטלעכע זענען געזעסן אָן היטלען, נאָר איינער אין אַ היטל האָט געהאָלפֿן אַ צווייטן אַרײַנקוקן אין די קאָרטן. ער איז אים געשטאַנען איבערן רוקן, און אַזוי ווי דעם איבעריקן טייל קערפּער האָט מען נישט געזען, ווייל ער איז געשטאַנען אויסגעבויגן, האָט עס אין דרויסן אויסגעזען, ווי דער, וואָס זיצט האָט צוויי קעפּ, איינעם — דעם געוויינלעכן, וואָס אַ מענטש האָט, און אַ צווייטן, וואָס וואַקסט אים אַרויס הינטן פֿון רוקן, און דער — איז אָנגעטאָן אין אַ היטל און האָט וואָנסעס.

דניאל האָט זיך אויסגעדרייט, גענומען גיין לינקס. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ וועג ווי אין אַ מדבּר אַרײַן, בערג, איינער העכער פֿאַרן אַנדערן. קיין הײַזער זענען דאָ נישט געווען, קיין לאָמפּן — נישט. קיין שום ליכט-פֿלעמל האָט נישט באַלויכטן די פֿינסטערניש, און נאָר בלויז דער ערטערווייז אָנגעשיטער שניי האָט זיך געבלאָזט און געוויזן סילועטן פֿון ביימער אויף די רוקנס פֿון בערג.

אין דניאלס געמיט, טיף און באַהאַלטן אין אים, האָט פּלוצלינג אַ גרויל אויפֿגעטויכט. — אויף אַ רגע נאָר, און גלייך צוריק פֿאַרשוווּנדן, באַלד ווידער אויפֿגעוואַקסט, און ווי אַ ציטער, איז אים די גרויל איבערן גוף אַדורך. ס'איז געווען ווי דער שוידער, וואָס אַנטשטייט בײַם אָנרירן אַן עלעקטריזירטן דראָט און פֿאַרשווינדט בײַם אָפּלאָזן דעם דראָט, איבערלאָזנדיק אַ דערמאָנונג, ווי די אויפֿגערודערטע שטילקייט נאָך אַ ווידער-קול.

דאָס באַוווּסטזײַן דניאלס, איז פֿון דער גרויל-אָנונג נישט באַרירט-געוואָרן; ער האָט אַפֿילו נישט געטראַכט דערפֿון. ער

איז ווייטער געגאַנגען אין דער טויטער נאַכט, דער נעפּל האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. נאָר אין די טאָלן איז ער נאָך געדיכט געלעגן.

דניאל האָט געטאָפּטשעט אין דעם ערטערווייז שנייאיקן, ערטערווייז זאַמדיק־בלאָטיקן וועג. אָנהייב באַרג האָבן אַ סך שטעגלעך זיך געשלענגלט, געפירט אַרויף דורך פאַרשידענע געדרייטע וועגן; אייניקע פון אָט די שטעגלעך זענען געפערלעך, ווייל זיי פירן צום ראַנד פון באַרג־אָפּהאַנגען, איבער טיפע גריבער, איבערהויפּט ווינטער, ווען ס'איז נאָך אויך גליטשיק. — דניאלן איז נאָך וויניק מאָל אויסגעקומען דאָ צו גיין אין אָוונט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגערעכנט, וועלכער פון דידאָזיקע שטעגלעך עס דאַרפט צו זיין דער נעענטסטער, און גענומען גיין, זיך געהויבן אַלץ העכער צום באַרג־רוקן, אום פון זיין שפּיץ זיך אַראָפּצולאָזן און אַזוירנאָך, לויט זיין אויסרעכענונג, צוקומען אין לעמקעס סאָד, און פון דאָרט גלייך צום הויז און — שוין זיין אינדערהיים.

די אויסרעכענונג דניאלס איז, אייגנטלעך, געווען אַ ריכטיקע און גענויע. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז אויבן דער באַרג־רוקן איז אויף איין אָרט איבערגעבראָכן אויף אַ פּאָר מעטער. דאָס שטעגל בייגט זיך דאָרט אויס אין דער קרום אויף אַ זייט, אויבן איז גאַנץ שמאָל אויף דעם אָרט. בייטאָג איז עס לייכט אויסצומיידן, איצט איז אָבער נאַכט, נעפּל און ס'איז גליטשיק.

דניאל האָט דאָס, ווייזט־אויס, געהאַט פאַרגעסן, אָדער נישט געוווּסט נאָך — ער האָט געטאָפּטשעט אין שניי און ליימיקער ערד. דער וועג דאָ אַרום איז טאַקע געווען נענטער אָבער — שווערער, ווייל דער באַרג איז הויך. ער האָט שווער געסאָפּעט, דערשוויצט זיך.

דניאל האָט זיך געהויבן אַלץ העכער אויפן באַרג. איצט איז אים שוין גאָר נישט שווער־געווען אויפן געמיט און קיין שום גרוילן האָט ער נישט געפילט. ער איז געגאַנגען אַלץ העכער, זיך געהויבן צום שפּיץ באַרגרוקן. האָט ער פּלוצלינג

פאַר זיך אַ דערוצ-געטון דעם שפּיץ דאַך פון הויז און אַן אָפּשיין פון אַ פלעמל פון סאַמאַרינס פענסטער. ער איז געגאַנגען און געגאַנגען. ער האָט נאָך זיכערער געשטעלט די טריט, און מיט איינמאָל — — — ער האָט גאָרנישט געוווסט, גאָרנישט געפילט; ער האָט איין טריט געגעבן און — אויפגעהערט צו וויסן און צו פילן. ער, דניאל טוב, האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט צו זיין אַ לעבעדיקער מענטש. ער איז אויסגעלאָשן-געוואָרן. — — —

צוריקגעקומען צום באַוווסטזיין, ווען דער געדאַנק האָט זיך ווידער אָנגעצונדן אין זיין מוח, איז שוין צוריק טאָג-געווען, קענטיק פאַרמיטאָג. ער האָט זיך געפונען ליגן אין בעט אין זיין שטיבל; זיך אַליין געפונען, אַזוי ווי מ׳געפינט אַמאָל אַ פרעמדן אַ באַקאַנטן, מ׳קומט צו אים ווען מ׳ריכט זיך צו געפינען אים אַן אָנגעטוענעם ביים טיש — ליגט ער עפּעס פלוצלינג אין בעט און ס׳איז אַ חידוש...

געפילט האָט ער זיך, ווי אַ מענטש, וואָס וואַכט-אויף נאָך אַ קינסטלעך איינשלעפערן, ענלעך ווי נאָך כלאָראָפאָרם.

— ווו בין איך? — האָט ער געפרעגט.

אַ פרוי מיט אַ הויקערל איז צוגעגאַנגען צו זיין בעט. עס האָט געדויערט ביז ער האָט באַנומען, אַז דאָס איז זיין שכנטע די קרומרוקנדיקע ברוקירערין.

— ביי זיך אין שטוב זענט איר, — האָט זי צו אים גערעדט, ווי צו אַ קראַנקן, — אַז איר זענט שוין צוריק ביים שכל איז שוין גוט. אַ שיינע פּאָרציע האָט איר מיטגעמאַכט, און אונטן אין גרוב האָט איר זיך אויסגעשמירט מיט די עכטע פאַרפומען, אַז דער פאַננע וואַנדען איז שלעכט-געוואָרן פון די ריחות.

— ווו איז די פאַננאַ וואַנדאַ? — פרעגט ער ווייטער.

— וואָס הייסט ווו? — געפאָרן מיט לעמקען אין שטאָט אַריין נאָך פעלדשערס, דאָקטוירים...

„פעלדשערס, דאָקטוירים״, — דניאל האָט זיך געוואָלט אַ ציר-טון, דערגיין וואָס מיט אים איז דער מער — אַ שרעק-

לעכער ווייטיק אין דער האַנט און אין דער זייט, האָט אים שאַרף אַ ברען־געטון, אַז פון יסורים האָט ער צוריק דאָס באַוווסטזיין פאַרלוירן.

עטלעכע מאָל, איז ער נאָך אַזוי פון צייט־צו־צייט געקומען צום באַוווסטזיין אויף אַ קורצער ווייל, ווי אייגער, וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. דאָס איז געווען אַן אויפוואַכן פון אַ שטאַרקן געפאַל אַרויס אין אַ שוואַכערן אַריין, און יעדעס מאָל פון יסורים אויפן גוף און אין דער האַנט — צוריק אַריינגעפאַלן אין אַ נישט־באַוווסטזיין, ווי אין אַ שלאָף אָן חלומות.

ענדלעך ווען ער איז שוין אויף גוט געקומען צו זיך, איז געווען אין אַ גראָען בייטאָג. די האַנט איז אים געלעגן אין גיפּס, פאַרמויערט, דער רוקן — אין באַנדאַזשן. ער האָט זיך געפּרווט אויפזעצן און קיין יסורים נישט געפילט. אַז ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, האָט ער געקוקט אין פענסטער. עס האָבן זיך געזען די שפּיצן ביימער פון וואַלד, קראָען האָבן געשריגן און אין זייער אויפגעלעבט שרייען, האָט זיך געפילט דער סוף ווינטער.

דניאל איז שוואַך־געוואָרן פון אָנשטרענגונג, ער האָט צוריקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן... — וואָס אייגנטלעך, איז מיט אים פאָרגעקומען? איצט איז ער שוין געווען רויקער. אין זיכרון האָט זיך אים גענומען אויסשיילן און אויפשווימען עפּעס ווי אַ געשעעניש פון לאַנג, לאַנג צוריק: ער גייט אין אָוונט צוריק פון שטאָט, קלעטערט אויפן באַרג. ס'איז פינסטער, נאַכטיק... די פיס גליטשן זיך און ער דראַפּעט זיך, קלאַמערט זיך אָן די ביימער, אין די זייטן ביים שטעג... ווי אַ ווייטער, גאַנץ ווייטער און פאַרנעפּלטער חלום, האָט זיך עפּעס גערעדנקט, ווי ער ליגט אין אַ גרוב, שרייט, רופט, זיין אייגן קול האָט ער גערעדנקט ווי אַן עכאָ. עמעץ פון ווייט פרעגט: ביסטו אַ מענטש צי אַ ריח?... דערנאָך ווידער עמעצנס קול — דאַכט זיך אַ באַקאַנט קול:

— ווו געפינסטו דיך און ווער האָט דיך אַהערגעבראַכט דאָ?

אָפּגעריסענע איינצלהייטן האָבן זיך דערמאָנט, נאָר אַרײַנטראַכטן זיך דערין איז אים שווער־געווען... איצט האָט ער שוין קלאָר און זאַכלעך לײַכט זיך דערמאָנט וואָס לעמקע האָט אים מיט חדשים צוריק דערציילט, אַז איינמאָל איז אין איינעם פֿון די גריבער אונטערן באַרג אַראָפּגעפֿאַלן אַ חזיר און טויטלעך פֿאַרווונדערט־געוואָרן, איז באַלד אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן די אײַנוווינער אונטן אין די הײַזלעך אַרום באַרג וועגן דער מציאה און ס'האָט שוין געהאַלטן בײַ אַ געשלעג — נאָר אַז זיי זענען שוין צווישן זיך באַלד פֿאַרטיק־געווען מיט דער חלוקה — איז מיטאַמאָל אָנגעקומען אַ קיילער מיט אַ פּאָליציַאנט און דאָס חזיר צוגענומען. — לעמקע, וואָס קאָן גלאַט נישט לײַדן, אַז דאָס „גענפֿעוואָל" שאַרפֿט די ציין און ס'ווילט זיך זיי עסן אומגעצאָלט — האָט גלײַך ווײַטער דערציילט. ווי אַמאָל ווידער איז אַהין פֿון באַרג אַראָפּגעפֿאַלן אַ ציג, און אַז די ווײַבער און קינדער זענען גלײַך אַראָפּגעלאָפֿן נעמען די צוגעפֿאַלענע „לעז", אָבער — האָט ער חוזק־שמייכלענדיק צוגעגעבן:

— די ציג וואַר אָבער אויך נישט דום, זי האָט געגעבן אַ שפּרינג־אויף אויף אירע פֿיר פֿיס — הופּ! — אַוועקגעלאָפֿן ווי קיינמאָל גאָרנישט. — ס'האָט זיך דניאל דערמאָנט לעמקעס טאָן דעמאָלט און אים איז שוין אויף אַזויפֿיל בעסער — אַז ער האָט זיך צעשמייכלט.

אַ דערלײַכטערטער, אָבער נאָך אַ שוואַכער פֿון דעם איבערגעלעבטן, האָבן זיך אים די אויגן געשלאָסן.

ער האָט נישט געהערט ווי די טיר האָט זיך שטיל אויפֿגעמאַכט. אַ ווײַל שפּעטער, האָט ער די אויגן געעפֿנט. איבער אים איז עמיץ געשטאַנען איבערגעבויגן, ער האָט דערקענט די בלאָע אויגן, בלאָנדע האָר און חן־גריבלעך. זײַנע אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן:

— וואַנדאַ, — האָט ער שטיל געזאָגט.

דעמאָלט האָט זי מיט איר האַנט אָנגערירט זײַן שטערן, אים אַ גלעט־געטון איבער דער באַק. זי האָט זיך געזעצט

לעבן בעט און טרערן האָבן גענומען שטיל זיך קייקלען פון אירע אויגן. אַז ער האָט דאָס דערבליקט, האָט זי דעם קאָפּ אַוועקגעבויגן, און אַז זי האָט אים אין אַ ווייל אַרום צוריקגעבויגן, האָט זי ליב געשמייכלט, ווי די זון נאָך אַ רעגנדל, אים אָנגעקוקט ווי אַ שוועסטער אַן איינציקן ברודער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ סכנה און איז איצט שוין אַרויס.

*   *
*

— ווי אַזוי בין איך אַהיימגעקומען יענעם פּאָטאָלן אָוונט ווי אַזוי האָב איך געקאָנט אַרויס פון גרוב דאָרט? איך געדענק גאָרנישט.

אין שטיבל האָט זיך אַלץ מער געשפּרייט די פּאָרנאַכטטונקלקייט. דאָס פּעקל באַשריבענע פּאַפּירן אין ווינקל נישט ווייט פון טישל — האָט אויסגעזען ווי פאַרשטויבט, לעבן בעט איז געשטאַנען אַ שטול, דערויף אַ וועק־זייגער און אַ גלאָז מילך, אויפן צווייטן שטול איז געזעסן וואַנדאַ. דניאל האָט געוווסט, אַז אונטן ביי דער קראַנקער קרובה איז שוין געקומען צו פאָרן די טאָכטער, דעריבער — האָט ער זיך משער־געווען — האָט איצט וואַנדאַ מער צייט און קאָן אַזוי אָפט דאָ זיצן און אים צוזען.

ער איז איר געווען דאַנקבאַר פאַר אַלעם, וואָס זי האָט געטון פאַר אים און טוט נאָך. ער האָט גענומען איר האַנט אין זייגער. יעדעס אָדערל וואָלט ער איר אויסגעקושט, ווי אַ מאַמע איז זי אים, ווי אַ מאַמע און ווי אַן איינציקע שוועסטער. ווען זי קאָן נישט דאָ זיצן, האָט זי באַשטעלט די קרומרוקנדיקע ברוקירערין אים צוצוזען. — ער, דער אָפּגעווײנטער פון משפחה און פריינט, האָט אין אָט דעם קריסטלעכן מיידל אַלץ געפונען און אַפילו איר גאָלדן צלמל אויפן האַלז און דער טיילמאָלדיקער אויסגעשריי „יעזוס" שאָקירן אים שוין נישט. ער זעט אין איר נאָר — דעם מענטש. און איצט איז אים ווידער באַפאַלן די גרענעצלאָזע דאַנקבאַרקייט.

— ווי אַזוי, אייגנטלעך, בין איך דעמאָלט אַהיימגעקומען?

און איר שטים קלינגט מיט ווייך וואַרעמער באַשיידנקייט:

— ס'איז געוואָרן אָוונט שפּעט און נאָך שפּעטער און ביי אים איז אַלץ פינסטער־געווען — אַ סימן, אַז ער איז נאָך נישט אַהיימגעקומען. דערנאָך האָט זי עפּעס דערפילט, אַז דאָס איז נישט געוויינלעך פּשוט. און וואָס שפּעטער עס איז געוואָרן, אַלץ אומרויִקער איז זי געוואָרן. זי האָט זיך געפילט שולדיק, ווייל צוליב איר איז ער געגאַנגען אין שטאָט...

— ניין, צוליב דער פּאָסט, — דערמאָנט ער.

— גענאַרערל! — טוט זי אים אַ גלעט מיטן אויג און רעדט ווייטער.

ענדלעך קעגן צען אָוונט, האָט זי מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. אַז די קרובה איז איינגעשלאָפן, האָט זי אויף זיך געכאַפּט אַ טיכל און איז אַרויסגעגאַנגען, און אַז זי איז נאָר אַביסל אָפּגעגאַנגען, האָט זי דערהערט קרעכצן...

— איך ווייס נישט פון וואַנעט. פאַראַן אין דער וועלט עפּעס אומפאַרשטענדלעכע זאַכן — איך בין זיכער־געווען, ווער עס קרעכצט און האָב נישט קיין טעות געהאַט.

— און איינע אַליין האָסטו מיך אַרויסגעשלעפּט?

— נישט אַליין, אַ פויער אונטן האָט דערהערט מיין רופן, האָט ער מיר געהאָלפן.

— אָרימע מיינע! האָסט געהאַט אַ באַצאָלט פאַרן בון, וואָס כ'האָב דיר געבּרענגט. האָסט געהאַט אַרבעט. געמוזט ברענגען דאָקטוירים...

ער, דניאל, דוצט איר. ער ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי עס איז דערצו געקומען. אַלס קראַנקער האָט ער זיין געטרייע פלעגערין אָנגעהויבן צו דוצן. זי אָבער רעדט צו אים אין דער דריטער פּערזאָן.

— נו, דאָס אַלץ, וואָס זי האָט פאַר אים געטון, — איז נישט אַזוי פיל, אויב עס וואָלט נישט געווען צו צאָלן דעם דאָקטאָר... אַ רייכן מענטש איז אַפילו קראַנק־זיין אויך לייכט,— און ביידע צעלאַכן זיך.

— אָבער איצט בין איך שוין כמעט געזונט,—באַרימט ער זיך.

— יאָ, — זאָגט זי און ציט דערלייכטערט אָפּ דעם אָטעם, — אָבער עס מוז נאָך אַביסל געדויערן, ביז דער רוקן וועט זיין ווי געהעריק צוגעהיילט און מ׳וועט קאָנען אַרויסנעמען די האַנט פון גיפּס.

אים, דעם דרייסיקיעריקן עלנדן בחור פאַרגליסט זיך מיטאַמאָל אַ פּיעשטשע צו געבן.

— וואָלט איך כאָטש דאָ געהאַט אַ נאָענטן, אַ בלוט-אייגענעם...

צו וואָס אייגנטלעך, האָט ער דאָס געזאָגט, דניאל? ווי ער האָט עס נאָר געהאַט אַרויסגעזאָגט, האָט אים שוין באַנג-געטון אויף דעם נאַרישן זאָג, און מיט פאַרגעניגן וואָלט ער דעמדאָזיקן זאָג צוריק פאַרשלונגען, איבערהויפּט, אַז ער האָט עס גאָרנישט אַזוי געמיינט, — און אום צו פאַרווישן דעם איינדרוק, האָט ער אַ פאַרקערעווע-געטון דעם שמועס:

— מיט וואָס, טייער מיידל, וועל איך דיר פאַרגיטיקן פאַר דיין מי?

— מיטן ווי צום גיכסטן געזונט-ווערן, — האָט זי קורץ געענטפערט און פאַרשוויגן-געוואָרן.

ער האָט זיך שיער נישט באַגראָבן פאַר בושה.

„מיט וויפל זי איז איידעלער און קלוגער פאַר אים. מיט וויפל איר ענטפער איז געווען מענטשלעכער ווי זיין נאַרישער זאָג”.

— פאַרוואָס זאָגסטו מיר נישט „דו”, אַזוי ווי איך דיר?

— נו, איך בין אייך דאָך נישט קיין „בלוט אייגענע”, — האָט זי מיט אַ קאָפּ איראָניע אַ רעד-געטון.

איצט האָט ער ערשט דערשפּירט, אַז ער האָט זי געקרענקט און ער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי דאָס צו פאַרריכטן.

...דניאל האָט באַמערקט, ווי אונטער דער נאַטירלעכער גוטמוטיקייט און איידלקייט, איז וואַנדעס פנים פאַרהאָנגען מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שלייער פון טרויער. זי טרייסט און מונטערט אים אויף, ווען אינדערעמתן וואָלט זי זיך אפשר אַ טן

מער גענייטיקט אין טרייסט און אויפמונטערונג. זי האָט כמעט דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אין זיין שטוב. אים באַדינט און צוגערלאַנגט, מיט קליינע הפסקות נאָר — עטלעכע מאָל אין טאָג בלויז איז זי אַראָפּגעגאַנגען און נישט לאַנג געזאָמט זיך. טיילמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי הונגער. די רויטע פלאַמען, וואָס האָבן אָפטמאָל אויף אירע באַקן אויסגעשלאָגן, האָט ער אָנגענומען אַלס סימנים פון הונגער. ער האָט לסוף זיך דערדרייסט און זי געבעטן מיט אים מיטצועסן. תחילת האָט זי זיך אָפּגעזאָגט, אָבער ווייטער אַריין האָט זי אים צוליב־געטון.

איינציקווייז האָט זי אָנגעהויבן צו עסן און לסוף האָט זי דאָס געטון שוין קענטיק מיט אַ לייכט האַרץ. אַז מ׳האָט אים אַרויפגעברענגט עסן פון לעמקען און ער האָט זי געבעטן, האָט זי געגעסן.

זי איז דעמאָלט שוין כמעט גאָרנישט אַראָפּגעגאַנגען דורכן טאָג צו זיך, אַ חוץ שלאָפן. דניאל האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. עס האָט אים געחידושט, נאָר געפרעגט האָט ער זי נישט. ער האָט געוואַרט, אפשר וועט זי אַליין דערציילן, אָבער זי האָט גאָרנישט דערציילט.

איינמאָל איז לעמקע אַרויפגעקומען „באַזוכן דעם קראַנקן מאַן". וואַנדאַ איז פונקט אויף אַ ווייל געווען אַראָפּגעגאַנגען (זי פלעגט עס אָפט טון, אַז עמעץ איז אַריינגעקומען). האָט לעמקע אין קורצע ווערטער, ווי זיין שטייגער — מער בדרך רמז ווי אָפן — דערציילט דניאלן, אַז אונטן די קראַנקע פרוי וווינט שוין נישט דאָ, איר טאָכטער איז געקומען צו פאָרן פון אַמעריקע, האָט זי די מוטער אַוועקגעפירט אין אַ סאַנאַטאָריע. די וווינונג — האָט ער ווייטער דערציילט — איז באַצאָלט ביז פרי־יאָר, לאָזט ער דאָס מיידל נאָך וווינען. אָבער — לענגער נישט. אויפן זומער וויל ער אונטן די וווינונג פאַרדינגען פאַר זומער־וווינער פון דער שטאָט. וואָרים זיין הויז איז דער עיקר געשטעלט־געוואָרן פאַר זומער־געסט און נאָר דאָס יאָר האָט ער זיך געלאָזט אַריינגענאַרן...

איצט האָט דניאל שוין פאַרשטאַנען די סיבה פון דעם מיידלס באַהאַלטענעם טרויער און ער האָט שוין מער צוגעזען, זי זאָל עסן. ער האָט באַשטעלט מען זאָל פון לעמקען דייטלען אַרויפשיקן עסן פאַר צוויי פערזאָן.

דערנאָך איז געווען איינמאָל אַן אָוונט, אַ פריער פאַרפרילינג-ווינט האָט געטראָגן אַ וויעיעדיקע בשורה איבערן וואַלד, איבער דיביימער-שפּיצן. אַז דער ווינט האָט אויפגעהערט איז געווען שטיל און רויק, ווי דאָס גאַנצע הויז וואָלט געשלאָפן, אום זיך שפּעטער אויפצוכאַפּן מיט גרויס פרייד. די לאָמפּ אויפן טישל האָט געברענט שטיל, ווי אַ קינד פון דער מוטערס ברוסט— האָט די קנויט געזויגן נאַפט פון דער באַניע אונטן. דאָס רויקע ליכט פון דער לאָמפּ האָט געהאָלפן די שטילקייט זיך צו פאַרטיפן. די לאָמפּ איז מיט אַ שערעמל, דאָס האָט וואַנדאַ געטון, אום דאָס ליכט ווייכער צו מאַכן. אונטער אָט דעם ליכט, דאַכט זיך, אַז אַלץ אין שטוב דרימלט מיט אַ רויק שלווהדיקן דרימל: ששששש...

ס'איז דעמאָלט געווען אַ זעלטענער אָוונט, זעלטן, — נישט מיט פּאַסירונגען, נאָר מיט דער שטימונג. צוויי יונגע מענטשן, האָבן די שטימונג געשאַפן, און זי האָט אין דער לופט אַרום זיי געשוועבט, ווי דער פּאָך פון אַ טויבן-פליגלביים זון-אויפגאַנג פון ערשטן פרילינג-טאָג.

ס'איז געווען נישט אַ ייד און אַ קריסטין — נייערט צוויי יונגע עלנדע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן גוטסקייט און צערטלעכקייט איינער פאַרן אַנדערן און אויך פאַר דער גאַנצער איבעריקער וועלט.

דניאל, שוין באַלד אַ געזונטער, איז האַלב-געזעסן, האַלב-געלעגן, וואַנדאַ איז געזעסן אויפן שטול דערלעבן. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דניאל האָט דערציילט זכרונות פון זיינע קינדער-יאָרן. די דערינערונגען האָבן די שטימונג נאָך שטילער, טיפער און צאַרטער געוועבט. וואַנדאַ, אַן אָנגערעגטע, האָט אויך גענומען דערציילן; אַ סךליידן און פּיין זענען געווען אין איר דערציילן, ליידן פון אַ יונג פאַרוואָרלאָזט יתומהלע

ביי פרעמדע מענטשן אין שטוב... לאַנג האָבן זיי זיך דערציילט, און וואָס מער זיי האָבן זיך אַראָפּגערעדט און וואָס מער זיי האָבן זיך מיטגעפילט, אַלץ נענטער זענען זיי זיך געוואָרן... דניאל האָט מיט פאַרוווּנדערונג דערפילט, אַז ביי אים אין געמיט בליט עפּעס; די זעלטענע בלום פון ליבע האָט זיך אין אים צעבליט, און צאַרט, זעלטן צערטלעך און ווייך האָט ער אויסגעהערט איר דערציילן. דאָס איז געווען יענע ווייכקייט, וואָס אַז זי באַפאַלט אַ מענטש, וואַקסט זיין געפיל אויס צו אַ בלום און אַפילו דאָס פעדערל, וואָס האָט זיך אים אָן אַרבל אָנגעטשעפּעט — נעמט ער לייכט מיט צוויי פינגער אַראָפּ,—אַזוי לייכט, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, אַ צאַרט זומער-פייגעלע. און די אויגן זיינע לויכטן און שמייכלען צו דער שיינער ליבער וועלט.

דערנאָך זענען זיי שטיל-געוואָרן, - נישט זיי זענען שטיל-געוואָרן, ווייל זיי האָבן אויפגעהערט צו רעדן — די שטילקייט האָט זיך אַליין געשאַפן, ווי דער איידעלער טאָן פון אַ טייערן פידעלע, וואָס ציט זיך ווייטער אין דער שטיל. — איצט האָבן זיי גערעדט אָן ווערטער, זיך געקוקט אין די אויגן און געשוויגן. איר האַנט איז געלעגן אין זיינער. ער האָט די האַנט געקושט, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם געקושט, ווי אַז מ'שליקט טראָפּנווייז טייערן וויין, און די האַנט האָט זיינע האָר געגלעט. צוויי וועזנס — אַ ייד און אַ קריסטין — פון דור-דורות פרעמדע, פיינטלעכע, האָבן זיך געפונען און מיט פרייד געהאַלוביעט אין זיך דידאָזיקע וווּנדערלעכע אַנטפּלעקונג. אַ בלאָנדער און אַ שוואַרצהאָריקער קאָפּ האָבן נאָענט, נענטער און ענגער זיך צוזאַמענגעגאָסן, פאַרזינקענדיק איינער אין צווייטנס פרייד... זיין געזונטע האַנט האָט ליב און באַשיצעריש איר האַלז אַרומגעשלענגלט, איר דינעם, פיין-געבויטן האַלז מיט די איידעלע אָדערלעך פאַרוועבט, ווי בלאָע זיידפעדים, הינטער דער דורכזיכטיקער זיסער הויט און — איר מויל האָט זיך צו זיין מויל געזוכט; צוויי כלומרשט פרעמדע יינגע וועזנס האָבן זיך אין עקסטאַז פאַרייניקט און אַרום, הינטער די ווענט, אַלע איינוווינער פון

הויז אויף זייערע אָרימע געלעגערס און ביים לאַטעווען די מלבושים, מאָרגן צו קאָנען זיך ווייזן אין דרויסן — און אַפילו דרינען, הינטערן ווענטל, די פּראָסטיטוטקע — האָבן זיך, ווי וואונדערלעך צוגעהערט צו אָט דער גרויסער אַנטפּלעקונג. און די לאָמפּ אויפן טיש, איר נישט־רייכער פלאַם, ווי אַ פּאַרטרויטער, אָרימער אָבער גוט־האַרציקער עדות — האָט ליכטיקער זיין פלאַם געהויבן.

קאַפּיטל XIII

די טריט פון אָנקומענדיקן פרילינג האָבן זיך דייטלעך און דייטלעכער געהערט. די צייטנווייז נאָך בייז־רוישנדיקע ווינטן און שנייען, האָבן זיין דערנענטערן־זיך נישט געקאָנט פאַרהינדערן. אין ביינאַכטיקן שאַל פון וואַלד־וועכטערס האָרן, האָט זיך די בשורה פון ערב־פרילינג געהערט; די שלאַנק־שטאַמיקע סאָסנעס, הויך פון די אייביק גרינע קרוינען, האָבן שוין פון זיך שישקעס געוואָרפן. אַ גאַנצן לאַנגן ווינטער, איז די נאָך פון האַרבסט צייטיקע שישקע רויק אָן בוים אָנגעהאָפטן געווען. איצט, צום ערב־פרילינג, האָבן די ביימער ביי אַ מינדסטן ווינט חמרימווייז פון זיך שישקעס געוואָרפן, ענלעך ווי אַ הון געמט דזשאָביען און טרייבן פון זיך די אונטערגעוואַקסענע הינדלען... — געמוזט פלאַץ מאַכן פאַר יינגע שישקעס, וואָס וועלן ערשט—פון די לינדע ווינטלעך, זון און רעגן — שפּראָצן און בליען.

און די געשעענישן אין הויז זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שייכות צום ערב־פרילינג: אין דער חורבה, אונטן ביים אָנהייב באַרג, האָט מען, ווי יעדן סוף־ווינטער, געלאָזט אַוועקרוימען ס׳מיסט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן דורכן גאַנצן ווינטער, — וואָס דער עולם שיט אַהין אַריין, — און מען האָט דאָרט געפונען אַ האַלב צעפוילט קינד, אַ נישט־אויסגעטראָגנס... איז באַלד געוואָרן אַ געפאָרש און אַ געזוך און לסוף — געפאַלן אויף דער שמידאָווסקין. אַ פּאָליציאַנט איז געקומען רופן די רוסישע אויף אַן אויספאָרשונג.

מן-הסתם האָבן זיי דאָך געמיינט עפּעס צו דערגיין. די רוסישע איז אָבער איצט מער נישט געווען די שווער-באַוועג-לעכע און דערשלאָגענע, וואָס אין מיטן ווינטער... זי איז אַרויס, נאָך ביי זיך אין שטוב, — מיט אַ מויל אויפן פּאַ-ליציאַנט...

— הע, פאַרוואָס עפּעס פּונקט מיך נעמען, — ווייל איך בין דאָ אַ פרעמדע, זעצט מען זיך אויף מיר אָן? אפשר איז דאָס געפונענע יאַדוויגעס, אפשר אונטן אָליעס, און אפשר עמעצנס אַנדערש... אַז איך בין גאָרנישט געווען טראָגעדיק!

אָט אַזוי האָט זי זיך געקאָנט אויסטענהן די רוסישע, און זי האָט גאָרנישט מורא-געהאַט, אַז עס קאָנען זיך געפינען אַזעל-כע, וואָס געדענקען עפּעס...

יאָ, דער פריילינג האָט זיך אויף אַן אמת דערנענטערט, אַפילו דער אַלטער לעמקע האָט עס שוין מודה-געווען. זיין ווייב איז געוואָרן אומרויק. להיפּוך צום האַרבסט, האָט זי איצט כסדר גערעדט, אויף אַ רגע דאָס מויל נישט צוגעמאַכט.

לעמקע ווידער, — ער, — איז איצט געווען כסדר אָנ-געכמורעט און בייז. פון שטאָט האָבן אָנגעהויבן צו קומען דירה-מעקלערס און לעמקע האָט זיי נישט געהאַט וואָס צו ווייזן: אַלע דירות זענען געווען פאַרנומען אויף סטאַלע. אַחוץ איין דירה אונטן, וווּ די קראַנקע פרוי האָט געהאַט געוווינט און איצט וווינט נאָך דאָס מיידל, וואָס האָט זי צוגעזען — וואַנדאַ.

אַלע מעקלערס האָט לעמקע אַהין אַריינגעפירט. אַלע מי-נוט איז ער געקומען צו וואַנדען נאָכן שליסל, עמיצן צו ווייזן די דירה, און כסדר זיך געפרעגט, ווען זי קלערט זיך אַרויס-צוקלייבן.

ער האָט אַפילו געהאַט נאָך איין דירה צו פאַרדינגען, דער אַלטער לעמקע — זיין אייגענע. דען אויף איבער די זו-מער-חדשים ציט ער זיך אַרויס פון זיין וווינונג און ציט זיך איבער אין שייער — אין שכיינות מיט די קי... און זיין איי-גענע — פאַרדינגט ער „די הערשאַפטן פון שטאָט“, נאָר פון

וואַנדען איז ער נישט אָפּגעטרעטן, געהאַלטן זי אין איין יאָגן, זי זאָל די דירה אויסליידיקן, און דאָס אָרימע מיידל, האָט נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטון. זי האָט זיך געפילט, ווי אַ געיאָגטער האָז און דער אומעט און דערשלאָגנקייט האָבן זי נישט געלאָזט דעם קאָפּ דערהויבן.

— וואַנדאַ, — האָט איר דניאל איינמאָל פאָרגעלייגט, — נעם דיינע זאַכן און צי זיך אויף דערווייל אַריין דאָ צו מיר.

דאָס איז געווען אין אַ פאַרמיטאָג. דניאל האָט געזעצן דורכן פענסטער, ווי לעמקע, גייענדיק פון פערד-שטאַל, האָט זי אָפּגעשטעלט און עפּעס האַרב צו איר גערעדט. דניאל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדט ער, זי זאָל אים די דירה אויסליידיקן; זי, האָט ער געזען, האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און ווייטער געגאַנגען. אַז זי איז אַרויפגעקומען, האָט דניאל אָפּגעפּאַסט אַ מאָמענט, און שטייענדיק ביים טיש, — די פאַרבונדענע האַנט אין באַנדאַזש און מיט דער צווייטער — גלייכלייגנדיק די אָנגעוואָרפענע, שוין לאַנג אין דער האַנט נישטגענומענע באַשריבענע בלעטלעך, האָט ער איר פאָרגעלייגט:

— אָט ברענגט-אַרויף אייערע זאַכן און וווינט דאָ.

זי האָט נישט געענטפערט. זי איז בלאַס-געוואָרן, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן. די אויגן — אַראָפּגעלאָזט און גאָרנישט געענטפערט.

דניאל האָט באַמערקט, ווי נאָך דעם, ווי ער האָט איר דאָס פאָרגעלייגט, האָט זי פלייסיק גענומען בריוו שרייבן. יעדן טאָג האָט זי ערגעץ געשריבן און טיילמאָל — צוויי בריוו אַ טאָג. נאָר קיין ענטפער איז פון ערגעץ נישט אָנגעקומען. אַ צעפלאַטערטע האָט זי יעדן טאָג אָפּגעוואַרט די פּאָסט. נאָר פאַר אירעטוועגן האָט דער בריוטרעגער קיינמאָל גאָרנישט געבראַכט.

אַז דניאל האָט דאָס איר נאָכאַמאָל פאָרגעלייגט, — האָט זי אים איינמאָל געענטפערט:

— זאָגט מיר דאָס נישט, איך בעט אייך, — איך וויל מיך נישט אַליין פאַראַכטן.

— ווייל — וווינען ביי אַ ייד?...

— ניין, נישט ווייל אַ ייד, — האָט זי נערוועז איבערגעשלאָגן, — מיין כאַראַקטער איז אַזעלכער. איך וועל נישט קאָנען קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ „קאָכאַנקע”, — און זי האָט זיך פון אים אַוועקגעדרייט, ער זאָל נישט קאָנען זען איר פנים.

— און זיין אַ דינסט? — איז ער נישט פאָרזיכטיק געווען און אַרויסגעפּלאַפּלט.

— זיכער בעסער! — האָט זי מיט האַרץ אויסגעשריגן. — כאָטש איך בין נאָך קיינמאָל קיין דינסט נישט געווען, וואָלט איך מיך מיט פאַרגעניגן געשטעלט דינגען, אַבי ערלעך צו פאַרדינען מיין ברויט.

נאָכדעם האָט זי נאָך פלייסיקער אָנגעהויבן שרייבן ערגעץ בריוו, נאָך עקשנותדיקער אָפּגעוואַרט דעם בריווטרעגער און דער בריוו-צייט—נאָכאַנאַנד געקוקט אין פענסטער. זי האָט אָנגעהויבן אָפּט גיין אין שטאָט. ס'האָט געטראָפן, זי איז צוריקגעקומען אַביסל אויפגעלעבטער, אָבער צומאָרגנס אָדער אין עטלעכע טעג, איז ווידער דערפון גאָרנישט-געוואָרן און זי איז ווידער אומעטיק-געווען, פאַרצאָגט ביז גאָר.

און ווייל די פאַרצאָגטקייט אירע איז געווען אַן אינערלעכע, אויפן פנים, זיך באַמיט, זאָל מען נישט דערקענען וואָס אין איר טוט זיך, איז דערפאַר דער צער נאָך גרעסער-געווען. און איינמאָל האָט דניאל מיט איר גענומען אָפן זיך דורכשמועסן:

— וואַנדאַ טייערע! נישט איך מיין, דו זאָלסט מיר ווערן אַ „קאָכאַנקע” און נישט איך טראַכט דערפון. זע, דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט פאַר מיר געטון און וואָס דו טוסט נאָך — — איך האָב דאָ צוויי שטובן — זאָל איך נישט קאָנען כּדי דיר טון אַזאַ קלייניקייט?

און אין אַ ווייל אַרום:

— ווילסטו דאָ, ווילסטו דרינען — איין שטוב מיר, איין שטוב דיר.

זי איז אַפּנים אָפּגעוווינט-געווען, מ'זאָל צו איר אַזוי אויפריכטיק רעדן, זי האָט צוטרוילעך און וואַרעם אַ קוק-געטון

אים אין פּנים. אירע אויגן, — אָפענע, בלאָע, קלאָרע, ווי צוויי פרילינג־הימלען, האָבן אים אָנגעקוקט און זי האָט געזאָגט:

— איך גלייב אייך, ליבער פריינט, אַז איר מיינט עס אַזוי, און אַביסל קאָן איך אייך שוין און ווייס, אַז מ׳מעג אייך גלייבן, אָבער מיר וועלן נאָך אָפּוואַרטן.

דניאל איז אָבער שוין געווען אין עקסטאַז. ער האָט זיך מיט געוואַלט געהאַמעוועט און זיך באַמיט געלאַסן צו רעדן:

— אפשר ביסטו פרום, וואַנדאַ — איך מיין נישט, אַז דאָס איז אַ בושה, כאָטש איך, ווי דו ווייסט, בין עס נישט. נאָר, אַז דו ביסט עס יאָ — פאַרגעס, אַז דו וווינסט ביי אַ ייד, קאָנסט דיר הייליקע בילדער אָנהענגען... איך וועל האָבן דאָס פּאָדער־שטיבל און דו וועסט זיין איינגאַנצן אומגעשטערט.

— ניין, ליבער מענטש, אַזוי ווייט וועל איך אייך נישט אויסנוצן, אַז איך וועל נעמען, וועל איך נעמען דרינען דאָס פּעדער־שטיבל. איך וועל מיך אויף דערווייל דאָ איינאָרדנען.

נאָכדענקלעך האָט זי ווייטער גערעדט:

— איר זעט דאָך, איך שרייב אַלץ צו דער משפחה און קיינער האָט מיר נאָך נישט געענטפערט. איך האָב אויך שוין באַלד געהאַט אַ שטעל אין שטאָט, אָבער דאָס איז שווער, שווער צו באַקומען אָן פּראָטעקציע, און אָן פּראָטעקציע, ווייסט מען אויך קיינמאָל נישט צו וועמען מען פאַלט אַריין...

— מיך מיינסטו דאָס? — האָט ער נישט געגנוי געהערט און זיך געפילט באַליידיקט.

— גאָט באַהיט! ווי פאַלט אייך דאָס איין? — און פּלוצלינג האָט זי זיך נישט געקאָנט באַהערשן און זיך ביטער צעוויינט:

— איך ווייס, איך בין נישט מיאוס. אָבער דאָס איז פאַר מיר נישט קיין יחוס, איך וועל עס אָפּן אָנרופן: פאַר אַן אָרימער פרוי איז שיינקייט אַ צרה, אַ שרעקלעכע צרה! אומעטום זענען פאַר אַזאַ פרוי אויסגעשטעלט פּאַסטקעס... אַנומלטן אין שטאָט... — זי האָט שווער אָפּגעזיפצט.

— איך וועל אָננעמען אייער פאָרשלאָג, — מיט דאַנק

וועל איך אים אָננעמען, אָבער איך וויל נאָך אַביסל צוּוואַרטן, צו וואָס זאָלן מיר געבן דאָ די מענטשן אוּנז אויף די צײַן צוּ נעמען...

— אָבער, ליבע וואַנדאַ, — איז ער שיער בייז-געוואָרן,— אויב דוּ וועסט דיך רעכענען מיט אַזעלכעס, וועסטוּ דאָך שטענ-דיק זיין פאַראוּמערט, קעגן דער מענטשן-סטאַדע וועסטוּ קיינ-מאָל נישט יוצא-זיין! קעגן די לייט וועסטוּ נאָר דעמאָלט יוצא-זיין, אַז דוּ וועסט ווערן פוּנקט אַזוי ווי יעדע פון זיי, אָבער אויך דעמאָלט וועלן זיי דיך נישט פאַרשוינען... אָבער דוּ, וואַנדאַ, ביסט דאָך אַנדערש, זאָג איך דיר: היט זיך פון זייערע שבחים, מייד זיי אויס, זע זיי נישט.

— אָבער זיי — מיך, וועלן יאָ זען, — האָט זי טרויעריק אַ פרעפל-געטון און אַ שמייכל-געגעבן.

— יוצא-זיין קעגן אוּנזערע שכנים וועסטוּ קיינמאָל נישט,— האָט ער קורץ געענטפערט.

— און איך בין נאָר אַ פרוי, — האָט זי צוּגעגעבן און דערמיט האָט זיך דאָס מאָל דער שמוּעס געענדיקט.

* *

*

דער פרילינג האָט זיך אַלץ נעענטער אָנגערוּקט. פון דער ערד האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוּקריכן די לאַנגע בויך-קריכנדיקע ווערעם. אַז די זון האָט געשיינט, האָבן אויף יעדן פיצל פון שניי אָפּגערוימטער ערד — זיך אָנגעהויבן ווייזן גרעזלעך, נאָך די לעמקעס, שוין היפּשלעך אַ צע-געל-גרינע און שוואַכע... די דרייטע, איז נאָכאַנאַנד געלאָפן צוּ די איינוואוינער, זיי זאָלן זיך אַרויסציען, ווייל זי דאַרף די וווינוּנגען פאַר די זוּמער-הערשאַפטן:

— אַזעלכע רייכע הערשאַפטן זאָלן אין די היצן בלייבן זיצן אין שטאָט און איר אָרימע — זאָלט דאָ האָבן פרישע לופט ביים וואַלד?...

בלית ברירה, האָט זי זיי פאָרגעלייגט דערווייל צו

וווינען ביי איר אין שמאַל, ווו זי האַלט אַ חזירל און אין קע־לער, ווו זי האַלט ווינטער קאַרטאָפל... זי האָט געיאָגט קינדער און געטשעפּעט זיך צו דערוואַקסענע. — לעמקע האָט געגראָבן ריוולעך אָפּצוציען אַרום הויז די וואַסערן פון די צעלאָזטע שנייען. ער איז געווען פאַרכמורעט און בייז, — זיין גאַנצן כעס האָט ער אויסגעלאָזט צו דער שוואַכער אומבאַשיצטער וואַנדאַ, — נישט אַנדערש זי זאָל זיך שוין אַרויסציען, ווייל ער דאַרף דאָרט לאָזן אויפפרישן די וווינונג.

דעמאָלט האָט וואַנדאַ איינמאָל באַקומען אַ בריוו. דער בריווטרעגער האָט אָפּגעגעבן דניאלן אַ פאַרמאַכטן בריוו, וואָס איז געקומען אויף זיין אַדרעס מיט אַ צושריפט: „דלאַ פּ׳ וואַנ־די״. דניאל האָט באַמערקט, ווי אַז זי האָט דעם בריוו געלייענט איז זי דאָ רויט, דאָ בלאַס־געוואָרן.

נאָכן איבערלייענען איז זי נאָך אומעטיקער־געוואָרן, ווי איינער, וואָס האָט שוין די לעצטע האָפענונג אָנגעווירן. ס׳איז געווען אַ מאָמענט, באַלד נאָכן איבערלייענען דעם בריוו, ווען וואַנדאַ איז געשטאַנען פאַר אים, געעפנט דאָס מויל, נאָר אים צו זאָגן, אַז זי באַשטייט שוין זיך אַהער איבערצוציען, אָבער אין דערזעלבער רגע, ווען זי האָט דאָס מויל געעפנט דאָס צו זאָגן, האָט זיך פון דרויסן אין הויז געהערט דער געשטופּל־טער סטעסענס קול,—עפּעס האָט זי אויפגעהייטערט און רכילות־דיק געבאַטשקעט מיט דער רוסישער און מיט די איבעריקע „קומאָכעס״, און אַלע האָבן מיטאַריינגערעדט... דעמאָלט האָט וואַנדאַ, ווי אָט־דאָס וואָלט זי נאָך אָפּגעהאַלטן, אים צווויסנגע־טון, אַז מאָרגן פאָרט זי ערגעץ אַוועק. אויב דאָרט וועט זיך איר נישט מאַכן אַ פּאָסטן, וועט זי אים בעטן צו דערלויבן איר אויף אַ צייט זיך אַהער איבערצוקלייבן.

דאָס איז דאָך אייגנטלעך געווען דאָס, וואָס ער לייגט איר שוין אַזוי לאַנג פאָר, דאָך האָט זי דאָס איצט איבערגע־חזרט בקשהדיק, גלייך ער וואָלט איר נאָך קיינמאָל דערוועגן נישט געזאָגט.

דניאל האָט איר פאָרגעלייגט צו באָרגן געלט אויף דער

גסיעה. זי האָט אים געדאַנקט מיטן בליק און גענומען דערפון גאָר עפּעס, ווייניק-וואָס.

צומאָרגנס האָט גערעגנט און אַזוי האָט מיט קליינע הפסקות עטלעכע טעג כסדר גערעגנט. די לעצטע שנייען האָט דער רעגן אַוועקגעוואַשן און די בלאָטע אויפן באַרג איז געווען אומגעהייער.

פון לעמקען האָט דניאל געוווסט, אַז וואַנדאַ האָט מיט זיך גאָרנישט מיטגענומען. דניאל האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז מסתמא נישט אַוועקגעפאָרן, נאָר דרייט זיך אַרום אין שטאָט זוכן אַרבעט. ער איז עטלעכע מאָל געווען אין שטאָט, אַרומגעקראָכן אין די גאַסן זי זוכן, אָבער ער האָט זי אין ערגעץ נישט געזען, — בלויז פרעמדע מענטשן מיט פרעמדע פּנימער, וואָס האָבן געאיילט אונטער געעפנטע שירעמס, ווייל פון הימל האָט נאָכאַנאַנד געקאַפּעט.

איינמאָל, פאַרנאַכט, דער רעגן האָט געהאַט אַביסל אויפגעהערט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט געזען וואַנדען אַריינגיין אין אַ הויז. ער האָט דערקענט איר מאַנטל און בערעט. ער איז גיך אַהין צוגעלאָפן, אָבער דאָרט איז שוין קיינער נישט געווען. קיין געשעפט אָדער געוועלב איז אין דעם הויז נישט געווען. עס איז געווען אַ הויז, וואָס געהער צו דער בּיסקופּישער „קוריע”, צו דער „דיעצעזאַלנע”. פאַר דער טיר איז געהאָנגען אַ שילדל, אַז דאָ געפינט זיך אַ בּיליקער רעסטאָראַן, אינטערנאַט און האָטעל פאַר פרויען, שילערינס און פאַר דערוואַקסענע.

דניאל האָט דאָרט אַ פּאָר שעה געוואַרט, ס'איז פינסטער געוואָרן, אָבער זי איז נישט אַרויסגעקומען.

נאָכדעם, צומאָרגנס האָט זיך דער רעגן געשטאַרקט. צוויי טאָג אַוועק האָט געגאָסן ווי פון צעבערס. דערנאָך ווען ס'איז צוריק שיין-געוואָרן, האָט זיך וואַנדאַ אין דניאלס שטוב באַוויזן, זי איז אַרויפגעקומען, זי האָט אויסגעזען מיד און פאַרמאַטערט. דניאל האָט איר צוגערוקט עסן און זי האָט געגעסן. נאָכן עסן איז זי אַראָפּגעגאַנגען זיך דאָרט געזאָמט אַ פאָר

שעה — מסתמא — געשלאָפן — דערנאָך איז זי אַרויפגעקומען מיט איר קליין קיישל, אַ טיכל, אַ מאַנטל און אַ קלייד; דאָס אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל אין ערשטן שטיבל און זי איז שוין דאָרט פאַרבליבן.

דעמאָלט האָט זיך דער ערשטער פריילינג-טאָג געהאַט באַוויזן און די זון האָט מיט דער פולער האַנט באַשיינט די באַרג-געגנט.

(סוף פון ערשטער טייל)

צווייטע טייל

קאַפּיטל XIV

— צוואָס, וואַנדאַ, דאַרפסטו פירן אַ באַלעבאַטישקייט מיר קאָנען זיך דאָך, ווי ביז איצט, ברענגען עסן פון לעמקען. פאַרוואָס זאָלסטו זיך איינשפּאַנען אין פראַצע?

— אָך, ניין. זי קאָן נישט אַזוי גלאַט זיצן און עסן. אַנדערע זאָלן פאַר איר טוען. ביז זי וועט ערגעץ געפינען באַשעפטיקונג קאָן זי דערווייל דאָ טוען, וואָס מ'דאַרף. ס'איז דאָך נאָר פאַר צוויי מענטשן.

וואַנדאַ האָט אַזוי געוואָלט. דניאלן איז עס תחילת נישט אָנגענעם־געווען. אָבער ער האָט זיך צוגעוויינט און ס'איז גוט־געווען.

* *
*

דער צעשטראָלטער פרילינג האָט זיין מאַכט און קראַפט געמאַכט רוען איבער דער באַרג־געגנט, און די ליבע האָט טריאומפירט איבער אַלעם לעבעדיקן:

לעמקעס האָן, דער ייִנגער, אַ באַקוראַזשטער, אַ שטאָלצער, אויסגעפוצט אין פייער־רויטע און קאָלירטע פעדערן מיט אַ הויך־פאַרריסענעם עק, מיט אַ דערהויבענעם קאָפ און רויטע באַקן־בערדלעך, איז נאָכאַנאַנד יעדע פאָר מינוט אויף אַ הון געשפּרונגען, קיין איינע האָט ער נישט אויסגעלאָזט. אַפילו סאַמאַרינס צוויי באַיאָרטע און לאַנגזאַם־קריכנדיקע הינער, ווי אַלטע רביצינס — האָט ער אויך נישט פאַרשעמט.

צו דער ברוקירערינס צויג — דעם ווייסן הינטל „מוכאַ"— זענען גאַנצע מחנות הינט געקומען צולויפן פון דער גאַנצער פאָרשטאָט — זענען איר נאָכגעלאָפן ווי אַ פאַרצערטלטער פּרינצעסין, זי אָפּגעוואַרט פאַרן הויז מיט וואָיענדע סערענאַדעס און זיך געביסן צווישנאַנאַנד פאַר דעם כּבוד זי אָפּצוּוואַרטן. זי אָבער — די „מוכאַ" — האָט גראָד אויף אַ קליין באַשיידן הינטל איר גנעדיקן בליק געלאָזט פאַלן, און ווען די כאָפּטע הינט איז זיך צעקראָכן, איז זי מיט איר אויסגעקליבענעם באַשערטן אַוועק אין איינעם פון די באַהאַלטענע טאָלן.

יאַדוויגאַ האָט אירע געסט איצט געפירט אין וואַלד אַריין; אַליאַ האָט זיך די איריקע אין אַ צווייטן ווינקל וואַלד געפירט. צוריקוועגס, האָבן זיי זיך ביידע ביים בּרעג געזעצט, ווי צוויי אינטימע חברטאָרינס, די הויכע סאָסנע-קרוינען האָבן זיך מיט אַ לייכט וויגן איבער זיי געשאָקלט, ווי בענטשנדיק די צוויי מענטשן-קינדער, און זיי האָבן זיך דאָס פאַרדינטע קליינגעלט איבערגעציילט און פאַרטרוילעך געשמועסט צווישן זיך.

פאָרנט, אויף דער וועראַנדע, באַגאָסן מיט דער יינגער זון — זיצט לעמקע מיט דער סטעסען. זיי זיצן אַקסל ביי אַקסל. אויך אים, דעם אַלטן, האָט דער שטיפער, דער פרילינג, צעטרייסלט. ער שמועסט מיט דער סטעסען, ווי נאָך קיינמאָל נישט. זי קוקט אים אין פּנים מיט אַ רויטער הייטערקייט און — זיין אויג ענטפערט איר מיט אַ פייערדיק פינקעלע, ווי אַן אַלט נאָפּט-לעמפּל, אַז עס צעפלאַקערט זיך. זיי שמייכלען צו זיך און זעען נישט די וועלט אַרום.

נאָר די סטעסען טוט דאָס אָפּנים מיט אויסגערעכנטקייט, איר — אַפילו גוט באַהאַלטן — איראָניש שמייכעלע גיט-אויס, אַז זי מיינט דערמיט ביים אַלטן קמצן עפּעס אויסצושפּילן. ער אָבער — איז שוין אינגאַנצן אירער, זיין פּנים איז צונטער-רויט, זיינע אָנברעמיקע אויגן קוקן גלוסטיק, ווי לעבן אים וואָלט געזעסן אַ יינג באַחנט מיידל, און רק ער שמייכלט איר נאַריש צו און שאָקלט מיטן גראָען קאָפּ אויף הסכּמה.

די לעמקען גייט פון שטאַל צו דער שטוב, זי גייט נאָך

ווינטערדיק אָנגעטון, גייט שטייף און הויך. אין אָרעם האַלט זי אַ הון. זי טראָגט די הון אין שטוב אַריין, ווו זי דאַרף באַלד לייגן אַן איי. אַז זי דערבליקט איר מאַן זיצן מיט דער סטעסען, בלייבט זי אַ רגע שטיין און קוקט אַהין מיט אַן אָפֿן מויל, גלייך אָבער נעמט זי לייכט ציטערן ווי פֿון קעלט. איר מויל פֿאַרקרימט זיך, די ליפּן ווערן קאַלעך-ווייס, און אין די אויגן צינדן זיך איר אָן די אומהיימלעכע פֿלעמלעך. איר האַנט הערט אינמיטן אויף צו גלעטן די הון, ביידע הענט, ווי צוויי ביינערנע וואַלצן, נעמען קרעמפּנדיק עפּעס אַרבעטן אַרום דער הון. די הון גיט איין געשריי — ניין, אַ האַלבן געשריי נאָר. די לעמקענס מאָגערע נאָר שטאַרקע הענט, דרייען האַסטיק און אין געאײַליקער רציחה דער הון דאָס קעפּל. בשעת דעם פֿאַלט אונטן אַרויס אַן איי. דאָס איי פֿאַלט לעבן דער לעמקענס פֿיס, פּלאַצט און צערינט. און אַזוי, מיטן אָפּגעדרייטן פֿאַרבלוטיקטן קעפּל אין איין האַנט און מיט דער, אין טויט-צאַפּל זיך וואַרפֿנדיקער הון, אין דער צווייטער — דערשיינט זי פֿאַרן פֿאָרל, ווי אַ צעיושעט געשפּענסט. שמייסט זיי דאָס אין די פּנימער, ווי אַ הויפֿן בלוטיקע וואַרעמע בלאָטע, אַזש די סטעסען אַנטליפֿט אַ צעשראָקענע מיט אַ געשריי: יעזוס מאַריאַ!...

פֿריילינג, שטיפֿעריש גאָלד-געלאָקט ייִנגל! דאָס האָט דײַן כּוח דעם זקן מיט דער אָפּגעלעבטער, נאָר נאָך הויך-בוזימדיקער געשטופּלטער מכשפֿה צונויפֿגעפּירט, און דאָס הינדל מיטן אָפּגעריסענעם בלוטיקן קעפּל — איז פֿאַר דײַן קאַפּריז אַ קרבן געפֿאַלן.

*

•

אויפֿן בערגל לעבן וואַלד, קעגנאיבער דעם הויז, שטייט שוין עטלעכע טעג אַ מאָלער לעבן אַן אָנגעצויגענער לייוונט אויף אַ געשטעל, און מאָלט. דניאל, שפּאַצירנדיק ביים ראַנד וואַלד, לענקט זיינע טריט דאָרט אַהין. גייענדיק דערבליקט ער אויף אַן אויפגעשיטן הויפֿן זאַמד לעבן די ערשטע ביימער—

אָישן זיך די מרוּווקעס אין מוראַשניק... אַ גאַנצן ווינטער איז
דאָס בערגל טויט געלעגן, זעלטן איז אַמאָל אין אַ לינד וועַ-
טער — אַרומגעקראָכן אַ צוויי מרוּווקעס, ווי פאַרשלאָפן, איצט
האָט דאָס זאַמד-בערגל אויפגעלעבט — און אויף אַ ווייל צייט-
צו דניאלס אויפמערקזאַמקייט דאָס פאַרטראָודטע לעבן, דאָס
שאַפן און מעכיען, דאָס לויפן, איילן און יאָגן פון די אינ-
זעקטן, וואָס אין זייער פון אויבן-אויפיקן סתם-טענטלען קאָן
זיך דאַכטן: גלאַט אַ צעפאָרנקייט. נאָר אַז מ'קוקט זיך אָבער גוט
און געניי צו, זעט מען מיט פאַרווונדערונג, אַז עפעס טוען זיי
אַלץ מיט אַ באַרעכנטקייט און מיט אַ ציל.

דער מאָלער איז אַ נידעריק-געוואַקסענער מיט אַביסל
אַ הויכן רוקן, מיט גראָע, כמעט ווייסע האָר; אַ פאַרמאַטערט
מאָגער פנים מיט קנייטשן; נאָר אויגן פאַרמאָגט ער — אויגן!
ווי אַ קליין אומשולדיק יינגל. יונגע, לעבעדיקע, זעלטן קלאָרע
אויגן.

דער מאָלער שטייט פאַרטון. ער מאָלט אַ זייטן-שטיק
וואַלד, באַגאָסן אַביסל מיט זון, און דאָס איבעריקע — אין
האַלבן און גאַנצן שאָטן. דערצווישן — אַ פעלד מיט יינגער
גרינער אָזשעמינע, דער הימל אַ בלאָער, יונג צעשטראַלטער,
ערטערווייז מיט וואָלקנדלעך העלגרע און טונקעלערע עטוואָס,
און אין פאָדערגרונט — דער אַלטער לעמקע, גייענדיק צום
פערד-שטאַל מיט אַן עמער וואַסער אין איין האַנט, און —
אַן אָרעם היי אין דער צווייטער.

ווען דניאל קומט אַהין צו, שטייט וויצעק — ער פּאַשעט
איצט לעמקעס קי, — וויצעק מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט, אין
וועלכער ער האַלט דאָס בייטש-שטעקעלע, ווי אַ טייט-העלצל —
ווייזט-אָן דעם מאָלער הינטער זיך, איבערן ברייטן טייך —
צו דער הויכער קאַטעדראַל-קירך מיט די שיין-געבויטע שלאַנ-
קע און הויכע טורעמס.

— דאָס, פּאַניע, דאַרף מען מאָלן, — ווייזט ער אים אַלץ
אַהין אָן מיטן בייטש-שטעקן, — אָט אַזאַ בילד, אַן אויפגעמאָלטס
מיט שיינע קאָלירן און געניי — וואָלט געלוינט אָנצוקוקן.

אַ ווײַל קוקט דניאל שווײַגנדיק צו, ווי דער מאָלער אַרבעט. אויפֿן בילד זענען שוין איצט דײַטלעך דאָ די קאָנטורן פֿון אַ זײַט וואַלד, לינקס און רעכטס — דאָס הויז מיטן שפּיץ דאַך, דאָס פֿענסטער, וואָס גראָד איז עס פֿון דניאלס וווינונג — דער אַלטער לעמקע — נאָך נישט קיין אויסגעפּאַרטיקטער, אָבער שוין געננוג צום דערקענען מיט די האַרטע, שאַרפֿע פּנים-שטריכן.

דער מאָלער, ווי ער וואָלט גאָרנישט באַמערקט, אַז עמעץ שטייט אים הינטערן רוקן, שטייט געבויגן איבער דער אָנגעצויגענער לײַוונט. די ווײַס-שוואַרצע האָר פֿון זײַן קאָפּ זענען אונטן אַרויפֿגעבויגן אין אַ נאַטירלעכן לאָק אַרום דעם מאָגערן, כמעט יינגליש-בלאַסלעכן קאַרק. די ווײַסע פֿון אַ זקן האָר און יינגלשער קאַרק — אין אָט דער דיסהאַרמאָניע איז פּאָרט פּאַראַגען אַ האַרמאָניע, וואָס מאַכט אים סימפּאַטיש און אינטערעסאַנט.

דניאל, אַז ער קוקט אַזוי אויפֿן געמעל, פֿאַלט אים אײַן, אַז אַזוי ווי וואַנדאַ זיצט אָפֿטמאָל בײַם אָפֿענעם פֿענסטער, לייענט אַ בוך אָדער נייט — קאָן דער מאָלער זי אַמאָל מיט-אַרויפֿכאַפּן אויפֿן בילד.

דניאל טראַכט, אַז דאָס בילד וואָלט דערפֿון געוווּנען — מיטן אַלטן מאַן און עמער וואַסער מיטן אָרעם היי — און די יינגע פֿרוי אין פֿענסטער. נאָר געדאַרפֿט—מיינט דניאל — וואָלט זײַן פֿאַרקערט: די יינגע פֿרוי אין פֿאָדערגרונט און דער אַלטער גראָער מענטש — אין הינטערגרונט.

דער מאָלער טוט זיך ווייטער שווײַגנדיק און מיט התמדה זײַן אַרבעט מיטן פּענזל. אָפּגעשטאַנען אַ ווײַל, זעצט זיך דניאל אַביסל צו, אָפּגערוקט פֿון מאָלער, אויפֿן שוין היפּשלעכן גראָז בײַם ראַנד וואַלד הינטער אַ סאָסנע. די זון שײַנט מיט איר גאַנצער רחבות. פֿייגל פֿליִען געצאַײַליק און מיט אימפּעט אַהין-און-אַהער, מאַכן פֿול די לופֿט מיט זייער געטשוויטשער. עס איז די צײַט פֿון בויען נעסטן און לייגן אייער... מיט עטלעכע טעג צוריק זענען שוין די ווילדע גענז צוריקגעקומען. אין אַן

אָפּגעצירקלטן דרייעק מיטן קלינאַרטיקן שפּיץ פאָרויס — אַזוי ווי זיי זענען אין אָנהייב האַרבסט אַוועק, אין פּונקט אַזאַ דרייעק-פאָרם מיטן וועג-ווייזער פאָרויס — אַזוי זענען זיי צוריקגעמען. נאָר דעמאָלט האָבן זיי די הויז-איינוווינער באַגלייט מיט שטילע זיפצן: „דער ווינטער, דער ווינטער רוקט זיך אויף אונז אָן”... היינט האָט מען זיי ווידער מיט פרייד מקבל-פּנים-געווען. די רוסישע האָט מיט די הענט געפּאַטשט און זיך צעטענצלט אין דער גאָך פייכטער בלאָטע פאַר דער הויז-טיר, שרייענדיק אַרויף צום פליענדיקן דרייעק: „זדראַסטוויטיע!”... און די ברוקירערין, פון איר פענסטער, האָט מיט אַ יינג-געוואָרן קול און מיט אַזאַ פריידיקס, גערופן די טאָכטער!

— יאַדוויגאַ, נאַ זע, טעכטערל, די גענזלעך קומען שוין! דער פּאַן יעזוס גיט אונז שוין זומער-וועטער.

נידעריק אויף דער ערד גייט אויך פאָר אַ גאַנץ לעבן. פאַרשידענע מיני ווערימלעך באַווייזן זיך, לויפן צווישן די יינגע גרעזלעך, טייל איילן זיך אויף די קורצע שרצים-פיסלעך און נישט-אַנטוויקלטע פליגלעך, אַנדערע קריכן ווי נאָך אַ קרענק אָפּגעשוואַכטע, קוים-קוים באַוועגנדיק זיך; ווידער אַנדערע, שלעפּן עפּעס אַ שטרויעלע צי אַ ברעקל קאָרע — צווישן די דינע ביסלעך, הערנערלעך, אָדער וואָנסעס... פאַראַנען אויך אַזעלכע ווערימלעך, וואָס קריכן געלאַסן, ווי שפּאַצירן, שמעקן-אַרום יעדעס גרעזל, שטרויעלע און זאַמד...

דניאל קוקט זיך מיט אינטערעס צו צו דעם לעבעדיקן לעבן, וואָס גייט-פאָר לעבן זיינע פיס... ס'איז פאַר אים ניי. — וואַנדאַ קומט-צו. זי איז אָנגעטון אין אַ לייכט קלייד מיט האַלבע אַרבל און אירע דינע לעטשלעך אויף די געשטאַלטיקע פיס.

— זיי אַזוי גוט, — גיט זי דניאלן איבער דעם שליסל פון דער וווינונג, — איך דאַרף גיין אַראָפּ אין געוועלב עפּעס קויפן און דו וועסט אפשר וועלן גיין אין שטוב.

דער מאָלער — באַמערקט דניאל — נעמט-אַוועק דעם קאָפּ פון מאָל-ברעט, דער פענזל הענגט אים אומבאַוועגלעך זי-

בער דער לײװנט. ער קוקט־אָן װאַנדען. אין דער זון בריצנען אירע טונקל־בלאָנדע האָר, װי גאָלד, װי טונקל גאָלד, װי שטראַלן. ער קוקט איר אַ קורצע װײַל נאָך, װי זי גײט לײַבט און בויגעװדיק אַראָפּ מיטן װאַלד־שטעגל... װען ער נעמט שױן צוריק זיך צום פּענזל, גיט ער אַ קוק צו דניאלן און רופט זיך אָן:

— און איך האָב געמײנט, אַז דער פּאַן איז אַ ייד.

— און איך בין טאַקע אַ ייד, — ענטפערט דניאל.

דער מאָלער גיט אים נאָכאַמאָל אַ קוק־אָן און פרעגט שױן אויף יידיש:

— אַנטשולדיקט — און אײַער פרוי?

— מײַן פרוי, — פאַרהאַקט זיך דניאל קוים אויף אַן אויגנבליק ביים װאָרט „מײַן פרוי”, — איז אַ קריסטין.

— אַזױ, אַ קריסטין? — פרעגט דער מאָלער איבער. און נאָך אַ רגע:

— דערלויבט, פון דאַנעט, אַ פּוילישע?

— יאָ, אַ פּוילישע.

איצט שװײַגט דער מאָלער. ער נעמט זיך װידער צום פּענזל, מאָלט און שװײַגט. דערנאָך װענדט ער זיך װײַטער צו דניאלן:

— אַנטשולדיקט מיר און האָט נישט קײן פאַריבל: שױן לאַנג װױנט איר צוזאַמען?

דניאל דערשמעקט, אַז הינטער דעם מענטשס פרעגן ליגט עפּעס. אָבער ער ענטפערט קורץ:

— עטלעכע חדשים שױן.

איצט מאָלט ער װידער אַ לענגערע װײַלע שװײַגנדיק. דניאל גײט אַלץ פון דאָרט נישט אַװעק. ער זיצט װײַטער דאָ, באַטראַכט מיט אינטערעס און שפּירט־נאָך דאָס קריכן פון די װערימלעך אין גראָז. ער באַמערקט נישט באַלד, װי דער מאָלער לײגט־אַװעק דעם פּענזל, װישט אים אָפּ מיט אַ ספּעציעלער דערצו שמאַטקע, גײט־צו צו דניאלן, שטעלט זיך פאַר. דניאל דערהערט דעם נאָמען פעלז — אַזױ רופט ער זיך.

דאָס פּנים דעם מאָלערס — אַ נישט אַלט, אָבער זייער פאַרמאַטערט און ערטערווייז געקנייטשט פּנים מיט ייִנגע ברוינע אויגן, — קינדיש ליכטיקע אויגן, וואָס מאַכן אים נאָענט און פריינטלעך. ער זעצט זיך לעבן דניאלן אויפן גראָז, און זיי צעשמועסן זיך.

אַז וואַנדאַ קומט אַביסל שפּעטער צוריק, פון אונטן, טרעפט זי זיי פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך. דער מאָלער זאָגט איר „גוטמאָרגן". באַלד רעדן זיי אַלע צוזאַמען. דעם מאָלערס פּויליש-רעדן איז נישט קיין ריינס. וואַנדאַ מיינט, אַז ער איז אַן אויסלענדער.

— ניין, — זאָגט ער, — איך בין דווקא אַ פּוילישער, געבוירן אין האַרץ פון פּוילן... נאָר איך האָב אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט אין אויסלאַנד.

— אין פאַרשידענע לענדער געוויס? — באַמערקט וואַנדאַ.

— יאָ, אין פאַרשידענע לענדער, נאָר דערהויפּט און צום מייסטן אין פּאַריז.

— פּאַריז! — אַנטציקט זיך וואַנדאַ. — דאָס איז דאָך אַ פאַרשידנאַרטיקע שטאָט, אַ וועלט! נישט אמת?

— די פאַני איז שוין דאָרט געווען?

— ניין, אָבער געהערט און געלייענט.

— די פאַני האָט ריכטיק געזאָגט: אַ פאַרשידנאַרטיקע שטאָט — איטלעכער געפינט אין איר, וואָס ער וויל געפינען.

— און דער פּאַן האָט געפונען?...

— מיין באַרוף און—הונגער, — כאַפּט דער מאָלער אונטער, — נאָר דאָס צווייטע האָב איך נישט געזוכט, עס איז מיר געקומען סתם, אַלס צולאָג.

— הונגער? — קוקט אים וואַנדאַ אָן און באַמערקט, מוז-זיין, ערשט איצט די קנייטשן אויף זיין פּנים.

— יאָ, הונגער, זיכער הונגער, דאָס איז דאָרט אַ נויטווענדיקער עקזאַמען... ווי זשע דען? — און ער צעלאַכט זיך שטיל, פון וואָס זיינע קנייטשן ווערן ווי באַלויכטן.

— עס מוז זיין שווער צו הונגערן אין אזא שטאָט, — מיינט דניאל.

— נישט אינגאַנצן ריכטיק — אין פּאַריז איז אפשר לייכ־
טער צו הונגערן ווי ערגעץ אַנדערש, ווייל עס איז דאָרט דאָ
דעם גייסט מיט וואָס אָנצוזעטיקן, מיט וואָס אים צו פאַרשפּילן.

אָט אַזוי, אומגעפער, איז צוגעגאַנגען דער ערשטער שמו־
עס, און אַזויערנאָך האָט זיך דניאל טוב און זיין פריינטין, דאָס
קריסטלעכע מיידל וואַנדאַ — דערקענט און גוט־פריינט־געוואָרן
מיטן מאָלער עקיבא פעלז.

*

...דער הימל אַ באַזייטער, אַ באַפלעקטער מיט ווייס־האָ־
ריקע, ווי וואָל וואָלקנס, דורכגעשטרייפט מיט בלאָ, האָט אויס־
געזען, ווי ווייס מיט בלאָ געשפּריצטע זייף, נאָר איין וואָלקן
אַ טונקעלער, מאַסיווער און פעטער, האָט זיך גערוקט פון
דרום־מעריב־זייט, גערוקט זיך זייטיק און זיכער קעגן דער זון,
וואָס האָט געקוקט פאַרשטעלט פון הינטער אַ דין ווייס וואָלקנדל.
די זון, אפנים, האָט זיך געשראָקן פאַר אָט דער בייזער כמאַ־
רע, ווי אַ פריילעך ייִנגל שרעקט זיך פאַר עלטערן און מרה־
שחורה, אָבער דאָס שלעכטס איז שוין אוממעגלעך־געווען אויס־
צומיידן. דאָס זון־ליכט איז פון העל־גאָלד פאַרוואַנדלט־געוואָרן
אין מאַט־מעש. אַ ווינט האָט מיט קעלט אַ בלאָז־געטון, פאַר־
טשעפּעט די שפּיצן ביימער, און זיי האָבן זיך גרוישיק צע־
שאָקלט, געבויגן די גרינע קרוינען, די קאַשטאַן און דעמב־
ביימער, נאָך גאָל, קוים מיט ערשט־שפּראָצנדיקע קנאָפּן, האָבן
געקלאַפּט מיט די לערע צווייגן, ווי מיט דאַרע ביינער... דער
געטשוויטשער אין וואַלד איז מיטאַמאָל שטיל־געוואָרן. די לעצ־
טע פייגל זענען מיט אַ געאייל צעפלויגן און פאַרשווונדן־גע־
וואָרן אין וואַלד אַריין; די ווערימלעך צווישן די גרעזלעך
זענען נישט געוואָרן, זיך באַהאַלטן אונטער שטיינדלעך, העלצ־
לעך, אָדער אין דער ערד פאַרקראָכן. אין אַ וואָסער מינוט
איז טויט־שטיל־געוואָרן. דער הימל איז שוין דורכויס באַדעקט־
געווען אין שוואַרץ־גראָ. נאָר דאָרט, אין דרום־מערב, פונוואַ־

נעט די כמאַרע האָט איר ערשטן חעג גענומען — דאָרט איז אַ העלער פּאַס אויפגעגאַנגען, פאַרגעזאָגט, אַז דער רעגן וועט לאַנג נישט געדויערן.

די ערשטע טראָפּנס האָבן גענומען פאַלן. די הויז־איינוווינער זענען גיך אַראָפּגעלאָפן, אַרויפכאַפּן דאָס בעטגעוואַנט, וואָס האָט זיך געטריקנט אויף דער זון און געלופטערט, געלעגן צעלייגט אויף לעמקעס וואָגן און אויף דעם אָנגעלייגטן האָלץ... וואַנדאַ, דניאל און דער מאָלער פעלז האָבן קוים באַוויזן מיט דער לייוונט און פאַרבן אַריינצולויפן אין הויז און צו דניאלן אין שטוב,—ווי אַ רעגן אַ שווערער, געדיכטער, מיט גרויסע טראָפּנס, וואָס זענען געפאַלן מיט רעש און איבערגעאיילטקייט, ווי דער ראַפטומדיקער כעס פון אַ היסטערישער פרוי, האָט די ערד פאַרכאַפּט.

דאָס שטיבל האָט איצט מענטשלעכער אויסגעזען, ווי ווינטער־צייט, ווען דניאל אַליין האָט דאָ געוווינט. — אַ פרויען־האַנט האָט געוואַכט דעריבער. אַחוץ דעם בעט מיט קלאָר־ווייסע בעטגעוואַנט, וואָס איז געווען באַצויגן מיט אַ בונט־וואָלענער דעקע, איז קעגנאיבער געשטאַנען אַ געבעטע סאָפע, כאָטש די שטוב־זאַכן זענען געווען גענומען פון לעמקען פאַר אַ חודש־אָפּצאָל, אָבער זיי זענען געווען געהאַלטן אין גוטן צושטאַנד. און זויבער־ריין איז דאָס שטיבל געווען, ווייס און ריין. ס'איז געשטאַנען אַ קליין שענקל צו וועש און מלבושים. די באַשריבענע פאַפּירן האָבן זיך מער נישט געוואַלגערט אויף דער ערד, נאָר געלעגן אין אָרדענונג אויף אַן עטאַזשערקע צוזאַמען מיט די איבעריקע ביכער. און אַפילו אין ערשטן שטיבל דאָס קעכל איז נישט געווען באַלעבאַטיש, לויט דעם געוויינלעכן שטייגער, נאָר אַזוי אויף איין פוס פאַר צוויי יינגע נישט־באַזעסענע מענטשן, וואָס דאָס איז נישט ביי זיי דער עיקר.

אויך די יינגע, שלאַנקע באַלעבאָסטע ביים קעכל, מיטן בלויען פאַרטוכל, אום זיך נישט איינצושמוצן, און מיטן קאָפּטיכל, אונטער וועלכן די בלאָנדע האָר האָבן זיך באַהאַלטן; מיט איר שלאַנקן וווקס און אַביסל אַרויפגעשאַרצטע אַרבל —

האָט האַרמאָנירט מיט דערדאָזיקער נישט־באַלעבאַטישער באַלעבאַטישקייט.

אינדרויסן האָט געפּלייצט אַ רעגן. דער ערשטער זומערדיקער פּלייץ־רעגן; געוואַשן די פענסטער־שויבן, ווי מ'וואָלט זיי געשווענקט מיט אַ פולן עמער וואַסער. אונטן, קעגנאיבער דעם פענסטער, לעבן דעמבעגעם קלאָץ, וואָס פון לאַנגן ליגן איז ער שוין אין די זייטן איינגעגראָבן אין דער ערד — האָבן זיך געבילדעט ריטשקעלעך און געפלאָסן אין אַלע זייטן, ווי שטראָמיקע רינשטאָקלעך... דאָ, אין שטוב איז מען געווען געשיצט פון רעגן. ס'איז געווען שטיל, ריין און נאָר אין דעם גראָען טאָג־ליכט און גערויש, וואָס האָט אַריינגעדרונגען, האָט זיך געפילט דער רעגן. דאָס געשטעל מיט דער געמאָלטער לייוונט איז געשטאַנען אין דער זייט, לעבן דער וואַנט, וואָס טיילט־אָפּ דאָס שטיבל פון■דרינען; די פּאַליטרע מיט די פאַרבן און פּענזלען אויך דאָרט.

דער מאָלער, מיטן גראָען קאָפּ, געבויגענעם רוקן, יינגע אויגן און קינדיש מויל, האָט אַביסל אַרומגעקוקט די בילדער אויף די ווענט. צוויי זענען עס אינגאַנצן, די בילדער, געוויינלעכע בילדער, בלעטער פון קונסט־זשורנאַלן. איינס שטעלטפאַר אַן אַלטן, האָפענונגסלאָזן געבראָכענעם מאַן, וואָס זיצט אויף אַ פּיעניעק מיט אַ שטעקן לעבן זיך און שטאַרט מיט די אויסגעלאָשענע אויגן אין פּוסטן חלל... דאָס צווייטע — קליינע קינדער, וואָס פּליושקען זיך אין אַ טייכל, שפּריצן זיך מיט וואַסער און פילדערן מיט אָפענע מיילעכלעך. די קינדערשע נאַקעטע קערפּערלעך גלאַנצן אין זון־ליכט, און דאָס צעשפּריצטע וואַסער הילט־איין זייערע פרישינקע גופים ווי אַ וואָל.

— ווער האָט דאָס אויפגעהאָנגען — איר?

— ניין, נישט איך, — ווייזט דניאל מיטן קאָפּ אַריין אין קעפּל, אַז וואַנדאַ האָט די בילדער געבראַכט.

און דער מאָלער טוט דערביי אַ שמייכל מיט אָנערקע־

נונג, וואָס אָט דער פײנער שמײכל באַשטעטיקט, אַז די, וואָס האָט די בילדער אָפּגעקליבן — האָט געשמאַק.

אין דער טיר שטײט וואַנדאַ מיט אַ װײס האַנטעכל און אַ צעררויטלטע, בעט זי דעם גאַסט מיטצוהאַלטן זײער נישט־רײך מיטאָג.

— זאָגט נישט אָפּ, איך בעט אײך.

און אינדרויסן גיט אַ פלאַם־אויף אַ בליץ, װײט און הויך פון מיטן הימל צום וואַלד צו פליט אַן עלעקטרישער שטריך זיג־זאַג אַהין און צוריק — אַ שנײט קווער, לאַנג און דורך דעם הימל, און... טר־טר־רר־ראַך! — דער ערשטער דונער רײַבט־דורך די לופט, און דער רעגן נעמט פלײַצן מיט טאָפּלטער קראַפט.

קאַפּיטל XV

די ערד, אָן אויפגעפרישטע נאָכן רעגן, האָט פון זיך געהויבן אַ פּאַרעלע. אין וואַלד זענען די פייגל אַרויס פון די באַהעלטענישן און גענומען טשוויטשערן אויף וואָס די וועלט שטייט. אַ וועוויאָרקע האָט געהיפּט אויף די שפּיץ־ביימער פון צווייג־צו־צווייג. פון אונטער איר באַרירונג איז פון די צווייגן געפאַלן אַראָפּ טראָפּנס וואַסער, און זיי זענען פאַרפאַלן־געוואָרן אין דער שיכט פאַרוועלקטע סאָסנע־נאָדלען, וואָס האָבן אויף אַ פינגער־דיק די ערד באַדעקט.

דניאל האָט געשפּאַצירט אייגער אַליין אין וואַלד. ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט דאָרט געטראָפן איינעם פון די וואַלד־וועכטערס און מיט אים געשמועסט.

אין הויז, ביי די איינוווינער, אויפן באַרג, גילט אַלס נישט־אָנגענעמע באַגעגעניש צו טרעפן דעם „באַראָווי". און נישט דניאל האָט אים אויפגעזוכט, נאָר גייענדיק אַביסל פאַרטראַכט אין דער וואַלד־געדיכטעניש, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ מענטש, וואָס איז געזעסן אויף אַ פּיעניעק און געריי־כערט אַ דיקן אַליינגעוויקלטן פּאַפּיראָס, — און שוין ווען דניאל איז געשטאַנען האַרט לעבן אים, האָט ער ערשט דערזען דאָס היטל מיטן גרינעם לאַמפּאַס, די טראָמפּייט ביי דער זייט און דעם שטעקן דערלעבן. אין דעם פאַל איז דניאלן מער נישט געבליבן, ווי אים אַ גרוס צו טון. יענער, ווידער, מוז האָבן געמיינט, אַז דניאל איז נישט איינער פון די הויז־אייגנ־טימער (מיט זיי צערעמאָניעט ער זיך נישט...) נאָר אַ שטאָט־

שער, מן-הסתם, וואָס האָט דאָ נאָענט ערגעץ געדונגען אַ זומער־וווינונג, — איז ער געווען צו אים העפלעך, אָנגעוויזן לעבן זיך אַן אָרט צו זיצן, אומגעפרעגט אים באַלד צוויסנגעטון, אַז וועגן אַ בילעט צו מעגן גיין אין וואַלד, — דאַרפט ער זיך נישט דווקא ווענדן אין הויפישן שלאָס, וואָס ליגט פון דאָ אַ פּאָר קילאָמעטער, — נאָר, בדרך רמז, צו פאַרשטיין־געגעבן, אַז ער קאָן דאָס אָפּאַרבעטן מיט אים פאַר ביליקער... און אַזוי ביסלעכווייז האָט זיך צווישן זיי פאַרבונדן אַ געשפּרעך.

— פאַניע, — האָט זיך דער וואַלד־וועכטער גענומען פאַרענטפערן, פאַרוואָס ער טוט דאָס, — משפט דו אַליין! פּראַצע איז דאָ איבערן קאָפּ דעם גאַנצן מעת-לעת, און ביסט נאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן ביימל, וואָס ווערט ביינאַכט גע־גנבעט, און קומט מען זיך ווייניק אויף דיר באַקלאָגן פאַר עוולות, וואָס דו טוסט־אָפּ, אַז מענטשן קומען זיך נישט באַקלאָגן אין ש׳אָס, — איז עס ביי די פּריצים אַ באַווייז, אַז דו היטסט שלעכט, — טרייבט מען דיך אַרויס.

— איז עס טאַקע אַזוי? — פרעגט דניאל, ווייל אין הויז פלעגט מען אַזוי זאָגן, נאָר עס האָט זיך נישט געגלייבט.

— זאָל דער פאַן נישט מיינען, אַז איך זאָג ליגנט; ברענג איך ווייניק צוגעכאַפּטע קוישלעך אָדער קאָפּ־טיכלעך, איז דאָס פאַרן הויף אַ סימן, אַז איך היט שלעכט, ווידער, דער וואָס איז שלעכט און באַאַעוולהט די מענטשן, וואָס גייען אין וואַלד אומגעזוצלעך — דער איז אין הויף אָנגעזען, דעם שטעלן זיי אַלס מוסטער...

— און באַצאָלן טוען זיי כאָטש גוט?

— וואָסערע באַצאָלן? — האָט דער מיטליאָריקער, טונקל־וואָנסיקער פויער די שווערע ברעמען צוזאַמענגעצויגן און אַ שפּיי־אויס־געגעבן, — איך זע דען אָן אַ לעבעדיקן גראָשן? דירה קריג איך, אַ שטיקל ערד צו פּאַשען אַ קו, אַ חוץ־דעם קאַרטאָפל און מעל.

— און געלט אינגאַנצן גאָרנישט? — קאָן דניאל נישט פאַרשטיין.

— אַ גראָשן נישט, נאָר וואָס איך שפּאָר מיר אָפּ פון מויל, פון ביסל מילך, אָדער טאָפּ קאַרטאָפל — און פאַרקויף.

— איז דאָך אויך גוט?

— גוט איז? און אַז איינער האָט אַ שטוב קינדער און באַקומט אויך נאָר דאָס אייגענע...

ער לאָזט-אַראָפּ דעם קאָפּ, ציפּט זיך די אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס, רוּאיקט-איין מיטן פוס דעם גרויסן געלן הונט (די שרעק פון די הויז-איינוווינער) און נעמט רעדן מיט אַ טאָן נידעריקער.

— נישטאָ קיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט. ניין, פּאַניע! אויך דאָס מאָל האָבן אונז די פּריצים אָפּגענאַרט. אַרויסגעטריבן דעם מאָסקאַל, מלחמה-געהאַלטן מיטן באָלשעוויק, אים פאַריאָגט, צוגענומען ביי אים אַ שטיק לאַנד אוי — גוט איז אַלץ נישט.

אָפּגערוט אַביסל, רעדט ער ווייטער:

— אַ זון מיינער — געפאַלן אין שלאַכט מיטן באָלשעוויק. די אַלטע האָט געוויינט. איך האָב זי געטרייסט: דאַרפסט נישט וויינען, פאַרן גוטס פון פאָטערלאַנד איז ער געפאַלן, מיר זאָלן קאָנען רויק און פריי לעבן און עסן צו דער זעט און אונזערע קינדס קינדער אויף דער היימישער ערד... אַזוי האָב איך געמיינט, אַזוי האָבן אַלע געמיינט. איצט זיצט ביי מיר די שניר מיט צוויי קינדער. מיר צוויי אַלטע האָבן קוים אַליין צו פרעסן, מוזן מיר נאָך דעם ביסן אוועקגעבן זיי.

נאָר מיטאַמאָל דערהויבט ער אַביסל דעם קאָפּ מיט אַ שמייכל:

— דאָס איז מיר כאָטש געבליבן אַ דערפרייעניש צו פאַרגעסן אַביסל די עלטער — איך האָב עמיצן צו סטאַטקעווען. סטאַך, דער עלטערער, מיין שנירס — איז שוין אַ ייִנגלען אַ יאָר זיבן, אַ לאָבוז, אַ טייוול. די באָבע באַקלאָגט זיך, די מוטער באַקלאָגט זיך — סטאַך האָט דאָס געטון, סטאַך האָט דאָס נישט געוואָלט טון... ער פאָלגט נישט. איך בין לאַנג גע-

דולדיק, אָבער קום איך איבער אים — אָי, האָט ער זיך גישט צו געגאַרן, אַ רימען צערייס איך, בלוט שפּריצט!

— האָט איר אַזאַ הנאה פֿון שלאָגן אים? — פֿרעגט דניאל זעענדיק, ווי דעם פֿויערס געווײנטלעך מרה־שחורהדיק פּנים, איז ביים דערציילן דאָס אויפֿגעלעבט־געוואָרן.

— וואָס הייסט הנאה? — ווערט דער פֿויער צוריק אָנגעדראָלן. — איך מוז אים דאָך סטאַטקעווען. איך גיב אים צו עסן, בין זיין זיידע, איך וועל דאָך נישט לאָזן אויסוואַקסן אַ יינג ווי ווילד־קרויט, זאָל מענטשן אין די אויגן שפּרינגען. אַז דער פֿאָטער איז געשטאָרבן אין דער מלחמה, געפֿאַלן פֿאַרן גליק פֿון פֿאָטערלאַנד, וואָס די פּריצים האָבן עס פֿאַרשווינדלט...

אַרום האָט דער וואַלד געשוויגן. שטיל. שששששש... פֿון ווייט האָט אָפּגעשלאָגן אַ ווידערקול, — אַז אַ צווייגל איז אַראָפּגעפֿאַלן, האָט עס זיך הויך און דייטלעך געהערט. דער הונט מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן, האָט אַלע ווײַלע געשמעקט מיט דער שוואַרצער נאָז, אויפֿגעשטעלט די אויערן און עפּעס ווי אונטערגעיענקעט, און דער „באַראָווי" מיט אַביסל אַ געקנייטשט פּנים און לאַנגע, שפּיציקע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס, האָט זיך שוין ווידער באַקלאָגט אויף זיין פּרנסה:

— אַן אַכזר מוזסטו זיין צו פֿרידלעכע מענטשן, קענען דיין ווילן מוזסטו זיין אַן אַכזר! דער וואַלד, וועלכן גאָט האָט באַשאַפֿן פֿאַר אַלע מענטשן צו קאָנען אין אים שפּאַצירן, אָפּרוען — זעענען מיר, דעם פּריצס הינט, דאָס נישט צו לאָזן. איך זאָג נאָך, אַז עמעץ קלויבט שפּעו נישט־געזעצלעך, אָבער— — גלאַט שפּאַצירן?...

צוגעצויגן דאָס לעצטע שטיקל פּאַפּיראָס, אַרויסגעבלאָזן עס פֿון לאַנגן שטשינע־רערל, פֿאָרזיכטיק צוגעטרעטן מיטן שטיוול, עס זאָל נישט רויכערן זיך, אָפּגעווישט דאָס מויל מיטן אַרבל, אויסגעשפּיגן און ווייטער גערעדט:

— זעסטו, פּאַניע, — האָט ער געוויזן מיט דער האַנט צו דער ריכטונג, וווּ דניאלס היים געפֿינט זיך. — דאָרט שטייט אַ הויז, צו אַן אַלטן דייטש געהערט עס, לעמקע הייסט ער.

דאָס הויז איז געשטעלט פאַר די לייט פון שטאָט אויף זומער־וווינונגען, פאַר די, וואָס קאָנען זיך פאַרגינען. זענען אָבער דעם ווינטער דאָרט געזעסן אָרימע, אַזעלכע, וואָס אין דער שטאָט קאָנען זיי קיין וווינונג נישט דינגען, און אָט די מענטשן האָב איך געמוזט דאָס לעצטע שפּענדל פון פּאַרטוך אַרויסשלעפּן, און נאָך דעם פּאַרטוך אויך צונעמען. מיינסטו, אַז דעם מענטש איז דאָס ליב, — אָבער וואָס קאָן איך טון? יעדערער היט זיך זיין ברויט, אַפילו אַז עס איז מאָגער, — וועל איך דאָס נישט טון, האָט דער וואַלד נאָך וועכטערס...

נאָר דניאלן האָט זיך פּלוצלינג פאַרוואָלט אַ שפּאַס־מאַכן:

— טאָ ווי אַזוי קאָנט איר פון מיר נעמען פאַר אַ בילעט - און אַז די אַנדערע וועכטערס וועלן מסרן?

איצט האָבן דעם וועכטערס אויגן אויפגעבליצט מיט אַ כיטרע בליצל:

— אויף דעם, פאַניע, האָבן מיר אַ יד־אַחת, איך בין אַ שותף ביי דאָס זייעריקע און זיי ביי דאָס מייניקע. ביי אונז גייט עס צו ערלעך.

נאָך אַ לענגערע ווייל שווייגן.

— הייסט עס, וועסטו נעמען ביי מיר, פאַניע. וווּ וווינסטו דען?

— איך בין אָבער נישט קיין זומער־וווינער. איך ווין נאָך פון ווינטער, טאַקע אין לעמקעס הויז.

— האַ? — האָט זיך דער פויער אַ כאַפּ־געטון, ווי אַביסל דערשראָקן. ער האָט אַ נעם־געטון דעם שטעקן אין האַנט, געגעבן אַ רוף דעם הונט, און ווען דניאל האָט זיך געריכט אויף אַ געבייזער, האָט יענער זיך אָנגערופן מיט אַביסל גרינגשעצונג:

— הייסט עס, ביסט דו דאָס דער ייד, וואָס וווינט אויבן. איך האָב געהערט פון דיר, אָבער — גייט ער איבער אין אַ האַרבערן טאָן, — אַז דו וווינסט דאָ, דאַרפסטו דאָך וויסן, אַז מ'טאָר נישט גיין אין וואַלד אָן אַ דערלויבעניש. נאָך אַמאָל, פאַניע, זאָל מיר דאָס נישט פאָרקומען, און איצט, — האָט ער

שטרעבג אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט, — געגאַנגען, נאָר שנעל, נו!...

דניאל איז טאַקע געגאַנגען, אָבער געאײַלט האָט ער זיך נישט. ער איז דווקא פּאַמעלעך, ווי נאָכלעסיק געגאַנגען.

הויך פון ערגעץ איבער זײַן קאָפּ האָט זיך געהערט אַ קוקאַווקע, און אויף אַ נידעריקער צווײַג איז געשטאַנען אַ האָלץ־פּיקער מיט אַ לאַנגן שנאָבל און, ריטמיש און מיט כוח, געהאַקט אין דער קאָרע פון בוים, מיט התמדה געהאַקט, און די קוקאַווקע האָט מעלאַנכאָליש ווײַך געקוקעט, אַז פּשוט עס האָט זיך געגלוסט אַנידערצולייגן אײַנשלאָפן אונטער דעם ווײַכן צושפּיל און האָבן חלומות, ווי אַמאָל אַלס קינד אין קלײַנעם בעטל.

איצט זענען זיי געגאַנגען אויף באַזונדערע וועגן דער וואַלד־וועכטער איז אַוועק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג ווי דניאל. עס האָט זיך געהערט דער סיגנאַל פון זײַן טראָמפּייט. דער הונט האָט טויב געבילט. נישט ווײַט פון אַרויסגאַנג פון וואַלד, אין געשטאַנען די קרומרוקנדיקע ברוקירערין מיט אַ ליידיק זעקל אין האַנט, אין מיט אַ פאַרסודעטן שעפּטש געפרעגט:

— וווּ, אין וועלכער ריכטונג איז „ער“ געגאַנגען?

און אַז דניאל האָט איר געזאָגט, האָט זי ווײַטער געוואָלט וויסן, אויך מיט דעם געהיימען שעפּטש:

— וועלכער איז עס?

און אַז דניאל האָט איר אויך דאָס געזאָגט, האָט זי מיט אַן אומצופרידענעם ביטול באַמערקט:

— אַ, דער!.. נישט דער יונגער מיטן געגאָלטן פּנים?

נאָכן וואַלד איז נאָך געווען העלער טאָג, דניאל איז מיטאַמאָל אַרײַנגעפאַלן פון אַ טונקעלער וועלט אין אַ ליכטיקער, זוניקער. די זון האָט ערשט געהאַלטן אין אַראָפּלאָזן זיך צום טאָל. דאָרט איז פאַראַנען אַ גאָענטער, נאָר פאַרבאַטענער וועג אַראָפּ צו דער בריק דורכן פּריצישן וואַלד. ס'האָט געקאָנט זײַן אַ זייגער פינף נאָך מיטאָג. אויפן בערגל דאָרט איז נאָך געשטאַנען דער מאָלער פּעלז איבער דער אָנגעשטראָמ-

טער לייוונט. לעבן אים זענען געשטאַנען צוויי מענטשן — קענטיק שטאָטישע. ווען דניאל איז נענטער-געקומען, האָט ער אין איינעם פון די צוויי, דערקענט — שטאָקפישן.

דעם פון אַמאָל, ווינטער פאַרנאַכט, שרגא שטאָקפיש.

איצט איז עס אָבער נישט געווען פונקט דערזעלבער פון דעמאָלט: ער איז געווען פריש געראַזירט, אונטער די צוויי נאָזלעכער האָט ער געהאַט, ווי צוגעקלעפּט, מן-הסתם מחמת אָריגינעלקייט — צוויי שטיקלעך וואָנסעס, ווי צוויי פּירקאַנטיקע האָריקע לעפּלעך, אזעלכע געל-האָריקע. די ברילן, האָבן אים געבלישטשעט ווי צוויי שפּיגעלעך; אַ ווייכן גראָען הוט האָט ער געטראָגן — פון דעמזעלבן קאָליר אַן אָנצוג און, קענטיק, צום עלעגאַנטישן רומל צו, האָט ער געהאַלטן אין האַנט אַ שירעם מיט אַ שיין געל בורשטינען הענטל. די שקאַרפּעטקעס פון די ברוינע שיך זענען אויך געווען — גראָ, ווי דער אָנצוג.

דער צווייטער, וואָס איז מיט אים מיטגעקומען — האָט אויך געטראָגן ברילן; אויך געווען אַביסל קורצזיכטיק, אָבער נישט אויף אַזוי פיל, ווי שטאָקפיש. ער האָט געהאַט אַ מער סימפּאַטיש פּנים, אָבער עפּעס אַזאַ דורכשניטלעך פּנים, ווי טויזנט אַנדערע האָבן. פאַראַנען אַזעלכע פּנימער, וואָס פון צענער טויזנטער, כאָטש זיי זענען נישט אויס פונקט ענלעך, האָבן זיי אָבער אַלע דאָסזעלבע פּנים — אַ באַנאַלס, נישט אָנזעעוודיקס און אַ געוויינלעכס.

יאָ, דאָס אפשר איז ביי אים געווען אַנדערש — די באָרד וויינע איז געווען — נישט געראַזירט, נאָר געצוויקט מיט אַ מאַשינדל און דער אָנבליק זיינער מיט דעם בייג-איין דעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס, האָבן דערמאָנט אַ געוועזענעם ישיבה-בחור, אַ באַנק-קוועטשער, וואָס איז „קאַליע”-געוואָרן.

דניאל איז צוגעקומען מיט אַן אומצופרידנקייט אין האַרץ, פאַרוואָס זיי שטערן דעם מאָלער. אַז ער איז נאָענט צוגעקומען, האָט אים אַ זעץ-געגעבן אין נאָז פּריזירער-קאָסמעטיק פון שטאָקפישן. ער איז געשטאַנען מיט די קורצזיכטיקע

אויגן נאָענט צוגעבויגן צום בילד, אַזש ער האָט עס שיער מיט דער נאָז באַרירט. הינטער אים — אַ האַלבן טריט — איז געשטאַנען דער צווייטער, און שטאָקפּיש האָט דעם געדולדיקן מאָלער פאַרגעהאַלטן:

— וויי, מענטש, וואָס טוט איר!... עס איז דאָך נישט אײַנגאַנצן ריכטיק, — ער האָט זײַן בליק אָנגעשטעלט אַהין, ווו דאָס טײַל וואַלד האָט זיך געפונען, אויך אַ בליק געוואָרפן אויפן אַלטן, וואָס גייט דאָ מיטן עמער, און נאָך אַמאָל שטרענג פאַרזיכערט:

— דער אַלטער איז אַ האָר נישט ענלעך צו זיך. ס׳הייסט: צו דעם אמתן לעמקע.

— דו קאָנסט דאָך דעם אַלטן, — האָט ער זיך אַ ווענדגעטון צו זײַן חבר; אַז יענער האָט געזאָגט אַז יאָ, ער האָט לעמקען שוין צוויי מאָל געזען, האָט שטאָקפּיש אים צוגעשטופּט נאָענט צום בילד, און אַז יענער האָט אויך באַשטעטיקט, אַז דער אַלטער זעט טאַקע אַנדערש אויס — האָט שוין שטאָקפּיש ממש אויסגעשריגן:

— איר הערט? — דער אַלטער איז זיך נישט ענלעך!

— דאָס איז דאָך נישט קיין פאָטאָגראַפיע, — האָט פעלז אַ שמייכל-געטון און זיך צוגערוקט צום בילד.

איצט, נאָך דעם מאָלערס זאָג, האָט שטאָקפּיש אַ רגע געשוויגן, נאָר מיטאַמאָל, ווי פון עפּעס אַ בליציקן אויפטו:

— אַהאַ! ווי האָט איר געזאָגט — ס׳איז נישט קיין פאָטאָגראַפיע! גוט געזאָגט! באמנות גוט! — ס׳איז נישט קיין פאָטאָגראַפיע, — פאָסמאַקעוועט ער זיך דערמיט נאָכאַנאַנד. — אַ פאָטאָגראַפיע דאַרף טאַקע צו זײַן ענלעך, אָבער אַ בילד — ניין, אַ בילד דאַרף נישט צו זײַן ענלעך, — און זיך אַ וועגד-געטון צו זײַן חבר:

— פאַרשטייסט, וואָס דאָס מיינט? — און אַ ווייז-געטון זיך מיטן פינגער אין מיטן שטערן, אַז דאָס צו באַנעמען דאַרף מען צו האָבן קאָפּ...

— אַוודאי, פאַרשטיי איך, — האָט יענער אַ שאָקל-געטון מיטן שפּיצנעם קעפּל. ער האָט זיך אַ צי-אַרויף-געטון איין

ווײַז — מוז זײַן, אויב מ'זאָל זעען די בונטע שקאַרפּעטקעס. — פֿאַרוואָס זאָל איך נישט פֿאַרשטיין? אַ וואַזשנע מעשה!

שטאָקפּיש האָט אָבער, ווײַזט־אויס, דעם חבר נישט געקאָנט פֿאַרגינען דאָס פֿאַרשטיין, אָדער נישט געגלייבט, אַז ער פֿאַרשטייט, און זיך אַ בייזער־געטון:

— דו פֿאַרשטייסט, — וואָס פֿאַרשטייסטו? ווי קומסטו, פּויערן־טאַטע, אַזעלכעס צו פֿאַרשטיין, — און אויב מ'זאָל חלילה נישט מיינען, אַז ער, שטאָקפּיש, פֿאַרשטייט אויך נישט — האָט ער גענומען דערציילן, ווי פֿון אַ צײַטונגס־אַרטיקל אַרויס:

— אַ פֿאָטאָגראַפֿיע מוז זײַן ענלעך, ווײַל זי ווײַזט די אויסערלעכקייט פֿון מענטש; אַנדערש אָבער אַ בילד — אַ בילד ווײַזט נישט די אויסערלעכקייט, נאָר די נשמה פֿון מענטש, און דעריבער דאַרף עס נישט צו זײַן ענלעך.

ער האָט אַ קוק־געטון צום מאָלער, ווי אַ ייִנגל, דערוואַרטנדיק אַ קניפּ אין בעקל, — און זיך אָנגערופֿן צום חבר:

— פֿאַרשטייסט שוין, קאָפּ־שטיק?

—אַוודאי פֿאַרשטיי איך, — האַלט זיך יענער בײַ דאָס ווײַניקע.

— דערצייל נישט, אַז דו פֿאַרשטייסט, פֿון וואַנעט זאָלסטו אַזעלכע זאַכן וויסן, דו פֿאַרשטייסט דיר דײַנע זאַכן — מאַנופֿאַקטור־מסחר פֿאַרשטייסטו, וועלכעס דער הער מאָלער פֿאַרשטייט ווידער נישט, — און באַלד זיך אַ שטעל־געטון אין פּאָסאָן. — אַנדערש איך, — איך פֿאַרשטיי מיך צוביסלעך אויף אַלעם, נישט בחינם האָב איך מיר די אויגן קאַליע־געמאַכט...

נאָר אָט דערבליקט ער דניאלן:

— אָ, מײַן באַקאַנטער! — ציט ער אים אויס דאָס פּלישיקע, ווײַכע הענטל.

— אָט דער הער קאָן מיך אויך אַביסל, געזעסן אַמאָל בײַ אים אַ שעה און געשמועסט פֿון טיפֿע זאַכן. איר געדענקט נאָך, פּאַניע? — בייגט ער זיך צו.

דניאלן — אפשר ווײַל דער מענטש איז אים געווען

ניט סימפּאַטיש, ביז אָפּשטויסן נישט סימפּאַטיש, — האָט זיך אים אַ כאַפּ־אַרויס־געטון:

— צי איך געדענק? — אַוודאי געדענק איך. ס'גאַנצע לעבן געדענקט עס...

— כי־־כי־כי!... — האָט זיך שטאָקפּיש צעלאַכט, אַזש די אויגן זענען אים רויט־געוואָרן — מיטן שיקסל מיינט איר? גיט, לאַכט אייך אויס. זי איז היינט מיט מיר ווי מיט קיינעם! פּרוווט, פרעגט זי נאָר אויף מיר.

און צום חבר:

— די יאַדזשאַ, מיינט ער.

— אַ, זי!... — איז דער חבר מסכים. ער וויל קענטיק נאָך עפּעס זאָגן, נאָר שטאָקפּיש דרייט זיך צו אים אויס, און ער ווערט אַנטשוויגן.

ביידע לייט נעמען גיין צום הויז, זוימען זיך דאָרט אַ ביסל און קומען צוריק מיט נישט־ניחאדיקע מינעס. בשעתן גיין קוקן זיי נאָכאַנאַנד אין וואַלד — דאָ און דאָ. זיי פרעגן, צי מען מעג גיין אין וואַלד אַריין; אַז זיי הערן, אַז מ'טאָר נישט אָן אַ בילעט, זעצן זיי זיך צו, ווו זיי זענען פריער געזעסן, זיצן אַ ווייל שווייגנדיק, רעדן עפּעס צווישן זיך, סודלען זיך אין די אויערן...

נאָר ווען דער מאָלער שטייט שוין צוריק מיטן פּענזעל אין האַנט, הערן זיי, ווי דניאל רופט, צוליב עפּעס, אים אָן ביים נאָמען — דערמאָנט זיך שטאָקפּיש, אַז ער האָט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געלייענט אין אַ זשורנאַל, אַז אַ מאָלער מיטן נאָמען „פעלז" איז צוריקגעקומען פון פּאַריז. דאָרט זענען אויך געווען געבראַכט רעפּראָדוקציעס פון זיינע בילדער — איצט ווערט שטאָקפּיש ווידער פאַראינטערעסירט, און פון איצט־אָן קאָן דער מאָלער שוין מער נישט קיין רירטון מיטן פּענזל — שטאָקפּיש פאַרשיט אים מיט פראַגן...

— כ'בעט אייך, מיר זע'מער דאָך מאַנסבילן, — צי ס'איז טאַקע וואָר, אַז אין פּאַריז, אין די עלעגאַנטע „הייזלעך" גייען די נקבות נאַקעט? עפּנסט־אויף די טיר פון דער גאַס, קומסט

אַריין און ס'רינגלען דיך אַרום נאַקעטע פרויען, אינגאַנצן נאַקעט, צי ס'איז טאַקע אמת? — און נאָך איידער ער הערט אַן ענטפער, באַלעקט ער זיך שוין און טשמאָטשקעט מיט די פייכטע, גראָבע ליפּן.

און דער חבר [illegible]ער קילט אים אָפּ:

— וואָס דאַרפסטו ערשט פּאַריז — הי, אַז דו צאָלסט אַ גילדן מער טוט זי זיך אויך אויס.

שטאָקפיש שיט שוין ווייטער:

— צי ס'איז וואָר — איר מוזט דאָך וויסן, אַז אין פּאַריז קאָנען זיי אויף ניין-און-צוואָנציקערליי אופנים?

און דערויף דער חבר:

— לויט, ווי מיר האָט איינער געזאָגט, איז שוין היינט פאַראַנען — זעקאונדרייסיק...

שטאָקפיש שיט שוין אָבער ווייטער מיט ענלעכע פראַגן...

ערשט פעלז האָט אים רויק אָפּגעשטעלט:

— צי טאַקע אַזאַ מענטש ווי איר, שוין נישט קיין אַכצניעריקער — לאָקט פּאַריז נאָר מיט אַזעלכעס און מער מיט גאָרנישט?

— וואָס הייסט! — שפּרינגט שטאָקפיש אַזש אויף. — מיינט נישט, אַז איר האָט פאַר זיך עפּעס אַ ביליקן גואף, פרעגט אָט דעם מענטש, — ווייזט ער אויף דניאלן, — דער מענטש קען מיך שוין אַביסל... פונדעסטוועגן אַ מענטש מעג פון אַלעם רעדן... רופט עס נישט ניאוף, רופט עס „יום-טוב פון קערפּער"!... רופט דאָס „פרייד פון אַלע רמ"ח אברים"!... — איצט האָט זיך צוריק אָנגעהויבן דער שמועס פון דעמאָלט ווינטער, ביי דניאלן אין שטוב.

דער שטאָקפיש האָט, אַפּנים, נאָך גאָרנישט געהאַט דערפון פאַרגעסן. איצט האָט ער ווידער דערציילט פון דעם בירגערלעכן קלאַס, וואָס שטאַרבט-אָפּ, וואָס קלאַמערט זיך אָן לעבן און וואָס אַחוץ — געלט פאַרדינען, קאָרטן-שפּילן און פרויען, איז אים שוין גאָרנישט געבליבן, — אָבער ער — שטאָקפיש — אים קאָן מען צו זיי נישט צוגלייכן, בשום אופן נישט צוגלייכן, ער האָט אַ היפּשע ידיעה אין סאָציאַליזם און גלייבט,

אַז אַלץ, וואָס קומט-פאָר מיט אַ יחיד אָדער קלאַס, איז אַ „פועל-יוצא פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם"...

ער פאַרכליניעט זיך אַזש און שפּריצט מיט שוים פון מויל:

— אַ קאָפּ-שטיק געווען קאַרל מאַרקס! אַ ייד! אַלע גאונים שטאַמען פון יידן — או-וואַ... או-וואַ, אַ קאָפּ-שטיק, אַ געני... — און ווידער גענומען שיטן רייד...

ערשט וואַנדאַ איז צוגעקומען. זי האָט דעם שמועס געשטערט. ס'איז אַזוי געווען: צום ערשטן האָט זי דערבליקט שטאָקפּישס חבר, וואָס איז ווייניקער קורצזיכטיק. ער האָט זי דערזען זיך דערנענטערן, האָט ער גענומען שטורכן דעם חבר, ער זאָל אויך אַ קוק-טון. יענער איז אָבער געווען פאַרקאָכט אין דעם שמועס, — ערשט ווען זי איז שוין געווען גאַנץ נאָענט, האָט זי שטאָקפּיש דערבליקט. צי ער האָט אין פלוג געמיינט, אַז דאָס איז זי, וואָס ער וואַרט אויף איר, — ער האָט אַ שפּרונג-געטון אויף די פיס, אַ לויף-צו-געטון נאָענט, אַזוי נאָענט, אַז זי האָט אַ דערשראָקענעם צעטומלטן בליק-געטון אַרום זיך. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַזאַ בליק, אַז דניאלן איז דאָס גאַנצע בלוט געקומען אין פּנים אַריין. דעם שטענדיק אויסערלעך אַביסל ווי פלעגמאַטישן דניאל, האָט זיך עפּעס ווי רויטס אַ לאָז-אַראָפּ-געגעבן פאַר די אויגן. ער האָט גענומען מוראדיק סאָפּען מיט דער נאָז, ער איז ווי אַ מכורף אַ שפּרונג-צו-געגעבן מיט דער אויסגעקרימטער האַנט, אַ כאַפּ-צו-טון דעם פאַרשוינס פולן קאַרק אין זיין האַנט אַריין, גרייט אָן שום צערעמאָניעס אים צו דערווערגן, — אָבער אין דערזעלבער צייט, האָט אים אין אַ ווינקל מוח געוואַכט אַ קלאָר געדאַנקל, אַז שוין טאַקע בלויז צוליב וואַנדען, וואָס שטייט דאָ — דאַרפט ער קיין אומבאַרעכנטעס נישט טון, נישט אַרויסרופן קיין סקאַנדאַל. דערפאַר, אַז פּעלז האָט אין דער סאַמע לעצטער רגע זיין האַנט אַ לייג-געטון אויף דניאלס אַקסל, אים בעטנדיק אָנגעקוקט, האָט דניאל זיך באַזינען און אָפּגעטרעטן אַ פאַרשעמטער, אַ טרויעריקער און דענערווירטער.

אַז זיי האָבן זיך גלייך דערויף אַלע דריי געלאָזט גיין, איז דניאל געווען בלאַס, האָט געציטערט. אַ צעטומלטער האָט ער געשוויגן, גייענדיק מיטן מאַלער הינטער וואַנדען, אויך וואַנדאַ האָט פאַראומערט געשוויגן.

אָפּגייענדיק אַ פּאָר מינוט, האָט זיך פּעלז אָנגערופן:

— ווייס איך וואָס, עפּעס אַ פּסיכאָפּאַט, אַ פּאַטאָלאָגיש קראַנקער מענטש. אַן אומגליקלעכער... — און געזאָגט האָט ער דאָס לגמרי אָן צאָרן, ווי וועגן אַ משוגענעם, וואָס איז עמעצן באַפאַלן.

דעמאָלט ערשט האָט דניאל אַ זיפץ-אָפּ-געגעבן, ווי די אָנגעשטרענגטע לופט, וואָס גייט-אַרויס פון אַ אָנגעשפּאַנטן באַלאָן.

— אָן, וואָלטן מיר דאָרט נאָר אַליין געווען, — האָט ער אַ ברום-געטון, דניאל, און געמיינט האָט ער וואַנדען, אַז זי וואָלט נאָר נישט דאָרט געווען...

אַזוי ווי זיי האָבן דאָס גערעדט אויף יידיש און וואַנדע האָט נישט פאַרשטאַנען, אָבער געפילט האָט זי, אַז דאָס רעדן האָט אַ שייכות צו איר — צו יענעם דאָרט, וואָס האָט זי באַליידיקט. — האָט זי אומגעדרייט דעם קאָפּ און זיי אָנגעקוקט, ווי אַ שטומע.

קאַפּיטל XVI

איצט האָט דניאל ווידער זיך געזעצט אַרבעטן.

ס'איז געווען זוניק און לופטיק. דער פרילינג, אַ פאַרוואַנדלטער אין זומער, האָט זיך אויף פעסט באַזעצט אויף דער ערד. דער פויגל „מאירל" איז מער נישט געווען. איינמאָל אינדערפרי, אַז מ'האָט דאָס פענסטער געעפנט און דער פייגל-געטשווי-טשער פון דרויסן האָט די שטוב פאַרהילכט, האָט דער פויגל אַ צעשפרייט-געטון די פליגל, אַרויסגעפלויגן, זיך געלאָזט צום וואַלד און מער שוין נישט צוריקגעקומען.

ער האָט שוין די שטוב נישט געדאַרפט און נישט די צוגעבונדנקייט צו מענטשן. ער האָט אַצינד געהאַט פאַר זיך אַ פרייע, זוניקע וועלט און אַ פרייַנטלעכן וואַלד.

איצט האָט דניאל געהאַט אַלע באַקוועמלעכקייטן צו קאָנען זיצן און אַרבעטן; זיין טיש איז געווען שיין און ריין סערווירט; זיין וועש — קלאָר און גאַנץ, און די מלבושים — אויסגעבאַרשט. פון דער היים-שטאָט האָט ער געקריגן צוגעשיקט אַ סומע געלט, און ער איז ווידער אויף אַ שטיק צייט געזיכערט-געווען.

אַלץ איז געווען גוט, אָבער — מיטן שרייבן, איז אים איצט דווקא נישט אַזוי גוט געגאַנגען. עס האָט זיך אים געשריבן רויק און לאַנגזאַם. ער האָט לאַנג געטראַכט פון זאַץ צו זאַץ, ווי אַזוי אים וואָס שענער אַרויסצוברענגען. פאַמעלעך און געלאַסן געקליבן די געדאַנקען אין קאָפּ. ער האָט געשריבן

באַטראַכט, געהיטן, אַז איין-און-דערזעלבער אויסדריק זאָל זיך נישט איבערחזרן צו אָפֿט. און — דאָס איז געווען דער חסרון: עס איז געווען אַ מין שיינשרייבעריי. עס האָט אים איצט געפֿעלט די אָנגעגליטקייט, דאָס ברענענדיקע קייקעלע אין האַרץ, דאָס, וואָס יאָגט, צעגליט און צעשטורעמט דאָס שרייבן.

אָט דאָס, וואָס דינט ווי נאַפֿט אויפֿן פֿייער, האָט איצט אים געפֿעלט, ווייל אַרום אַלץ איז געווען גוט און באַקוועם.

ער איז נישט געווען אַליין אין שטוב, אָבער דאָס האָט אים דווקא נישט געשטערט. וואַנדאַ האָט אים נישט נאָר נישט געשטערט, נאָר נאָך אַזוי געמאַכט, ער זאָל גאָר נישט פֿילן, אַז ער איז נישט אַליין.

אין זיין אַרבעטס-צייט איז זי איבערהויפּט געזעסן אין ערשטן שטיבל. די טיר האָט זי פֿאַרמאַכט נישט אויף דער קליאַמקע, נאָר אַזוי גוט צוגעלענט, אום, אַז זי וועט וועגן עפּעס מוזן אַריינגיין, זאָל זי נישט דאַרפֿן ערשט די טיר עפֿענען, מאַכן אַ גערויש און אים שטערן.

ס'איז נאַטירלעך אויסגעקומען, אַז זי האָט געמוזט וועגן עפּעס אַריינגיין, אָבער אַזוי שטיל האָט זי עס געטון, אַז קוים זי האָט מיט די שפּיץ-פֿינגער באַרירט די פּאָדלאָגע, און ער האָט אינגאַנצן נישט געפֿילט, צי עמעץ איז אַריינגעקומען.

יאָ, עס האָט געטראָפֿן איין מאָל אין מיטן שרייבן, האָט דניאל עפּעס דערפֿילט, אינסטינקטיוו דערפֿילט; פּונקט ווי אַז דו גייסט אין גאַס און דערפֿילסט פּלוצלינג, אַז עמעצנס בליק איז אָנגעשטעלט אויף דיין רוקן. ער האָט גיך אַ דריי-אויסגעטון דעם קאָפּ, ווייל ער האָט נישט געוווסט, צי ס'איז דאָ נאָך עמעץ אַחוץ אים — און דערכאַפּט דעם בליק פֿון וואַנדעס אויגן, — איר בלאָ-אויגיקער בליק, — ווי ער, אָט, דער בליק-גלעט און קושט זיין קאָפּ.

דניאל האָט פּונקט דעמאָלט געשילדערט די „כאַפּער"-עפּאָכע, ווי מ'האָט געכאַפּט קליינע קינדער פֿון די מוטערס הענט, זיי אויפֿגעלאָדנט אויף פֿורן און אַוועקגעפֿירט אויף

הונדערטער מיילן אויפצוציען אַלס זעלנער... גענוג טרערן, פּיין און בלוט איז אין דעם קאַפּיטל — אָבער ביי אים איז דאָס אַרויסגעקומען טויט, שיין באַשריבן, נאָר — טויט. זיין „איך", האָט זיך דרינען נישט געפונען. זיין אייגענער וויי, צוגעגעבן צו דעם, — עס זאָל דאָס באַשריבענע באַלעבן, עס זאָל פון די אַלע איינצלהייטן בפה-זיין צו שאַפן איין פעסט-געקנעטן שטיק — איז נישט געווען; אַזעלכעס, וואָס זאָל דערפון מאַכן איינס — פונקט, ווי אַז דו קוקסט פון ווייטנס אויף אַ וואַלד און זעסט נישט די איינצלנע אויסגעקרימטע און צעהוילטע ביימער, נאָר איין איינציקע מאַסע גרינעם, געדיכטן, מאַיעסטעטישן וואַלד, — אָט דאָס האָט געפעלט. — און מיטאַמאָל האָט ער אינסטינקטיוו אומגעדרייט דעם קאָפּ און באַגעגנט אויף זיך אָנגעשטעלט איר האַרציק-איבערגעגעבענעם בליק.

ביי איר איז דאָס זיכער נישט געווען קיין פּאָזע, נאָר — פון איר טיף ליבענדן האַרץ. אים האָט עס אויך צוגעטראָפן, ער איז איר דאַנקבאַר-געווען, צוגעגאַנגען, איר אָפּגעצאָלט מיט צאַרטלעכקייט. זי איז געווען גליקלעך און... דערשראָקן, דערשראָקן, ווייל ער איז געשטערט-געוואָרן. זי איז באַלד אַרויס צוריק פון שטוב, אָבער זיין אַרבעט איז שוין געווען געשטערט — ער איז אַרויס פון שטוב, אַראָפּגעגאַנגען אַ ביסל איבערשפּאַצירן זיך ביים וואַלד.

וואַנדאַ, איז, אייגנטלעך, קיינמאָל נישט געווען דערשלאָגן — אַפילו דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער ביי דער קראַנקער קרובה איז זי עס אויך נישט געווען, אָבער זי איז דעמאָלט געווען פאַראַרבעט, פאַרמאַטערט, מיד. איצט האָט זי אויפגעלעבט, זיך צעבליט, אירע אויגן זענען געוואָרן בלאָער און פרייער, איר בליק ווייכער, צאַרטער, דער גאַנג — בויגיקער, זיכערער. דניאל איז איר דאַנקבאַר-געווען פאַר איר צוטרוי, דאָס האָט אים געזונטיקט, זיין אומרו — געשטילט, און זיין אַרבעט — שוואַכער-געמאַכט.

— ער זאָל זי לערנען יידיש.

דאָס איז געווען אין אַ נאָכמיטאָג שפּעטלעך. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום ווינקל, ווו דער וואַלד קומט זיך צוזאַמען, ווי צוויי געשלאָסענע ווענט. דניאל, אַביסל אָפּגעמאַטערט פון לאַנגען שרייבן, איז געזעסן ביים טיש לעבן אָפענעם פענסטער, געזעסן אָן רעקל מיט פאַרשאַרצטע העמד-אַרבל. ער האָט סתם-אַזוי אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, וואָס איז געלעגן לעבן אים, ווי ער האָט דערהערט וואַנדעס ביטע, ער זאָל זי לערנען יידיש.

ער האָט דערהויבן דעם קאָפּ, זי אָנגעקוקט. זי איז געווען קעגנאיבער אים, האָט עפּעס געהעקלט; די ערשטע רגע האָט ער אַפילו נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט. אין טאָגטעגלעכן לעבן, האָט ער גאָרנישט געדענקט, צי זי קאָן נישט קיין יידיש, צי ער רעדט מיט איר אַן אַנדערע שפּראַך, צי זי איז נישט פון דעמזעלבן שטאַם, וואָס ער.

— פאַרוואָס, — האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס העקלען און אים אָנגעקוקט בעטנדיק, — זאָל איך נישט קאָנען דיין שפּראַך שרייבן, לייענען; פאַרשטיין פאַרשטיי איך אַביסל.

— גיי שוין, קינד, — האָט ער עס געפּרווט אַוועקמאַכן, — בין איך דען אַ לערער? מיר וועלן זיך נאָך צעקריגן, איך בין אַ זייער אומגעדולדיקער.

— איך וועל זיין אַ געהאָרכזאַמע שילערין, וועל מיך באַמיען, וועסט זען, — זי האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ:

— זאָג מיר נישט אָפּ, פּרווו...

— וואָס עפּעס פּלוצלינג? — ווילט זיך אים שמייכלען.

— ניין, נישט פּלוצלינג, זי האָט עס אים שוין לאַנג געוואָלט זאָגן.

— עס וועט דיר מיאוס-ווערן צו זיין אַ שילערין.

— ניין, דאַניעל, איך וויל דערקענען דאָס פאָלק —

— האָסט וועגן מיין פאָלק אַ שלעכטע מיינונג?

— געהאַט אַמאָל, איצט שוין נישט.

— זינט דו האָסט מיך דערקענט? — און ער האָט זיך איינגעהאַלטן נישט צו צעלאַכן זיך.

— ניין, — איז זי אַביסל ווי צעטומלט־געוואָרן, — נישט זינט כ'האָב דיך דערקענט — פריער נאָך.

— נאָך פריער, — האָט ער אַלץ געצויגן אין לייכטן טאָן, — פון ווען?

— אַז איך האָב מער דערקענט דאָס לעבן, געליטן פון מענטשלעכער קליינלעכער רשעות, האָב איך באַנומען, אַז מ'קאָן נישט באַשולדיקן אַלע פאַר די מעשים פון איינצלנע.

— האַלטסטו, לאָמיר זאָגן, אַז צווישן יידן זענען דאָ ערגערע, ווי צווישן אַנדערע, למשל, — פּאָליאַקן?

— ניין, ערגערע נישט, פאַרקערט: דער פּראָסטער ייד איז ברייטער, ווי דער פּראָסטער פּאָליאַק, אָבער, יידן, זעסטו, זענען נערוועזער, טוען אַלץ היסטערישער... וואַרפט עס זיך מער אין די אויגן, זעט זיך מער אָן.

— איך וועל דיר זאָגן, וואַנדאַ, — האָט ער אָנגעהויבן ערנסט. זי אָבער האָט אים איבערגעשלאָגן, ווי אַביסל דערשראָקן:

— מיר דאַכט זיך, אַז דאָס מוז זיך נעמען, וואָס דער ייד איז אָפּגעריסן פון דער נאַטור, האָט נישט קיין אויג פאַר איר, דאָס מאַכט ניכטער.

— בין איך, הייסט עס, אַ ניכטערער, טרוקענער, — האָט ער זיך געוויצלט.

— דו, מיין ליבער, ביסט אַן אויסנאַם, — האָט זי אים שטאַרק געקושט. ער האָט איר נישט געשטערט.

— ווייסט, — האָט ער שוין אַביסל בייסיק געשמייכלט, — אַלע פּאָליאַקן, אַפילו די ערגסטע יידן־פיינט, זאָגן אַזוי: — „אַלע יידן טויגן נישט, נאָר אָט דער, מיין זשידעק, דער יאַנקעל אָדער סרול, איז אַן אויסנאַם".

— אַזוי האָב איך נישט געמיינט, — איז זי אויפריכטיק טרויעריק־געוואָרן.

— איך באַשולדיק דיך נישט, איך ווייס...

זי אָבער האָט געזאָגט פאַרטראַכט:

— דעם אמת־געזאָגט, אָפּטמאָל מיין איך, אַז אויף דער וועלט איז נאָר דאָ אָרים און רייך — אַלץ איבעריקע איז אויסגעטראַכט. דער רייכער ייד וועט זיך געשווינדער צוזאַמענרעדן מיטן רייכן קריסט, ווי מיטן אָרימען ייד.

— דאָס האָסטו רעכט, — האָט ער איר שיינעם בלאָנדן קאָפּ צו זיך צוגעצויגן, — און דערפאַר ביסטו ווערט צו ווערן מיין שילערין און איך זאָל מיך אויסלערנען קנעלן.

אָבער לערנען האָט ער זי נאָך נישט אָנגעהויבן, נישט דעם טאָג, נישט מאָרגן און נישט ווייטער.

איינמאָל, ווען זי האָט ווידער דערוועגן דערמאָנט אין פעלוס קעגנוואַרט, און דניאל האָט עס אַדורכגעלאָזט אָן ענטפער, האָט פעלז זיך אָנגערופן:

— זאָגט אים, אַז ווען ער וועט עס נישט טון, וועל איך עס טון, און איך וועל דווקא געדולדיק־זיין. — און איידער וואָס־ווען איז שוין אויפן טיש געלעגן אַ בוך און פעלז האָט גענומען ווייזן איר דעם אַלף־בית.

— ניין, איצט וועלן מיר אפשר בעסער אַביסל אַראָפּגיין, — האָט דניאל פאַרגעלייגט, און ער האָט פון שופלעדל אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר, דערויף איז געווען אויפגעשריבן דער „אַלף־בית", באַצייכנט פון אויבן מיט לאַטיינישע אותיות, און עס איר דערלאַנגט.

— איך דאַנק, איך דאַנק — האָט זי זיך דערפריידט און דאָס פּאַפּיר באַהאַלטן.

* *

*

ס'איז געווען שוין פעליקער זומער אַרום וואַ"ד. ווייט און ברייט, די ווילעס און זומער־וווינונגען — זענען דאָס רוב שוין געווען פאַרנומען פון פאַרמעגלעכע קרעמער־משפחות, סוחרים און געלט־מענטשן, מיט וועגענער, אויטאָס און באַנען האָבן

זיי זיך געבּרענגט אַהער צו ציען פון נאָענטע און ווייטערע שטעט; אויך די רעגולער-קורסירנדיקע דאַמפערס האָבן אַהער צוגעשטעלט זומער-וווינער.

דער ברעג וואַלד און אויך ווייטער-צו איז געווען אָנגעזשאַרפּן הויפנווייז מיט שאַכטלען פון פּאַפּיראָסן, פּאַפּירן פון שאָקאָלאַדע, בלעכן פון סאַרדינען, פּאָמעראַנצן-שאָלעכץ און סתם פאַרפּעצטע פּאַפּירן, ביינער און שיריים פון צעבאַלעוועטע טישן.

אין די שבתים און זונטיקס זענען די זומערוווינער מחנות-ווייז געזעסן צעזעצט אין וואַלד, געלעגן אין די האַמאַקעס און געוויגט זיך — פול-געמאַכט די לופט מיט זייערע אומזיניקע קוויטשיקע פּלוידערייען, אַזש די ריינע וואַלד-לופט איז פון זיי פאַרפּעסטעט-געוואָרן.

די מענער דיקע, שווער-באַוועגלעכע — זענען דאָס רוב געזעסן אָן רעקלעך, אין די שטייף-געפּרעסטע אויבערהעמדער, — מיט די אָנגעפּרעסענע רויטע קאַרקעס און אַקטיאָריש-געגאָלטע פּנימער, — האָבן זיי דערמאָנט יעזונוכן פון רייכע הארעמס ביי די פּאַשאַס. זיי זענען געזעסן מיט אונטערגעלייגטע טיכלעך אונטער די פעטע ברייטע געזעסן, מיט זייערע פאָרנט אָפענע העמדער מיט אַרויסגעהויבענע האַריק-ברעטער, ווי די בייליקס פון געשטאָפּטע גענז, און—מיט זייער אַריינגמישן זיך אין די ווייבערישע מאָדע-קליידער- און קאָסמעטיק-שמועסן, האָבן זיי אויסגעזען ווי ווייבער איבערגעטון אין מאַנסבילשע מלבושים.

ווידער, די ווייבער מיט די פון הינטער דער שמינקע אָפּגעקראָכענע פּנימער, פּאַפּיראָסן אין די מיילער און האַרטע זשעסטן, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ נישט-באַשטימטן געשלעכט, וואָס נעמט מיט צופּלייס אָן מענערישע פּאָזעס, אום אַזויערנאָך פאָרצושטעלן זיך פאַר דאָס פאַרקערטע.

זיי האָבן טויגעריש זיך צוגעקוקט צו די מענערס קאָרטן-שפּיל, דערנאָך בעל-דברדיק זיי פאָרגעהאַלטן און געשטעלט אַלס מוסטער אַזעלכן, וואָס געווינט קונציק...

— אָט אַזאַ מאַן דאַרפט מען זיין...

זיי האָבן זיך און די קינדער געקאָרמעט מיט חזיר־פלייש און — אין די פרייטאָג־צונאַכטן יידישלעך ליכט־געצונדן, די מאַנען האָבן ביי די שבת־ליכט קאָרטן־געשפּילט, און בעת מ׳האָט געגעסן די הינדלעך געפּרעגלט אויף פּוטער, האָט מען מיט ערנסטע מינעס דערמאָנט די קינדער, אַז איצט און מאָרגן אַ גאַנצן טאָג, איז שבת... — געזאָרגט דערפאַר, אַז די קינדער זאָלן חלילה נישט אײַפּוואַקסן אָן די עלטערנס צביעות.

אין וואַלד האָבן די מאַדאַמס מורא־געהאַט, אַז זייערע קינדער־פריילײַנס (פאָרט ייִנגער און שענער ווי זיי!) זאָלן חלילה נישט אויסנעמען ביי די מאַנען (ס׳איז דאָך עפּעס אויף דער פרייער גאַסור!). האָבן זיי זיך אָן אויפהער געטשעפּעט צו די פריילײַנס, ווי די פליגן אין אַ פאַרנעם טאָג; פאַר אַ רעגן; צופרידן־געווען אָנצוקוקן די פריילײַנס פאַרצאָגטע פּנימער און אַלע פאַרטרעקטקייטן פון זייערע מאָניעקס, און סאַליעס... — זיי צוגעשריגן:

— וואָרן עס גייט זי דען אָן דאָס קינד! זי וויל נאָר מענער זאָלן קוקן אויף איר!.. — און ווייטער גענומען פאַר די שכנטעס אויפן גראָז דערציילן די אויסערגעווייגלעכע „חכמות״ פון דעם קליינעם ליאָליעק...

— כ׳האָב דאַכט זיך שוין געזען קליגע קינדער, — נאָר כאָטש ער איז מיין אייגענער, — אַזוינס נאָך קיינמאָל נישט, דאָס איז דאָך אַ.. אַ.. — און שטיל־געוואָרן, ווייל זי האָט נישט געדענקט, ווי מ׳זאָגט אויף פּויליש „זשעני״.

אָבער די ווייבער האָבן זיך נישט געלאָזט באַקומען — יעדע פון געזעמל האָט ווי אויף אַ קאָנקורס פאָרגעשטעלט די חכמות פון איר אייגענער „פּרוכט״... אַז צוהערנדיק דאָס האָסטו נישט געוווסט צי — ווערן אַ קינדער־מערדער, אָדער ווינטשן דעם גאַנצן מענטשן־מין אַ פאַרלענדונג.

* *

*

— פון דעם קלאַץ קומען דאָך די געבּרויכער פון אייער קונסט, — האָט וואַנדאַ געזאָגט צו פעלון, — זיי קויפן דאָך בילדער.

— דערמאָנט נישט זייער נאָמען מיט מיין אַרבעט, — האָט פעלז געזאָגט מיט טיפן פאַרדרוס, — זייערע זיידעס האָבן נאָך אפשר עפעס געהאַט, יעדנפאַלס... זיי! — זיי דאַרפן שמאַלץ-געבנז און באַלייבטע ווייבער, — און זייער קונסט — זעגען אָט די „גאונישע” קינדער, וואָס זיי ציען-אויף פאַר אידיאָטן, — און זיין אויפרעגונג איז געווען אַזוי ווייט, אַז אַ שווייס האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויפן פנים.

— ביי אַנדערע פעלקער, — רופט זיך דניאל אָן, — איז דער קלאַס — דער מיטעלער פאַרמעגלעכער בירגער-קלאַס — פונדעסטוועגן...

פעלז רייסט אים איבער:

— גלייכט זיי נישט צו דעם מיטעלן קלאַס פון אַנדערע פעלקער, כאָטש דאָרט איז ער אויך פאַרפוילט, זיי — איז שוין אין לעבן מער גאָרנישט געבליבן, ווי די אכילה... — —

און דער זומער-וווינער, וואָס האָט זיך אַריינגעצויגן אין לעמקעס דירה (לעמקע וווינט איבער די זומער-חדשים אין קו-שטאַל), דער דענטיסט, ער, דער „לעקאַזש דענטיסטאַ” פאַן מאַוריצי שטיינוואַרצלאַווסקי, מיטן שפיציקן בויך, גוידער און שאַרלאַך-רויטן אַפּאָפּלעקטישן קאַרק, מיט אַ פנים גראָב-מגושמדיק מיט גראָע ברעמען, ווייכע פליישיקע הענט און טעמפּע גרינלעכע אויגן, וואָס קוקן איבער די גרויסע בריל-גלעזער — ער, דערדאָזיקער זומער-וווינער דינט דניאלן אין זיין ווערק אַלס מאָדעל פאַרן עלטסטן פון דער חברה „כאַפּערס”... — דאָס ווייב זיינס, די פּאַני שטיינוואַרצלאַווסקאַ — יינגער פון אים — מיט אַ מעכטיקן ביוסט און מיט אויסטערלישקייטן, וואָס זענען איר געבליבן פון צו לאַנגען זיצן אַלס פריילין — און דערפאַר קאָן קיין שום דינסט און „פריילין” ביי איר זיך נישט האַלטן — זי איז היינט געפאָרן אין שטאָט צו דער שניידערין. און ער, דער מאַן, מיט דער אַביסל אַראָפּגעלאָזטער אונטערשטער ליפּ — נוצט-אויס די געלעגנהייט, האָט זיך פאַרקליבן אין דער וואַלדגעדיכטעניש מיט דער פריילין — דער דערציערן פון זיין יינגל יורעק. די פריילין סאָפּעט, דרייט מיט די אויסגעשטעלטע קיי-

לעכדיקע אויגן אין אַלע זייטן. ס'איז איר קענטיק אַ אַ כּבֿוד, אַ אַ ריזיקע צו זיצן דאָ אויג־אויף־אויג מיטן סאַמאָראָדנעם „פּאַן ליעקאַזש".

ווען דניאל, וואַנדאַ און פעלז זענען לעבן זיי פאַרביי־געגאַנגען, האָבן ביידע אַ צאַפּל־געטון, פון שרעק זיך געגעבן אַ כאַפּ, ווי גרייט צו מאַכן אַ ויברח... ער האָט זיך אָבער דער ערשטער באַלד באַריזיקט, אַ פּנים דערזעענדיק, אַז די פּאַר־בייגייער זענען נישט פון זיין קרייז און זיין קול פון אַ אַלטן „הינער־פּרעסער", האָט שמן־זיתדיק זיך געטראָגן נידעריק ווי פאַר־דישעט:

— פּאַננאָ סאַליו! מיר איז טאַקע באַלד פּופּציק, אָבער מיט טעמפּעראַמענט — קאָן איך מיך גלייכשטעלן מיט אַ פינפאַוו־צוואָנציק־יעריקן.

קאַפּיטל XVII

דאָס איז געווען בײַ פּעלזן אין שטוב, פֿאַרנאַכט-צײַט.

— דאָס קעפּל אײַערס וואָלט איך געוואָלט מאָלן, אויב איר וועט דערלויבן.

— דערלויבן, דאָס איז אַ קלײניקײט, נאָר צי זי מוז דערבײַ זײַן?

— נאַטירלעך! פֿאָזירן עטלעכע מאָל צו שעה.

— נו, דאָס איז שוין שווערער. ס'איז נישט בלויז דער וועג, נאָר אויך די צײַט...

— איך קאָן דאָס מאָלן אויך בײַ אײַך אויבן, כ'וועל מיטברענגען די מכשירים.

וואַנדאַ קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן פֿון אַ פֿרעג:

— וואָס אַזעלכעס האָט איר דאָס געפֿונען אין מיר, עס זאָל ווערט-זײַן צו מאָלן? — זי טוט ווי צופֿעליק אַ קוק אין דניאלס זײַט און אים דאַכט זיך, אַז זי רויטלט זיך.

— אָבער, — איז דער מאָלער אַפּנים שוין זיכער, אַז זי באַשטײט, — מיט אײן באַדינג, איר זאָלט מיר בײַם פֿאָזירן נישט האָבן אַזאַ פּנים, ווי אַנומלט, ווען איך האָב אײַך געטראָפֿן אונטן... איר גלייבט, איך האָב אײַך דאָן נישט דערקענט, מיט אַזאַ בלאַסער, שפּיציקער נאָז און... — ער איז אין מיטן שטיל-געבליבן, ווײַל, מוז זײַן, וואַנדאַ האָט עס אים געבעטן מיט אַ בליק.

דניאל, וואָס האָט זיך די גאַנצע צײַט נישט אַרײַנגע-

מישט, האָט געזען ווי וואַנדאַ איז בלאַס־געוואָרן און די ליפּן האָבן איר אַ ציטער־געטון, זי איז אומרויִק־געוואָרן:

— ווען איז דאָס געווען און פאַרוואָס?

וואַנדאַ האָט נישט געענטפערט.

— וואָס, איך טאָר דאָס נישט וויסן? — האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן אויפצורעגן.

— גאָרנישט, מיין טייערער, — האָט זי אים אַ גלעט־געטון, וואָס קיינמאָל האָט זי דאָס נאָך נישט געטון אין עמעצנס אויגן, — ס׳איז אַזוי נישט־וויכטיק.

— אָבער פאָרט, — וואָס?

— זעסט דאָך, אַז איך געדענק עס שוין באַלד נישט.

— אָבער בלאַס־געוואָרן ביסטו נאָך איצט.

— ס׳מוז זיין געווען עפּעס מיט די שכנים, — העלפט פעלז אַרויס און קענטיק, אַז ער וויל, דאָס זאָל וואָס־גיכער אַראָפּגענומען־ווערן פון טיש.

— וועלכע שכנים? — קאָן דניאל אַליין נישט אָפּלאָזן. גלייך אָבער האָט ער עפּעס אַ טראַכט־געטון און מער גאָרנישט געפרעגט, ווייל וואַנדען, האָט ער געזען, קאָסט דאָס רעדן פון דעם געזונט, פעלז האָט אויך מער דערפון נישט גערעדט, אָבער צו טראַכטן האָט דאָס דניאלן געגעבן.

הינטערן פענסטער פון פעלזס וווינונג, אַרום דעם הייזל, געפינט זיך אַ גרויסער האַלב־שטאָטישער, האַלב־דאָרפישער סאָד. שפּעטער שוין, גאָר צו פאַרנאַכט־צו, האָט פעלז זיינע געסט אַהין אַרויסגעפירט. זיי האָבן זיך געזעצט אַרום דעם טיש, וואָס אי־בער אים זענען די באַבלעטערטע צווייגן געלעגן געדיכט אויסגעשפּרייט, ווי אַ דאַך. די באַלעבאָסטע — אַ דיקלעכע און — אויך ווי דער סאָד — אַ האַלב־שטאָטישע, האַלב־דאָרפישע, מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ און אין אַ ברייטער שערץ מיט אַ גרויסער אַרויפגענייטער טאַש, ווי אַ קרעמערקע — האָט גע־ברענגט אַן אָנגעצונדענע לאָמפּ און זי אַנידערגעשטעלט אויפן טיש. די לאָמפּ האָט רויִק געברענט, אַרום דעם פלאַם האָבן זיך געלאָזט, ווי אין אַ געוועט־טאַנץ, נאַכט־פלאַטערלעך. ס׳איז דאָ

געווען געמיטלעך און גרין, ווי אין אַ אַלטאַנקע. די פּלאַטער־לעך האָבן אַזוי לאַנג געבראָיעט אַרום דעם אָנגעהיצטן גלעזל, ביז זיי זענען אַראָפּגעפאַלן, אָדער געבליבן קלעפּן צום גלעזל מיט אָפּגעזונקטע פליגעלעך, און אַזוי־אַרום געענדיקט דעם פריי־לעכן לעבנס־טאַנץ.

די באַלעבאָסטע איז צוגעקומען מיט אַ קיישל טרוסקאַווקעס, דריי טעלערלעך מיט לעפעלעך, און אַ קריגל שמאַנט. ווען זי האָט דאָס געהאַט פאַנאַנדערגעלייגט אין די טעלערלעך, האָט זי נאָך אַמאָל אָנגעקוקט די געסט, איר מוז האָבן הנאה־געטון, וואָס איר איינוווינער האָט זיך שוין געשאַפט פריינט.

— יאָ, — האָט זי זיך אָנגערופן, — ביי יידן... (זי האָט געזאָגט נישט „זשידי״, נאָר סטאַראָ־זאַקאָנגע — אַלט־גלויביקע) שאַפט מען זיך באַלד איין פריינט, זייער האַרץ איז גיכער אָפן פאַר יענעם. מיר וווינען דאָ שוין אַ פערטל יאָרהונדערט. און אַפילו מיט די נאָענטע שכנים לעבן מיר נישט גוט, ווי זיי קאָנען, — טוען זיי אונז שאָדן...

מיטאַמאָל קוקט זי זיך גוט איין אין וואַנדען און זאָגט פאַרוונדערט:

— די פאַני איז אינגאַנצן נישט ענלעך אויף אַ יידישע, ווען איך זע זי נישט דאָ מיט די פאַנעס, וואָלט איך געשוווירן, אַז זי איז אַ פוילישע, קריסטלעכע.

— און זי איז עס טאַקע, — באַשטעטיקט פעלז.

— זאָל דער פאַן נישט לאַכן פון מיר, — וויל די באַלעבאָסטע נישט גלייבן און גייט־אַוועק ווי אָנגעכמורעט, ווייל זי מיינט, אַז מ'האָט פון איר לצנות־געטריבן.

וואַנדאַ, האָט דניאל גוט באַמערקט, איז היינט שוין דאָס צווייטע מאָל אין דעם אָוונט געבליבן זיצן אַביסל ווי פאַראומערט, אַ שווייגנדיקע.

דערנאָך האָט אַ ווייל ביים טיש אָנגעהאַלטן אַ שטיל־קייט. דניאל, אום צו איבעררייסן די שטילקייט, האָט מיט פעלזן גערעדט וועגן זיין, דניאלס, באַלעבאָסטע, וועגן איר

מאַן... און נאָר אום דעם שמועס צו פאַרציִען, האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— מיינע שכנים אויבן זענען שטאַרק רעוואָלוציאָנער, קאָנען זיך שוין נישט דערוואַרטן — די וועלט-אָרדנונג זאָל געענדערט-ווערן.

— מן-הסתם זענען זיי אָרים.

— יאָ, דאָס זענען זיי זיכער.

— אַז זיי וועלן האָבן צו עסן, וועלן זיי זיך באַרויִקן, — מיינט פעלז.

און פלוצלינג רופט זיך וואַנדאַ אָן:

— און איך, פאַניע פעלז, געפעלט די וועלט-אָרדנונג?

— טיטולירט מיך נישט „פאַניע", — דערמאָנט זי פעלז.

— נו, אַלץ-איינס — אין אייערע אויגן איז די היינטיקע אָרדנונג פולקום? — רעדט זי מיט האַרץ.

— ניין, ליבע פריינטין, דאָס ווייט נישט.

— ווי וואָלט איר געוואָלט זען די וועלט? — פרעגט זי ווייטער מיט אינטערעס.

— שווער דאָס צו זאָגן אויף איין פוס, — שמייכלט פעלז און מאַכט זיך גלייך די צוריקגעקעמטע שוואַרץ-גראָע האָר אויפן קאָפּ. — אפשר וועלן מיר נאָך אַמאָל דערפון רעדן. — ער טוט נאָכאַמאָל אַ שמייכל, אין די אויגן זיינע צעלייכט זיך דאָס פלעמל, וואָס מאַכט זיין פנים קינדיש, און מיט אַביסל צעעפנטע ליפן. — נאָר קורץ-געזאָגט, וואָלט איך מיר געווונטשן צו זען יעדן-איינעם מענטש מיט זיין אייגנטימלעך פנים, נישט פאַרווישט און אָפּגעריבן... די וועלט — זאָל נישט ווערן קיין קאַזאַרמע, און די מענטשן זאָלן זיין — מענטשן, נישט אויסגעמושטירטע סאָלדאַטן. און אַז איך האָב מיך שוין צערעדט, וועל איך אייך נאָך צוגעבן: און קיין תפיסות זאָלן נישט עקזיסטירן, זאָלן שוין בעסער אויף זייער אָרט שטיין ביבליאָטעקן. אָדער, אַז איר ווילט: קונסט-גאַלעריעס, ווו מיינע לייוונטן זאָלן אויך פאַרנעמען אַ ווינקל.

— און פאַרברעכער, גנבים, מערדער? — האָט זי געפרעגט

שוין מיט וויניקער אינטערעס, אפּנים, אַז עפּעס-אַנדערש האָט זי איצט געוואָלט הערן.

— פאַרברעכער, — זאָגט איר, — אַז אַלע מענטשן וועלן האָבן וואָס זיי דאַרפן, צו וואָס זאָלן זיי זיין פאַרברעכער, גנבים, גזלנים, פּתּם-אַזוי וואָלט יעדער געוואָלט גוט-זיין.

— פאַראַנען אָבער אויך פאַרברעכער פון פאַרגעניגן-וועגן, — באַמערקט דניאל.

— אַז עס וועלן זיין לופטיקע דירות און גוטע לעבנס-באַדינגונגען, וועט די נטיה צו פאַרברעכנס אַוועק.

— ניין, — רופט זיך אָן וואַנדאַ, — איך מיין עפּעס אַנדערש.

— פּאָליציי מיינט איר... רעגירונג — אַז ס'וועט נישט זיין קיין פאַרברעכער, אַז יעדער מענטש...

— לאָזט גיין, — איבערשלאָגט זי אים אַביסל אומגעדול-דיק, — דאָס איז דאָך אַ מעשהלע איינצושלעפערן קינדער.

— טאָ, דערלויבט מיר, ליבע וואַנדאַ, אייך צו זאָגן אַ וואָרט — נישט מיינס, נאָר פון אַ גרויסן מענטשן-פריינט: „די ערד — פאַר די, וואָס אַקערן און זייען, די פאַבריקן — פאַר די, וואָס אַרבעטן אין זיי, און פרייהייט — פאַר אַלע מענטשן".

— יאָ, — קלאַמערט זיך וואַנדאַ, — גוט, אָבער אַחוץ דעם — פאַרמאָגט דאָך דאָס לעבן נאָך פלאָנטערס.

— נו, און אַלע מענטשן זענען ברידער, איין גרויסע חברותא מענטשן-ברידער...

דאָס האָט איר צוגעטראָפן און אַ באַרוייקטע איז זי פאַר-שוויגן-געוואָרן.

און דאָס לעצטע, וואָס האָט זי צופרידנגעשטעלט, האָט דניאל אויך צוגעשריבן צו אירע עגמת-נפשן היינט אָוונט.

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. דער היינטיקער אָוונט האָט זיך פאַר וואַנדען נאָך מיט דעם בלויז נישט פאַר-ענדיקט.

שפּעטלעך אין אָוונט, ווען זיי זענען זאַלבע-צווייט אַהיים-

געגאַנגען פון פעלדן, אַז זיי זענען געקומען אויפן באַרג, נאָר אײַז הויז אַרײַנצוגיין — ס'האָט זיך געמאַכט, אַז דניאל איז צוליב עפּעס געבליבן אַביסל הינטערשטעליק, אום צוזאַמען מיט וואַנדען אַרײַנצוגיין אין הויז, האָט ער גענומען נאָכאײַלן. דאָ האָט ער דערבליקט, ווי פון אָפענעם פענסטער פון סטעסען האָט זיך עמעץ אַרויסגעבויגן — צי די סטעסען, צי די רוסיטע, האָט ער נישט דערקענט, — און הינטער וואַנדעס רוקן עפּעס איר נאָכגעשריגן. דניאל האָט נישט גענוי געהערט, וואָס יענע האָט געשריגן. ער האָט נאָר דערכאַפּט פון דעם גאַנצן — איין וואָרט „זשידאָווסקאַ”... און, אַזוי ווי אויבן די האָט דערזען אים אָנקומען, איז דאָס פענסטער גיך פאַרמאַכט־געוואָרן און ס'איז קיינער מער אויבן נישט געשטאַנען.

דניאל האָט די ערשטע רגע, — ווײַל דאָס האָט געדויערט אַזוי קורץ, איינס־צוויי, און איצט אין שפּעטן אָוונט, — דאָס אויפגענומען ווי אַ נישט־רעאַלע זאַך. געמיינט, אַז עס האָט זיך אים נאָר געדאַכט, אָבער אַז ער איז אינגאַנצן אונטערגעקומען, האָט ער באַמערקט, אַז וואַנדאַ האַלט דעם קאָפּ אויסגעבויגן, ווי אויסצומײַדן אַ געוואָרפענעם שטיין; איר פּנים האָט דניאל נישט געקאָנט זען, ווײַל ס'איז געווען פינצטער.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט מיט אַן אויסטערלייש קול.

— גאָרנישט, מײַן טײַערער, גאָרנישט איז געשען, — איר קול איז געווען קוים באַהערשט.

און דניאל האָט מיט דעמזעלבן געקינצלטן קול ווײַטער געזאָגט:

— דיר מוז זיך האָבן עפּעס געדאַכט, איך בין געגאַנגען הינטער דיר און גאָרנישט באַמערקט.

נאָר אַז וואַנדאַ האָט אין פינסטערן הויז אויף די שטיגן גענומען זײַן האַנט, האָט זי געשפּירט, אַז טראָץ זײַן רויק, גלײַכגילטיק רעדן, האָט זײַן אָרעם און האַנט געפלאַטערט פון אינערלעכער צעטראָגנקייט.

שפּעטער, אויבן אין שטוב, ווען עס איז שוין געווען

פאַרלאָשן דאָס ליכט, האָט וואַנדאַ אַזוי צוטרווילעך איר קאָפּ צו זיין קאָפּ צוגעלענט, אירע ליפּן האָבן זיינע געזוכט, און אירע האָר, ווי דינע, קילע, זיידענע פעדעם, האָבן זיין שטערן געגלעט, — דער זעלטן צאַרטער אַראָמאַט פון אירע האָר האָט שטענדיק אים באַרויקט און מיט מוט געשטאַרקט.

— יינגל מיינער, האָסט ליב דיין מיידל?

און אַז ער האָט נאָר שטום צוגעשאָקלט, פאַרזינקענדיק מיט אַלע זיינע חושים אין פּראַכט פון אירע האָר, האָט זי שטיל ווייטער גערעדט:

— זאָגסט מיר צו, מיך איין מאָל צו האָרכן, מיר צוליב-צו-טון, דו ווייסט, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל — וואָס איך בעט דיך דאָס.

און אַז ער האָט אויך דערויף צוגעשאָקלט, האָט זי שוין פעסט געזאָגט:

— דו האָסט גאָרנישט געהערט, גאָרנישט געזען... דו וועסט קיינעם גאָרנישט פאַרהאַלטן. דיך אַרט עס נישט און, ס'זאָל דיך ווייטער נישט אַרן.

— אָבער, — האָט ער אָנגעהויבן...

— קיין שום „אָבער”. דאַניעל מיינער, זאָגסט מיר צו?

— און דיך אַרט עס גאָרנישט? איך ווייס דאָך, אַז דאָס איז נישט היינט געווען דאָס ערשטע מאָל...

— עס אַרט מיך אפשר יאָ, אָבער... גאָרנישט, עס שאַדט נישט.

ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז ביי איר עפּעס אַ מין אַרט קרבן פאַר דער ליבע, און אַז דעריבער נעמט זי דאָס אַזוי אויף.

— ניין, דניאל מיינער, דאָס טו איך נישט צוליב עפּעס, נאָר פּשוט, עס איז קעגן מיין נאַטור, און איך בעט — לאָז עס — — —

און אין ליכטיק-וואַרימען בליק פון איר אויג האָט ער געלייענט, וואָס ער איז פאַר איר, און כאָטש ער האָט נישט

קלאָר באַנומען, פאַרוואָס זי וויל אַזוי — האָט ער איר צוגע־זאָגט, נישט צו מאַכן דערפון קיין געברויך.

* * *

און איצט האָט דניאל שוין אינגאַנצן נישט געקאָנט אַר־בעטן.

ער איז געווען נערוועז, האָט שלעכט אויסגעזען. ער איז בסדר אַרומגעגאַנגען מיט אַ צעזאָדן האַרץ און אויפגעשפּיצטע אויערן, צי די שכנים באַליידיקן נישט וואַנדען, צי זיי רעדן נישט הינטער זיין רוקן, וואָס דאָס אַלץ האָט ער אָנגענומען אויף וואַנדעס קאָנטע. און ער וואָלט שוין פאַרליב־גענומען, זיי זאָלן אים שטיינער נאָכוואַרפן, אַבי וואַנדען לאָזן צורו.

אָבער געזאָגט, אָדער פאָרגעהאַלטן האָט ער זיי גאָר־נישט, ווייל ער האָט וואַנדען צוגעזאָגט. —

אַזוי איז עס געוואָרן, אַז דאָ אין דעם וואַלדישן העק, איז דניאל און וואַנדאַ געוואָרן ווי אין חרם, און באַליידיקט און באַשפּיגן פון אַלע. די קריסטן האָבן פאַראַכט און באַליידיקט וואַנדען, און אונטן אין דעם פאָרשטאָט־קוואַרטאַל — די יידן, מיט וועלכע דניאל האָט נישט די מינדעסטע מגע־משא. פריער האָבן זיי אויף אים געקוקט מיטן געוויינלעכן דרך־ארץ פון אַן אָרי־מען אויף אַ פאַרמעגלעכן פרעמדן, וואָס וווינט צוליבן געזונט אויפן באַרג, — איצט האָבן דידאָזיקע בהמות־סוחרים, קצבים און פעל־הענדלער געקוקט אויף דניאלן מיט אַ בליק פון אונ־טערן דאַשעק אַפּער. און אַנומעלטן (ס'איז געווען זונטיק־פאַר־מיטאָג) — דניאל איז געגאַנגען צו דער בריק צו, איז אין אַ ראָג געשטאַנען זייערס אַ געזעמל מיט די שטעקעלעך אין די הענט, און די צעשפּרינגענע, צעבילטע הינט — אַרום זיי, האָט ער געהערט אויף זיין קאָנטע נאָכשיקן אַ סוף פון אַ שמועסל:

— און איך זאָג ענק, אַז ער איז אַ דלפון! — אַ שיקסע אויף אינגאַנצן נעמט מען זיך נישט אַריין אויף גלאַט־אַזוי. —

...פֿאַראַנען דאָ אַ גלח פֿון דער קירך, וואָס אין דאָרף בײַם „הויף". דער גלח איז אַ רונדיק זעלבסט־צופֿרידן קײַלעכדיק מענטשל מיט רויטע בעקלעך, און נישט־פֿרײַנטלעכע אויגן. פֿון הינטער דעם קאָלנער פֿון דער סוטאַנע זעט זיך אים אַן אַמאַראַנט־בענדל, וואָס דאָס ווײַזט, אַז ער האַלט אין שטײַגן אין זײַן אַמט. ער גייט טאָג־טעגלעך און טײַלמאָל צוויי מאָל אין טאָג פֿאַרבײַ דעם הויז, אין וואַלד אָדער פֿון וואַלד. אין הויז דאָ האָט דער גלח אַ שלעכטן שם. מ'האַלט אים פֿאַר אַ געלערנטן, ווײַל, לויט ווי די שניידערין אונטן ווייסט, איז ער אַ גאַנצער מיטאַרבעטער אין דער שטאָטישער צײַטונג. דאָס גלויבט מען אין הויז, אַ געלערנטער מענטש איז ער טאַקע, דאָס באַשטײַן זיי. די הויז־אײַנוווינער ווייסן אָבער נאָך עפּעס אַנדערש וועגן אים. זיי ווייסן וועגן אַ באַגעגעניש זײַנס מיט אַ „זי", אין וואַלד ערגעץ טיף. אַז די סטעסען דערצײַלט דאָס, כּי־כעט די באַבעס אויף וואָס די וועלט שטייט.

— ער איז אַ ווײַבערניק, און שוין! — פּסקנט־אָפּ די סטעסען.

— און פֿאַרוואָס זאָל ער עס דען נישט זײַן? — פֿאַרענ־דיקט צוריק די סטעסען. — עס פֿעלט אים דען מער ווי דאָס. — און זי האָט שוין פּריש צו דערצײַלן עפּעס אַ גאָר פּיקאַנטע געשיכטע פֿון אירס אַ צופֿעליק באַגעגעניש מיט אָט דעם גלח, און זי האָט אים דעמאָלט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער — איז ער פֿון איר אַוועק ווי אָפּגעשמיסן.

— איר געדענקט, שמידאָווסקאַ, איך האָב עס אײַך דע־מאָלט באַלד דערצײלט, — האָט זי שוין אַ יאָר־עדות.

אָט דער גלח, האָט דניאל לעצטנס באַמערקט, קוקט אים עפּעס מאָדנע שאַרף אָן. ער האָט געקלערט, אַז עס דאַכט זיך אים נאָר אַזוי, ווײַל לעצטנס איז ער שטאַרק דענערווירט, און אַ ליאַדע־וואָס — דאַכט זיך איט באַלד. נאָר אָט, מיט עט־לעכע טעג צוריק — דניאל איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון די שטיגן, טרעפֿט ער אָן די געשטופּלטע סטעסען שטיין מיטן גלח. זי איז פֿאַר אים געשטאַנען מיט אַ פֿרומען דרך־ארץ און געשעפּטשעט מיט איר מוטלדיקן פּיסק. מיט דער האַנט אים

אָנגעוויזן אין דער זייט — דאָס פענסטער פון דניאלס שטוב. דער גלח האָט אַהין, לויטן ווייז פון איר פינגער, געדיכט אַרויפגעקוקט און געשאָקלט פאַרברוגזט מיטן קאָפּ. דערבליקנדיק דניאלן אַרויסקומען פון דער וואַרענדע, איז די געשטופּלטע אָפּגעטרעטן פון גלח. ער האָט גענומען גיין. — ווען זי איז האַרט פאַרבייגעגאַנגען דניאלן, האָט זי אַ בלינצל־געגעבן מיטן בלינדן אייגל, דאָס געשטופּלטע פּנים איז איר געוואָרן רויט און צעשמייכלט.

— גוט־מאָרגן דעם פּאַן, אַ שיין וועטער הײַנט, ס'וועט נישט רעגענען, אמת? — די ווערטער זענען טאַקע געווען גע־ווייגלעכע ווערטער, אָבער דאָס אַרויסזאָגן זיי און דאָס בייזע צושמייכלען איז שוין גאָרנישט געווען געוויינלעך.

טראַכט דניאל און קאָן נישט פאַרשטיין. דרינען, צו דער ברוקירערינס טאָכטער, דער פּראָסטיטוטקע קומען כסדר מאַנס־לייט, קריסטן און נאָך מער — יידן, בחורים, חתונה־געהאַטע, סוחרים פון שטאָט — מען פאַראַכט זי אין הויז און — שוין! אָבער מען טשעפּעט זי נישט. לעמקע נעמט אַ פּאָר גילדן מער חודשלעך פאַר דער דירה, און — דאָס איז אַלץ.

און דאָ — אויף זיין שטוב, האָבן זיי זיך אָנגעזעצט — ער קאָן נישט פאַרשטיין פאַרוואָס.

און נאָך שענער: אַפילו אָט די אָנגעפרעסענע זומער־ווינער, וואָס די מאַנען זייערע זענען די קליענטן פון די יאַדוויגעס און אַליעס... און די ווייבער שלאָגן זיך ממש פאַר אַ מאַנסביל די גאַנצע וואָך, ווען זיי זענען אַליין — אויך זיי, מערקט דניאל, קוקן אויף אים ווי אויף אַ בייזוונדער, שוש־קען זיך אין די אויערן, אָנווייזנדיק זיך מיט געהיימנישפולע מינעס אויף זיין פענסטער...

— אָ, דאָרט, דאָרט... ווו דאָס פענסטער איז אָפן, די פּאַני זעט נישט?... יאָ... אַ קאַטאָליטשקע, אַן אמתע שיקסע...

נאָר אָט דידאָזיקע לייט — זיי אַרן שוין דניאלן אַ האָר נישט. וועגן אָט די קיילעכדיקע, לעבעדיקע יאַטקעס מיט די קורצע קליידלעך און אַרטרעטישע פיס — וועגן אָט די האָט

ער שוין אַ באַשטימטע מיינונג, נישט פון איצט און נישט פון היינט, — דאָס פאַרקרימען די מיילער פון אָט די באַשעפעניש אַ־ט אים ־חלוטין נישט. אָרן — אַרט אים מער דאָס פון זיינע מיטוווינער, — די אָרימע און אין גרונט ערלעכע אַרבעטס־מענטשן.

נאָר, אָט, וואַנדאַ — קליגער און איידעלער פון דניאלן איז זי שוין זיכער. אַנומלט האָט זי געהערט דורכן אָפענעם פענסטער, ווי די רוסישע האָט געבעטן דניאלן, איר צו באָרגן אַקפּאָר גראָשן, און דניאל האָט איר אָפּגעזאָגט, ער האָט פונקט נישט. וואַנדאַ האָט געוווסט, אַז ער האָט יאָ בײַ זיך, האָט זי אים דערנאָך פאָרגעהאַלטן מיט אַ שטילן פאַראיבל:

— צי דערפאַר האָסטו איר נישט געוואָלט באָרגן, ווייל זי איז נאַריש — דאַרפן אירע קינדער הונגערן?

„אָט דאָס — האָט דניאל געטראַכט מיט אויפרעגונג — רעדט שוין פון איר אַרויס די קריסטלעכע „מאָראַל" — און דאָס ערשטע מאָל האָט ער איצט אויף איר אַ בייז האַרץ גע האַט און גאָרנישט געענטפערט.

און פאַראַנען שעהן, ווען זיי פילן זיך זייער דערשלאָגן און איינזאַם אין דעם ים שנאה אַרום. אָבער פאַראַנען אויך מינוטן, ווען זיי שפירן זיך זייער, זייער דערהויבן. אָט די אַלגעמיינע פאַראַכטונג צו זיי, וואָס זיי ווייסן, אַז זי איז אומ־גערעכט, — צו זייער ריין און ערלעך לעבן, — מאַכט זיי נאָך נענטער. און אין גאָר דערשלאָגענע מינוטן האָבן זיי אַ פריינט — פעלז.

— איך וועל מיך אַוודאי מוזן פון דאָ אַוועקציען, — רופט ער זיך איינמאָל אָן צו דניאלן, — צוויי הינטלעך זענען דאָ בײַ מיר אין הויז, און זיי לאָזן מיך נישט צורו מיט זיי־ער בילן.

— און זיי בייסן? — פרעגט דניאל.

— דאָס נישט, זיי האָבן נישט קיין ציין צו בייסן, און אַחוץ דעם טראָגן זיי אַ מויל־צוימען.

— טאָ זאָלן זיי בילן, וואָס אַרט אייך?

— עס איז אָבער פאַראַן מער אָרום אין די הויפן, און עס דענערווירט מיך.

— ווען נאָר דאָס, — נאַרישקייטן.

— טאָ זאָלן זיך אייערע אויערן צוהערן צו דעם, וואָס אייער מויל רעדט...

דניאל האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ משל, און אַ שמייכל-געטון.

— ניין, מענטשן זענען דאָך נישט קיין הינט.

— אָפּטמאָל — יאָ.

— און דאָס זאָגט — איר, וואָס גלייבט אַזויפיל אין מענטש?

— איך גלייב, אָבער — אין צוקונפטס-מענטש, אין זייערע, ביי אַנדערע באַדינגונגען דערצויגענע, קינדער און אייניקלעך. אויף זיי אָבער דאָ, אויב איר וועט נישט קוקן לויט מיין משל, וועט איר ווייטער אַרומגיין גרין און געל און נערוועז, און דאָס איז נישט כדאי. —

און ער האָט דניאלן פּשוט אַן עצה-געגעבן:

— איר האָט צופיל פרייע צייט, נעמט אייך, זייט באַשעפטיקט, גיט נאָר אַ פּרווו זיך אין עפּעס צו פאַרטיפן.

און גראָד האָט זיך באַלד געמאַכט, אַז אַלץ האָט דערפירט דערצו: וואַנדאַ האָט זיך פלייסיק אַ נעם-געטון צו דערלערנען שרייבן און לייענען יידיש. אַחוץ דער צייט, וואָס זי איז פאַרנומען-געווען אין דער באַלעבאַטישקייט, איז זי רק געזעסן איבערן לערנבוך, וואָס דניאל האָט איר געבראַכט — אָדער איבערן שרייב-העפט. זי איז כסדר פאַרנומען-געווען.

פעלז האָט זיך אויך גאַנצע טעג נישט געוויזן. ער איז פאַרנומען-געווען מיט מאָלן לאַנדשאַפטן אין אַ ווייטערדיק אָרט, ער האָט מיט מי אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש פון „הויף" צו מעגן גיין פריי אין וואַלד, און ער האָט זיך געזוכט ערטער צו מאָלן.

דניאל האָט זיך ווידער אַ זעץ-געטון אַרבעטן, אין אָנהייב איז אים געגאַנגען שווער, ביז עס האָט זיך ווידער, ווי

אַמאָל, אַ צעבראָכן-געטון אין אים, און די טעג זענען אים געפלויגן, ווי מינוטן, אַחוץ די אָוונטן, ווען פעלז איז געקומען און מ׳האָט זאַלבעדריט געשפּאַצירט און געשמועסט.

נאָר די שמועסן זענען איצט ס׳רוב געווען אַזעלכע נישט-אינטערעסאַנטע. אינטערעסאַנט זענען זיי נאָר געווען בלויז דערמיט, וואָס וואַנדאַ האָט נישט אַנדערש געוואָלט, ווי רעדן יידיש.

איר אַרויסרעדן די ווערטער איז געווען אַזוי, אַז ס׳האָט געגעבן שטאָף זיך פריילעך צו מאַכן. אָבער זעענדיק, ווי ערנסט זי נעמט דאָס און ווי אומעטיק זי ווערט, אַז — די צונג לייגט זיך איר נישט גוט צו מאַנכע יידישע ווערטער, וואָס פאַר אַ פוילישע מויל זענען זיי באַזונדערס שווער אַרויסצורעדן — זענען אויך זיי ערנסט-געוואָרן.

דניאל האָט זיך מער מיט איר נישט גוטמוטיק גערייצט, אויפפאָדערנדיק זי צו זאָגן „קעלבערנע לונג-און-לעבער" — נאָכאַנאַנד צעלעכע מאָל גיך-גיך. זי האָט זיך נעבעך געמוטשעט און עס בשום-אופן נישט געקאָנט ריכטיק אַרויסזאָגן.

איינציקווייז זענען דניאל און פעלז אָנגעשטעקט-געוואָרן מיט איר ערנסט, און עס איז מער נישט געווען קיין פלאַץ פאַר די פריילעכע וויצן.

און אַז דניאל איז געווען באַשעפטיקט, האָט ער מיטאַמאָל פאַרגעסן די שכנים מיט זייער טשעפּען.

יאָ, אמת — זיי האָבן מיטאַמאָל אויפגעהערט צו טשעפּען. צי כּפּ האָט זיך דניאלן נאָר געדאַכט — אַזוי איז עס געווען, זיי זענען ווידער געוואָרן די פּראָסטע, פריינטלעכע מענטשן, ווי פריער, זיך געגריסט מיטן שכן און געקומען נעמען געבאָרגט קליינגעלט.

און אַז דניאל האָט אָנגעהויבן אַנדערש צו קוקן אויף די מענטשן אַרום אים, האָט ער מיטאַמאָל אַנטדעקט, אַז דער קראַנקער בחור דער שניידער, וואָס די עלטערן — אָרימע פישערס — האָבן פאַר אים געדונגען די דירה, ווו וואַנדעס קרובה האָט געוווינט, — אָט דער הויכער, דאַרער בחור, איז אַ ביז גאָר סימפּאַטישער און פריינטלעכער. אין זיין גריסן ליגט

אַ ים פרייַנטלעכקייט, און אַז דניאל נעמט פון אים אַ צייטונג, איז ער גליקלעך, וואָס ער לייענט אַן אַרבעטער־בלאַט, האָט מן־הסתם אַ האָפענונג, אַז די צייטונג וועט האָבן אויף דניאלן אַ ווירקונג, אים צו איבערקערן צו דער אַרבעטער־זאַך, און ער מאַכט שעמעוודיק אויפמערקזאַם:

— דערלייבט, דאָס אַרטיקל אויף דער צווייטער זייט — זייער זאַכלעך און ערנסט אָנגעשריבן...

און סטעפע האָט ווידער געזוכט דניאלס נאָענטקייט, געשמועסט מיט אים וועגן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע אין אייראָפּע און באַזונדערס דאָ אין לאַנד... ער האָט געקענט די שטימונג פון די ביז טויזנט אַרבעטער אין דער פּאַפּיר־פאַבריק, ווו ער אַרבעט איצט — און געשטיצט דערויף זיין נביאות וועגן דער נאָענטער צוקונפט...

ס'איז ווידער אַלץ צוריק געוואָרן גוט און פרייַנטלעך, און די אַרבעט איז גוט געגאַנגען — אַלץ!

נאָר, צי זיי זענען אַנדערש־געוואָרן, צי דניאל איז אַנדערש־געוואָרן? גיכער פאַר אַלץ, האָט זיין, דניאלס, צעזאָדן געמיט זיך באַרויקט ביי דער אַרבעט און אָנגעוווירן די שפּיצמעסערדיקייט.

אויך אויף וואַנדעס פנים איז נישט געווען צו באַמערקן קיין שום אומעט.

און פעלז האָט אויף זיין קינדישן שטייגער אַ שמייכל געטאָן, אַז דניאל האָט אין אַ שמועס דעמאָלט זיך אויסגעדריקט:

— נאָך אַלעם זענען מענטשן — פאָרט מענטשן...

קאַפּיטל XVIII

צו סטעסען זענען געקומען צו פאָרן באַקאַנטע — אַ פאָטער, מוטער און קינדער — אויף אַ פּאָר וואָכן, צו געניסן דאָ זומער־לופט. זיי זענען געקומען ביינאַכט, און די סטעסען, אום זיך פאָרצושטעלן פאַר זיי מיט איר איינגעפונדעוועטקייט, האָט זי איצט, נאָך האַלבער נאַכט, אָנגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן מיט דער גרויסער טראָמפּייט און געלאָזט לכּבוד זיי עפּעס אויפשפּילן.

דאָס אויפגעשפּילטע איז געווען עפּעס קאָמישעס, צום לאַכן — אַ מחלוקה צווישן אַ שענקער מיט אַ שיכּור — מיט געשרייען... פון דעם געטומל האָבן זיך איבערגעוועקט דער רוסישערס צוויי קינדער, דרינען אין ערשטן שטיבל, — די פירעיאָריקע וואַליאַ האָט זיך צעשריגן, באַלד האָט איר די עלטערע צוגעהאָלפן... דער טומל פון גראַמאָפאָן און דאָס געוויין פון די קינדער האָבן דורכגענומען דאָס שטילע, נאַכטיקע הויז. — לעמקע האָט זיך איבערגעוועקט פון שלאָף. אין זיין אַלטן מוח מוזן זיך האָבן אויף אַן אויסטערלישן אופן אויסגעמישט די קריגעריי און געוואַלדן פון גראַמאָפאָן, געוויין פון די קינדער און געשרייען פון דער רוסישער און סטעסען... ביי אים איז אויסגעקומען פשוט, אַז דאָס האָבן זיך באַנדיטן אַריינגעכאַפּט אין הויז און, גאָרנישט קיין סך טראַכטנדיק, האָט ער אַ כאַפּ געטון זיין אַלטן רעוואָלווער — אין העמד און גאַטקעס צו צום פענסטער, אַן עפן־אויף געטון און — אויסגעשאָסן.

— טראַך! — און נאָכאַמאָל: טראַך!...

[illegible] זומל, און צום סוף די שאָסן, האָבן װידער [illegible] גערשראָקן דאָס גאַנצע הױז און די ײדי[illegible]ין, װאָס װאַכט דאָ און היט־אָפּ איר קראַנקן [illegible] טבע בײ אַ שרעק צו חלשן, — איז זי איצט [illegible]אַלן, [illegible] אַ קלאָץ מיט פאַרהאַקטע טױטע ליפּן און [illegible] — איז אױפסנײ געװאָרן געװאַלדן מיט יללות [illegible] זיך געטון ביז טאָג.

* * *

ס'איז געװוען שױן הױכער זומער. ס'האָט געשמעקט מיט צעהיצטע גראָז, מיט פולע זאַנגען, מיט זשװיצע פון נאָדל־בײ־מער... די לעמקענס פרילינג־משוגעת האָט זיך שױן געהאַלטן אין אײנרוקן. אָבער פון צײט צו צײט האָט זיך עס נאָך גע־לאָזט הערן: זי האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט מוחל־זײן די [illegible] װאָס זײ זענען געבליבן דאָ װױנען און געניסן [illegible] די זומער־לופט... אײנמאָל, װען דניאל איז אַהײם־[illegible] [illegible] װאַנדאַ געשטאַנען אַ טױט־בלאַסע, אַ ציטערדיקע [illegible] איז געשטאַנען די משוגענע לעמקען מיט אַ [illegible]נט און עפּעס אין איר אַרײנגערעדט. ס'האָט [illegible], אַז דאָס איז די לעמקען געקומען, זי זאָל זיך [illegible] ־ם סטאַן און אָרעמס מיט דעם שטריקל:

— [illegible] אַזױ צו אַלע, — דערקלערט די לעמקען מיט די [illegible] גראָ־בלאָע אױגן, — איך בין שױן געװען בײ [illegible] און בײ דער ברוקירערין.

[illegible]מקען, אום זיך פולשטענדיק איבערצוצײגן, צי [illegible] האָט אַ גרונט, גײט זי אַרום מיט אָט דעם [illegible] די סטאָנס און אָרעמס בײ אַלע אײנװױנער, [illegible] ז'װעט זײן צום מײנסטן דיק, הײסט עס, אַז [illegible] זומער־לופט דאָ...

[illegible] און ס'איז צוריק רויק־געװאָרן.

— [illegible], — באַמערקט דניאל װעגן דער

לעמקען, — די מוזסט שטענדיק געדענקען, [illegible] ניש[illegible] ב[illegible]ם שכל און זי נישט אַריינלאָזן, אַז איך בין [illegible]

...אונטן ביים דענטיסט שטיינוואָרצל[illegible] וואַגט [illegible]ט אָפן די פענסטער, עס קנוילט זיך אַרוי[illegible] [illegible] רויך. עס קלינגען גלעזער, געשיר... ע[illegible] [illegible] פון זיי — אַ שטאָטישער אינדוסטריעלער [illegible] און קורצע, מיט רינגען באַזעצטע פינגע[illegible] [illegible] שעפטן בכלל און זיינע געשעפטן בפרט... דערנאָך וו[illegible] [illegible]לער. אַלע הערן אויפמערקזאַם אויס דעם רייכן דראָט-פאַברי[illegible] קאַנט. ער רעדט וועגן אַרבעטער און וועגן אַרבעטסל[illegible]...

— מאָיע פאַנסטוואָ, די רעגירונג אַליין צעבאַל[illegible] זיי, צאָלט געלט פאַר ליידיק-גיין, זיי ווערן צוגעוווינט צו [illegible] בחינם געלט... צי דאָס בלויז, מיינע דאַמען און הע[illegible] — [illegible] דען נישט אַן אַטאַקע אויפן פריוואַט-אייגנטום, דער [illegible] [illegible] רעוואָלוציע ?...

— ראַציאַ, ראַציאַ, — זענען די דאַמען מסכים [illegible] שטעלן קאָפּ-שאָקל און נעמען די גלעזלעך וויין צו די [illegible]לעך — אָבער אַזוי פּאָרזיכטיק, אַז דאָס רויט פון די [illegible] נישט קאַליע-ווערן — יאָ, דאָס איז טאַקע דער זאַמען...

באַלד נעמט זיך אויך באַקלאָגן דער דענטיסט שטיינ[illegible] וואָרצלאָווסקי מיט דער ברילאַנטענער שפּילקע אין גאָרט[illegible] [illegible] אַרויפגעשאַרצטע העמד-אַרבל.

— און די קראַנקן-קאַסע, — קרעכצט ער [illegible] — [illegible] איז אַזעלכעס וואָס פאַראַנען אין אַמעריקע, למשל? [illegible] אַמעריקע איז אַזעלכעס נישטאָ! אין קיין שום אמת קו[illegible] מדינה וועט מען אַזעלכעס נישט דולדן, די דיפּלאָ[illegible] טעליגענץ זאָל באַדינען כאַמעס פאַר גראָשנס...

זיי רעדן נאָך ווייטער, טרינקען טיי מיט וויין, [illegible] איינגעמאַכטס פון קליינע טעלערלעך, באַקלאָגן [illegible] גורל און רעדן מיט צאָרן וועגן דער צעבאַלעוועטקייט [illegible] „כאַמ-סקער” מאַסע... זיי ווייסן נישט, אַז [illegible] שטייט די געשטופּלטע סטעסען מיט דער רוסישער און [illegible]יצעק מיט

זאָשקען; ערשט, אַז איך ווייסן ווערט, לויט דער געשטופּלטער־קאָמאַנדע אָנגעהויבן אַ קאַצן־מוזיק מיט רעדן אויפן קול אַזעלכעס, פון וואָס די נאָבעלע געזעלשאַפט ווערט דערשראָקן, אַז די דעליקאַטע עסנס בלייבן זיי שטיין אין דער קעל, — ווערן פון דרינען פאַרהאַקט די פענסטער און מ׳הערט מער גאָרנישט.

אָבער אין אַלגעמיין גייט די צייט רויק, אָן טרייסלונגען — מיט אַרבעט גייט די צייט, און דאָס איז דער עיקר. די זון שיינט גאָר אַנדערש און דאָס ווינטל ווייעט גאָר אַנדערש דעם מענטש, וואָס איז מיט עפּעס פאַרנומען. דניאל גייט אָפטער אין שטאָט. עס שמעקט גאָר אַנדערש די געגנט דאָ, די לופט — אַז מ׳קומט צוריק פון דער צעגליטער שטויביקער שטאָט. ער ברענגט אָפט ביכער פון דער ביבליאָטעק. וואַנדאַ האָט דורך די פּאָר חדשים שוין היפּשלעך פּאָרשריט געמאַכט, און דניאל ברענגט איר פון שטאָט יידישע ביכער. עס איז מאָדנע: נאָר יידישע ביכער לייענט זי איצט, וואַנדאַ, פאַרשטייט זיך, אַז עס קומט איר נאָך שווער אָן. דניאל מוז איר צוהעלפן, און ער ווערט דורך דעם געשטערט אין זיין אַרבעט.

אָבער עס גייט איר וואָס אַמאָל בעסער. זי באַנוצט זיך מיט דניאלס הילף אַלץ ווייניקער. ווידער, דניאל ברענגט זיך איצט צום לייענען פאַר זיך — דאָס רוב פּוילישע ביכער. אויך ער דאַרף אַמאָל וואַנדעס הילף. אַזוי איז אויסגעקומען, אַז וואַנדאַ האָט געלייענט כסדר יידישע ביכער, — אַן אַנטפּלעקונג איז עס פאַר איר געווען.

זי האָט אפשר דערדורך געוואָלט קענען־לערנען דניאלס יידישע נשמה, און האָט אין אייניקס דערקענט און אַריינגעדרונגען אין דער נשמה פון אַלע אַנדערע יידן. פון אָט יענע יידן, וואָס די פּאָליאַקן ווינען מיט זיי שוין היפּשע הונדערטער יאָרן טיר־ביי־טיר און קענען זיי נאָך אַזוי ווייניק, ווי זיי וואָלטן ערשט נעכטן געקומען אַהער אין לאַנד.

ווידער, דניאל האָט צוליב ענלעכע טעמים געלייענט איצט נאָר פּוילישע ביכער, און אויך אים האָט דאָס נוצן געבראַכט.

און אויך מיט די שפּראַכן איז אַזוי געווען:

דניאל האָט זיך כּסדר געוואָנדן צו וואַנדען אויף פּויליש, און זי האָט אים כּסדר געענטפערט אויף יידיש. ס'האָט דעם איינדרוק־געמאַכט ענלעך צו אַ פּאָר־פּאָלק, וואָס „ער" האָט זיך מיטגעבראַכט אַ קינד און „זי" האָט זיך געבראַכט אַ קינד, האָט ער ליב „איר" קינד און זי — „זיין" קינד, אָבער צוזאַמען האָבן זיי ליב „ביידע" קינדער.

איר — וואַנדעס — אייפער צו יידיש, איז אָבער געווען היפּשלעך שטאַרקער, ווי דניאלס צו פּויליש. זי האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט אַלעם, וואָס איז יידיש, אַז דניאל האָט זיך צומאָל אַביסל געשראָקן, זי זאָל נישט אָנהייבן צו וועלן פירן אַ יידיש־ריטועלע קיך, אָדער ענלעכס. און, אין־זינען־האָבנדיק דאָס — מיטן מיין עס אָפּצושוואַכן, האָט ער אַמאָל זיך אָנגערופן:

— וואַנדאַ ליבע, מיך דאַרף אייגנטלעך שמייכלען דיין ראַש דערנענטערן זיך צו יידישקייט פונדעסטוועגן מיין איך, אַז פאַר אַ רות... איז היינט שוין נישט די צייט, דאָס איז אויך נאָר שיין אין דער מעשה, אַז מען לייענט עס...

אוי! אָט האָט וואַנדאַ אַמאָל געלייענט אַ יידיש בוך, וואָס האָט זי באַגייסטערט און צעטרייסלט. זי האָט רק געהאַלטן אין איין רעדן דערפון. „אָט דאָ — האָט זי געזאָגט — האָב איך דערקענט די אמתע יידישע נשמה, די רייכע און פאַרבנרייכע יידישע נשמה".

און שטילער האָט זי צוגעגעבן אומעטיק:

— וואָלט די פּוילישע געזעלשאַפט כאָטש געוווסט, וואָסערע פּערל עס געפינען זיך ביי יידן אין דער ליטעראַטור.

— אין דער ליטעראַטור — אָבער נישט אין לעבן, מיינסטו, — לאַכט דניאל. ער קוקט אָן פעלזן — און ביידע שמייכלען, ווי פון אַ קינד, וואָס מ'נעקט זיך אַביסל מיט אים.

— דאָס האָב איך נישט געמיינט, — קוקט זיי וואַנדאַ אָן אַביסל אין פאַרלעגנהייט.

— אָבער אַזוי האָבן מיר עס פאַרשטאַנען, — וויל דניאל נישט אָפּלאָזן, און ווען נישט פעלזס קעגנוואַרט, וואָלט ער זי

געקוקט פֿאַר איר ערלעכער תּמימות — ווי אַ פֿעלד־בלימל. פֿעלן באַרויקט זי:

— באַרויקט אייך, ליב קינד.

— איצט האָט ווידער וואַנדאַ וואָס צו זאָגן:

— איך בעט אייך, — ווענדעט זי זיך צו ביידע, — פֿאַרוואָס איז דאָ אַזאַ גרויסע טייל ייִדן, וואָס ווילן נישט וויסן פֿון קיין ייִדיש, שטופּן זיך דווקא צו פּויליש... — איצט איז זי אַביסל רויט־געוואָרן, צעטומלט און זיך אַ קערעווע־אַרויסגעגעבן פֿון דער פֿאַרלעגנהייט מיט אַ קלאָרן פֿרעג:

— פֿאַרוואָס, אונטן דער דענטיסט שטיינוואָרצלאָווסקי און די, וואָס קומען צו זיי אַריין — איין וואָרט ייִדיש האָב איך נאָך נישט געהערט, זיי זאָלן רעדן... דאָ ערשט האָב איך געהערט זי זידלען איר קינדער־פֿרײַליין, גערופֿן זי „זשידוווקאַ" — איר פֿאַרשטייט, אַ ייִדישע פֿרוי זאָל רופֿן איר ייִדישע דינערין „זשידוווקאַ".

און אַ רגע שפּעטער:

— פֿאַרוואָס איז דאָס אַזוי, פֿאַרוואָס?

דאָס ערשטע מאָל, זינט דניאל קען וואַנדען, איז ער פֿאַר איר פֿאַרשעמט־געבליבן. ער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי ער זאָל איר אָנהייבן דאָס צו פֿאַרשטיין צו געבן — אָן איר ווי צו טון, זי נישט אָנצושטעקן מיט זיין ווייטיק, זיין גאַנצער עקל צו דיזאָזיקע קליינקעפּלדיקע נישטיקייטן, קריכערישע ווערים, האָט זיך פֿון אים געריסן און נישט נאָר צו זיי, נאָר צו אַלע זייערע ווייטע און נעענטערע אָנגעהעריקע, צו די אַלע אַפֿילו, וואָס זיי — די עלטערן — זוכן נאָך און אינטערעסירן זיך נאָך מיט ייִדישער קולטור, נאָר זייערע קינדער דערציען זיי שוין פֿאַרן פֿרעמדן וויינגאָרטן. — — — — אָט דאָס און נאָך האָט זיך געריסן פֿון דניאלס מויל, און ווייל ער האָט געהאַט איר — דער פֿון דער פֿרעמד געקומענער טאָכטער — אַזוי פֿיל צו דערציילן און נישט געקאָנט אַלץ מיט איין מאָך מיטן מויל, מיט איין שפּײַ אַרויסוואַרפֿן פֿון

זיך — איז ער טרויעריק־געוואָרן און געשוויגן, ווי ביי אַ פערזענלעכער חרפה.

נאָר פעלז — אָט דער פעלז! — נישט אומזיסט האָט ער אַזוי לאַנג פאַרבראַכט אין דעם קלוגיטשקן פּאַריז.

ער איז שטענדיק אויפן אָרט, אָריענטירט זיך און איז שלאָגפאַרטיק:

— ליבע וואַנדאַ, — האָט ער זיך, ווי זיין שטייגער, די האָר אַ מאַך־געטון אַרויף און זיך מיט אַ כיוון אַרומגעקוקט, — זעט איר, איידעלע פריינטין, אייער שטיבל דאָ איז אַזוי שיין צוגעקליבן, די ווענט און באַלקן — ווייס, די פּאָדלאָגע — אוודאי ערשט היינט געשייערט, די בילדער אויף די ווענט — אויך שיין און זויבער... ניין! איך קאָן נישט פועלן ביי מיר אין אַזאַ ציכטיק אָרט צו רעדן פון די פאַרשידענע מיניס שטיינוואָרצלאָווסקיס... — אָט דאָס האָט ער געענטפערט, פעלז, וואַנדען אויף איר פרעג און מער גאָרנישט און — ס'איז גענוג־געווען.

* *

*

איינמאָל אַביסל נאָכמיטאָג, דניאל איז צוריקגעקומען פון אונטן, דער פאָרשטאָט, ווען ער איז צוגעקומען צום הויז, האָבן זיך געטראָגן שיכורע קולות פון סטעסעס צעפראַלטע פענסטער, אַפנים אויבן איז לויז־געגאַנגען אַ געפּוסעכטס.

אין דער הייך, אין קאָרידאָר פאַר אַלע איז געשטאַנען אַבינטל באַבעס, שכנטעס. זיי האָבן עפעס געסודלט־זיך מיט הייטערע פנימער און אַרבעטנדיקע מיילער. די סטעסען, אַ כיטרע צעשמייכלטע מיט אַ פייערל אין זעעוודיקן אויג, האָט דניאלן אַקעגנגעטראָגן אַ בשורה:

— פאַניע, האָסט דרינען אַ גאַסט, עמעץ האָט זיך אַריינגעפּרעגט.

דניאל האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט. ער האָט זיי אָנגעקוקט, זיך באַגעגנט מיט דער רוסישערס שפּאָט־געלעכ־

טער אין די גראָע אויגן און דער סאַמאַרינענס שלעכטן בליק פון אירע, ווי שטענדיק פאַרווייגטע טונקעלע אייגעלעך.

דריגען, ביי זיך, האָט דניאל אָנגעטראָפן וואָגדען אַביסל אַ צערודערטע, אָן אויפגערעגטע, מיט רויטע פלאַמען אויפן בלאַסלעכן פנים. אין דער טיר צו דער צווייטער שטוב איז געשטאַנען אַן עלטערע, אומבאַקאַנטע קריסטין אין אַ גראָען, שערזשענעם, אַלטפרענקישן לאַנגען מאַנטל און אָפּגעטראָגן קאַפעליושל אויפן שפּיץ קאָפּ, און אַ קליין האַנט-בייטעלע און שוואַרצן שירעם אין האַנט. דניאל האָט דערזען אַ געל, איינגעדאַרט פנים און פאַרביסענע דינע ליפּן מיט קנייטשן אַרום. זי האָט דניאלן אָנגעקוקט די ערשטע רגע, ווי דערשראָקן, נאָר באַגעגענדיק, מוז זיין, וואָגדעס וואַרעמען בליק צו דעם אַריינגעקומענעם, האָט זי אים אָנגעקוקט מיט האַס און גאַל, זיך אָפּגערוקט אַ טריט, אים אויסגעמיטן מיט עקל און ווייטער גערעדט — אַפּנים — אַן אָנגעהויבענעם שמועס:

— אַזוי האָב איך מיך דערוואַרט, מיין איינינקל, די נאָענטע קרובה פון קשאָנדז פּראָבאָשטש... צווישן זשידעס, זיצט איבער זייערע פאַרשאָלטענע ביכער...

דניאל אום צו פאַרגוויינגערן וואָגדעס ליידן איז אַראָפּגעגאַנגען.

ס'איז געווען שבת נאָכמיטאָג. דער ברעג-וואַלד און אומעטום — איז געווען פול מענטשן. ער איז געשטאַנען אַ מינוט פאַרטראַכט וועגן די, וואָס ער האָט אויבן ערשט פאַרלאָזט. פון הויז-אַרויס הינטער זיין רוקן האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ בריל, ווי פון אַ צעווילדעוועטער חיה, סטעסע איז געקומען אַרויסצולויפן אָן הוט און אָן רעקל. דאָס פנים זיינס — ווי ביי אַ משוגעת-אַטאַק, מיט שטאָל-גלאַנציקע אויפגעריסענע אויגן און ליימיק-בלאַס צעווילדעוועט פנים. ער איז געלאָפן, ווי אַ משוגע-געוואָרענער הונט, נישט געקוקט נישט רעכטס און נישט לינקס, נאָר פאַר זיך, מיט בלאָנדזשענדיקע, גלאָצעדיקע אויגן. ער איז געלאָפן גלייך אויף דער חבורותא יידישע יינגלעך, וואָס האָבן געשפּילט מיט אַ באַלעם ביים ראַנד וואַלד.

— שמוציקע יודען!... פּלוטזויגער... קורץ-מאַכן!... — האָט ער געברילט אויף דייטש און געלאָפן אויף זיי ווי אַ צעווילדעוועטער אָקס מיט די הערנער פאָרויס.

די יינגלעך זענען פאַר אים אַנטלאָפן. ער האָט זיי געיאָגט ווי אַ דולער, ווי אַ וואַנזיניקער, מיט אַ שוים פאַרן מויל און מיט מאָרד-אויסגעשרייען.

די געשטופּלטע איז געקומען אַרויסצולויפן, זי האָט געשריגן:

— פּיעטרעק, פּיעטרעק, באַזין דיך!... — נאָר ער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט.

עס איז געקומען נאָכצולויפן זיין גאַסט — דער זומערווינער — אַ דיקער מיט אַ ביר-בויך, וועלכער איז אים אַרויסגעשטיגן איבער די הויזן. ער איז געלאָפן קאַמשעדיק זיך, ווי אַ קאַטשקע, אָבער פעסט און גיך.

— פּעטער! — האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

— באַרויק דיך, פּעטער, — האָט ער גערעדט אויף דייטש, — יאָג דיך דאָך נישט נאָך דער לויזן-באַנדע, הויל זיי דער שינדער! — און איבערגעגאַנגען אין אַן אומפאַרשטענדלעך לשון, — מסתמא לעטיש.

זיי האָבן זיך אַ ווייל געאַמפּערט, ערנסט געאַמפּערט זיך מיט ווערטער און אויך מיט די פויסטן און פינגער... נאָך אַ לענגערער ווייל זיך אַמפּערן, בעת יענער האָט אים קיין קלעפּ נישט געקאַרגט — ערנסטע, טיפע קלעפּ אויף באַהאַלטענע ערטער — איז סטעסע שוואַך-געוואָרן, ווי פאַרחלשט, זיך אַראָפּגעלאָזט פון די פיס, און דער גאַסט מיט דער סטעסען האָבן אים אַרויפגעשלעפּט מיט נאָכשלעפּנדיקע פיס, ווי אַ קאַלב, ווי אַ טויטן.

אַביסל שפּעטער איז דניאל צוריק אַרויפגעגאַנגען אין זיין שטוב.

— ניין, — האָט די אַלטע פרוי שאַרף גערעדט, שטייענדיק נאָך אַלץ אויפן זעלבן אָרט, נישט אויסגעטון דעם מאַנטל און מיט פאַרשטויבטע שיך — ניין, דאָ וועל איך נישט עסן,

נישט טרינקען, נישט שלאָפֿן, אַפֿילו נישט אַנידערזעצן זיך, כאָטש איך שטיי קוים אויף די פֿיס. ווו האָסטו דאָ אַ הייליק בילד? דאָ זענען דאָ ביכער מיט דער טייוואָלאָנישער שריפֿט. איך וויל נישט זיצן אין אַ געצנדינערישער נאָרע...

דניאל איז ווידער אַרויסגעגאַנגען.

ווען ער האָט געעפֿנט די טיר אַרויסצוגיין, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער רוסישער און די סטעסען. זיי האָבן אַרייַנגעקוקט דורכן שליסל-לאָך און נישט באַוויזן אַוועקצולויפֿן.

דניאל האָט אויף זיי אָפּגעשטעלט אַ בליק. דאָס מוז זיין געווען אַ באַזונדער מין בליק, ווייל זיי זענען זיך צעלאָפֿן, ווי די מייז, אַרייַנגעלאָפֿן צו זיך אין שטוב און די טיר פֿאַרהאַקט.

אין וואַלד האָט דניאל זיך אָפּגעזוכט אַ שטיל ווינקל, אָבער אויך דאָרט איז ער געשטערט-געוואָרן...

— מיר קליידט צום בעסטן פֿאַרקעמט אַ פּאָלקע מיט אַ שרינט אין מיטן.

— און מיר — נאָר אַלאַ וואַלענטינאָ.

— אינטעליגענט איז – די האָר אַרויפֿגעקעמט און גוט פּאָמאַדירט, ווי דער אַרבעטער פֿון די פֿוטבאָליסטן טראָגט...

אַ חברותא בחורים, אָנגעטון פּראַנטיש מיט אַרויסגעלייגטע קראַגנס און דעקאָלטירטע העלזער, זענען אָנגעקומען, גייענדיק אין אַ ריי, צווישן זיי איז געגאַנגען איינע אַ געשמינקעט מיידל, קענטיק זייערס אַ באַקאַנטע — זי האָט געררויכערט אַ פּאַפּיראָס און געהויבן פֿאַראַדנע די פֿיס, ווי אַ דראָט-גייערין. זיי האָבן געפּלוידערט ערנסט וועגן פּוסטע, אינהאַלטסלאָזע זאַכן, וועגן סאַמע נאַרישקייטן, און די אויגן זייערע זענען כּסדר געווען אָנגעשטעלט, ווי די פּלעמלעך פֿון דער יידישער מנורה פֿאַרצייטנס — צום מיידל אין דער מיט. און זי, דאָס מיידל, מיט מאָדנע, צעבליצטע אויגן און דרייענדיקן קאָפּ, ווי אַ צאַפּלמענטשל, האָט זיך, ווייזט-אויס, געהאַלטן דאָ וויכטיק, ווי איין-איינציקע צוקערקע צווישן אַ גאַנצע חברותא נאַשערס, אָדער בעסער — ווי איין יינגע צווייג צווישן אַ גאַנצער כאָפּטע

לעכצנדיקע הינט. און זי האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיטן ציינגל און קוויטשיק לאַכן. נאָכאַנאַנד אַרויסגעפּישטשעט אַ דין, גריליצעדיק געלעכטער, ווי אַז מ׳רייבט מיט אַן עמאַלירטער שיסל איבער האַרטן זאַמד...

„פּאַרפאַלן, נישטאָ קיין ווינקל, וווּ אַליין צו קאָנען בלייבן מיט די מחשבות, וואָס דאַרפן אַביסל איינזאַמקייט".

אַרויסגייענדיק פון וואַלד, נאָך די צעבאַטשקעטע מענטשן-בינטלעך אויפן גראָז און אין די האַמאַקעס... האָט דניאל אָנגעטראָפן פעלזן.

אַ נידעריקער, איז ער געגאַנגען איילִיק, מיטן הויכן רוקן, גראָע אַרויפגעקעמטע האָר און יינג פּנים און אויגן, און פון דערווייטנס אויסגעזען, ווי אַ קריפּל. נענטער קומענדיק, האָט ער פריינטלעך, פאַרהאַלטנדיק, זיך אַ וואָרף-געטון אויף דניאלן:

— משוגענער מענטש! איך לויף דאָך אַרום אייך זוכן.

— וואָסי?! — האָט דניאל זיך דערשראָקן, אים האָט זיך שוין אַמאָל-געגעבן פאַר די אויגן כאָטש אַ זעלבסטמאָרד פון וואַנדען, — רעדט, וואָס איז געשען?

— קודם-כל אַביסל געלאַסנקייט, — האָט פעלז, ווי זיין שטייגער, אים אָנגענומען ביים אָרעם. — איך קום פון אויבן. איך ווייס: וואַנדעס באָבע איז געקומען פון איר דאָרף אָדער שטעטל. ס׳איז נישט וויכטיק, צי זי איז אַליין געקומען, אָדער מ׳איז געוווּיר-געוואָרן, ווי זי וווינט און זי אַהער אַרויסגערופן... וויכטיק איז, אַז וואַנדאַ איז אַ מענטש מיט כאַראַקטער און מיט איידעלער ענערגיע, וואָס איך וואָלט גאָרנישט געגלייבט — אָט זיצט איצט אויבן די באָבע און עסט און שמועסט שוין מיטן אייניקל... ס׳איז אויך נישט וויכטיק, ווען די באָבע וועט אַוועקפאָרן — היינט, צי מאָרגן. אייך דאַרף דאָס נישט אַרן. דער עיקר איז, אַז וואַנדאַ האָט כאַראַקטער. אָט אַזוי צאַרט און שטיל און... אויסגעהאַלטנקייט, כאַראַקטער.

— איר זענט מיך געגאַנגען זוכן? — פרעגט דניאל.

— זיכער זוכן, מסתמא האָט דאָך וואַנדאַ באַמערקט, מיט ס׳אַרע געמיט איר זענט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט זי זיך

געשראָקן, און אַז איך בין אַרויפגעקומען, האָט זי מיך געבעטן אייך אויפצוזוכן און באַרויקן.

— זי האָט זיך דאָס געקאָנט פאַרשפּאָרן, — וויל זיך דניאל, מחמת פלוצלינג אָנפליסנדיקער זאָרגלאָזער הייטערקייט באַליידיקן, — וואָס בין איך אַ יינגל, מ'דאַרף מיך אַרומזוכן?

— נו-נו, בן-יחידל, — שמייכלט פעלז איראָניש, — אייער נאָז האָט מסתמא נישט קיין גוטס אָנגעזאָגט, האָט זי מורא געהאַט...

...און ס'איז געווען צומאָרגנס, און ס'איז געווען איבערמאָרגן. אין דער לופט פון שטוב, וואָס דניאלן האָט זיך געדאַכט, אַז עס הענגט נאָך דער אָפּקלאַנג פון דער אַלטערס קללות פאַר וואַנדען און גיפטיקער מענה-לשון פאַר די יידן — איז עס אויסגעוועפּט-געוואָרן. דניאל האָט נישט געפרעגט קיין פּרטים און האָט זיי נישט געוואָלט וויסן. ער האָט נאָר געוווּסט, וואָס ער האָט געזען, אַז דעמאָלט אין אָוונט איז די אַלטע צעוועקגעפאָרן. זי האָט נאָך אויסגעזען אַ היפּש ביסל פאַרביסן מיט פאַרהאַקטע דינגע בלוטלאָזע ליפּן און געל פּנים, אָבער — אויסגעלאָדנט און זקניש-שוואַך. אַזוי ווייט אויסגעלאָדנט, אַז זי האָט אַפילו אָנגענומען דאָס פּעקל עסן, וואָס וואַנדאַ האָט איר מיטגעגעבן אויפן וועג. און דערלויבט (נישט געזאָגט, אַז זי דערלויבט, נאָר באַשטאַנען), אַז דניאל זאָל זי אַראָפּפירן פון באַרג און זי אויפזעצן אויפן אויטאָבוס (וואַנדאַ האָט נישט געוווּסט וווּ). זי האָט צו אים איבערן וועג קיין וואָרט נישט גערעדט, נישט קיין גוטס און נישט קיין בייזס. איבערהויפּט זיך געהאַלטן, ווי עס וואָלט גאָר קיינער לעבן איר נישט געגאַנגען. אַז זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָבוס, האָט זי אַפילו פון העפלעכקייט דניאלן קיין וואָרט צום געזעגענען נישט געזאָגט. נאָר, אַז ער האָט איר אַהין אַריינגעגעבן דאָס פּעקל, וואָס וואַנדאַ האָט איר מיטגעגעבן אויפן וועג און ער האָט עס געטראָגן, — האָט זי נישט פּראָטעסטירט, און אַזוי, אין שטילשווייגן, האָט דער אויטאָבוס מיט דער אַל-

טער געריירט פון אָרט, אָפּגעפּאָרן, זיך אַלץ דערווייטערט, ביז ער האָט זיך שוין אינגאַנצן נישט געזען.

באַלד נאָך דער אַלטערס אַוועקפאָרן, האָבן זיך דניאל און וואַנדאַ עפּעס ווי אַביסל געשעמט איינער פאַרן אַנדערן, נישט ווירקלעך געשעמט, נאָר די לופט אַרום זיי האָט ווי געהויכט מיט אַ מין שעמעוודיקייט.

אָבער גערעדט דערפון האָבן זיי נישט, אַפילו נישט דער אַלטערס נאָמען דערמאָנט. און אַז אָט די נישט-דייטלעכע אומבאַקוועמלעכקייט איז אַוועק — איז אַזאַ צוטרוילעכקייט אין זייער צוזאַמענלעבן אַריינגעטרעטן. פּונקט אַזוי, ווי זיי וואָלט געדראָט אַ סכּנה, זיי זאָלן זיך מער נישט האָבן און די סכּנה איז אויסגעמיטן-געוואָרן...

מיט עקיבא פעלז, מיט אים, מוז זיין, האָט וואַנדאַ יאָ מער גערעדט וועגן דער אַלטערס באַזוך. צופעליק האָט אַמאָל דניאל אונטן, אין דורכגיין ביים אָפענעם פענסטער, געהערט פון אויבן וואַנדעס קול:

— ס'איז טאַקע מיין באָבע, מיין פאַרשטאָרבענער מאַמעס מוטער. איך האָב פאַר איר אַכטונג און כבוד, האָב זי גאָט באַהיט מיט דעם מינדעסטן נישט באַליידיקט, אָבער...

...עטלעכע טעג שפּעטער, אַ וואָך צי צען טעג דערנאָך, איז געקומען אַ בריוו פאַר וואַנדען, אַ שווערער, געפּאַקטער בריוו, וואַנדאַ האָט דעם בריוו געעפנט, דורכגעלייענט, צוריק אַריינגעטון אין קאָנווערט און געלאָזט ליגן אויפן טיש.

עטלעכע טעג לאַנג האָט דער בריוו זיך אַרומגעוואַלגערט אויפן טישל, ווו דניאל שרייבט. אפשר האָט וואַנדאַ געהאַט עפּעס אַ כּוונה מיטן אַוועקלייגן דעם געעפנטן בריוו אויפן טישל, אפשר האָט זי געמיינט דערמיט צו ווייזן, אַז זי האָט נישט קיין שום סודות הינטער דניאלס רוקן, און אפשר האָט זי דעם בריוו סתּם פון דער האַנט-אַוועק אַ לייג-געטון אויפן טישל, און ער איז דאָרט געבליבן ליגן.

דניאל האָט דעם בריוו נישט אָנגערירט, כאָטש ער איז שוין-לאַנג געזעסן ביים טישל און געשריבן. איינמאָל האָט ער

צופעליק אַ קוק־געטון און אומגערן דערבליקט אין דעם קאָנ־
ווערט עפּעס ווי אַ האַרטע זאַך, ווי אַ טאָוול. ער האָט דאָס
אַ צי־אַרויס־געטון. ס'איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ גלח;
מעגלעך, אַז דאָס איז געווען דער קרוב, וואָס די באָבע האָט
דערמאָנט — אַ מיטליאָריקער, פולגעפּאַקטער גלח מיט אַ גלאַט
ראַזירט פּנים און אָפענע ביסטרע אויגן פון אַ פּראַקטיש־ניכ־
טערן, פאַרמעגלעכן דאָרפישן גאָספּאָדאַזש. אויבן, אַרום אויפ־
געשטעלטן קעלנער פון דער סוטאַנע — אַ שווערן צלם אויפן
האַלדז... איצט איז דניאל שוין נייגעריק־געוואָרן צו זען, וואָס
אין דעם בריוו שטייט געשריבן. ער האָט שוין געהאַלטן דאָס
באַשריבענע ביגעלע פּאַפּיר אין די פינגער, נאָר עס אַרויס־
צוציען, אָבער ער האָט זיך באַזונען, ווי פאַר זיך אַליין פאַר־
שעמט און עס געלאָזט.

אַ צווייטן וואָכן האָט זיך דער בריוו אַזוי אַרום געוואַל־
גערט אויפן טיש, ביז ער איז מער נישט געלעגן. ווו ער איז
אַהינגעקומען, האָט דניאל נישט אינטערעסירט. ער האָט נישט
געפרעגט. דערנאָך האָט ער אים אַ צייט שפּעטער געפונען ליגן
אין שופלאָד פון טיש, אין ערשטן שטיבל; דערמיט האָט זיך
פאַר דניאלן געענדיקט די געשיכטע פון דער באָבעס באַזוך,
און זי איז אים אַרויס פון זכרון. אָבער בריוו האָט וואָנדאַ
נאָך צייטנווייז באַקומען.

קאַפּיטל XIX

סטעפּסע איז קראַנק; פון דעמאָלס שבת, ווען ער האָט זיך אָנגעשיכּורט, איז ער קראַנק־געוואָרן. ס׳פּנים איז אים געשוואָלן. ס׳האָבן זיך אים געמאַכט מכּות און ער גייט פאַרבונדן די אויגן.

די סטעפּסען באַקלאָגט איר גורל, רק זי שטייט אין הויז און באַקלאָגט זיך. דעם דענטיסט שטיינוואָרצלאָווסקיס פּרוי־שיקט־אַרויף פאַר סטעפּסען לובינג, אים דאָס האַרץ צו דערכאַפּן, זי איז שוין אַפילו איין מאָל אַליין אַרויפגעגאַנגען, זען וואָס ער מאַכט; געזעסן אַביסל אויבן און געשמועסט וועגן וועטער און וועגן דעם, ווי לאַנג איר מאַן האָט געמוזט שטודירן, ביז ער איז געוואָרן דאָס, וואָס ער איז, און ווי אַ קאָפּ מען מוז דערצו האָבן.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט באַשיידן, — צו אַלעם אין דער וועלט דאַרפט מען צו האָבן אַ קאָפּ, אָבער אַלץ איז גאָרנישט אין פאַרגלייך צו אַזאַ ספּעציאַליטעט.

— און ביי אונז, — האָט דערויף די רוסישע באַמערקט פּראָסט, — מאַכט דאָס אַ שמיד, דער קאָוואַל רייסט ביי אונז אין רוסלאַנד אַרויס ציין, מיט דער צוואַנג מאַכט ער עס, פאַר אַ טרונק בראָנפן.

די פּאַני שטיינוואָרצלאָווסקאַ האָט דערויף גאָר נישט געענטפערט, נאָר אָנגעשטעלט אַ נאָז, און גענומען זיך שאַרן מיט די הענט אויף די קני, ווי דאָרט וואָלט געווען פאַרשטויבט.

ערשט זי סטעסען האָט אַ כריקע־געטון מיטן האַלז, ווי זי וואָלט זיך געקרעקט, און זיך אָנגערופן צו דער רוסישער:

— גלייכט נאָר נישט אייערע קאַצאַפּעס צו אונז דאָ, ביי אונז זענען מענטשן איידל, און אַז אַ צאָן טוט־ווי, מוז מען אָנקומען צו אַ ליעקאַזש דענטיסטאַ, וואָס האָט געענדיקט די הויכע שקאָלעס און היילט מיט וואַסערלעך.

אַזוי האָט איר געענטפערט די פּיפּיקע סטעסען און אַזויער־נאָך געשטילט די שטיינוואָרצלאָווסקענס געריכטן כּעס און זי צוריקגעשטעלט אין דער מדרגה.

ווען די שטיינוואָרצלאָווסקען גיט־איבער איר דינסט עפּעס אויף אַ טעלער אַרויפצוטראָגן, באַפעלט זי:

— מאַגדאַ, טראָג דאָס אַרויף דעם קראַנקן אַרבעטער און זאָג, אַז די פּאַני פרעגט, וואָס ער מאַכט, — און ס'האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז ווען די שטיינוואָרצלאָווסקען שיקט עפּעס אַרויף, עס זאָל דעם שפּרונג נישט הערן ט'גאַנצע הויז.

די געשטופּלטע איז איצט אַן אייַנגייערין ביי די שטיינוואָרצלאָווסקיס אין קיך, גייט אַמאָל אַ גאַנג, אַז עס זענען דאָ געסט, העלפט זי צו דער דינסט, און די שטיינוואָרצלאָווסקען מיט די קורץ־פאַרשוירענע האָר — צווישן וועלכע עס זילבערט זיך קוים אַ גראָ הערל, ווי אויף אַ רפואה — איז דורך דער סטעסען שוין קלאָר אין אַלע מעשיות, וואָס זענען אַמאָל פאָרגעקומען און קומען איצט פאָר אין הויז...

די מאַדאַם שטיינוואָרצלאָווסקאַ ווידער גיט דאָס איבער אין אַ געהעריקער מאַדאַמישער באַאַרבעטונג — אירע געסט, ווען דער געוויינלעכער געשפּרעך־שטאָף שעפּט זיך אויס.

אָבער דער סטעסען איז איצט כּלל נישט אַזוי שלעכט, ווי מיט אַ האַלב יאָר צוריק, ווינטער־צייט... ניין, בשום־אופן נישט, און צי ס'גייט איר אַזוי שטאַרק אין די טעפּלעך מיטן איבערבלייבעכטס פון דער פּאַני שטיינוואָרצלאָווסקאַס טיש, איז אויך נישט זיכער. דערפאַר אָבער, האָט מען דער געמאַלעוועטער, דעקאָלטירטער און אין לויזע קליידער אָנגעטועבער, הויכער און מיט קורצע שוואַרצע האָר געקאַרבירטער און גע-

דרייטער — פאַני שטיינוואָרצלאָווסקאַ אָפּגעטראָגן, אַז די געשמופּלטע סטעסען קרימט זיך איר נאָך הינטערן רוקן, רופט זי „זשידאָווסקאַ שאַנטראַפּאַ" און „געמאַלעוועטער קורניק"...

— איך דערצייל עס דער פאַני, ווייל איך קאָן דאָס נישט הערן, עס קרענקט מיך, דערפאַר מוז איך דאָס דערציילן...

אָט דאָס האָט די פאַני שטיינוואָרצלאָווסקען אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט קודם כל אויסגעזידלט די רכילות-ברענגערין — די קרומרוקנדיקע ברוקירערין — זי, די פאַני שטיינוואָרצלאָווסקאַ, האָט זיך צעשריגן, אַז זי באַדויערט יעדן ביסן, וואָס זי האָט אַרויפגעשיקט צווויסן-געטון איר דינסט, אַז פון איצטמאָל-אָן קאָנען זיי אויבן שוין אַפילו אויסגיין און קראַפּירן... און די דינסט אירע, אָט די עלטערע שיקסע, האָט דאָס אומגעזוימט אָפּגעטראָגן לויט דעם אַדרעס — צו די סטעסען, און די סטעסען, האָט דאָס באַהאַנדלט ביי זיך אין שטוב ביים אָפענעם פענסטער, וואָס איז פונקט איבער דער שטיינוואָרצלאָווסקענס פענסטער.

זי האָט געזאָגט:

— און טאַקע, צי איז דען דאָס מיין עסק, אַז אַזאַ גרויסאַרטיקע פאַני פאַרשלעפּט זכרים אין וואַלד צווישן די קושאַקעס און איז באין-ברירה גרייט זיך אַרונטערצורוקן אַפילו אונטערן „באָראָווי", אַ מערכה — ער האָט דערצו קיין חשק נישט... הערט איר, שמידאָווסקאַ, איך בין דאָך נאָר אַן אָרימע באַבע אין אַ טוך און זי — אַ זשידאָווקע אין אַ הוט...

און ס'איז געווען אַ מעשה, אַז די פאַני שטיינוואָרצלאָווסקאַס שיקלדיק יינגל איז דעם טאָג, ווי שטענדיק, צוגעגאַנגען אַביסל צו וויצעקן דער סטעסענס — צו די קי — נישט וויסנדיק גאָר פון דעם פריש-געבאַקענעם ברוגז — האָט די מוטער צום ערשט אַ געשריי-געטון:

— יורוש, שוין די מינוט אַהער! — און אַ געשריי איז דאָס געווען, ווי אָט, אויף דעם אָרט, דאָרט, לעבן וויצעקן, וואָלט געלויערט אַ גיפטיקע שלאַנג, אָדער אַן איינזינקעניש —

און צו יורוש איז אַ האָריפֿלאַ שפּעטער ווי „די מינוט" צוגעקומען צו דער מוטער, האָט זי אים אַזוי נישט-מאַדאַמיש מקיים-פּסק-געווען, אַז דאָס ייִנגל האָט דערנאָך גענוויינט-און-גענוויינט, געבראָכן און געקרעכצט זיך, אַזוי אַז צו אָוונט-צו, האָט די דינסט זיך געמוזט לאָזן אין שטאָט אַריין אין אַפּטייק פֿאַר פֿרעקס-וועגן, ווייל די מוטער האָט זיך געשראָקן.

און דאָס אַלץ איז געווען דער סטעפּסעס אַרבעט, אַזאַ כּוח האָט זי, אָט די געשטופּלטע באָבע.

אָבער געאַרט האָט די סטעפּסען, ווייזט-אויס, ווייניק דער ברוגז מיט דער פּאַני שטיינוואָרצלאָווסקאַ. צום מאַן איז געקומען אַ דאָקטאָר פֿון דער קראַנקן-קאַסע, און געלט אָפּגענומען פֿאַר אים, איז זי געגאַנגען יעדע וואָך אין שטאָט אַריין. און אַחוץ דעם: איר שטוב האָט איצט אויסגעזען שוין באַלד, ווי אַ מין פּענסיאָנאַט. דער גאַסט מיטן ווייב און קינדער זענען נאָך דאָ געווען. אַביסל געלט האָבן זיי געהאַט, און געלומפּט האָבן זיי זיך אויך נישט; וויצעק האָט געפּאַשעט לעמקעס קי, זאָשקאַ האָט אים צוגעהאָלפֿן צו ביסלעך. — דרינען אין דער ערשטער שטוב, דער סובלאָקאַטאָרקע דער רוסישער, האָט זיך אויך נישט ווי צום ערגסטן געלעבט. זי איז שוין געווען נאָכן פּראָצעס וועגן דעם האַלב-צעפֿוילטן נויפּעלע, וואָס מ'האָט געפֿונען אין דער חורבה — און זי איז אַרויס פֿריי, ווייל עס האָבן געפֿעלט באַווייזן קעגן איר; שמידאָווסקי איז ווייטער געקומען צו איר, שוין נישט אַלס אָפּיציעלער מאַן, נאָר אַלס גוטער באַקאַנטער און צוביסלעך ליבהאָבער. דערבײַ האָט זי אויך נישט איבערגעריסן מיטן וואַלד-וועכטערס זון. ער איז איצט שוין געווען נישט בלויז דעם עלטסטן וואַלד-וועכטערס זון, נאָר אויך — שוין אַליין אַ וואַלד-וועכטער אויפֿן אָרט פֿון אַן אָפּגעזאָגטן, און אַלץ, וואָס דער וואַלד גיט אַרויס זומער-צייט, אַלץ וואָס דאָרט וואַקסט — האָט זי פֿראַנק-און-פֿריי אַהיימגעבראַכט. זי האָט נאָר געדאַרפֿט איבערלאָזן בײַ דער סטעפּסען די קינדער און גיין אין דער באַשטימטער צייט, ווען „איר" יאַנעק איז אין דעם טייל וואַלד, האָט זי זיך אַביסל געזוימט

און געבּרענגט פון אַלעם צו ביסלעך: פון האַלץ צו בּרעטער, בּיז — יאַגדעס, שוועמעלעך און נאָך... די סטעסען האָט זי שוין אָפּגעוואַרט בּיים בּרעג.

זי, די רוסישע, איז געווען לוסטיק און פריילעך און אַן אַ פּאָר גראָשן איז זי קיינמאָל נישט געווען.

פונדעסטוועגן, דער קרומרוקנדיקער בּרוקירערין — דער הויפּט-אָנדרייערין פון דעם בּרוגז מיט דער פּאַני שטיינוואָרצ-לאָווסקאַ — איר האָט די סטעסען אויך נישט פאַרשוויגן. זי מיט דער צוהילף פון דער שמידאָווסקען, האָבן זיך מיט די אָפענע הילכיקע מיילער אַזאַ וואָרף-געטון אויף דעם בּאַבּעלע, זי איז פון זייערע דונערנדיקע און האַלדיקע מיילער פאַרכאַפּט-געוואָרן ווי פון אַ שטורעם מיט דונערן-און-בּליצן. ס'איז צווישן זיי אויסגעבּראָכן אַזאַ טומל און גוואַלדן, אַז די זומער-וווינער זענען געקומען צולויפן, און אַז זיי זענען אַלע געווען, האָט די סטעסען אַ הויב-געטון דאָס קעלעכל:

— מענטשן, גוטע, אָרנטלעכע, גיט נאָר אויף צו פליס אַ פרעג, אָט די פרוי, פון וואָס זי לעבּט, פון וואַנעט זי האָט אויף עסן און דירה-געלט צו צאָלן? טוט זי נאָר אַ פרעג, אָט שטייט זי דאָך דאָ!

שטיל-געבּליבּן, האָט די רוסישע אָנגעהויבּן נאָך הילכיקער:

— און זי צאָלט דאָך פאַר איר דירה טאָפּלט ווי מיר אַלע, כאָטש איר וווינונג איז פונקט אַזוי גרויס און פונקט נאָר אַזוי שיין ווי אונזערע...

איצט — די סטעסען:

— און זי דאַנקט נאָך דעם בּאַלעבּאָס, דעם פּאַן לעמקע, וואָס ער נעמט פון איר טייערער...

און דרויף — די רוסישע, דערנאָך — ווידער די סטעסען, און אַזוי כּסדר, אַז דאָס בּאַבּעלע איז קוים אין שטוב אַריינ-געלאָפן, פאַרהאַקט און פאַרריגלט הינטער זיך די טיר, ווי פאַר אַ מבּול. אין דרויסן די קולות זענען נאָך לאַנג געגאַנגען, גאָרנישט שוואַכער-געוואָרן, בּיז לעמקע איז אַרויפגעקומען מיט אַ ירגזון:

— אַרויס! אַלע דלפנים אַרויס פון מיין הויז! צום טייוול, צום רוח, אַרויס!

געבעך, די ברוקירערין — דאָס אָרימע, האַלב-בלינדע באַבעלע מיטן קרומען רוקן און קליינע, טונקעלע, מאַטע אויגן, וואָס קאָנען קיינעם גלייך אין פנים נישט קוקן. ס'גייט איר נישט.

סאַמאַרין אַפילו האָט שוין געפונען דאָס ריכטיקע שטעגל — ער גייט אָפט אין שטאָט צום גלח, האַלט אין איבערגיין אויף קאַטויליש און רעכנט, אין דער, צי אין אַן אַנדערער שטאָט צו באַקומען אַ קאָנצעסיע אויף טאַבאַק-האַנדל... דאָס ווייב רעדט צו אים אַזוי ליבלעך, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט נעכטן געהאָט מיט די רינגעלעך געטוישט... און ער אַליין רעדט שוין נישט האַלב-רוסיש, האַלב-פויליש, נאָר ריין פויליש. ער נעמט זיך דאָס היטל אַראָפּ און באַגריסט יעדן גלח און יעדן שיין-אָנגעטועגעם, וואָס גייט דאָ פאַרביי. די געשטופּלטע ווייסט, אַז ער האָט אָנגעגעבן אַ ביטע, צו ענדערן אים דעם נאָמען פון סאַמאַרין אויף סאַמאַראָווסקי. דאָס ווייב רופט אים „מוי קאָכאַני" און ער זי — „דראָגאַ מאָיאַ". זיי זענען פול מיט סודות און פּלענער אויף דער צוקונפט. „געלט — זאָגן זיי — האָבן מיר טאַקע נישט, אָבער מיר האָבן גוטע פריינט אין דער וועלט, און יענע האָבן יאָ געלט"...

זי אָבער — די אָרימע ברוקירערין — עס גייט איר נישט...

דער יונג, דער שמיד, קומט שוין ווייטער צו יאַדוויגען. נאָר וואָס קומט-אַרויס פון זיין קומען, בעסער וואָלט ער נישט געקומען, ער אַרבעט נישט, גייט ליידיק. ער האָט מיט יאַדוויגען עפּעס געהיימנישן, ער מאַכט זי יעלעכט. זי אַמפּערט זיך שוין און וויל נישט געבן פון איר פאַרדינסט, אויף חיונה פאַר דער מוטער וויל זי אויך נישט געבן. ער, דער שמיד, האָט צוזאַמענגעפירט יאַדוויגען מיט דער אָליע אונטן. אַלע דריי האַלטן-אָפּ שמועסן ביים ברעג וואַלד אין אַ ווינקל, קיינער זאָל נישט הערן. יאַדוויגע לאָזט אַמאָל פאַלן אַ וואָרט, אַז דער יונג

וועט צום האַרבסט מיט איר חתונה-האָבן, דערווייל גיט זי אים פון איר פאַרדינסט.

דניאל, אָט דער דניאל טוב, וואָלט געקאָנט עפּעס דערציילן וועגן דעם, כאָטש אַזוי שטאַרק וויכטיק איז דאָס אויך נישט: — איינמאָל, ווען דניאל איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין, האָט ער פון יענער זייט בריק, אין שטאָט, אין אַ ראָג פון אַ שטיל אָפּגעלעגן געסל, געטראָפן שטיין אָט דעם יינג, וואָס קומט-אַרויף צו יאַדוויגען, געשטאַנען מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס, מיט אַ פּאַפּיראָסל אין גראָבן אַרויסשטאַרצנדיקן מויל, ווי ביי אַ הונט און דאָס קאָרטענע „מאַטשעיוווקע"-היטל אַראָפּגערוקט צו די אויגן. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען אַ מיידל אין אַ טוך, און מיט אַ הויך געוויין אים געפּאָכעט מיט אַ פויסטל אין פּנים:

— דו, דו, פאַרוואָס זאָל איך דיר געבן מיין פּראָצע? דו האָסט מיך אומגליקלעך-געמאַכט!...

זי האָט געשליוכצט, טרערן זענען איר פון די אויגן געפלאָסן. און ער האָט זי בעל-דברדיק אָנגעקוקט, אַרומגעקוקט זיך מיט פאַרביסענע ציין און ליפּן, צי קיינער זעט זיך נישט פון דער נאָענט, און אַפילו אים, דניאלן, דעם צופעליקן פאַרביייגייער, רוצחיש אָנגעקוקט...

אָט דאָס נאָר, און מער גאָרנישט, וואָלט דניאל געקאָנט דערציילן.

אַזוי גייט איצט זומער-צייט דאָס לעבן אין הויז. יעדער האָט זיך זיינע זאָרגן און זיינע לאַסטן. נאָר דער אַלטער לעמקע — אים גייט די גאַנצע וועלט נישט אָן. אָנגעטון אין די לייוונטענע הויזן, פאַרבונדן מיט אַ שנירל, טרעפּעס אויף די באָרוויסע פיס, און ווייס באַהאָרטן קאָפּ און באָרד, קריכט ער געלאַסן אַרום, רעדט צעצויגן מיט הפסקות. די זומער-וווינער רעספּעקטירן אים, אַלע, וואָס קומען אויפן באַרג, גריסן אים מיט דרך-ארץ, ער זיצט צום מיינסטן אין סאָד, אַרום אים פאַלן פון די ביימער גרינע עפּעלעך און האַרטע, ווי שטיינדלעך, באַרנדלעך. ער באַדויערט יעדעס עפּעלע און ס'איז אים אַ

שאָד יעדעס בערנדל, אָט נאָך אַביסל שפּעטער וואָלט עס געווען אַ צייטיקע פרוכט צום פאַרקויפן, צו באַקומען דערפאַר געלט. פונדעסטוועגן קלייבט ער ערנסט צונויף דאָס אַראָפּגעפאַלענע פון די ביימער.

אַז ער האָט שוין אַ היפּש קופּקעלע, טראָגט ער עס אַוועק פאַר די קי. ער האָט נאָר איין ציל פאַר זיך — די קי זאָלן זיך נישט צוטשעפּן צו די ביימער. ווייטער גייט אים גאָרנישט אָן: ער הערט ווי זיין אַלטע שרייט איבערן פּאַסטוך:

— וויצעק, די קי וועלן אַריין אין ריוו.

— וויצעק, די קי דאַרפן טרינקען.

— וויצעק, לאָז נישט די יאַלעווקע אין וואַלד!

לעמקען גייט דאָס גאָר נישט אָן. די קי זענען אירע, דער אַלטערס — צו דער חתונה, מיט פופציק יאָר צוריק, האָט זי אים געבראַכט צוויי קי מיט איין יאַלעווקע, און אַזוי איז עס פאַרשריבן-געוואָרן ביים רעיענט.

— וואָס גייט אים אָן אַ פרעמדע בהמה?

דערפאַר אָבער, אַז אַ קי פאַרקריכט צו די אויבס-ביימער, רעמאַלסט וואַרט ער נישט, ביז ער וועט געלאָזן צוקומען, אָפּטרייבן זי. פון אָרט גלייך צעשרייט ער זיך:

— דו ווילדער, נישט-געהאָרכזאַמער יונג. פאַרוואָס לאָזסטו די קי מיר שאָדן-טון? — דעמאָלט קומט וויצעק אַרויס, פון מיטן מיטאָג, מיטן עסן אין מויל, ער קאָן נישט רעדן, זיך פאַרענטפערן, ווייל דאָס מויל איז אים פול, אַזש די באַקן שפאַרן־אַרויס, ווי די קישעלעך, און מיט אַ געמאַכטן ירגזון לאָזט ער זיך מיט דער בייטש צו די בהמות.

איצט, אַז די קי זענען שוין אָפּגעטריבן, שרייט שוין דער אַלטער צו מיט אַ טאָן, וואָס פּאַסט פאַר זיין עלטער און שטייגער:

— פאַרוואָס שלאָגסטו דאָס אָרימע רינד — היט עס בעסער.

ס'האָט זיך געמאַכט, דער מאָלער פעלז האָט געדאַרפט ערגעץ אַוועקפאָרן אויף עטלעכע טעג. דאָס לעבן דניאלס איז

ווייטער געגאַנגען ווי געוויינלעך — אַביסל מיט אַרבעט, צוביטלעך לייענען און צוביסלעך שפּאַצירן. נאָר אין די אָוונטן האָט פעלזן אַביסל געפעלט — אַמאָל דניאל און אַמאָל וואַנדאַ האָבן אָנגעהויבן אַ שמועס, אין וועלכן זיי האָבן דערמאָנט פעלזן. דניאל האָט גוטס געטראַכט וועגן אים, נאָר וואַנדאַ, האָט אין רעדן אַרויסגעבראַכט אַ סך סימפּאַטיע פאַר פעלזן. זי האָט איין מאָל אַזוי געזאָגט:

— אין פעלזן און אין דיר זע איך דאָס יידישע פאָלק, איינער דערגאַנצט איר דעם צווייטן.

ווער ווייסט פאַרוואָס — דניאלן האָבן אירע ווערטער עפּעס אויסגעזען נישט אויפריכטיק, צו סענטימענטאַל.

— איך ווייס נישט, ס'אַרע מיינונג דו האָסט וועגן מיר, — האָט ער זיך איראָניש צעשמייכלט, — פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך, אַז דו האָסט אַ טעות. אָט שטיינוואָרצלאָווסקי אונטן און זיינע געסט זענען אויך יידן, אויך פון דעמזעלבן שטאַם.

וואַנדאַ איז אַ ווייל ווי געפּלעפט־געבליבן און געשוויגן, זי איז אָבער גלייך צו זיך געקומען און זיך אָנגערופן מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס דניאל האָט נאָך קיינמאָל פון איר נישט געהערט:

— ניין, דו האָסט אַ טעות, דניאל, די שטיינוואָרצלאָווסקיס זענען נישט „דאָס פאָלק“, איך וואָלט נאָך פאַרשטאַנען — אונטן די קצבים און די איבעריקע — די שטיינוואָרצלאָווסקיס זענען די גאַנגרענע, דער אייטער פון פאָלק און — נישט נאָר יידן — אַלע פאַרמאָגן אַזעלכע... אַז פוילן איז געווען אונטערגעדריקט, האָבן זיי זיך אויך געווימלט ביי אונז, געחנפעט די מאָסקאַלעס, די אונטערדריקער... דאָס איז דער אָפּגאַנג, דער ברוד פון פאָלק.

אויף דעם האָט איר דניאל גאָרנישט געקאָנט ענטפערן. ער האָט געפילט די היץ און גאַל, מיט וועלכע איר טאָן איז געווען אָנגעזאַפּט. זי, די פרעמדע, האָט שוין אויך דערפילט אָט דאָס, וואָס איז די קללה פון יעדן אויפריכטיקן מענטש און

ייִד, וועלכער וויל נישט און קען נישט זען זיין שטאַם אין שפלות און קריכערישקייט.

ער האָט זי באַוווּנדערט און זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן איר קאָפּ צו זיך נישט אַ צי צו טון מיט ליבע און פאַרערונג.

אָך, זי מיט איר איצטיקן זאָג, זי האָט אים די מיאוסטע לאַסט לייכטער־געמאַכט... זי האָט נאָך צוגעגעבן:

— אַסימילאַציע, דאָס וועלן זיך פאַרשמעלצן אין אַ צווייטער קולטור — צו דעם קאָן מען, ווי איינער... אָבער קריכערישקייט, זיך לייגן אויף די לאַפּקעס פאַרן שטאַרקערן... דאָס פאַרדינט פאַראַכטונג!

מער האָבן זיי דערפון נישט גערעדט — אויסגעמיטן דערפון נישט צו רעדן, אום זיך דאָס בלוט נישט קאַליע צו מאַכן.— עטלעכע טעג שפּעטער איז פעלז צוריקגעקומען, ער איז געווען פריילעך און זיך הייס באַגעגנט מיט זיינע פריינט.

— איך האָב צוביסלעך געבענקט, — זאָגט פעלז.

— צו וועמען געבענקט? — פרעגט דניאל לאַכנדיק. — אָבער זאָגט נאָר דעם אמת, ווי ביטער ער זאָל פאַר מיר נישט זיין!

— דעם אמת — צו ביידען, נאָר פאַרוואָס צו אייך אויך — טוט מיר שוין באַנג, — האָט פעלז נישט קיין שמייכל געגעבן.

וואַנדאַ האָט דניאלן געגעבן אַ פּעטשל:

— זע, פאַרוואָס ביסטו אַזוי? דו רעדסט ערגער, ווי דו ביסט ווירקלעך.

— ניין, וואַנדאַ, פאַרטיידיקט אים נישט, ער האָט טאָקע אין זיך גראָבקייטן און עפּעס אַזאַ צוגעשפּיצטן עגאָיזם צו־מאָל, — האָט פעלז אַוש די נאָז פאַרצויגן.

דעמזעלבן טאָג נאָך האָט פעלז אָנגעהויבן צו מאָלן וואַנדעס קאָפּ, עטלעכע טעג כסדר איז ער אַרויפגעקומען, געמאָלט ביז ער האָט פאַרענדיקט, נאָר עס פולשטענדיק פאַרטיק צו מאַכן.

קאַפּיטל XX

די קוקאַוקע איז פאַרשטומט־געוואָרן, שוין אויפגעהערט קוקקוען; אויפן פעלד די זאַנגען, רייפע און געלע, האָבן זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון די פולע קעפלעך; שניטערס, פויערן אין ברייטע שטרויענע קאַפעלושן האָבן שוין געשאַרפט קאָסעס אָן שאַרף־שטיינער; אין די וועלדער האָט געטריפט זשיוויצע קלאָרע און געלע, ווי בורשטין; דאָס אויבס אויף די ביימער האָט זיך געצייטיקט. דער זומער איז צוגעקומען צו זיין העכסטן שפיץ און האָט זיך געהאַלטן אין לאָזן באַרג־אַראָפ.

איינמאָל האָט זיך וואַנדאַ אָנגערופן:

— פאַרפאַלן, איך וועל, דאַכט זיך, מוזן אַביסל אַוועקפאָרן.

— אַוועקפאָרן? — האָט דניאל אויסגעשטעלט די אויגן פון פאַרוואונדערונג און שטוינען, — וואַהין דען?

— נו, צו דער באָבען, האָסט דען נישט געזען די בריוו, וואָס זי שרייבט?

ניין, די בריוו האָט ער נישט געלייענט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זינט די באָבע איז אַוועקגעפאָרן, נאָכן ערשטן בריוו, האָט וואַנדאַ אַ צייט נישט געקריגן מער. לעצטנס אָבער, באַקומט זי נאָכאַנאַנד בריוו, אַז די באָבע איז קראַנק און וויל זי נאָך איין מאָל זען.

— אפשר איז דאָס נאָר אַן אויסרייד?...

— זייער מעגלעך. זי, וואַנדאַ, מיינט אויך אַזוי, אָבער אין די בריוו בעט זי אַזוי שטאַרק און — ס'איז דאָך פאָרט די באָבע, וואָס האָט זי דערצויגן.

דניאל האָט נישט געהאַט דערויף וואָס צו דערווידערן; געזאָגט האָט ער, אייגנטלעך, יאָ וואָס צו זאָגן, און אַ סך געהאַט, אָבער ער האָט נישט געפונען פאַר פּאַסיק זיך אין אַזאַ משפּחה-זאַך אַריינצומישן. ער האָט נאָר בלויז אַ ציגעטון הויך דעם אָטעם:

— אַ-ו-ם:

— אויף אַ טאָג-צוויי נאָר. זאַכן וועל איך מיר נישט מיטנעמען.

— ווי דו פאַרשטייסט, — האָט ער זיך באַמיט צו רעדן רויק, כאָטש אין אים אינעווייניק, האָט שוין געפלאַטערט עפּעס אומעטיקס.

אָבער געפאָרן איז זי נאָך נישט צומאָרגנס, און נישט די גאַנצע וואָך. סוף וואָך איז ווידער געקומען אַ בריוו, און ערשט די צווייטע וואָך איז זי אַוועקגעפאָרן.

געפאָרן איז וואַנדאַ דינסטיק. מאָנטיק פאַרנאַכט האָט זיך די זון געזעצט אין אַ וואָלקן, שוואַלבן זענען געפלויגן נידעריק אָן דער ערד.

— ס׳וועט ביינאַכט רעגענען, — האָט דניאל געזאָגט, ער האָט געפילט, אַז אינעווייניק אין זיך, איז ער צופרידן פון רעגן, וואָס גרייט זיך...

וואַנדאַ האָט אויך אַ קוק-געגעבן צום הימל.

— היינט וועט נאָך נישט רעגענען, עס קלייבט זיך ערשט אויף אַ סך טעג!

און ס׳האָט טאַקע נישט גערעגנט.

אינדערפרי, צומאָרגנס, איז אַלץ נאָך געווען פאַרוואָלקנט און טריב. ס׳האָט זיך געהערט, ווי אונטן, די שטיינוואָרצלאָווסקען בייזערט זיך איבער דער דינסט, פאַרוואָס זי פאַרמאַכט נישט די פענסטער:

— עס וועט באַלד רעגענען, און מ׳קאָן זיך פאַרקילן, ווייל די זון שיינט נישט.

שפּעטער אַביסל, ווען דניאל האָט באַגלייט וואַנדען אַראָפּ צום אויטאָבוס, איז אַלץ נאָך טריב-געווען. דניאל איז געגאַנ-

גען לעבן וואַנדען, געהאַלטן איר קליין פּעקעלע, געגאַנגען אויף דעמזעלבן וועג, וואָס דעמאָלט מיט דער אַלטער צום זעלבן אויטאָבוס. אויפן געמיט איז אים געווען אומעטיקלעך.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ בליק, ווי נישט זי, נאָר ער אַליין וואָלט אַוועקגעפאָרן פון דאָ אויף שוין נישט צוריקצוקומען.

— וועסט שרייבן?

— קינד, צוואָס? איך פאָר נאָר אויף אַ טאָג, צוויי.

ווידער אַ שווייגן.

פעלז האָט געזאָלט קומען צום אַוועקפאָרן, נאָר ער איז נישט געקומען. דניאל האָט עס דערמאָנט.

— געוויס נישט געקאָנט.

ס'האָט דניאלן עפּעס ווי הנאה געטון, וואָס פעלז איז נישט געקומען. כאָטש גערעדט האָבן זיי — דניאל און וואַנדאַ — איצט ווייניק צווישן זיך, מער געפילט ווי גערעדט, אָבער אויך דאָס שווייגן איז געווען פולער און אינטימער, ווייל קיינער איז נישט געווען מער.

— וועסט עסן די עטלעכע טעג מיט פעלזן.

— יאָ.

זיי האָבן געוואַרט אַ פּאָר מינוט, ס'איז אָנגעקומען פון שטאָט דער אויטאָבוס, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, האָט זיך אָפּגעשטעלט. וואַנדאַ איז אַריין. דניאל האָט געזען, ווי די פּאַסאַזשירן — קריסטן — האָבן זיך צערוקט און ווי־נישט־ווי געמאַכט פּאַר איר פּלאַץ. זי האָט געדאַנקט, זיך איינגעזעצט. דער אויטאָבוס האָט אַ ברום־געטון, באַלד דערויף גערירט פון אָרט, זיך דערווייטערט אַלץ מער־און־מער. און אַז מ'האָט אים שוין איבגאַנצן נישט געזען, איז דניאל אַהיימגעגאַנגען.

אויפן באַרג איז פעלז געקומען צו לויפן אָן אָטעם.

— שוין געפאָרן? אַ שאָד! איך האָב מיך פאַרשפּעטיקט, מיין זייגער —

ער האָט אַ קוק־געטון אויף דניאלן און האָפנונגספול צוגעגעבן:

— איבערמאָרגן, ביים קומען, וועט דערפאַר זיין אַ טאָפּלטער שלום-עליכם, שוין פאַרן געזעגענען אויך.

דניאל האָט אים דאַנקבאַר אָנגערירט די האַנט.

געזעגנט האָט פונדעסטוועגן נישט. צו מיטאָג-צו איז די זון אַרויס פון איר באַהעלטעניש, ווידער גענומען איר וועג איבערן הימל, געבריט און געבלענדט די אויגן.

ס'זענען געגאַנגען טעג, אומעטיק-ליידיקע טעג, אַפילו צו זעצן זיך אַרבעטן האָט פאַרפעלט חשק. די זון האָט געשיינט, נאָר די טעג זענען געווען גראָ און ליידיק...

סטעסע איז שוין געגאַנגען צו דער אַרבעט. דאָס פנים איז אים געווען פאַרבונדן און פאַרפּאַקט מיט וואַטע און באַנדאַזשן, ער האָט דניאלן אויסגעמיטן. ווייזט-אויס, געשעמט זיך.

דער גאַסט מיט ווייב-און-קינד איז שוין געווען אַוועקגעפאָרן... לעמקע איז געזעסן, ווי געוויינלעך, אין סאָד, אָדער געגאַנגען ארום פערד. אין גאַנצן הויז איז געווען עפּעס מאָדנע אומעטיק. ס'האָט זיך געהערט, ווי אונטן, די שטיינוואָרצלאָווסקען בייזערט זיך איבער דער נייער, ערשט נעכטן אָנגעקומענער דינסט — אַ יידיש מיידל — שרייט שוין אויף איר „פּלעטוך” און „זשידוווקאַ”, און דאָס האָט דעם אומעט נאָך גרעסער-געמאַכט.

דערנאָך איז דאָס מיידל געזעסן מיט דער יידענע — דעם קראַנקן בחורס מוטער — אויפן קלאָץ הינטער דניאלס פענסטער. שטיל, קוים צו הערן, האָט דאָס מיידל פאַר איר זיך באַקלאָגט:

— ווי דאָס שעמט זיך נישט! — אַ זשידוווקע בין איך, און זי — נישט?

און די יידענע האָט דערהויבן אַרויף צום הימל אַ פאָר באַטריבטע, מידע אויגן מיט אַ זיפץ:

— אַז דאָס האָט נישט קיין גאָט אין האַרץ, אַז דאָס האָט דעם טייוול די זייל פאַרקויפט.

ס'איז שוין געווען דער דריטער, דער פערטער, דער

פינפטער און זעקסטער טאָג, און וואַנדאַ איז אַלץ נאָך נישט געווען.

איז דניאל אַריינגעגאַנגען צו פעלזן. דאָרט, אין שטיבל, צווישן בילדער און לאַנדשאַפטן, פּאָרטיקע און נישט-פּאָרטיקע, באַקאַנטע און נישט-באַקאַנטע — הענגט איינס, אַ נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעפּאַרטיקט קעפּל, אַ בלאָנד קעפּל מיט בלאָע אויגן. אין בליק, אין די אויגן, ווי אַזוי די אויגן קוקן, האָט ער דערקענט, זיך דערמאָנט די מאָמענטן, ווען וואַנדאַ קוקט אַזוי. ס'איז אים געוואָרן אי באַנג, אי וואַרעם. ס'האַרץ האָט אים פּאַרקלעמט. און זי — איז אַלץ נאָך נישט געווען.

ער איז אַהיימגעגאַנגען, אויפגעשלאָסן די טיר. די פּוסט-קייט האָט אים אַקעגנגעיאָגט. זיין בליק האָט זיך באַגעגנט מיטן קלייד, וואָס איז געהאָנגען אויפן הענגער. אַ פּראָסט קרע-טאָנען שטוב-קלייד מיט ווייסע און גראָע שטריכעלעך און פּאַ-סיקלעך. ער איז צוגעגאַנגען, אַ שמעק-געטון דערצו. אים האָט זיך געדאַכט איינצוזאַפּן איר ריח, איר אָנגענעמען ריח. עס איז אים געקומען אויפן זין אַ שטיקל פון אַ ליד, וואָס זי זינגט אָפט. ער האָט עס אין זיך געחזרט מיט יידישע ווער-טער:

„...געבליבן — דאָס קלייד דיין
און פלאַראַ — דיין פּאַפּוגאַ, —
וואָס בענקט אויך
נאָך דיר, מיידל מיין...״

די אויגן זענען אים פול-געוואָרן. ער האָט זיך פּאַרשעמט, אַראָפּגעלאָפן, געגאַנגען אַביסל ביים ראַנד וואַלד, אַביסל צו לעמקען אין סאָד, און ווידער אַוועק צו פעלזן, — אפשר אין מיטן אַ שמועס וועט יענער אַ דערמאָן-טון וואַנדעס נאָמען, — פּשוט אָן אַ צוזאַמען מיט עפּעס-וואָס, אָדער, מאַכן אַ גערעד וועגן איר בילד, וואָס ער, פעלז, האָט עס נאָך נישט פּאַרטיק. ער וועט, למשל, אַ זאָג-טון:

— איר אַרבעט וויייניק, פעלז, און נישט סיסטעמאַטיש.

אָט, אַ שטייגער די לאַנדשאַפט, אָדער בעסער נאָך, יענץ קעפּל דאָרט — די קליינע לייוונט, איז נאָך רוי, ווי יענע וואָך.

— אַ, דאָס מיינט איר, — איר דערקענט עס נישט? דאָס איז דאָך וואַנדעס קעפּל, — ווערט פעלז זאָגן אָן אין זין צו האָבן עפּעס, — איך דאַרף עס טאַקע אויספּאַרטיקן. איך וועל מיך נאָך אפשר היינט אַ נעם־טון צו דעם קעפּל.

אָט, וואָס האָט ער דען דאָ געזאָגט, פעלז? — גאָרנישט! סתם געשמועסס פון זיין אַרבעט. ער האָט אָבער דערביי דער־מאָנט אַ נאָמען, און פאַר דניאלן איז דאָס אַ סך, זייער אַ סך.

צומאָרגנס איז געקומען אַ בריוו פון וואַנדען. דער בריוו איז געשריבן־געווען באַלד צומאָרגנס נאָך איר אָנקומען אַהין. ער איז געווען געשריבן אין יידיש. ווי ווילד דערפריידט ער האָט זיך מיט אָט דעם בריוו און ווי היימיש און צוטרויליך דאָס יידיש איז אים געווען — אָבער קיין נייעס איז דניאל דאָרט נישט געוווּיר־געוואָרן. זי האָט געשריבן, אַז די באָבע איז טאַקע זייער שוואַך און קראַנק, און אַז זי — וואַנדאַ — פילט זיך נישקשה, ווייטער — וואָס ער מאַכט, אַ גרוס פאַר פעלזן, און אַז העכסטנס סוף־וואָך וועט זי אַהיימקומען.

אָבער עס איז שוין געווען שבת, זונטיק, מאָנטיק, באַלד אַ וואָך, און זי איז אַלץ נאָך נישט געווען, און מער קיין בריוו אויך נישט געשריבן.

— אפשר געבן אַ פאָר־אַהין? — טוט ער איינמאָל בלאַחר־יד אַ פרעג פעלזן.

— משוגענער מענטש! — טוט זיך פעלז אַ כאַפּ, אָבער אין דער אויסער רגע ענדערט זיך זיין פּנים, די אויגן צע־לייכטן זיך ביי אים, ווי ביי אַ קינד, אַז עס הערט אַ וווּנדער־מעשהלע. ער לייגט־אַוועק דעם פּענזל, גייט־צו צו דניאלן, מיט איין האַנט האַלט ער אים ביים אַקסל, און רעדט צו אים, ווי צו אַ פאַרבענקט קינד:

— האָב צוטרוי, האָב צוטרוי צו וואַנדען. מילא, געדוי־ערט עס נאָך אַ טאָג, וואָס קאָן מען טון, — און ביידע קוקן

אויף וואַנדעס קעפּל אויף דער אָנגעצויגענער לייוונט און ביידע טראַכטן איצט פון איר.

און ווידער איז אַ טאָג אַוועק. ס'איז שוין געווען דער צענטער טאָג, און וואַנדאַ איז נאָך אַלץ נישט צוריק־געווען.

* * *

ער איז איפגעשטאַנען, אַראָפּגעגאַנגען, געגאַנגען דאָ, געגאַנגען דאָרט, צוריק אַרויפגעגאַנגען. זיין האַנט האָט אַ גלעט־געגעבן דאָס קלייד אויפן הענגער. דאָס קלייד האָט צו אים אַ רעד־געטון, מיט אַ שטילער בענקענדיקער שפּראַך אַ רעד־געטון. ער איז ווידער אַראָפּגעגאַנגען. אַרומגעקראָכן. ס'איז געוואָרן מיטאָג־צייט. ער איז אַוועק צו פעלזן, זיי האָבן געגעסן מיטאָג אין גאָרטן. דאָס מיטאָג געדויערט געוויינלעך אַ ביסל לענגער. דאָס טוט פעלז פאַר דניאלס וועגן, אָפּפערט אים אַ ביסל צייט צו שמועסן, ווייל ער ווייסט, אַז דער פריינט פילט זיך איינזאַם.

נאָכן מיטאָג איז פעלז אַוועק צו זיין אַרבעט. דניאל איז אַרויסגעגאַנגען, געהאַט בדעה אַהיימצוגיין, אַ פּרווו־טון אַר־בעטן, אָבער ווי ער איז אַרויסגעקומען, איז אים מיטאַמאָל אָפּגעפאַלן דער חשק פון אַהיימגיין, און ער איז אַוועק מיטן טראַקט, וואָס לויפט באַרג־אַראָפּ, און פון ביידע זייטן וועג — וואַלד.

די זון איז געשטאַנען הויך אין מיטן הימל, געברענט, געגליט און געפלייצט מיט בלענדנדיקער ליכטיקייט.

דניאל איז געגאַנגען מיטן טראַקט. קיין ווינטל האָט זיך נישט אַ ריר־געטון, קיין צווייגל, קיין בלעטל האָט זיך נישט געשאָקלט, קיין פויגל האָט נישט פאַרבייגעשוועבט. אַלץ איז געשטאַנען מיד, פאַרחלשט פון דער שרפהדיקער היץ.

אַליין איז ער געווען אויפן וועג, אַליין, — ער, דניאל טוב, דער לעצטער שפּראָץ פון דער אַמאָל, צווישן יידן, באַ־רימטער משפחה „טוב", דאָס פיר־פינף דורות ווייטע אייניקל

פון יענעם רב, דעם שטאַם-פֿאָטער, וואָס האָט דעם משפּחה-נאָמען איבערגעמאַכט פֿון „טוב" אויף „טאָפּף", צום אָנדענק פֿון געשטערטן עלילת-דם — און דאָס אור-אייניקל פֿון דעם שפּע-טערדיקן רב, וואָס האָט צוריקגעגעבן דער משפּחה דעם יחוס-דיקן נאָמען — „טוב". איצט איז ער — זייער אייניקל, דניאל, דאָ אַליין געגאַנגען, אָט דער דרייסיק-יעריקער זון פֿון חסידיש-לומדישע פֿאָטערס — מיט אַ פֿול געמיט, אַ פֿאַרבענקטער נאָך אַ קריסטלעך מיידל, נאָך דער פּוילישער וואַנדאַ, וואָס איז אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ טאָג-צוויי, און היינט איז שוין דער צענ-טער טאָג, און זי איז נאָך נישטאָ צוריק, ווייל — מסתּמא איר קרוב, דער גלח, לאָזט זי נישט.

— וועט זי היינט קומען ?... — וועט זי מאָרגן קומען ?... — ער האָט דאָס אָנגעפֿרעגט ביי זיך אַליין, ביי זיין אייגן גע-פֿיל. ער האָט עס אָנגעפֿרעגט מיטן געדאַנק אין דער טיפֿעניש פֿון זיין האַרץ. אָבער פֿון דאָרט האָט ער קיין שום באַשייד נישט אַרויסבאַקומען, זיין וועזן, זיין אונטערבאַוווסטזיין, האָט אויך גאָרנישט געוווסט דערוועגן, אָדער נישט געקאָנט אים זאָגן.

— וועט זי איבערהויפּט נאָך קומען ? — האָט ער זיך ווי-דער מיט זיין געדאַנק אַהין געוואָנדן.

— יאָ, קומען וועט זי, דאָס איז ער זיכער, דאָס פֿילט ער. „אויב זי לעבט נאָר — וועט זי קומען" — ער האָט אַ שוידער-געטון ביים געדאַנק „אויב זי לעבט נאָר". — „עס קאָן טרעפֿן, עס קאָן אַלץ טרעפֿן, נאָר טרעפֿן זאָל דאָס נישט" — האָט ער הייס געטראַכט, ווי אַמאָל, אַלס קינד, אַז די מאַמע איז קראַנק-געווען.

ער איז דערגאַנגען ביז אַ דאָרף. די לאַנגע טראַקט-גאַס איז געלעגן און געסמאַליעט זיך אונטער דער הייסער זון.

אַן אויטאָ איז דורכגעפֿלויגן און דערהייבן אַ וואָלקן שטויב. אַ הונט האָט זיך אומגעקערט פֿון בחינמדיקן יאָגן זיך נאָך אים, דער הונט האָט זיך אַ לייג-געטון אויף די פּאָדער-שטע לאַפּקעס פֿאַר אַ שוועל און גענומען דרימלען מיט קוים-

געעפנטע אויגן; פון קוימענדלעך איבער שטרוי-דעכלעך איז גלייך, ווי אַ ווירע, און דין, ווי אַ שנירל, געגאַנגען אַ רויכל גלייך אַרויף... דער קלאַץ פון דעם ברונעם האָט אַ קרעכץ-געטון; פון אַ הויף האָט פאַרבענקט געמעקעט אַ קאַלב; יינגע, קוים-באַפעדערטע קאַטשקעלעך, האָבן זיך געפליושקעט אין בלאָטע לעבן ברונעם, און ווייטלעך פון צווישן ביימער האָט אַרויסגעקוקט אַ ווייסע און הויכע שלאָס-געביידע.

ער האָט דאָס דאָרף געלאָזט הינטער זיך און ווייטער געגאַנגען, ווידער צווישן וואַלד, נאָכן וואַלד ווידער טיפער, אָנגעגליטער זאַמד.

די היץ איז נאָך אומדערטרעגלעכער-געוואָרן. גאַנצע מחנות פליגעלעך האָבן זיך געדרייט אין דער לופט, געשטאָכן און געביסן דאָס פנים און הענט... ער איז מיד-געוואָרן, געזעצט זיך אויף אַ שטיין ביים וועג.

אַלץ אויף אים האָט געקלעפט פון שווייס. די פליגעלעך האָבן קיין מנוחה נישט געגעבן. פון איין זייט האָט ער זיי אָפּגעטריבן, פון דער צווייטער זייט זענען זיי צוגעקומען... אַלץ אין דער לופט איז געווען ווי אָפּגעשוואַכט, פאַרשמאַכט... די לופט איז פול-געווען מיט שטויב. קעגנאיבער, אויף אַן ערשטגעשניטן פעלד האָט זיך געזען צעשפּרייט אַ סטאַדע שעפסן. דער פאַסטוך מיט אַ באַדעקטן קאָפּ האָט מיד געהאַלטן אין האַנט די בייטש, אַ שוואַרצער שעפער-הונט האָט געפרייכט לעבן זיינע פיס מיט אַן אָפענעם פיסק, ווי ער וואָלט געגע-גנצט. פון האָריזאָנט האָט אין דער צעפלאַמטער, אָנגעגליטער מעשענער זון זיך קוים געזען דער רויטער טורעם פון אַ קירך.

דניאל האָט זיך שווער דערהויבן, גענומען צוריקגיין.

דער וועג איז געווען שווער, זאַמדיק, און די פאַרנעקייט האָט זיך ווי בליי געלייגט און אָנגעפילט די גלידער, ער האָט קוים מיט די פיס גערירט, געגאַנגען מיט שווער-געעפנטע אויגן, מיט מי זיך צוגעשלעפט נאָכן דאָרף צום אָנהייב וואַלד. איז ער אַהין אַריין, געאָרנישט אַ קוק-געטון אַפילו ווו — מיט האַלב-

פאַרמאַכטע אויגן, זיך אַ וואָרף-געטון צווישן די ביימער און קושאַקעס און — איז שוין געשלאָפן.

לאַנג איז ער נישט געשלאָפן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שרעקלעכער שווערקייט און אָטעם-שטיקעניש, ווי עמעץ וואָלט אים מיט דער גאַנצער משא אויפן האַרץ געלעגן און דעם האַלז געדריקט. ער האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט, נישט געוווסט ווו ער געפינט זיך. אין וואַלד איז געווען טונקל און — ששש... שטיל, שרעקיק-שטיל, אַפילו קיין פליג האָט זיך נישט געהערט זומען.

ער איז אַרויס פון וואַלד. די צעגליטע זון איז מער נישט געווען, ווי מ'וואָלט זי אין אַ פינסטערן קאַסטן פאַרשטופּט. ס'איז געווען טונקל, ווי שפּעט פאַרנאַכט, דושנע און שווער-שטויביק, נישט דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן. אין דער אָנגעשטרענגטער, שטילער לופט האָט זיך געשפּירט אַ שוועבלריח. דער הימל — אַ נידעריקער, באַלאָדנט מיט שוואַרץ-בלאָע אומבאַוועגלעכע כמאַרעס — האָט פאַרגעזאָגט נישט קיין גוטס, אַ ברוינער פּאַס האָט זיך געצויגן אין דער ברייט פון צפון-מזרח, געוואָרן אַלץ ברייטער און גרעסער.

נישט קיין מענטש און נישט קיין שום באַשעפעניש האָט זיך נישט געזען און נישט געהערט אין דער נאָענט.

נאָר אָט איז אָנגעפלויגן אַ פויגל, האַסטיק פאַרביי-געאיילט, געפלויגן נאָענט, נאָענט צו דער ערד, כמעט באַרירנדיק זי, געוואָרפן מיט די גראָע, ווי שטאָל, פליגל — מיט אַ שאַרף דערשראָקענעם טשוויטש, און דאָס, — אָט דער אימהדיקער געאייל פון דער שוואַלב, האָט נאָך שטילער און נאָך אומהיימלעכער-געמאַכט די שטילקייט.

באַלד דערויף איז מיטן טראַקט, ווו דניאל האָט איצט געדאַרפט גיין, געקומען צו לויפן אַ הינטל — אַ געל-האָריק, נידעריק הינטל. עס האָט געאיילט מיט אַ דערשראָקענער בהלה, אַזש די פּיסלעך האָבן זיך אים אויסגעבויגן, ווי ראָר-שטעקעלעך, און נישט-אויפהערנדיק צו יאָמערן, איז עס פאַרשווונדן-

געוואָרן לינקס אויף דער לאָנקע, קאַטשענדיק זיך אַראָפּ — צום האָריזאָנט.

דניאל איז געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטער. די געדיכטע טויב־שטילקייט, און אַלץ אַרום האָט עדות־געזאָגט, אַז אָט־אָט ברעכט־אויס אַ שטורעם. אָבער אַרום האָט ער אין ערגעץ קיין שום הויז נישט געזען. צוריק צום דאָרף איז געווען ווייט.

ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אַ טראָפּן איז אים געפאַלן אויפן פּנים. אַ וואַרעמער, שווערער טראָפּן. באַלד ווי־דער איינער און נאָך איינער. שווערע, גראָבע, אָנגעוואַרעמטע טראָפּנס זענען געפאַלן. איבערן הימל איז אַ פייערדיקער שטרייף אַדורך, אַ דונער האָט אַ קנאַל־געטון, גלייך ווידער אַ בליץ און ווידער אַ דונער, נענטער און שטאַרקער ווי דער ערשטער.

די טראָפּנס זענען קלענער און גיכער־געוואָרן. דער הימל איז איצט שוין געווען דורכויס טונקל־ברוין. אַ שאַרפער ריח פון אָנגעבּרענטקייט האָט אַ שלאָג־געטון צו דער נאָז, און — דער שטורעם איז אויסגעבראָכן.

* * *

דניאל איז אַריין אין וואַלד, דונערן האָבן געקראַכט אַרום אים, בליצן ווי פייערדיקע שלאַנגען זענען איבער די בוים־שטאַמען געקראָכן, געצויגן זיך מיט אַ צישען און פאַרשטומט־געוואָרן אין קראַך פון דונערן. צווייגן זענען אַראָפּגעריסן־געוואָרן פון דיביימער, און נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אַראָפּ־צופאַלן, האָט זיי דער צעבושעוועטער שטורעם אַ פאַרכאַפּ־געטון און — הויך אַריבערגעוואָרפן.

דניאל איז מיט אימה אַרויסגעלאָפן פון וואַלד, אַרום אים האָבן ביימער אָנגעהויבן צו ברענען, און דער שטורעם האָט אויף זיי טייכן וואַסער געגאָסן; אַרום אים זענען ביימער אַרויסגעריסן־געוואָרן מיטן וואָרצל, געבליבן־הענגען אויף די צווייגן פון אַ צווייטן בוים, ווי אַן אונטערגעשאָסענער מענטש

אויף די אַקסלען פון אַ ברודער, און באַלד, צוזאַמען מיטן אָנ־האַלטער, ווי אונטערגעהאַקטע שטריען — אומגעפאַלן.

איז ער אַרויס אויפן פרייען פעלד, דאָרט איז נאָך ער־גער־געווען: דער ווינט האָט געבראָיעט צווישן דעם פלייץ־רעגן, זיך געריסן נידעריק־נידעריק אָן דער ערד, צעשטופּט און צעטריבן די וואַסער־שטראָמען, דאָ־און־דאָ, ווי משוגע זיך געדרייט אַרום זיך אַליין אין דער פאָרם פון אַ ליעק.

עס האָט געפייפט און געברומט, ווי ווילדע חיות וואָלטן זיך פון די קייטן געריסן, און עס האָט געפלייצט, געגאָסן פון אויבן גאַנצע טייכן.

און עס האָט אַלץ קיין סוף נישט גענומען. בליצן האָבן אויפגעפלאַקערט אין שרעקיקע זיגזאַג־פלאַמען; אויסגעפלאַקערט, און נאָך איידער איין בליץ איז פאַרלאָשן־געוואָרן, זיך פאַר־ענדיקט מיט אַ קראַכנדיקן דונער, האָט אַ צווייטער אויפגע־פלאַמט, איז אַ דריטער געבוירן־געוואָרן, האָט אַ פערטער זיך אַהערגעלאָזט פון אַ צווייטן עק הימל...

ס'האָט געפלאַמט און געקראַכט, אַז יעדער דונער, האָט זיך געדאַכט, מאַכט אַש פון דער וועלט, מאַכט זי חרוב־ומחרוב.

אַרום דניאלן, דער וועג, איז געווען פאַרגאָסן מיט וואַסער, זיך געטראָגן מיט אַ שטראָם ווי אַ טייך, דער ריוו — אַן אָנ־געפולטער, אַן איבערפולטער, און אויף זיין שטראָם האָבן זיך געטראָגן העלצער, באַגרינטע צווייגן, אַ טויטע קוראָפּאַטווע מיט צעשפּרייטע פליגל,—און ס'האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו גיסן, צו בליצן און דונערן...

דניאל, אַ מבולבלדיקער, אַ צעמישטער, אַ דורכגענעצטער, אַ פאַרגאָסענער, אַליין אַ טייך, — איז קוים צו זיך געקומען און ווי־נישט גענומען לויפן, געלאָפן אין פלייץ־רעגן אונטער דונער און בליץ. ער האָט קוים די פיס געהויבן, דער ווינט און רעגן האָבן אים געשטערט, דאָס נאָכאַנאַנדיקע פלאַמען און קראַכן — פאַראַליזירט. די מלבושים אויף אים זענען געווען צענטנער שווער; פון די אַרבל און פון די נאָגעוויצעס האָט

זיך געגאָסן, ווי פֿון אַ רינע, די שיך זענען געווען דורכגעווייקט, פֿול וואַסער.

ער איז געלאָפֿן, געלאָפֿן מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און צעשפּרייטע הענט, לאַנג געלאָפֿן און מיט די לעצטע כּוחות אַריינגעפֿאַלן אין מיטן פֿעלד אין אַ סטויג היי, זיך איינגעגראָבן אין נאַסן היי און דאָרטן ליגן־געבליבן.

דער שטורעם האָט סוף־כּל־סוף אַביסל אויפֿגעהערט, שוואַכער־געוואָרן. דניאל איז אַרויסגעקראָכן פֿון סטויג; געבליצט און געדונערט האָט שוין שוואַכער.

דאָס געוויטער האָט זיך געטראָגן ווייטער צו דרום־מזרח; ביז עס האָט אינגאַנצן אויפֿגעהערט.

דער שטורם איז שוין געווען פֿאַרביי, אָבער שיין איז נישט געוואָרן. ס'האָט ווייטער גערעגנט, אַ געוויינלעכער, שטילער רעגן.

נישט געווען קיין אַנדערע ברירה, ער האָט דאָ, אין פֿרייען פֿעלד, אַראָפּגעצויגן פֿון זיך די מלבושים, זיי גוט אויסגעדרעגט, און אַזוי, נאַסערהייט, זיי צוריק אָנגעטון. איצט איז שוין ווי ס'איז מעגלעך־געווען צו גיין, און ער איז אַוועק דורך אַ צווייטן, נעענטערן וועג צו זיך אַהיים.

סוף וואַלד, לעבן באַרג, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן עפּעס. אַ מענטש איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ מיט צעשפּרייטע באָרוועסע פֿיס, און דער רעגן האָט אויף אים אַראָפּגעגאָסן, איינגעזאַפּט־געוואָרן אין זיינע מלבושים און צוריק געטריפֿט אַראָפּ, אַז אַרום אים איז שוין געווען אָנגעזאַמלט אַ גאַנצע קאַלוזשע.

דניאל האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ וואַנדערער געהרגעט־געוואָרן פֿון אַ דונער, נאָר אַז ער איז נענטער צוגעגאַנגען און באַטראַכט דעם ליגנדיקן, איז ער איבערראַשט־געוואָרן — דאָס איז געווען לעמקע, די ווייסע הויזן און העמד — נישט צו דערקענען, און דאָס פּנים — איין שטיק בלאָטע!

אַרום איז נישט געווען קיין מענטש. ווידער אַזוי איבערלאָזן אים — האָט מען אויך נישט געקאָנט, און אַז דניאל האָט

זיך איבערצייגט, אַז יענער לעבט, האָט ער אַזוי לאַנג אים געמונטערט, געקוועטשט בײַ די שלייפן, געריבן די הענט און דאָס פּנים, ביז דער אַלטער איז צו זיך געקומען. אַז אַ וואָגן איז פּונקט געקומען פֿון וואַלד מיט אַ בוים, האָט מען דעם אַלטן, ווי עס איז, אַרויפֿגעזעצט און אַהיימגעפֿירט.

אינדערהיים איז די חסר-דעהדיקע לעמקען שיער נישט אַרויפֿגעפֿאַלן מיט אַ חשד אויף דניאלן, אַז ער האָט אים דאָס געטון.

— ווי אַזוי ? — האָט זי אַביסל העכער ווי געוויינלעך גערעדט און אָנגעקוקט דניאלן מיט בייזע חשד-אויגן. — ער איז דאָך פֿריער געגאַנגען אין דאָרף וועגן שניטערס... נעכטן האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז ער פֿילט זיך נישט געזונט, שוואַך. אָבער היינט — גאָרנישט.

ס'זענען געקומען צוזאַמענצולויפֿן די איינוווינער. די פּאַני שטיינוואָרצלאָווסקאַ איז צוגעקומען מיט אַ וויכטיקער מינע. די באַבעס האָבן זיך אָפּגערוקט, געמאַכט פּלאַץ פֿאַר איר. זי האָט געקוקט מאַדאַמיש, רחמנותדיק. די געשטופּלטע סטעסען האָט לעמקען אויסגעטון, געלייגט אים אין בעט. דער אַלטער, כאָטש נאָך אָפּגעשוואַכט, איז שוין געווען צו זיך געקומען און נאָכן איינגענעמען אַ גלעזל פֿון דעם גרינעם ליקער, וואָס די שטיינוואָרצלאָווסקען האָט אַרייַנגעשיקט, האָט ער גענומען דערציילן, אַז ער האָט זיך געפֿילט שוואַך און זיך צוגעזעצט אָפּצורוען בײַם באַרג, און מער האָט ער נישט געדענקט.

— יאָ, עפּעס האָט, דאַכט זיך, אַזוי שטאַרק געדעגנט, געדונערט... — האָט ער זיך דערמאָנט, ווי פֿון אַ חלום.

ער איז איצט געלעגן אין בעט, דער אַלטער, אַן אַרומגעוואַשענער, אַן איבערגעטוענער אין אַ ריין, טרוקן העמד און מיט אַן אָפּגעשוואַכט זקניש קול. ער האָט זיך געפֿילט וויכטיק מיט די שווייגנדיקע מענטשן לעבן זיין בעט, און ער האָט פֿאַר די אַרומיקע אַביסל גערעדט מיט זיין שטייגער קול און טאָן, נאָר אין מיטן בעסטן האָט ער ווידער געחלשט, דער אַלטער, און מ'האָט אים ווידער געמוזט מונטערן.

דניאל איז אַרויפֿגעגאַנגען צו זיך.

קוים זיך איבערגעטון אין טרוקענע מלבושים. ניין, נאָך געשטאַנען אין אונטערוועש — האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט:

— מ׳קאָן נישט איצט! — האָט דניאל אַרויסגעשריגן אויפֿגערעגט. אָפּגערוט אַ ווײַל, האָט מען ווידער אָנגעקלאַפּט.

אַן אויפֿגערעגטער, איז דניאל צוגעגאַנגען צו דער טיר אַ קוק־צו־טון, ווער דאָס איז און נאָך אַמאָל זאָגן, אַז איצט קאָן מען נישט אַרײַנגיין, ווײַל ער טוט זיך איבער.

אַן עפֿן־געטון די טיר, אַ קוק־געטון, — ס׳איז — וואַנדאַ.

— אַך, מ׳קאָן, מ׳קאָן, קום־אַרײַן.

ער האָט געקוקט אויף איר, געוואָלט לאַכן און זיך שיער צעוויינט. די אויגן זענען אים פֿול־געוואָרן.

— יאָ, זי איז שוין פֿריער דאָ געוועזן. עס איז געוועזן פֿאַרמאַכט. איז זי אים געגאַנגען זוכן צו פֿעלזן, אָבער אויך דאָרט איז קיינער נישט געווען, האָט זי בײַ פֿעלזס באַלעבאָס־טע איבערגעוואַרט דעם רעגן.

וואַנדאַ! אָט איז זי צוריקגעקומען — די אייגענע וואַנדאַ. נאָר ניין, זי זעט איצט אַביסל שלעכט אויס. די אויגן אַביסל מיט טונקעלע ראַנדן. זי איז איצט ענלעך צו דער וואַנדאַ פֿון ווינטער בײַ דער קראַנקער קרובה.

אָבער זי שמייכלט. אירע אויגן קוקן צופֿרידן, ווי אַ וואַנדערער, וואָס קומט־צוריק אין זײַן היים.

— און די באָבע? — פֿרעגט דניאל. ער איז זיכער־געווען, אַז די באָבע איז געשטאָרבן, און דעריבער האָט וואַנדאַ זיך פֿאַרזאָמט.

— די באָבע? יאָ, עס איז איר שוין בעסער.

„הייסט עס, זי איז נישט געשטאָרבן“ — איז דניאלן אַ פֿלי־געטון דורכן מוח, — „טאָ פֿאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזוימט?“ — נאָר געפֿרעגט האָט ער נישט, ער האָט עס נאָר אין זין געהאַט.

— האָסט דיך כאָטש גוט געווײַלט מיט דײַנע קרובים? — פֿרעגט ער שוין אויף יידיש.

— נו, דאָ איז מיר אויך נישט שלעכט, — זי איז נאָענט אים צוגעגאַנגען און אים ליב אָנגעקוקט, ווי אַן אוצר.

— טייערער, איך האָב געבענקט.

— איך אויך.

און זיי זענען פאַרשוויגן-געוואָרן, טיף אָנקוקנדיק זיך.

שפּעטער-צו, פאַרנאַכט-צו, האָט די זון צוריק אויפגעשיינט. אַז דניאל איז צוריק געגאַנגען אַרויף, איז אים פאַרן הויז אַנטקעגנגעקומען דער גלח פון „הויף", גייענדיק אין וואַלד-אַריין פון שטאָט צו זיך אַהיים. ער איז דורכגעגאַנגען קווער פאַרן הויז, פאַרביי דניאלס און דער ברוקירעריגס פענסטער. דערבליקנדיק דעם גלח, האָט דניאל, ווי פון אַן אינערלעכן שטויס אַ בליק-געוואָרפן אַרויף צו זיין פענסטער. דאָרט איז געשטאַנען וואַנדאַ. זי האָט פאַרשטאַרט נאָכגעקוקט דעם גלח, און איבער איר פנים האָט זיך געלייגט אַ שאָטן. אירע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט נאָך דעם גלח מיט אַ פאַרצערטן, טרויעריקן בליק.

דניאל האָט דאָס דערכאַפּט און אַ טראַכט-געטון:

„זי מוז אינדערהיים האָבן דורכגעמאַכט גענוג יסורים און קאַמף..."

פּעלז איז געקומען אַרויפצולויפן, אַפילו נישט איבערגעטון דאָס אין פאַרבן-אויסגעשמירטע אַרבעטס-רעקל. ער איז געוויר-געוואָרן, אַז וואַנדאַ איז דאָרט-געוועזן און געוואַרט.

— צווייי מאָל דאַרף מען מיך שמייסן — פאַרן אָוועקפאָרן און פאַרן איצטיקן מאָל...

* *

*

ס'איז געווען פאַרנאַכט, און ס'איז געוואָרן אָוונט.

שפּעט ביינאַכט האָט די ריין-אויסגעשייערטע לבנה, אַ גרויסע און קיילעכדיקע, ווי אַ זילבערנער טעלער, זיך אָפּגע-

שטעלט אויף אַ ווייל איבערן הויז. אונטער איר בליק אין דאָס הויז געוואָרן זילבער־מאַט, אַלץ אַרום איז געווען שטיל און נאַכטיק. אַ זומער־נאַכט — אַ לופטיקע און פרישע, אויסגעלאָדנט נאָכן שטורעם, דונער און בליץ. די שויבן פון דניאלס פענס־טער האָבן צאַרט אָפּגעשפּיגלט די בלאַסע לבנה־שטראַלן, ווי דער אָפּשיין פון דער גליקזעליקייט פון דעם פּאָרל דרינען.

קאַפּיטל XXI

פֿון די טרוקענע זאַנגען שיטן זיך זשאַרנעס – אַזש די קעפּלעך בלייבן ליידיק; אין גאָרטן מאַכן די קי שאָדן; פֿון די ביימער פֿאַלט אויבס און קיינער קלייבט עס נישט אויף...— דער אַלטער לעמקע איז קראַנק. ער ליגט אין בעט מיטן פּנים אַרויף, ציט הויך און שווער דעם אָטעם און הוסט-אונטער.

די סטעסען קומט אָפּט אַריין; די אַלטע לעמקען מאַכט אים לובינג, קאָכט פֿאַר אים פעט פֿלייש, מאַכט שטאַרקע יויכן, אים דאָס האַרץ צו דערכאַפּן, באַקט פֿאַר זיינעטוועגן זיסן פּו-טער-קוכן מיט ראָזשינקעס – טוט אַלץ, ער זאָל וואָס פריִער געזונט-ווערן.

— היינריך, דו זאָלסט נישט שטאַרבן, — דראָט זי אים חסר-דעהדיק מיט דער פויסט, — מיר זענען גאָר צוויי, דאָס פאַרמעגן איז ביידנס. מיר טאָרן זיך נישט שיידן.

דער אַלטער ענטפֿערט איר דערויף גאָרנישט, ער שמייכלט קרענקלעך, און לאָזט עס אַדורך.

אָבער רויק איז ער נישט. אויך דאָ אין בעט האָט ער זיינע דאגות: אים אַרט דאָס בעסער עסן, וואָס זי גיט אים, דער דאָקטאָר, די רעצעפּטן... דאָס אַלץ קאָסט געלט.

ער גלויבט נישט, אַז די סטעסען היט אים גוט דעם סאַד, זי נעמט זיך אַוודאי אויבס, באַגנבעט אים... און די קרענק פֿאַרציט זיך, יעדער טאָג קאָסט, יעדער וויזיט פֿון דאָק-טאָר מאַכט אים אָרימער. און ווייל אַלץ באַרעכנט ער, אַז דאָס קאָסט און ער עסט געלט, לעבעדיק געלט — דערפֿאַר

באַקומט עס אים נישט, זעט ער אַלץ ערגער אויס און איז שוואַך.

איינמאָל האָט זיך אים געדוכט צו הערן פון דרויסן אַ געקלאַפּער. ס'איז געווען נאָכמיטאָג, אין שטוב איז קיינער נישט געווען. ער זעצט זיך אויף, הערט זיך צו... יאָ, זיכער, מ'קלאַפּט. וואָס קאָן דאָס זיין, ס'אַרע געקלאַפּ?

האָרכט ער, האָרכט... פּלוצלינג באַשלאָגט אים אַן אַנגסטשווייס: דאָס ציט זיך געוויס שוין אַוועק דער זומער־ווינער, דער „צאָן־דאָקטאָר", און דאָס געקלאַפּ איז, ווייל זיי נעמען זיך מיט דעם אייזערנעם פּרענט... זיין, לעמקעס, אייזערנעם פּרענט פון לאָדן, וואָס ער האָט פּאַראַיאָרן ווינטער נאָך דער גנבה געלאָזט מאַכן.

„יאָ, דאָס טוען זיי!..."

נישט צו קלערן אַ רגע, ווי נאָר ער באַנעמט דאָס, קריכט ער אַרויס פון בעט, שטעלט־אַרויס די דינע, ווי שטעקנס פיס, באַוואָקסענע מיט האָר ווי גראָער מעך, — די פיס, ציטערדיקע, שטייען קוים, וואַקלען זיך, אָבער די מורא, אַז מ'נעמט אים עפּעס צו, גיט אים כּוח. בהלהדיק, מיט צעשפּרייטע הענט, ווי אַ בלינדער, ווי אַ קראַנקע גאַנדז, אַז זי צענעמט נעבעכדיק די פליגל — לויפט ער אַרויס מציל־זיין זיין אייגנטום. די זון גיט אים אַ שלאָג אין פּנים אַריין, בלענדט אים די אויגן, ער קומט אַרויס־צולויפן אַ בלאַסער, אַ ווייסהאָריקער, אין אַ ווייס העמד בלויז, ווי אַ נישט־דאָ־וועלטיקער, אַזש די קינדער, וואָס שפּילן זיך, צעלויפן מיט שרעק־געשרייען, דערזעענדיק אים; — און דער אַלטער, אַן אָנגעשטרענגטער, אָן כּחות, פּאַלט־אום, ציט זיך אויס אין זיין גאַנצער גרייס און בלייבט ליגן.

אַז מ'האָט אים דערהויבן און אַריינגעטראָגן, איז ער שוין אויף אַן אמת קראַנק־געוואָרן.

און באַלד דערויף, איז אין הויז נאָך עפּעס פּאָרגעקומען.

שמידאָווסקי, דער רוסישערס געוועזענער מאַן, האָט זיך

עפּעס צעפּאַמפּערט מיטן נייעם ווייבס משפּחה אין שטאָט. דעם ווייבס ברידער האָבן שמידאָווסקין מקיים-פּסק-געווען, ווי נאָך קיינער נישט. מ'האָט אים אַזש געמוזט נעמען אין שפּיטאָל. פון שפּיטאָל איז ער דערנאָך אַרויס אַ קראַנקער, אַ קאַליקע מיט אונטערגעהאַקטע לונגען, אַ צעבראָכענער. דאָס ווייב אין שטאָט האָט אים מער צו זיך נישט אַריינגעלאָזט. איז ער געקומען אויפן באַרג צום געוועזענעם ווייב. זי האָט אים יאָ אַריינגעלאָזט, פריינטלעך אויפגענומען, געגעבן אַן אָרט אויסצורוען און געקאָרמעט.

— וואָס קאָן מען טוען. ער איז קראַנק און ער באַדויערט, וואָס ער האָט מיך אָנועקגעוואָרפן, — רעדט זי זיך אָפּ פאַר דער סטעפען.

אָבער דער סטעפען איז איצט מער נישט נייטיק דאָס פאָרפאָלק אין ערשטן שטיבל. די סטעפען איז איצט פלעגערין אונטן ביים קראַנקן באַלעבאָס. וויצעק פּאַשעט די קי און זי — די סטעפען איז כמעט די גאַנצע באַלעבאָסטע איבער לעמקעס שטוב, סאָד און קעלער. אַז דער דאָקטאָר קומט, קאָן זי איינע מיט אים רעדן און ווייסט אויסצופירן זיינע פאַראָרדענונגען...

— יאָ, יאָ, פּאַניע דאָקטאָושע, איר קאָנט זיכער-זיין, איך וועל מיך מיט די פלעשלעך נישט טועה-זיין, יעדע מעדיצין אין איר צייט... — גיט זי אַ מאַך מיט דער האַנט צום דאָקטאָר, וואָס דאָס דאַרף אים שוין אינגאַנצן איבערצייגן, אַז דער קראַנקער געפינט זיך אין זיכערע הענט.

די צייטן זענען איצט בעסער פאַר די סטעפעס. אַז סטעפע — דער מאַן — מיטן נאָך אַלץ פאַרבונדענעם פּנים — איז אין פאַבריק, בעת ער פאָרעט זיך אַרום די וואַלצן, ווו עס גיסט זיך די שיטערע מאַסע מיטן אויסזען שוין פון פּאַפּיר, אָבער נאָך קלעפּיק און נאַס — האָט ער איצט מער נישט די זאָרג, אַז ווען ער וועט אַהיימקומען, וועט ער געפינען אַ קאַלטע פּליטע און נאָך נישט קיין מיטאָג, ווייל זי — דאָס ווייב — האָט נאָך נישט געקאָכט — ניין! ווייניקסטנס די זאָרג איז איצט שוין נישטאָ — און די סטעפען האָט דער רוסישער

דייטלעך געגעבן אָנצוגעהערן, אַז זי איז איצט מער ביי איר נישט אָנגעלייגט:

— ווייס איך, די קינדער ווערן גרעסער, די וווינונג איז קליין...

אָבער די רוסישע האָט איר איבערגעהאַקט מיט אַן אָנצוהערעניש, אַז זי וועט באַלד אויך זיין אַזאַ באַלעבאָסטע ווי זי:

— אַז סאַמאַרין וועט זיך אַוועקציען, האָט לעמקע מיר געזאָגט זיין דירה.

דאָס אָבער האָט די סטעסען נישט געקאָנט אַזוי דורכלאָזן, אַפילו בלויז זיך דאָס איינצורעדן, האָט איר שוין פאַרדראָסן — און זי האָט פלומרשט טאַמעוואַטע דאָס אָפּגעשלאָגן:

— דער באַלעבאָס איז דאָך קראַנק, ער מישט זיך איצט אין גאָרנישט...

דאָס האָט געדאַרפט פאַרשטאַנען-ווערן, אַז אויך דאָס, אויף וואָס די רוסישע בויט איר האָפענונג, ליגט אין איר, דער סטעסענס מאַכט...

יאָ, אַזוי האָט זי געזאָגט, די סטעסען, ווייל זי איז געווען זיכער אין זיך, אָבער גאָר-גאָר אין קורצן איז געקומען צו פאָרן דער יורש שטיינקע. דאָסמאָל האָט ער נישט געלאָזט שטיין דאָס פערד ביים וואָגן, נאָר עס אויסגעטון פון געשפאַן און גלייך אַריינגעפירט אין שטאַל.

ער האָט זיך מיט איין מאָל דאָ דערפילט אַלס באַלעבאָס און די סטעסען - אין דערזעלבער מאָס — איבעריק. זי איז צוריק אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין שטוב און, — אויס באַלעבאָסטע.

אויס — גליק!

דעם מאָן האָט די סטעסען שוין ווידער מיטגעגעבן אינדערפרי אויף אַ גאַנצן טאָג אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט אַ פלעשל קאַלטע קאַווע, און ער, אַרומדרייענדיק זיך אַרום די וואַלצן, ווו עס פאָרעמט זיך די מאַסע אין פאַפיר, — איז ער ווידער נישט זיכער-געווען, צי אַהיימקומענדיק וועט זיין צו

עסן, און — די סטעסעס האָבן זיך ווידער געגייטיקט אין דער סובלאָקאַטאָרקע — — —

...דער יורש איז געקומען נישט אַליין, נאָר מיט זיין ווייב. באַלד האָט לעמקע געהאַט ווער עס זאָל אומבאַצאָלט אַכטונג־געבן אויף הויז־און־שייער, אין גאָרטן האָט זיך מער נישט אַרומגעוואַלגערט קיין אויבס; דאָס פעלד איז געוואָרן גע־שניטן, אַראָפּגערוימט, אַלץ אָנגעלייגט אין סטויגעס, דאָס גע־שניטענע היי — אויפן בוידעם, וואָס איבערן בהמות־שטאַל... אָבער דאָס אַלץ איז ווי גאָרנישט אַקעגן דער ליבע און איבער־געגעבנהייט, וואָס דער יורש און זיין ווייב — מיט די טויטע ווייסע אויגן, ווי פון פּאָרצעליי, און ברייטע פלאַט־פּיס, — האָבן אַרויסגעוויזן צו לעמקען — דעם „ליבן אָנקל" און צו איר — דער „ליבער טאַנטע".

איצט האָט לעמקע ערשט איינגעזען, ווי נייטיק עס איז אַ מענטש צו האָבן אַ קינד. אויף דער עלטער דערפילט מען דאָס ערשט. ער איז דאַנקבאַר־געווען דעם יורש און זיין ווייב פאַר אַלעם, וואָס זיי טוען אים און זיי האָבן טאַקע געטון:

— אָנקל, נישט צו־נידעריק אונטערן קאָפּ?...

— אָנקל עפּעס אין מויל נעמען.

— אָנקל דאַרף שוין נעמען די רעצעפּט...

— אָנקל...

און אַז די געשטופּלטע איז אַמאָל אַביסל אַריינגעקומען באַזוכן דעם קראַנקן באַלעבאָס, האָט זי דער יורש, אמת, זייער פיין אויפגענומען, אָבער אַזוי ווי זי האָט זיך נאָר דערנענטערט צום בעט זייגעם, איז איר די יורשטע, ווי אַ שאָטן נאָכגע־קראָכן און רק איר אויפן מויל געקוקט...

— אָנקל, — רופט זיך אַמאָל פלעגמאַטיש אָן דער יורש— פּילייכט ברענגען דעם פּאַסטאָר, ס'האָט שוין געטראָפן, אַז...

— אָבער, איך דאַרף נישט קיין פּאַסטאָר, — ווערט זיך דער אַלטער אין בעט.

אָבער די אַלטע האָט שוין אויך עפּעס צו זאָגן דער־וועגן:

— דעם פאַסטאָר, היינריך, ברענגט מען, אום דו זאָלסט געזונט־ווערן, דער פאַסטאָר קאָן אַמאָל מער העלפן, ווי דער דאָקטאָר...

— גאַנץ געוויס, — באַסעוועט־צו די יורשטע.

און דער יורש גיט פרום אַ שמייכל, און ער האָט שוין אַ באַווייז:

— איינמאָל ביים אַלטן הערמאַן... און ער לעבט נאָך ביז היינט.

און סוף־כל־סוף האָט דער אַלטער נאָכגעגעבן, ווי מ'גיט נאָך מענטשן, פון וועמען מען איז אָפּהענגיק מיטן געזונט.

מ'האָט געברענגט דעם פאַסטאָר.

געפאָרן נאָכן פאַסטאָר איז דער יורש שטיינקע. ער האָט דעם וואָגן גוט אויסגעבעט, געמאַכט אַ ווייך געזעס, איינגעשפאַנט ביידע פערד — זיינס און לעמקעס, אַ פאָר־געגעבן, — און געברענגט דעם פאַסטאָר.

דער פאַסטאָר — אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער, מיט אַ גלאַט־ראַזירט, בלאַס, פול פּנים, ווי אַן ערדענער טאָפּ, און מיט קליינע, גראָע, ניכטערע אויגן, אויף די שלייפן גראָלעכע האָר— איז אַריינגעקומען, זיך געזעצט ביים בעט פון קראַנקן, גערעדט... אָבער פון געזונט־ווערן האָט ער גאָר נישט דערמאָנט. ער האָט אים נאָר געהייסן זיך מתוודה־זיין.

לעמקען אָבער האָט זיך אָט איצט, אין אַזאַ ערנסטן צושטאַנד, פלוצלינג פאַרגלוסט מיטן פאַסטאָר אַביסל זיך רייצן, אַביסל צו להכעיס־טון.

— הער פאַסטאָר, ווי אַזוי האָב איך געזאָלט פרום־זיין, אַז גאָט אַליין האָט עס נישט געוואָלט פון מיר.

דער פאַסטאָר האָט געשוויגן.

לעמקע האָט זיך אַ וויילע אָפּגערוט און ווייטער גערעדט:

— אַזוי פיל מאָל בין איך דורכן ווינטער געפאָרן אין שטאָט אַריין אויפן געפרוירענעם טייך — קיין בריק איז נאָך דאַמאָלט נישט געווען — און דאָס אייז האָט אויסגעהאַלטן מיך און פערד־און־וואָגן, און פונקט פסח, אַז איך בין צוריקגעגאַנ־

געֶן צו פוס פון דער קירך, האָט זיך אונטער מיר דאָס אייז אונטערגעבראָכן... נאָכן בעטן צום ליבן גאָט.

— ס'איז שוין געווען פרילינג, — זאָגט דער פּאַסטאָר פרום, — דאָס אייז איז שוין געווען מירביק...

דער אַלטער אָבער רעדט דאָס זייניקע:

— יאָ, דאָס איז געווען גענוי מיט פופציק יאָר צוריק, האָב איך געזען, אַז גאָט באַדאַרפט נישט צו האָבן קיין געבעט פון מענטשן, בין איך מער נישט געגאַנגען.

— בלויז נאָר צוליב דעם איינעם פאַל? — וויל דער פּאַסטאָר וויסן.

— עס וואַרן נאָכהער נאָך, — אָבער מיט דעם האָט עס זיך אָנגעהויבן.

— דער ליבער גאָט איז באַרעמהאַרציק, — זאָגט דער פּאַסטאָר באַרופּסמעסיק. ער קוקט-אָן די אַרומיקע, זיי בייגן-איין די קעפּ מיט הכנעה.

אָבער דער פּאַסטאָר איז פונדעסטוועגן אומזיסט נישט אַהערגעקומען דאָ. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט (ווער-ווייסט צי בלויז אַ טראַף!), אַז דער דאָקטאָר איז אויך באַלד געקומען. זיי — דער דאָקטאָר און פּאַסטאָר — האָבן זיך באַגריסט, געשמועסט וועגן דער קרענק, נישט גענוי געשמועסט ווי דאָקטוירים — נאָר אַזוי אויבערפלעכלעך, גערעדט מיטן אַלטן, גערעדט אַהין און גערעדט אַהער...

דער דאָקטאָר איז נאָך כמעט אַ יונגערמאַן, אַ דאַרער מיט ברילעכלעך, בלאָנדע וואָנסעלעך און אַ שפּיציק מויל, ווי צו אַ קוש. ער, דער דאָקטאָר האָט געוווּסט, אַז איידער דער יורש איז אַהער אָנגעקומען, האָט מען אים ווייניקער גערופן און מער זיך מיט אים געהאַנדלט וועגן דעם האָנאָראַר. איצט קומט ער צוויי מאָל טעגלעך און דער יורש צאָלט פאַר די וויזיטן פון זיין אייגענעם טייסטער... אַ חוץ-דעם פאָרט נאָך אים דער יורש יעדעס מאָל און דעם גאַנצן וועג שמועסן זיי... דער דאָקטאָר האָט זיין וואָרט געזאָגט.

— דער פּאַציענט איז שוין נישט קיין יונגערמאַן. די

קרענק איז אַן עלטער-שוועכע, אַפּילו עס זאָל געשעען אַ נס און ער זאָל געזונט-ווערן — פון קאָנען אַרבעטן, טוען אין דער ווירטשאַפט איז אויסגעשלאָסן.

אָבער דער הער שטײנקע האָט זיך אָנגערופן.

— גלאַט אַזוי טוען אין דער ווירטשאַפט וויל ער נישט. ער וויל זיכער-זײן, אַז ער טוט פאַר זיך, נישט פאַר עמעצן...

האָט ווידער דער פּאַסטאָר אָנגעהויבן מיט הײליקע פּסוקים, אויפגעוויזן, אַז דער הער שטײנקע איז אַפילו אַ ביסל געדעכט... דער דאָקטאָר האָט אויך געהאַט דערוועגן עפּעס צו זאָגן און אויך פאַרן יורש... איבערהויפּט, אַז ער נעמט זיך אונטער צו אַרבעטן, צו טוען אין דער ווירטשאַפט.

דער פּאַסטאָר:

— דעם הער שטײנקע קען איך אַלס גאָטספּאָרכטיקן מאַן, אַז ער זאָגט-צו, צו זאָרגן פאַר דער צוקונפטיקער אַלמנה — די טאַנטע — טרוי איך אים, פולשטענדיק.

— וואָס דאַרף מען דען מיר גלייבן אויפן וואָרט, — גיט אויך דער יורש זײן וואָרט אַרײן, — זאָל מען אַלץ אויפשרײבן, און דער רעיענט זאָל חתמענען...

דער אַלטער לעמקע איז געווען מיד און שוואַך. זײער רעדן האָט אים דול-געמאַכט. „ער וועט סײ-ווי הײנט-מאָרגן שטאַרבן" — אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר, און אַז ער זאָגט — ווייסט ער... געזונט צו מאַכן ווייסן זיי נישט, אָבער וועגן שטאַרבן ווייסן זיי אַלץ, אַז זיי זאָגן שטאַרבן — שטאַרבט מען... דערווײל וועט מען אים אָפּוואַרטן, צוזען, און אַז ער וועט שטאַרבן — וועט ער זיכער-זײן, אַז זײן אָנגעזאַמלט פאַרמעגן בלײבט אין טיכטיקע הענט, און נישט בײ קײן פרעמדן... — אַזוי אומגעפער האָט ער געטראַכט, דער אַלטער. און דער פּאַסטאָר — מיט די פרומע רײדעלעך, און דער דאָקטאָר מיט זײנע גלאַטע רײדעלעך... און דער יורש האָט נאָר געזיפצט און זײן ווײב — זיך די אויגן געווישט. און אַלע מינוט, אים, דעם „ליבן אָנקל" — דאָס קישן אונטערגעהויבן.

און די אַלטע לעמקען האָט זיך אָנגערופן:

— טו עס, היינריך, דו זעסט דאָך, אַלע קלוגע לייט זאָגן, אַז עס איז ריכטיק אַזוי.

און נאָך אַ טאָג רעדן און נאָך צוויי טעג רעדן...

דער אַלטער פראַנץ פון אונטן דער פאָרשטאָט איז אַרויפגעקומען מבקר-חולה-זיין דעם אַלטן פריינט. ער האָט אויך אַביסל צוגערעדט.

דער אַלטער לעמקע האָט אָבער נאָך אַלץ זיך געעקשנט. ערשט, ווען דער יורש האָט שוין געהאַט איינגעשפּאַנט זיין פערד-און-וואָגן און אַ ברוגזער גענומען זיין ווייב אַהיימצופאָרן; דער אַלטער האָט זיך זייער שוואַך דערפילט, געגלייבט, אַז אָט היינט נאָך אָדער ביינאַכט נעמט עס אַ סוף — שטאַרבט ער און זי — די אַלטע — וויל דאָך אויך — און דער שטיינקע איז דאָך טאַקע אַן אָרנטלעכער מאַן און זיין ווייב אויך. און זיי זענען דאָך קרובים, אַפילו מיט אים, פון זיין זייט, אויך שטיקלעך קרובים, נאָך פון אַמאָל מיט דעם אַלטן שטיינקע, זיין זיידע... — ערשט דאַן האָט ער געגעבן זיין „יאָ"-וואָרט. דער יורש האָט אַ קערעווע-אויס געגעבן דעם געשפּאַנטן וואָגן — נישט אַהיים אין דאָרף — נאָר אין דער שטאָט נאָכן רעיענט.

דער רעיענט איז געקומען. נאָך דעמזעלבן טאָג איז אַלץ געווען פאַרשריבן. די אַלטע לעמקען — זי באַקומט דאָס גאַנצע לעבן „אַלימענטן". אויסגערעכנט גענוי יעדעס פיצל פון קאַרטאָפל — וויפל און אַ גוטן סאָרט — ביז זייף צו וואַשן; פון מעל ביז — נאַפט אין לעמפל אַריין, וויפל און אַ גוטן סאָרט...

אַז דאָס אַלץ איז שוין געווען פאַרשריבן, ביזן אין קלענסטן דעטייל, האָבן זיך אונטערגעשריבן עדות — סטעסע און סאַמאַרין. דער רעיענט האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפל און אַוועקגעפאָרן — שטיינקע איז געוואָרן באַלעבאָס, און דער אַלטער לעמקע, ריכטנדיק זיך צו שטאַרבן — איז אים שוין גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

אָבער געשטאָרבן איז ער נישט היינט, נישט מאָרגן און

נישט די אַנדערע וואָך. לאַנגזאַם איז אים בעסער-געוואָרן, בע-סער-און-בעסער... אין אַ חודש אַרום איז ער, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, אַרויסגעגאַנגען; ביסלעכווייז האָט ער דאָס שטעקעלע מער נישט געדאַרפט, ביז ער איז געוואָרן געזונט און אַרבעטס-פעיק, ווי פריער פאַרן קראַנק-ווערן.

דערזעלבער לעמקע – נאָר די ווירטשאַפט איז שוין נישט זיינע געוועזן און דאָס הויז אויך נישט, אין דעם אַלעם, האָט שוין געבאַלעבאַטעוועט – שטיינקע.

XXII קאַפּיטל

דאָרט, אין דער שטאָט, וואָס ליגט איבערן טייך, איז גלאַנצט-אַהער מיט אירע טורעמס און דעכער און טראָגט אין איר שויס זיבן צענדליק טויזנט איינוווינער — אין שטאָט דאָרט, איז פאָרגעקומען אַ סיכסוך און אַ געשלעג צווישן יידישער און קריסטלעכער יינגוואַרג. די שטאָטישע צייטונגען האָבן דאָס צעבלאָזן. טאָג-טעגלעך געשריבן וועגן דער יידישער חוצפּה... און אין אייניקע שוין צוגעטשעפּעט עפּעס אַ גאָטס-לעסטע-רונג... און אָט אַזוי, איינס-צוויי, איז געוואָרן אַ פּאָגראָם-שטימונג...

אויפן באַרג האָבן גענומען קומען וואָס ווייניקער יידן, און די, וואָס זענען יאָ געקומען, זענען געווען דערשראָקן, האָבן יעדן „גוי” דעם וועג אָפּגעטרעטן און האָבן מורא-געהאַט דאָס מויל צו עפענען מיט אַ הויך וואָרט קעגן אַזאַ אָפּגעטועענער אומרעכט.

אונטן, אין דער פאָרשטאָט-גאַס, האָט מען אין די אָוונטן פאַרטשעפּעט פאַרבייגייער — יידן...

שטאָקפּישן האָט זיך פאַרגלוסט אין אַ אָוונט אַהערצושפּאַ-צירן אויפן באַרג, האָט ער באַקומען געשלאָגן פון אַ באַנדע ביים אָנהייב באַלד.

די רוסישע האָט עס געזען און זי האָט דערציילט:

— נאָכן ערשטן קלאַפּ האָט ער אַ קוק-געטון אַרויף, גלייך פון הימל וואָלט אים עמעץ אַ פּאַטש-געגעבן. נאָר נאָכן צווייטן— מיט אַ שטעקן — האָט ער גענומען לויפן בלינד צוריק צו

דער בריק, אָן ברילן, און אָן הוט, געלאָפן, ווי אַ הון אין אָוונט...

אויך אין הויז האָט די שטימונג אָנגעשלאָגן.

שמידאָווסקי איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ יידן-פיינט. ער איז נאָך געווען שוואַך, קוים געקראָכן פון די קלעפ פון צווייטן ווייבס משפחה אין שטאָט — אָבער דאָס מויל האָט שוין יאָ ביי אים טיכטיק געאַרבעט. ער האָט פשוט געזאָדן מיט שנאה, באַדויערט, וואָס ער איז נישט געזונט און קאָן נישט גיין אין שטאָט...

...סטעסע — ער — האָט גאָרנישט גערעדט, ער איז גלאַט אַרומגעגאַנגען אָנגעשטויסן, ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן דניאלן, נאָר באין-ברירה געזאָגט, אַז דאָס זענען נאַרישקייטן און ס'וועט זיך באַרויקן, נאָר — יידן — האָט ער געזאָגט — דאַרפן האָבן מער טאַקט און נישט באַליידיקן די רעליגיעזע געפילן, וואָס זענען הייליק פאַר מיליאָנען מענטשן — כאָטש ער, סטעסע, איז נישט רעליגיעז, פונדעסטוועגן פאַרשטייט ער דעם צאָרן...

די סטעסען ווידער איז שוין יעדן אינדערפרי געלאָפן אין שטאָט אַריין מיט אַ ליידיקן זאַק אוןביידע קינדער צו-הילף, אַז טאָמער וועט זיך „עפּעס מאַכן״ — זאָל זי דערפון אויך געניסן...

נאָר אַז זי איז דערנאָך אַהיימגעקומען מיט גאָרנישט, איז זי געווען בייז, געזידלט יידן אין דער וועלט אַריין, און צו-מאָרגנס אינדערפרי, איז זי ווידער געלאָפן אין שטאָט אַריין מיטן זאַק.

דער פאַני שטיינוואָרצלאָווסקען איז מיטאַמאָל דער גאַנ-צער קוראַזש אַוועק.

זי האָט כסדר געשיקט זאָגן דעם מאַן אין שטאָט, אַז זי האָט מורא דאָ צו זיין. זי האָט איצט יעדן נישט-ייד געקוקט אונטער די אויגן מיט אַן אונטערטעניקן שמייכל, צופרידן-גע-ווען, וואָס זי האָט פונקט אַ יידישע דינסט... זי האָט געחנפהט אַפילו דאָס צרהדיקע מאַבעלע, די קרומרוקנדיקע ברוקירערין.

— נו, פאַני, גוט געשלאָפן? שוין געפרישטיקט אויך?

ס׳שײַנט װעטער װעט דױכט זיך נאָך אָנהאַלטן... — אַז עס איז געװען אַן עקל צוצוהערן.

דניאלן האָט זי אױך מיטאַמאָל אָנגעהױבן צו באַמערקן, געזאָגט אים „דזשיען דאָבריי״, געקוקט אױף אים מיט אַ באַזונדערן — ביז איצט אים פרעמדן — בליק. װי געזאָגט: „מיר זענען דאָ אַחים לצרה״ — געשמײכלט צו אים, װי ער װאָלט געװען, מינדעסטנס, איר נאָענט געשװיסטער־קינד, און מיט אַ קוק פריער אין אַלע זײַטן, אים אַ שעפּטש־געטאָן אין דורכגײן:

— פּאַניע שכן, װאָס הערט זיך הײַנט דאָרט (מיט אַ בליק איבערן טײַך) — רױיק?

סאַמאַרין איז איצט רק אַרומגעגאַנגען מיט אַ גיפטיק שמײכעלע, כסדר דניאלן אונטערגעטראָגן דאָסדאָזיקע „שמײכעלע״, און דאָס װײַב זײַנס, דאָס צעװײנטע, האָט אױף דניאלן געקוקט, װי אָט ער, ממש ער, װאָלט דאָס מיט די אײגענע הענט געקרײַציקט קריסטוסן...

דניאל איז אַרומגעגאַנגען צעטראָגן. נישט נאָר ער האָט נישט געקאָנט זיצן און שרײַבן, נאָר נישט געקאָנט אַפילו אײַנזיצן אױף אַן אָרט. ער האָט נישט אַזױ װײַט געשראָקן זיך פאַר דעם, װאָס עס קאָן פּאָרקומען. נאָר אָט דאָס אַלײן, װאָס אַזאַ בהלה־שטימונג קאָן פּאָרקומען, װאָס נאָך הײַנט זענען ײדן אױסגעשטעלט אױף אַזעלכעס — האָט אים דענערװירט, געמאַכט אױס מענטש.

װאַנדאַ — נישט, װאַנדאַ איז געװען רױיק. זי האָט, װאָס אמת, געװוּסט, װאָס עס קומט־פאָר, אָבער אױף איר האָט דאָס, קענטיק, נישט געמאַכט אַזאַ אײַנדרוק.

אױף פעלזן — אױך נישט. ער איז אױך געװען רױיק. אָבער פעלז איז קודם־כל אַ ײד, אַזױ גוט װי דניאל — און צװײטנס האָט דניאל אים צוגעשריבן דאָס, װאָס ער איז געװען אַ לאַנגע צײַט אין אױסלאַנד, אָפּגעװױנט־געװאָרן דערפון,— דערפאַר נעמט ער עס לײַכט אױף, איז יוצא מיט אױסלאַכן דאָס.

אױף װאַנדען אָבער, האָט אים געקרענקט, און דאָס צערש־

טע מאָל זינט ער קען זי, איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ האַרץ אויף איר.

און סוף־כּל־סוף, האָט דאָס צווישן זיי אויסגעבראָכן.

איינמאָל, ווען זיי זענען געזעסן ביים מיטאָג, האָבן זיי געהערט, ווי אונטן, אונטערן אָפענעם פענסטער, האָט די געשטופּלטע מיט אַ סם־המותדיק שמן־זית־קול, דערציילט פאַר עמעצן, ווי די פאַרשאָלטענע זשידעס אין שטאָט האָבן באַליידיקט די הייליקע גאָטס מוטער. (דער סיכסוך האָט זיך גאָר אָנגעהויבן פון אַ געשלעג אויף אַ מעטש...) און אַז עס איז גאָר אוממעגלעך, אַזוינס זאָל זיי פאַרשוויגן־ווערן, סיידן זיי וועלן אַרויסגעבן דעם שולדיקן... — אָט אַזוי אין דעם נוסח.

וואַנדאַ האָט לייכט אַ זאָג־געטון:

— ווי זי לעכצט דאָס נאָך מענטשן־בלוט.

איר רויקער זאָג האָט אין אים אויפגעזאָדן:

— קיינער פון די איריקע איז נישט אינגאַנצן ריין פון דערדאָזיקער תּאווה. — ער האָט איר פעסט געקוקט אין די אויגן און ווייטער גערעדט: — דו קאָנסט אויך נישט זאָגן, אַז דיינע עלטערן אָדער עלטערנס עלטערן האָבן דעם טעם נישט פאַרזוכט.

וואַנדאַ האָט אים, ערשטנס, צוריק אָנגעקוקט, און זיך אָנגערופן אויף פויליש:

— מיינע עלטערנס עלטערן מיט אַ פיר הונדערט דורות צוריק, האָבן נאָך זייערע אייגענע קינדער און די אַלטע פאָטערס אויפגעגעסן...

דאָס איז געווען גוט און טאַקטפול געזאָגט. דניאל האָט מיט צער אַ טראַכט־געטון:

„וואָס וויל איך פון איר, פאַרוואָס מוטשע איך זי?"

זי אָבער האָט געהאַט דאָס אומגליק צוצוגעבן אַביסל העכער:

— אַז אַזוי רעדן — קאָנען מיר ווייט פאַרקריכן.

— ווו ווייט? — האָט ער שוין געצויגן ווערטער, קעג־

טיק מיט הנאה, וואָס זיין מיטנעפּיל צו איר איז צערונען-געוואָרן.

איצט האָט זי שוין דרייסט זיך אָנגערופן:

— און אַז די יידישע ביבל דערציילט וועגן נישט אײַבערלאָזן קיין איין לעבעדיקע זעל אין באַצווונגענעם לאַנד...

— וואָלסט געמעגט וויינקסטנס האָבן אַכטונג פאַר די מאַרטירער פון אַלע אויטאָדאַפעס, — האָט ער שוין געזאָגט מיט קאַלטער אויפרעגונג.

— און דו — נישט צו קרענקען מענטשן פאַר נישט-און ווידער-נישט. — און זי איז אַוועקגעגאַנגען פון טיש פון מיטן עסן.

אין אָוונט ביים איבערבעטן זיך, שוין אין פעלז קעגנוואַרט, איז שיער אויסגעבראָכן אַ צווייט איבערווערטלעכטס.

— וואָס קאָן איך אָבער טון, אַז איך פיל דאָט אַנדערש, אַז איך האָב נישט אין מיר די איינגעבוירענע שרעק?

— אָבער פאַרשטיין זי, רעספּעקטירן יענעמס צער... — ער איז אַ ווייל שטיל-געבליבן און ווייטער אָנגעהויבן:

— איבערהויפּט נאָך, אַז...

פעלז האָט אים אָנגעקוקט. ער איז שטיל-געוואָרן, אָבער די אויגן האָבן אים געגלאַנצט מיט אַ נערוועזן גלאַנץ.

— האָב מוט און ענדיק, — האָט וואַנדאַ געפאָדערט.

— צו וואָס ענדיקן. דו ווייסט — וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן.

— יאָ, איך מערק מיר: „איבערהויפּט, אַז די באַליידיקער, אַז די שלעכטס-טוער זענען מיין שטאַם, מיינע ברידער".

— אין דעם זין, — האָט ער נישט-פריינטלעך געשמייכלט.

— וועל איך דיר ד'רויף ענטפערן, אַז איך פיל מיך צו זיי נאָך ווייניקער אָנגעהעריק, — ווי יענע — פאַרשטיי דאָס — ווי יענע, וועמען זיי באַליידיקן, וואָס נאָך זייער בלוט לעכצן זיי...

פעלז האָט וואַנדען באַשאָנקען מיט אַ בליק זיינעם —

מיט אַ ליכטיקן, איבערפֿולטן בליק. אין דניאלס זייט האָט ער נישט קיין קוק־טון.

— נאָר אויב, — האָט וואַנדאַ ווייטער גערעדט, — איך בין דיר אַלס שאָטן פֿון שלעכטס, אויב מיט מיין דאָ־זיין דער־מאָן איך דיר שטענדיק דאָס, וואָס טוט דיר ווי... — האָט זי אַ ווייל זיך אָפּגעשטעלט. דניאל האָט זי אָפּגעשטעלט מיט זיין דערשראָקענעם בליק, ער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. אַ טי־פער טרויער האָט אים אַרומגענומען. ער האָט איצט ווידער דערשפּירט, מיט וויפל זי איז גייסטיק העכער פֿון אים. ס'האָט אים מיטאַמאָל אָנגענומען אַ שרעק, אַז ער קאָן זי פֿאַרלירן, בידים פֿאַרלירן — דורך זיינע נערוועזע אויסערונגען. ער האָט געשפּירט, אַז די אויגן ווערן אים פֿול. ער האָט זיך פֿאַרשעמט, און גיך אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב.

אונטן, ביים ראַנד וואַלד, איז ער געגאַנגען אַרויף־און־אַראָפּ און געוויקט זיך אין צער.

עמעץ איז צו אים אַהערגעגאַנגען, געקומען אַלץ נענטער. אַ פֿרעמדער. דניאל האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז געווען שטיינקע, דער נייער באַלעבאָס. ער איז געקומען אַ קוק־געבן, ווער עס דרייט זיך דאָ, צי עס איז נישט קיין גנב.

— היינטיקע צייטן מוז מען פֿאָרזיכטיק־זיין, — האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט.

— נו יאָ, — רעדט ער ווייטער מיט זיין פֿלעגמאַטיש קול, — די יודען אין דער שטאָט... די לייט דאָ, — האָט ער געוויזן צו סטעסעס פֿענסטער — זענען זייער בייז אויף זיי. אויבן די סטעסען און די רוסישע — זיי פֿלוידערן פֿיל... אָבער, — גיט ער זיך ווי זיין שטייגער אַ גלעט די געלע וואָנסעלעך, — איך גלייב נישט, פֿון דעם זאָל עפּעס ווערן, פֿון דעם וועט זיכער גאָרנישט זיין. — און פֿון זיינע שעפּסענע אויגן האָט דאָ, אין לבנה־ליכט, אַרויסגעקוקט די צופֿרידנקייט, וואָס ער איז אַ דייטש און נישט קיין ייד.

שפּעטער אַביסל, ווען דניאל איז ווידער געגאַנגען אַרויף־און־אַראָפּ, איז צוגעקומען פֿעלז.

— נו, גענוג, — האָט ער אים אָנגענומען בײַ דער האַנט, — גײ־אַרויף, קאַפּריזנע ייִנגל, און דערלויב מיר דיר צו זאָגן — קרענק זי נישט מער. פּייניק נישט זיך און זי... נו, גײ, — און ער האָט זיך שווייגנדיק דערווייטערט.

אַז דניאל איז אַ ביסל דערנאָך אַרויפֿגעקומען, האָט וואַנדאַ זיך געקעמט די האָר פֿאַרן שלאָפֿן גיין, זי האָט צו אים גערעדט, ווי נעכטן, אייערנעכטן, און גאָרנישט געגעבן צו דערקענען, אַז צווישן זיי איז הײַנט פֿאָרגעקומען עפּעס נישט־אָנגענעמס.

קאַפּיטל XXIII

די יידן-האַס-שטימונג איז לסוף איינגעשטילט-געוואָרן. עס איז מער צווישן דניאלן און וואַנדען נישט אויסגעקומען קיין איבערווערטלעכטס און קיין שמועסן, ווי דעמאָלט. די סיבה האָט אויפגעהערט און דער רעזולטאַט איז פאַרשוווּנדן.

דער שלום צווישן זיי איז געווען צוריקגעשטעלט, גענצלעך צוריקגעשטעלט, אָבער — ס'איז געווען ענלעך ווי אַ גוואַלדריס, וואָס מאַכט זיך אין אַ ניי גוט מלבוש. מ'לאָז עס באַלד פאַריכטן ביי אַ גוטן באַלמעלאָכע, מען זעט גאָרנישט אָן, אָבער — דער ריס האָט פאָרט אַמאָל עקזיסטירט.

טעג זענען געגאַנגען. ס'איז שוין געווען נאָך האַלבן זומער. די פעלדער — געשניטן און ליידיק. די פרימאָרגנס מיט אַ שטאַרקער און געדיכטער ראָסע, פון וואָס דאָס גראָז האָט אויסגעזען, ווי באַרעגנט, באַשיט מיט קלאָרע קרישטאָל-טראָפּנס. זיי האָבן געפינקלט אין דער זון.

די זון האָט אָנגעהויבן אַביסל נאָכצולאָזן פון איר גדלות. קוים-קוים וואָס עס איז געווען צו דערקענען, אָבער עס איז שוין נישט געווען דיזעלבע זון, וואָס מיט אַ פּאָר וואָכן פריער.

ס'איז געווען חודש אָב. אין די פרימאָרגנס האָבן די שוין אונטערגעוואָקסענע הענדלעך, אויף די פעלדער, צווישן די שטרוי-וואָרצלען און אין די הויפן פון דער פאָרשטאָט, לאַנג און אויסגעצויגן געקרייט אויף פאַרשידענע טענער...

— קוקעריקו... — און: — קו—ק—ערי—קו !..

און אין אָט דעם קרייען, איז שוין געווען אויפצוכאַפּן צנער פון זיך-דערנענטערנדיקן האַרבסט.

די קאַרטאָפֿל אויף די בייטן האָבן שוין געבליט מיט געלע בלימלעך, און אַז מ׳האָט אין די פֿרימאָרגנס געקוקט פֿון באַרג איבערן טייך צו די טורעמס און דעכער פֿון דער שטאָט, האָט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ געדיכטער און שווערער איבער זיי דער נעפּל געהויבן, און אַלץ לענגער האָט געדויערט ביז די זון האָט אָט דעם נעפּל גובר-געווען און אַלץ שווערער איז עס איר אָנגעקומען.

אָט די צייט פֿון יאָר, דאָ אויפֿן באַרג, דער ערב-פֿיר-האַרבסט, האָט שטאַרק געווירקט אויף דניאלס געמיט. ער איז געוואָרן רויקער, זיך ווייניקער אויפֿגערעגט. ער איז אַ סך אַרומגעקראָכן איבער די וואַלד-וועגן, פֿעלדער און לאָנקעס. ס׳האָט געפֿריידט דאָס וויסן, אַז אינדערהיים וואַרט אויף אים וואַנדאַ. זי איז געזונט און אין אַ גוטער שטימונג, קוקט אַלע ווײַלע צום פֿענסטער און האָרכט צו די טרעפּ, צי ער גייט שוין.

אין דער זון און אין דער לופֿט איז געווען אַזעלכעס, וואָס איז אים געווען נאָענט, עפּעס אַ שטילער אומעט, אַ לייכטע מעלאַנכאָליע. די ווײַסע שפּינוועבס-פֿעדעם, וואָס האָבן געפֿלאַטערט, זיך געטראָגן אין דער לופֿט, זיך געוויקלט אַרום בוים-שטאַמען און צווײַגן, האָבן אויך זײַן נשמה פֿאַרשפּינען, און ס׳האָט זיך אין דניאלן געוועקט דער צער, וואָס ליגט אין דער טיפֿעניש פֿון זײַן געמיט. דער טרויער פֿון דער פֿרי-אויסגעשטאָרבענער משפּחה. עס האָט מיט זײַן גאַנצער שאַרפֿקייט גערוט אין אים — דעם לעצטן פֿון די טובס.

אין שטוב, אין די פֿרימאָרגנס, האָט איצט אויסגעזען האַרבסטיק. די זון איז צוגעקומען שפּעטלעך, אַז די זון איז נישט געווען, איז געווען קיל, שאָטנדיק... דניאל האָט איצט אַ סך געאַרבעט. די אָנגעשטרענגטע האַס-שטימונג איז געווען אַוועק. ס׳איז ווידער געווען רויק און שטיל. די שכנים האָבן נישט געטשעפּעט. ס׳איז געווען אײַנטאָניק, רויק און ס׳האָט זיך געגלוסט צו אַרבעטן.

ער האָט שוין געהאַלטן טיף אין דער אַרבעט, שוין

געטראַכט פון סוף, וואָס דערנענטערט זיך מיט יעדן זייטל, און ס'האָט אים באַנג־געטון, וואָס באַלד וועט זיך די אַרבעט ענדיקן און אַרום אים וועט זיין בלויז די גראָעווירקלעכקייט.

— און וואַנדאַ?

— יאָ, וואַנדאַ וועט זיין, — דאָס האָט געפריידט.

און אַז דניאל האָט געאַרבעט, איז ער צופרידן־געווען, וואָס ער ווערט נישט געשטערט, און אַלץ איבעריקע האָט ער דורכגעלאָזט פאַרביי זיין אויער, ווי די ווינטלעך, וואָס וויען אונטן.

נאָר אָט האָט זיך געמאַכט, אַז דניאל איז אַביסל אַרויס פון דער גלייכגילטיקייט.

וואָס איז געשען? גאָרנישט, כמעט גאָרנישט: פעלז האָט גערעדט מיט וואַנדען, זי זאָל פאַר אים ווידער פאָזירן, ווייל ער וויל נאָכאַמאָל מאָלן איר קאָפּ.

דניאל האָט דעם אָנהייב פון שמועס נישט געהערט. ער האָט בלויז געהערט דעם סוף: —

— ס'איז מיר עפּעס איינגעפאַלן, און איך וויל אייך ווידער מאָלן.

„פאַרוואָס עפּעס וויל ער ווידער מאָלן? ער האָט דאָך נאָך דאָס ערשטע קעפּל נישט פאַרענדיקט".

דניאל האָט דאָס געטראַכט, אַרייננעמישט האָט ער זיך נישט. ער האָט בלויז זיך דערמאָנט, אַז ביי פעלזן אין שטוב שטייט נאָך אויפן זעלבן אָרט, ווי מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק די קליינע לייוונט אָנגעצויגן אויפן הילצערנעם רעמל, נישט אויסגעפּאַרטיקט. אים, דניאלן, ווען ער דערבליקט עס, אַרט — פאַרוואָס פעלז פאַרענדיקט דאָס נישט.

און איצט פּלוצלינג לייגט פעלז וואַנדען פאָר:

— איר וועט אַזוי גוט זיין מיר ווידער אַוועקשטעלן אַביסל פון אייער קאָסטבאַרער צייט...

דניאל האָט פעלזן אָנגעקוקט, גאָרנישט גערעדט, נאָר אָנגעקוקט. פעלז אָבער, צי ער האָט זיך געמאַכט נישט בא-

מערקן — ער האָט בלויז געקוקט צו וואַנדען, און צו דניאלן — ווי ער וואָלט גאָרנישט דאָ געווען.

און איצט, אַזוי קוקנדיק פֿון דער זייט, האָט דניאל מיט אַמאָל דערזען אַ אים ביז אַהער אומבאַקאַנטן פֿעלז. אַ מענטש, אַ פֿאַרפֿייגיקטן, מיט אַ הויכן רוקן, מיט גראָע האָר, אַ פּנים געקנייטשט מיט טונקעלע ראַנדן אונטער די אויגן. וואָס איז עס מיט פֿעלזן? לויט ווי ער, דניאל, ווייסט, לעבט זיך פֿעלזן איצט דווקא נישט שלעכט. מ׳שרייבט וועגן אים גוט, נישט נאָר אין יידישע, נאָר אויך אין פּוילישע און אויסלענדישע צייטונגען און זשורנאַלן. די אויסשטעלונג אין דער הויפּט-שטאָט גייט גוט. עס פֿאַרקויפֿן זיך בילדער. ער דערהאַלט אָפּט בריוו און געלט; די לופֿט דאָ איז אויך בעסער, ווי אין די שטעט, וווּ ער האָט פֿריער פֿאַרברענגט. — טאָ פֿאַרוואָס דען זעט ער איצט אויס ערגער ווי פֿריער?

— פֿאַרוואָס?

נו, יאָ, פֿאַרוואָס ער זעט שלעכט אויס, דאָס איז אייגנטלעך זיין, פֿעלזס, פּריוואַט-זאַך, נישט עמעץ האָט דאָס רעכט אים צו פֿרעגן, און נישט ער דאַרף עמעצן אָפּגעבן דין-וחשבון.

— פֿעלז, פֿאַרוואָס זעט איר שלעכט אויס? — אַ שיין פּנים וואָלט עס געהאַט אים אַזוי צו פֿרעגן.

אָבער נאָכצוקלערן גיט דאָס, און דניאל האָט זיך פֿאַרטראַכט.

און אַז דניאל האָט זיך גענומען אַביסל צוקוקן, האָט ער באַמערקט, אַז ווען פֿעלז רעדט מיט וואַנדען, ווערט אים דאָס פּנים באַלעבט, די סך קנייטשן, קנייטשעלעך, פֿעלדלעך און שאָטנס ווערן ווי באַלויכטן פֿון דער זון. פּונקט ווי אַז די זון באַלייכט אַ פֿאַרטרוקנט, צעקאַרבט ליים-בערגל... די אויגן צעשטראַלן זיך אים, און אינגאַנצן ווערט ער, ווי אַ זון-שטראַל.

איינמאָל איז פֿעלז אַרויפֿגעקומען אַרום מיטאָג-צייט. ער האָט זיך באַגריסט מיט דניאלן. אָט, ווי מיט אַ טאָג-טעגלעכן פֿריינט, אַ בליק-געוואָרפֿן צו זיין שרייבן און גלייך אַריינגעגאַנגען צו וואַנדען, ער האָט הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר,

מן־הסתם, אום נישט צו שטערן דרינען דניאלן מיט זיין רעדן, ער האָט ווידער דערמאָנט וועגן מאָלן.

דניאלן איז מיטאַמאָל אַרויסגעפֿלויגן פֿון קאָפּ אַלץ, וואָס האָט זיך געריסן עס אַרויפֿצוּברענגען אויפֿן פּאַפּיר. ער האָט אַוועקגעלייגט די פּעדער, געזעסן ווייטער איבערגעבויגן איבערן פּאַפּיר, ווי ער וואָלט כּלומרשט געשריבן, נאָר — אין אמתן — זיך צוגעהאָרכט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן.

אָבער געהערט האָט ער כּמעט גאָרנישט. ער האָט פֿאַרנומען, אַז מ'רעדט דרינען, נאָר נישט געהערט וועגן וואָס.

אָן צו טראַכטן, איז ער צוגעגאַנגען, געעפֿנט די טיר און זיך אָנגערופֿן:

— וואַנדאַ, נאָכמיטאָג וועסטו מיטגיין אין שטאָט?

— מיט דיר?

— יאָ, מיט מיר.

— אָבער באַלד נאָכמיטאָג — נישט.

— פֿאַרוואָס נישט?

— אויף אַ שעה אַנדערטהאַלבן מוז איך אַוועקגיין.

— אַזוי? — האָט דניאל געקוקט, ווי באַדויערנדיק, אַ שטייגער, ווי דערמיט וועט אים געשען אַן עוולה.

— אַז דו וועסט צוריקקומען, וועט דיר שווער זיין באַלד צוריק אַראָפּצוגיין פֿון באַרג, — האָט ער באַמערקט.

— טאָ, קום אפשר צו, וועט מען פֿון דאָרט גיין.

דניאל האָט בדעה־געהאַט צו פֿרעגן „פֿון ווו דאָרט?“ נאָר פֿעלז האָט זיך אָנגערופֿן:

— אָבער, מענטש, דו קאָנסט דאָך מיטקומען און צוּוואַרטן אַ ביסל, ביז איך וועל ענדיקן מאָלן.

— וואָס, שוין ווידער מאָלן? — מאַכט דניאל אַ פֿאַרוווּנדערטע מינע, גלייך ער הערט דאָס איצט צום ערשטן מאָל.

— יאָ, ווידער מאָלן, — האָט אים פֿעלז אויך אָנגעקוקט.

— וואָס, דאָס ערשטע מאָל איז נישט געראָטן?

— יאָ, געראָטן, צי נישט געראָטן. ס'איז אייגנטלעך יאָ געראָטן, אָבער איך וויל עס נאָך אַמאָל אָנהייבן.

— אַך, אַזוי? — רעדט דניאל העפלעך.

— איך קאָן נישט, און עס גלוסט מיך נישט אַ דין־וחשבון אָפּצוגעבן פאַר וואָס, — זאָגט פעלז נערוועז, — עס איז אַ פאַנזאַך, אַ מאָלערישער קאַפּריז.

דניאל איז אָבער שוין געווען אַרויס פון גלייכגעוויכט:

— זיכער אַ קאַפּריז! — האָט ער איראָניש בייז געשמייכלט. — אונזער גאַנץ געבוירן־ווערן און דאָ־זיין אויף דער זינדיקער ערד, איז אַ קאַפּריז פון דער נאַטור, אַלע מענטשן...

ער האָט געזען, ווי וואַנדאַ האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט, דערשטוינט און אומעטיק. פעלז האָט אים נאָר אַ רגע אַ קוק־אָן געגעבן און גלייך גענומען קוקן אין אַ צווייט ווינקל.

אַ שווער שווייגן אין דער שטילקייט. דניאל איז אַרויס פון שטוב און אַראָפּגעגאַנגען.

אונטן איז געווען זוניק און ווינטלדיק. ער איז אַביסל אַרומגעקראָכן און זיך גיך באַרויקט.

זיכער, פעלז איז נישט קיין ביליקער פרויען־יעגער. ער איז דאָס נישט!

וואַנדאַ געפעלט אים — יאָ, דאָס איז מעגלעך, דאָס קאָן זיין. און זייער מעגלעך, אַז עס איז אַזוי.

דניאלן האָט זיך פלוצלינג אָן אַ פאַרוואָס דערמאָנט, ווי פעלז האָט אים אַמאָל דערציילט פון זיין צוזאַמענלעבן אין פאַריז מיט אַ מיידל, זיינס אַ מאָדעלקע.

— „זי איז געווען שיין, לעבנסלוסטיק, לייכט און זי איז מיר אַפילו געטריי־געווען. אָן חשבונות, אַן עכט פראַנצויזיש מיידל. נאָך נישט קיין אויסגערעכנטע.

„זי האָט אַלץ געטון מיר דאָס צוזאַמענלעבן אָנגענעם צו מאַכן. איך האָב געקאָנט זיצן און אַרבעטן. אָבער — איר ווייסט דאָך, אַז מיט יידישקייט בין איך, ווי איר זעט מיך — און דעמאָלט, מיט איר, האָט מיך רק געצויגן צו יידישקייט, צו דאַווענען... איך האָב מיר אַפילו געקויפט תפילין, און אַז איך האָב געדאַוונט, האָב איך אַלץ געמיינט, אַז זי לאַכט־אָפּ פון מיר. איך האָב זי פשוט פראָוואָצירט, ביז, צו ביסלעכווייז, איז אונ־

דער צוזאַמענלעבן געוואָרן אַ גהינום... אָבער אַז זי איז נאָר אַוועק... האָב איך גלייך אָנגעהויבן בענקען, און אַז זי איז צוריקגעקומען, איז ווידער געווען דאָס זעלבע. און וואָס אַמאָל שאַרפער..."

אַ קוויטשעריי האָט זיך פון וואַלד דערהויבן. די מאַדאַמעס דאָרט האָבן צוליב עפּעס דערהויבן אַ געפּילדער און געלעכטער. דניאל, אַ צעשלאָגענער פון די געדאַנקען, האָט זיך פאַראיבלדיק אומגעקוקט.

„אינטערעסאַנט, צי אָט די געמאַלעוועטע, קורצקליידלדיקע פּעטע בשון-קי איז קיינמאָל נישט אומעטיק, צי זיי פאַרמאָגן גאָר נישט קיין צער אין זיך?..."

ער האָט זיך ווידער דערמאָנט, ווי פעלז האָט אים דערציילט וועגן אַ פראַנצויז, וואָס האָט געוווינט געזעצלעך מיט אַ יידיש ווייב.

— „איינמאָל — דערציילט פעלז — קום איך אַרויס אין קאָרידאָר פון האָטעל צום אַלגעמיינעם וואַסער-קראַן. דער פראַנצויז איז צוגעקומען מיט זיין האַנטוך און רופט זיך צו מיר אָן:

— גייט אַריין, כ'בעט אייך, צו מיר. אייער שטאַם-שוועסטער איז קראַנק, האָפּנונגסלאָז קראַנק: זי האָט מיך געבעטן, אַריינצורופן אַ ייד.

„און — זאָגט פעלז — אַז איך האָב אים אָנגעקוקט ווי רויק ער איז, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— איך בין נישט רעליגיעז, זי איז נישט רעליגיעז. זי איז גוט און ליב, וואָס בעסער קאָן נישט זיין, אָבער — טאָמער שטאַרבט זי איצט, נעם איך מיר מער נישט קיין יידישע, זאָל גאָט היטן.

— זשאַמע, — האָט ער מיט כוח אויסגעשריגן, — אין די אינטימסטע רגעס זענען מיר זיך פרעמד — צוויי וועלטן, צוויי ראַסעס...

„גלייך אָבער איז אַ שאָטן אַדורך איבער זיין טונקל ציגיינעריש פּנים. ער האָט זיך אַ צי-געטון די דיקע שוואַרצע

וואַנסעס און אַ זיפּץ-געטון פּול ווי און מיטלייד צו דער קראַנ-קער פרוי:

— אָרימע, אָרימע אַליס!"

אָט דאָס האָט זיך דניאלן איצט פּלוצלינג דערמאָנט, טראַכטנדיק וועגן פּעלזן אין שייכות צו וואַנדען.

אַ שטיקל צייט געגאַנגען שטיל פאַרזונקען אין זיך. דניאל האָט זיך איינגאַנצן איינגערויקט,—איינגערויקט ווי דער ביימער-געדויש נאָכן בלאָז פון אַ ווינט. אין אים אינעווייניק, אין גע-מיט, איז געוואָרן ווייך און שטיל, ווי די ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס בלאָנקען זיך איבערן הימל — אַרום דער אויף אַ ווייל באַהאַלטענער זון, וואָס שיינט אַפילו פון הינטערן כמאַרעלע.

אַביסל זיך אַרומגעדרייט, איז דניאל צוריק אַרויפגעגאַ-נגען אין שטוב.

אַ הינטל האָט מיט היץ גענומען בילן אויף אים. „מו-כאַ", דער קרומרוקנדיקער ברוקירערינס הינטל, האָט אים פּלוצלינג פאַרקענט און אָנגעהויבן אויף אים צו בילן.

— מוכאַ, מושקאַ... — האָט דניאל זיך צום הינטל איינ-געבויגן — איך בין דאָך שוין נישט אויפגערעגט, פאַרוואָס בילסטו?...

ער האָט אַ גלעט-געטון דעם הינטל איבער דער ווייסער פּעל:

— נאָר אפשר ביסטו, הינטל, הונגעריק? קום-אַרויף, עס וועט זיך עפּעס געפינען ביי אונזער שיינער באַלעבאָסטע, קום, מוכאַ!

דאָס הינטל, מיט אַ שמחהדיקן שפּרונג, האָט זיך געלאָזט נאָך אים אויף די שטיגן.

פּעלז איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען. באַלד איז געווען מיטאָג. נאָכן מיטאָג האָט דניאל באַגלייט וואַנדען צו פּעלזן. זי האָט ער דאָרט געלאָזט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט.

דאָרט האָט ער געהאַט צו דערלידיקן עפּעס. ער האָט דאָרט געטראָפן זיין אַמאָליקן חבר מענדער שאַמאַס. עפּעס האָט

יענער געוואָלט פון אים, אים אָנגעשלאָגן אַ געשעפט, אַ וועקסל מיט גוטע ציגזן...

— שפּילעדיק וועט דיר אַריינקומען געלט אין טאַש, — האָט ער אים געמאַכט חשק.

אָבער דניאל האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אים.

אַז ער איז צוריקגעקומען און אָפּגעטרעטן ביי פעלזן, איז שוין וואַנדאַ נישט געווען דאָרט. דאָס אַלטע קעפּל איז ווייטער געהאָנגען אויף זיין אָרט, ווי ביז אַהער, און אין אַ צווייטער זייט, פּאָרנט איז שוין געשטאַנען דאָס היינט אָנגעהויבענע. עס איז געווען גאָר אַנדערש געמאָלט, אין פּראָפיל און אין לענגלעכע שטריכן...

דניאלן איז דאָס פרישע מאָלן מער געפאָלן, ווי דאָס ערשטע. מער כאַראַקטער און אייגנאַרט האָט דאָס וואַנדען צוגעגעבן. ער האָט זיך געשעמט וואָס ער האָט פעלזן חושד-געווען. ער האָט מיט פעלזן פאַרבונדן אַ גוט-פריינט-שמועס:

— הער נאָר, פריינט, — האָט דניאל צו אים געזאָגט, — איך בין אויף דיר צייטנווייז אַביסל אין כעס, אָבער נישט שטענדיק בין איך גערעכט, און זיי מיר מוחל פאַר די מאָל, — וואָס איך בין נישט גערעכט.

פעלז, אַן איבערגעבויגענער איבער דער לייוונט, האָט ערנסט און אָנגעשטרענגטער ווי אַן אַנדערש מאָל אָפּגערעדט:

— חשד און כעס, אַז עס איז נישט איבערגעקלערט, איז עס נישט קלוג.

און דניאל, ביים געזעגנען זיך איינרעדן, האָט דאָך טיף אין זיך געפילט, ווי דער אַביסל אַוועקגעפלויגענער חשד, גיט נאָך, פון מאָל-צו-מאָל אַ גראַבל אין אים, ווי דער ווייטער ווידערווייטיק פון אַ פאַרהיילטער וווּנד.

קאַפּיטל XXIV

— גוט מאָרגען, הער לעמקע! ווי געהטס?

— אַך, זי, הערר טאָוו? יאַ, י—אַ—אַ...

לעמקע האָט שווער דערהויבן דעם קאָפּ, ווייטער גע־בליבן זיצן אונטערן באַרנע־בוים אויפן בערגל. די פּיס באָר־וועסע — אין טרעפּעס, האָט ער געהאַלטן אַביסל פאַרבויגן הינטער זיך און מיט אַן אונטערטעניקן פרעמדלעכן בליק — געקוקט פאַר זיך נאָענט דאָ, צום הויז.

דאָרט, פאַרן הויז, איז געשטאַנען אַ פלאַטפאָרמע גע־שפּאַנט אין צוויי שלעפּ פערד. ביי דער פּאַני שטייגוואָרצלאָוו־סקאַ איז אָפן־געווען דאָס פענסטער, דרינען האָט די פּאַני גע־בייזערט זיך איבער עמעצן, משמעות איבער אַ שניידערין, וואָס איז געקומען מאָנען פאַר אַרבעט. די פּאַני האָט היסטעריש געקוויטשעט.

— נישט געקאָנט צוואַרטן, ביז איך, וועל אַהיימקומען און דערליידיקן, אַזש דאָ אהער מיך געקומען מאָנען!

די שניידערין האָט זיך פאַרענטפערט, עפּעס שטיל גע־רעדט. די פּאַני שטיינוואָרצלאָווסקאַ האָט נאָך קוויטשיקער גע־שריגן:

— צי איר דאַרפט אויף שיך, צי אויף עפּעס אַנדערש, גייט מיך גאָרנישט אָן, נישט מיין זאַך צו וויסן — ווער עס גייט אין צעריסענע און ווער אין גאַנצע. אַז איר האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, האָט איר שוין געקאָנט נאָך אַביסל וואַרטן...

צוויי פויערן האָבן פון דרינען אַרויסגעטראָגן צוזאַמענ־געלייגט און פאַרבונדן בעטגעוואַנט און עס אויפגעפּאַקט אויף

דער פּלאַטפֿאָרמע. אַז זיי האָבן די לעצטע זאַכן פֿון דרינען אַרויסגעטראָגן און אַרויפֿגעפּאַקט, האָט זיך באַוויזן שטיינקע. ער האָט עפּעס גערעדט מיט די פֿויערן. ער האָט אַ קוק־געטון אין די אָפֿענע פֿענסטער. פֿון דאָרט האָט אַרויסגעשאַלט:

— פֿאַרענטפֿערט זיך נישט, איר האָט גוט געוווּסט, אַז איצט ענדיקן זיך די פֿעריען און איך קום צוריק.

עס איז אַרויסגעקומען די פּאַני שטיינוואָרצלאָווסקאַ און אָנגעטועטע אין הוט און מאַנטל, זילבערנע טאָרבע אין האַנט און צוויי סלאָיעס קאָנפֿיטורן (דאָס געטרויט זי קיינעם נישט...) אין די אָרעמס. הינטער איר איז אַרויסגעקומען אַ מיידל אין אַ לייוונטענעם מאַנטל מיט צעפּלאָמטע באַקן און ברוגזער מינע און זיך געלאָזט גיין פֿון באַרג.

דערווייל איז שטיינקע אַריינגעגאַנגען אין דער אָפּגעלאָזטער שטוב, אַפּנים זיך אַרומגעקוקט, צי דאָס זייניקע איז אַלץ געבליבן. — אַז ער איז צוריק אַרויסגעקומען איז די פּאַני שטיינוואָרצלאָווסקאַ געשטאַנען אַ צעזאָדענע און נאָכגעשריגן דעם מיידל אין לייוונטענעם מאַנטל:

— פּאַני שניידערין, איר וועט דאָרט זאָגן מיין דינסט, זי איז אַראָפּגעגאַנגען וועגן שאַפֿן אַ דראָזשקע...

זי האָט אין מיטן אָפּגעהאַקט, ווייל די דראָזשקע האָט זיך געוויזן, הויבנדיק זיך אויפֿן באַרג.

די שטיינוואָרצלאָווסקען האָט פֿאָרזיכטיק, ווי אַן אבן־טוב, אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד די צוויי סלאָיעס, צוגערופֿן שטיינקען, זי האָט אים צוגעצאָלט די רעשט דירה־געלט, געגעבן די האַנט, זיך געזעגנט. שטיינקען האָט דאָס פּנים אויפֿגעלויכטן. ער האָט דאָס געלט באַהאַלטן טיף אין דער קעשענע, איר אָפּגעגעבן דאָס געשריבענע דירה־קוויטל און גענומען אַוועקגיין אין דער זייט, ווו לעמקע זיצט, פֿאַרביי אים. די שטיינוואָרצלאָווסקען האָט זיך אויפֿגעזעצט, אַוועקגעפֿאָרן; צומאָל נישט אַ קוק־געגעבן אין דער זייט, ווו לעמקע זיצט. ער איז איר שוין נישט אָנגעגאַנגען. פּונקט ווי די איבעריקע איינוווינער...

פֿון איר פֿענסטער האָט זיך אַרויסגעבויגן די געשטופּלטע

אָן יאַקע, אין אַ גראָבּ לייוונטן העמד [illegible] נאַקעטע פליישיקע אָרעמס און טיפן גאָרס. זי האָט נאָכגעשריגן דער אָפּפאָרנדיקער דראָזשקע מיט דער מאַדאַם שטייגוואָרצלאָווסקאַ:

— זי האָט דאָך מיר געגנבעט פּוטער, און קעלער האָט זי בּיסלעכווייז אַראָפּגענומען פון מיין טאָפּ פּוטער — די גרויס־אַרטיקע פּאַני!

און דער רוסישערס קוויטשיק קולעכל האָט אין איר אַריינגעשריגן:

— די דינסט, די דינסט האָט עס געטון אויף איר באַפעל.

נאָר די קרומרוקנדיקע, וואָס איז גראָד צוריקגעגאַנגען מיט אַן עמער וואַסער, האָט פאַר זיך פאַראיבּלדיק געפּרעפּלט וועגן דער געשטופּלטער.

— ווי דאָס רייסט זיך דעם פּיסק! טאַקע אַ זשידוווקע, אָבער אַ נדבה אויפן קאָשטשאָל האָט זי געגעבן און נאָך מכבּד־געווען דעם גלח.

לעמקע איז געזעסן אויפן בּערגל אונטערן בּאַרנע־בּוים, געזעסן הכנעהדיק, ווי אַ בּעטלער אויף אַ פרעמדן הויף, גע־קוקט און געשוויגן.

* *
*

די זומער־ווויינער זענען אַוועק, און ווידער איז געוואָרן שטיל און ליידיק אַרום. עס איז נאָך געווען זוניקער זומער. נאָר פון שטאָט זענען מער נישט געקומען קיין שפּאַצירער. אין די שולן האָט מען שוין צוריק געלערנט. לויטן קאַלענדאַר איז שוין געווען נאָכן זומער און די שטאָטלייט זענען אין דער היים געזעסן.

איצט האָט ווידער אין וואַלד אָפּגעהילכט דאָס קול פון אַן איינזאַמען שפּאַצירער. איבּער די בּיימער הויך, האָט זיך געדאַכט, העגנט נאָך דער אָפּקלאַנג פון די פּוסטע שמועסן און קוויטשערייען, וואָס די זומער־ווויינער האָבּן דאָ איבּערגעלאָזט. נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג; איינציקווייז איז עס אין דער לופט

אויסגעוועפּט־געוואָרן און מער ווי אַ פּאַרפּעטסט פּאַפּיר, אַ בלעכל פון סאַרדינען, אָדער צעקנייטשט פּאַפּירל פון קאַרמעלקעס — האָט נישט דערמאָנט פון זייער דאָ זיין אַמאָל.

אַ ווינט האָט זיך דערהויבן, אַרומגעווייעט דאָס הויז און איז צוריק שטיל־געוואָרן, אַ כמאַרעלע האָט זיך איבער דער זון צעלייגט און איז צערונען־געוואָרן; אַ רעגן האָט געשפּריצט און — אויפגעהערט... ס'איז ווייטער געווען זומער. די ערד האָט געשמעקט, מרוקעס האָבן געאיילט, געהאָרעוועט אויפן הויפן זאַמד אַרום זייער מלוכה; שפּינען האָבן געשפּונען שפּינוועבס — ווו נאָר אַ ווינקל... די שיין פון דער זון האָט אָנגעוווירן דעם בּרען, אָבער צאַרט איז זי געווען, אַזוי צאַרט און מילד, פול שטילן אומעט...

אין די זונטיקס זענען ווידער צו סטעסען געקומען געסט, חברים פאַך־קאָלעגן פון שטאָט. צוביסלעך געטרונקען בראָנפן מיט צובייס, זיך געאַמפּערט, — אַלץ נאָך די אַלטע אַמפּערייען איבער פּאָליטיק...

— ס'קאָן נישט לאַנג אַזוי אָנגיין...

— זיכער!... אָבער נישט אַזוי ווי דו מיינסט, זייבער...

און שמידאָווסקי, וואָס איז איצט ווידער געווען אַן אַנדערער, האָט אויפגעקלערט:

— אַ מלחמה! אָט וואָס מיר דאַרפן איצט. דאָס לאַנד וועט ווערן גרעסער, וועט זיין גערוימער — און פאַרן אַרבעטער אויך בעסער...

— וועט זיין מער נאַציאָנאַלע מינדערהייטן... — באַמערקט מיט אַ שמייכל דער אויסגעטריקנטער זייבער.

— דאָס איז גאָרנישט, — ווייסט שמידאָווסקי, — מיר האָבן גענוג מיליטער זיי צו באַרויקן.

— דאָס מיליטער איז דאָך אויך נאָר — זייערע זין, — וואָרפט־אַריין סטעסע.

ער, סטעסע, עסט נאָר בלויז פונם פאַרבייסן, בראָנפן טרינקט ער נישט.

— זיי זענען גאָרנישט אַזוי נאַריש איצט אַרויסצורופן

אַ מלחמה, — ווישט זייבער די וואָנסעס מיט דער האַנט נאָך אַ טרונק בראָנפּן. — די אַלע מלחמה־מאַכערס, כאָטש זיי גייען־אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט און האָבן אַזאַ חשק דערצו, ווייסן זיי אָבער וואָס אַ מלחמה וואָלט געבּרענגט נאָך זיך...

— זי וואָלט גאָרנישט געבּרענגט, — ווייסט סאַמאַרין, וועלכער האַלט זיך שוין איצט פאַר אַן אמתן פּאָליאַק. — אַלע ווייסן, אַז אין באָלשעוויע איז ערגער ווי אומעטום... ווידער וואָס איר זאָגט — זעלנער, דאָס איז גאָרנישט...

— פּאַניע סאַמארין, ס'איז נישט אינגאַנצן ריכטיק, וואָס איר זאָגט, — מאַכט סטעסע געלאַסן; צייט סטעסע איז געזונט־געוואָרן, איז ער געלאַסענער און באַזונדערס צו סאַמאַרינען, ווייל ער ציט זיך שוין היינט־מאָרגן אַוועק:

— אַז אין רוסלאַנד איז דעם אַרבעטער ערגער צי בעסער, — האַלט ער, אָבער, — אַז דאָס אַרבעט ער נישט פאַר קיינעם, נאָר פאַר זיך אַליין, און פאַר זיך אַליין נעמט מען פאַר ליב ערגער אויך... איר וועט דאָך מודה־זיין, פּאַניע סאַמאַרין, אַז אין רוסלאַנד צווישן די אַלע איז פאַראַנען אויך אידעאַליסטן, וואָס מיינען עס ערנסט, אָן אייגן־נוץ, און געפינט מיר אַזעלכע אין וועלכער נישט אַנדערער מלוכה. און — דאָס איז אַ כּוח!...

זייבער קוקט־אָן סטעסען און לאַכט: פאַר וועמען, מ'שטיינסגעזאָגט, ער פּאַקט דאָ אַרויס זיין ערנסטן שמועס. סאַמאַרין אָבער דרייט זיך אַוועק, ענטפערט נישט און גייט באַלד אַרויס פון שטוב.

ער, סאַמאַרין, איז איצט רויק און פול זעלבסטווערדע. פון טאַבּאַק־געשעפט האָט זיך טאַקע גאָרנישט אויסגעלאָזט, אָבער אַוועקציען פון דאַנעט ציט ער זיך סיי־ווי־סיי: אַ גוטער פריינט, צי אַ קרוב, אין דער רעזידענץ־שטאָט, האָט פאַר אים געפונען באַשעפטיקונג, אַ דירה — אויך, אַ ליאַדע טאָג ציט ער זיך שוין אַהין. קעגן די הויז־איינוווינער איז איצט זיין ווייב זייער שטאָלץ, ענטפערט אויף אַ גוטמאָרגן בלויז מיט אַ ריר קוים דעם קאָפּ. ער — דער מאַן, רעדט יאָ נאָך מיט זיי, גייט נאָך

אַמאָל אַריין צו סטעסען, אָבער קאָכן זיך, אויפרעגן — רעגט ער זיך נישט. ער קאָן שוין באַשטיין אויף זייערע „פּאָרויסזאָגונגען". ער מישט זיך אַריין אין די שמועסן בלויז ווי אַ פרעמדער, ווי אַ גאַסט.

און אין גיכן טאַקע האָט זיך סאַמאַרין אַוועקגעצויגן.

אין אַן אינדערפרי איז דרינען געווען שוין אַלץ צעוואָרפן, צעלייגט, די דילן אָנגעוואָרפן מיט שטרוי... די געשטופּלטע איז אַריינגעגאַנגען אַ קוק־טון. די רוסישע וואָלט אויך גערן אַריינגעגאַנגען, איז זי אָבער שטאָק־ברוגז מיט די סאַמאַרינס — האָט זי כאָטש יוצא־געווען און מיטגעשיקט מיט דער סטעסען אירע קינדער:

— ביים פּאַקן געפינט מען צאַצקעס, — האָט זי די קינדער איינגערעדט, אַבי זיי אַביסל אַרויסצופּטרן פון שטוב, ווו זיי האַלטן אין איין פּופּלען, מאַכן מיט די מיילער אָדער וויינען.

דרינען האָבן די קינדער געקליבן פּאַפּירלעך און שטרויעלעך פון דער ערד. זיי האָבן אויפגעזוכט געפּלאַצטע גילזן פון פּאַפּיראָסן, עס געהאַלטן פעסט אין דער פאַרמאַכטער האַנט, ווי אַ מציאה, און עס געפּרוווט אויסצושאַכערן איינע ביי דער אַנדערער.

סאַמאַרין, טראָץ זיין געוווינהייט אַלץ צו וועלן זען און אַלץ צו וועלן וויסן — איז היינט געווען באַזונדערס געדולדיק און די קינדער נישט געשטערט.

די סטעסען האָט זיך פאַרקוקט אויפן ברייטן פּאָר־פּאָלקבעט, געפּרוווט פרעגן אַ פּרייז. די סאַמאַרינס האָבן דאָס בעט גערן געוואָלט פאַרקויפן, נישט מיטשלעפּן עס. דער פּרייז, וואָס זיי האָבן געשטעלט איז געווען אַ גאָר־נישקשהדיקער, אָבער — וואָס קומט אַרויס — די סטעסען האָט דאָס ווינציקע אויך נישט געהאַט.

די סטעסען דערמאָנט מיט האַרץ־ווייטיק נאָכאַנאַנד „בעט"— „דאָס בעט" — „בעט" און ווידער „בעט" און אָבער „בעט", רעדט דערפון אָן אויפהער... דער רוסישערס עלטערע מיידל, די אַכטיאָריקע קאַטיאַ מיט די בלייענע אויגן — גיט זי אַ שלעפּ

בײם קלײד, און אַז זי בײגט זיך אַראָפּ, רוימט זי איר עפּעס אײַן.

די געשטופּלטע צעלאַכט זיך.

— קאַטיאַ, — טוט זי צוױיסן — זאָגט, אַז דאָס הײסט נישט „בעט", נאָר „װאַרשטאַט".

„װאַרשטאַט!" — אַ שרעקלעך װאָרט איז געפאַלן. סאַמאַרין און דאָס װײב קוקן זיך אָן דערשטױנט, װי מ'װאָלט אין זײער שטוב געטון אַ נישט־אָנשטענדיק געטועכטס.

דאָס מײדעלע פאַרבעסערט:

— נײן, די מאַמע זאָגט אויף איר בעט, אַז עס איז אַ װאַרשטאַט.

דעמאָלט דרײט זיך די סאַמאַרינען אַװעק מיט אַ פון עקל פאַרקרימט פּנים, ער — װערט צונטער־רויט, אָן צערע־מאָניעס כאַפּט ער אָן דאָס אַכט־יעריקע מײדעלע, פירט זי צו צו דער טיר, שטעלט זי אַרויס, װי אַ הינטל, װאָס האָט טראָץ װאָס מ'לערנט עס — פאָרט אָנגעמאַכט אין שטוב אויף דער פּאָדלאָגע — און פאַרמאַכט הינטער איר פעסט די טיר.

— בײ מיר אין שטוב, — סאָפּעט ער, — רעדט מען נישט קײן אויסגעלאַסענע רײד.

און אַז די קלענערע, פיר־יעריקע װאַליאַ צעװײנט זיך פאַר דער שװעסטערס עװלה, פירט זי סאַמאַרין אויך צו צו דער טיר און שטעלט זי אַרויס. און אַז ער קומט צוריק, האָט ער מיט דער סטעסען אויך שוין נישט קײן חשק צו רעדן.

אָט אַזױ לעבט איצט דאָס הויז זײן אײגן לעבן, אָן צומיש פון די שטאָט־לײט.

...אין דער שטײנװאָרצלאָװסקענס לײדיקער דירה האָט זיך אַרײנגעצויגן שטײנקע. לעמקע װוינט נאָך װײטער לעבן די קי אינם שטאַל מיטן קלײנעם פענסטערל. דאָרט איז אַמאָל געװען אַ קי־שטאַל, אָבער עס איז צו־קלײן־געװאָרן, האָט ער אַרײנגעמאַכט אַ פענסטערל און געמאַכט אויף צו װוינען דרינען זומער־צײט. אין דער הינטערשטער שטוב װוינט נאָך דער קראַנקער בחור מיט דער מוטער. זײ װעלן דאָ װוינען ביז די האַרבסט־רעגנס.

די רוסישע איז אַ בעלן אויף דער ליידיקער דירה נאָך סאַמאַרינען. שטיינקע וויל אָבער אָפּטרעט־געלט און געלט צו געבן האָט זי נישט. זי באַקלאָגט זיך פאַר דער סטעסען:

— וואָלט מיין קאַטיאַ נאָר אַ פּאָר יאָר עלטער־געווען, וואָלט איך שוין געהאַט געלט.

— ווי אַזוי דען? — איז די געשטופּלטע נייגיריק.

— איר ווייסט נישט ווי אַזוי? — מיינט די רוסישע, אַז יענע מאַכט זיך נאָר אַז זי ווייסט נישט. — עס פעלן דען עלטערע הערן, וואָס צאָלן אַלדאָס געלט פאַר צוועלף־יעריקע מיידלעך...

די סטעסען, ביי איר גאַנץ געביפּטקייט, פאַרשטייט נישט די ערשטע מינוט, וואָס יענע מיינט. נאָר אַז זי באַנעמט עס, צעלייגט זיך אַ פעטער שמייכל איבער איר רויט געשטופּלט פּנים און אין אויג צינדן זיך איר אָן פונקען.

אַז זי דערציילט דאָס שפּעטער איר מאַן, צעלאַכט ער זיך שטעכיק:

— זי פריערט דיך!.. זאָג איר, אַז דיזעלבע זענען אויך בעלנים אויף אַכט־יעריקע...

...איצט — האָט דניאל שוין דייטלעך געזען דעם סוף פון זיין לאַנג פאַרטראַכטער אַרבעט, ווי ער קומט און דערנענטערט זיך. ער האָט שוין געשריבן פון אים — דעם לעצטן פון דער משפּחה טוב.

איצט האָט שוין נישט ער געוועלטיקט איבער זיין שרייבן — נאָר פאַרקערט: דאָס שרייבן איבער אים, מיט הייץ און מיט ברען האָט זיך אים געאַרבעט. פון דעמס לעבן, וואָס ער האָט איצט געשריבן, איז געווען — יאָ — ער און נישט — ער. אַז טיילמאָל האָט ער נישט געוווסט, וועלכער דניאל עס איז דער ריכטיקער — דער פיזישער, וואָס שרייבט דאָס, צי — דער פון בוך.

און עס איז געווען מאַנכעס מאָל ביים איבערלייענען געשריבענע שטעלן ווען זיך, האָט אים דאָס האַרץ אויפגעצי־טערט, ווי ער וואָלט אויף זיך גופא געשריבן אַן אורטייל,

וואָס וועט מוזן און וועט זיכער אַזוי אויספאַלן – זיך באַשטעטיקן.

און אָט איז אָנגעקומען אַ טאָג, און דניאל האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון זיין ווערק.

ס'איז געווען נאָכמיטאָג. ער איז אַליין געווען אין שטוב. וואַנדאַ איז אַוועקגעגאַנגען אַביסל מיט פעלזן. אין אָפענעם פענסטער האָט אַריינגעשיינט די נישט־הייסע אלול־זון, און מיט יעדן ווינטל־ווייע האָבן אַריינגעשטראָמט ריחות פון וואַלד און סאָד. דניאל איז געזעסן איבערגעבויגן איבער די בלעטלעך. זיין האַנט איז געפלויגן, ווי אין פיבער, נאָכאַנאַנד האָט ער אַוועקגעלייגט באַשריבענע בלעטלעך. דאָס פעקל אונטער זיין האַנט איז אַלץ דינער־געוואָרן. ער האָט געהאַלטן אָט־אָט שוין ביים טאַמע סוף, און ער האָט מורא־געהאַט, ער זאָל נישט פון צפעס אָדער עמעצן געשטערט־ווערן.

ער האָט געהאַט פאַרטראַכט דעם פינאַל – ווי אַ פרי־האַרבסטיקער זון־פאַרגאַנג, אַ פאַרבנרייכער און בלענד־קאָלירי־קער, ווי די פלומרשט בליענדע קאָליר אויף די באַקן פון אַ שווינדזוכטיקן, וואָס דאָס זאָל סימבאָליזירן דעם אונטערגאַנג פון דעם לעצטן פון דער משפחה טוב.

אָבער איצט, ביים אויספירן דאָס – האָט זיך אומגעריכט זיין געדאַנק אַ קערצווע־אַוועק־געטון און פאַרענדיקט דאָס ווערק אַנדערש – אָבער אויך אין דעם זין. פאַרגעפּלט אַביסל, און מאָדנע שטיל. – אַנדערש שטיל, ווי געוויינלעכע שטיל־קייט, ענלעך, ווי דער אינמיטן איבערגעהאַקטער אַקאָרד פון אַ פיאַנינאָ, וואָס לאַנג־לאַנג, נאָך זיין פאַרשווונדן, פלאַטערט נאָך זיין אָפּקלאַנג אין דער לופט.

דאָס פנים איז אים געווען הייס. די אויערן – רויט, די האַנט מיט דער פעדער האָט געפלאַטערט, פון זיין אייגענעם דמיון איז ער שיכור־געווען. פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען אַ נעפל.

און אָט איז דאָס ווערק פאַרטיק. ער האָט דאָס לעצטע מאָל איינגעטונקען די פעדער אין טינטער, צוגעשריבן אַ האַל־בע שורה, נאָך אַ וואָרט, אויף דער פעדער איז נאָך געבליבן

אַ טראָפּן נישט־אויסגעגעצטע טינט און — דאָס ווערק איז פֿאַרטיק.

ער האָט אָפּגעזיפֿצט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, באַלד אים צוריק דערהויבן. ער איז אַראָפּגעגאַנגען, באַלד צוריק אַרויפֿגעקומען, נאָך אַ טונק־איין־געגעבן די פֿעדער, צוגעשריבן נאָך אַ וואָרט. ער איז געגאַנגען אַרויף־און־אַראָפּ איבער דער שטוב, דער קאָפּ איז אים געווען פֿול, דאָס געמיט איבערגעלאָדן, די ווענט פֿון שטיבל זענען אים צו ענג־געווען. ער וואָלט זיך אָט אַזוי אַ שפּאַר־אָן געגעבן, מיט די צוויי אָרעמס, די ווענט צעדרוקט, מיטן קאָפּ — דעם סופֿיט דערהויבן, אפֿשר וואָלט אים גרינגער־געוואָרן.

דאָס גאַנצע וועזן זיינס האָט אין דער מינוט געבענקט נאָך אַ מענטש, מיט וועמען זיך צו קאָנען טיילן מיט דער איבערפֿולטקייט פֿון זיין געמיט.

פֿאַרבייגייענדיק האָט ער זיך צופֿעליק דערבליקט אין שפּיגל: דאָס פּנים רויט, די אויגן צעפֿינקלט און פֿאַרנעפּלט צוזאַמען. ווען עמעץ זעט אים איצט, וואָלט ער געמיינט, אַז ער איז שיכּור.

ער האָט ריכטיק אויסגעזען ווי אַ שיכּורער.

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— „אַ, וואַנדאַ! — האָט ער זיך דערפֿריידט — גוט געקומען" — אַ באַגייסטערטער איז ער צוגעלאָפֿן, איר די טיר עפֿענען.

וואַנדאַ איז עס נישט געווען. אַ מאַנסביל איז עס. פֿעלן איז עס אויך נישט. צעשטרייט האָט דניאל געקוקט אויף דעם אַריינגעקומענעם און אים נישט באַלד דערקענט, כאָטש דאָס פּנים יענעמס מיט די ברילן, איז אים יאָ באַקאַנט־געווען.

ס'איז געווען שטאָקפּיש. דער שטענדיק־אומגעבעטענער שרגא שטאָקפּיש.

צו וואָס ער קומט איצט, האָט ער באַלד ביים אַריינקומען אויסגעפּאַקט: מ'האָט אים יענע נאַכט באַגנבעט דורכן פֿענסטער. זיין חוש האָט אים געפֿירט אַראָפּ אויף דער פֿאַר-

שטאָט. אַזוי אָבער ווי אויך דאָ אין דעם הויז וווינען בלויז שנאָרערס, איז ער אין איין וועגס אויך אַהער געקומען.

און ער האָט דניאלן, אַזוי, אויף איין פוס, אָן איבעריק געריידעכץ, פאָרגעלייגט אַ בקשה: אַז ער וועט עפּעס „דער־שמעקן" וועגן דעם, זאָל ער עס אים צו וויסן־טון:

— איך וועט דערביי נישט דערלייגן...

דניאל האָט אים נישט געענטפערט, ער האָט איבערהויפּט גאָרנישט גערעדט צו אים, ער האָט אים נאָר בלויז אָנגעקוקט און הויך דעם אָטעם געצויגן.

שטאָקפיש האָט זיך אָפּגעטראָגן.

דניאלס שטימונג איז געווען איבערגעפּירט.

אַן עקל, אַ גראָקייט האָט זיך אין אים געשפּרייט. דאָרט, וווּ ערשט אַביסל פריער איז געווען וואַרעם, ליכטיק, איז איצט געווען קאַלט, שווער... ער איז אַראָפּגעלאָפן אויף דער לאָנקע צום וואַלד, געלאָפן גיך, ווי אַ פאַרסמטער לויפט צו אַ וואַסער־קוואַל, ער איז אונטן אויף דער לופט געלאָפן — ראַטעווען זיין שטימונג, זיין מיט גראָבע שטיוול צעטראַטעוועט געמיט.

אונטן אויפן בערגל, אונטערן באַרנעבוים, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, אַרום איז געווען אַ ליכט־ און שאָטן־שפּיל. דער דינער שאָטן האָט לייכט געציטערט אויפן זוניקן הינטערגרונט, באַשאָפנדיק דינע באַוועגלעכע שאַטירונגען און וויילנווייז גע־רוט, ווי אויסגעשטיקטע בלומען אויף אַ טוך...

דניאלס צעברויזט געמיט האָט זיך גענומען איינשטילן, די אומרויקייט — פאַרשווינדן.

פון קי־שטאַל, ווו לעמקע וווינט נאָך — האָט זיך גע־טראָגן דער לעמקענס קראַקעדיק, דאָך שאַרף קול צום מאַן:

— אַלטער, מיין ברויט עסטו אויף און מיין מילך פאַרניצסטו. שטיינקע וויל נישט געבן פאַר דיר אויך, עס איז פאַרשריבן בלויז פאַר מיר.

און דערויף — דער אַלטער פאַרשעמט און מיט הכנעה, ווי ער וואָלט מיט זיין געזונט־ווערן עפּעס אַן אומרעכט־געטון

און נאָך מער אַ נאַרישקייט, וואָס פּאַסט נישט פאַר אַ מענטש אין זיינע יאָרן.

— וואַרט הילדאַ, איך גלייב, עס איז שוין לאַנג נישט געדויערן — טרייסט ער זי...

דניאל, אַ דערשלאָגענער פון דעם דערהערטן געשפּרעך — נישט ווייניקער ווי פריער פון שטאָקפּישס באַזונד, — איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צוריק אַרויפגעגאַנגען, זיך געזעצט ביים אָפענעם פענסטער, און אַ געלאַנגווייליקטער אַראָפּגעקוקט צום וואַלד.

שפּעטער איז וואַנדאַ געקומען, זי האָט געהאַט געמאַכט מיט פעלזן אַ לאַנגן שפּאַציר. דערנאָך איז געוואָרן אָוונט, אַ קילער, געדיכטער טונקעלער אָוונט, ווי אַ טיפער שוואַרצער סאַמעט, האָט איבער דער באַרג-געגנט געהאָנגען, דער וואַלד האָט קוים גערוישט, ווי פון שלאָף. אויפן פרי-האַרבסטיק טונקעלן הימל האָבן שטערן, ווי ליכטיקע פונקטן געציטערט, שטערן זענען געפלויגן אָנצייכנדיק זייער וועג מיט אַ שוואַכער ליכטיקייט, ווי דער אָפשיין פון אַ בליק... ביי דניאלן אין שטוב האָט געברענט די לאָמפּ. אויף די שויבן איז געלעגן די נאַכט מיט איר גאַנצער פעך-שוואַרצקייט און געדיכטקייט, און אין אָט דעם אָוונט ביים טיש, אַרום דער אָנגעצונדענער לאָמפּ איז אומגעריכט געקומען צו אַן ערנסט געשפּרעך צווישן וואַנדען און דניאלן.

— פעלז פאָרט-אַוועק אין קורצן.

— יאָ, כ׳האָב געהערט, — זאָגט דניאל.

— ס׳וועט אַביסל אומעטיק זיין אָן אים.

— יעדנפאַלס, — איז דניאל מסכים.

— דו רעדסט וועגן אים, ווי וועגן אַ ווילד-פרעמדן.

— ניין, פאַרוואָס?

— איר זענט עפּעס צעקריגט? — פרעגט וואַנדאַ נאָך אַ פּויזע און דערהויבט די אויגן פון איר גענײ.

— מיר האָבן זיך נאָך קיינמאָל נישט געקריגט, — ענטפערט ער אויסמיידנדיק.

— דניאל, — הייבט וואַנדאַ ווייטער אָן, איר געניי ליגט שוין ביי איר אין שויס, און אירע שיינע בלאָע אויגן קוקן פאַראומערט. — מיט אַ פּאָר טעג צוריק, געדענקסט דרינען אין קיך, איז צווישן אייך פאָרגעקומען אַזאַ שטילער אָבער שאַרפער ווערטער-טויש.

ער האָט אַ שמייכל-געטון, נישט איבעריק פריינטלעך אַ שמייכל-געטון, ווי ער וואָלט געזאָגט: „דאָס איז דאָך געווען איבער דיר"...

זי האָט איצט, ווייזט-אויס, גוט פאַרשטאַנען זיין שמייכל, אָבער גאָרנישט געענטפערט, זיך צוריק גענומען צום געניי.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל, די לאָמפּ האָט רויק געברענט, וואַנדאַ האָט געניייט, דניאל האָט גאָרנישט געטון, געזעסן, געקוקט אין לאָמפּ-פלאַם, צופעליק צי מיט אַ כיוון, זיך די אונטערשטע ליפּ געביסן.

וואַנדאַ האָט ווייטער געניייט, געזעסן איבערגעבויגן איבער אַ בלאַנק-ווייס שטיקל לייוונט מיט אַ פינגערהוט אויף איין פינגער און נאָדל אין צווייטן און געניייט.

זי האָט געטראָגן אַ קלייד מיט קורצע אַרבל. מיטאַמאָל האָט זי אַ שאַר-געטון דאָס שטיקל אַרבל פון דער רעכטער האַנט, הויך אויפן אָרעם האָט זי געהאַט אַ פאַרהיילטע ווונד, מ'האָט נאָך אָנגעזען דאָס פאַרנייטע: צוויי ברייטן און אינמיטן רויט פאַרצויגן מיט בלאַס-בלאָ. דניאל האָט געקענט דאָס אָרט. עס האָט זיך שאַרף אָנגעזען אויף איר שיינעם אָרעם. ער האָט זי אַמאָל געפרעגט פון וואַנעט דאָס נעמט זיך צו איר, אָבער קיין קלאָרן ענטפער האָט זי אים נישט געגעבן: „שוין פון לאַנג, אַלס קינד"... ער האָט זיך דערמיט באַגנוגנט. איצט האָט וואַנדאַ אים אָנגעוויזן אויף אָט דער רויט-בלאָלעכער פאַרהיילטער ווונד:

— דו ווייסט פון וואַנען דאָס נעמט זיך צו מיר?

— האָסט געהאַט געזאָגט...

— ניין, איך האָב דיר נישט ריכטיק געזאָגט.

— הם, — האָט ער אַ מרוק-געגעבן.

— יאָ... איצט וועל איך דיר דאָס דערציילן, עס איז נייטיק, דו זאָלסט עס וויסן.

— אויב עס איז נייטיק... — ציט ער אַלץ דעם קאַלטן שמייכל.

— ווי דו ווייסט, האָב איך אַמאָל געהאַט אַ מאַן.

— יאָ, אַ פּאָר חדשים, צי אַ יאָר...

— ניין, טאַקע נאָר אַ פּאָר חדשים, נישט קיין גאַנצע זעקס חדשים.

— האָט ער דיר דאָס געטון?! — איז דניאל שיער אויפגעשפּרונגען.

— יאָ — ער, — האָט זי שטיל אָבער פעסט געזאָגט.

— אין די האָניק־חדשים נאָך?

— צי אין די האָניק־חדשים, צי נאָך, — ער האָט עס געטון.

— מיט אַ מעסער?

— מיט אַ פייל, ער איז געווען אַ מאָטאָר־מעכאַניקער.

— אָבער פאַרוואָס? — פלאַטערט דניאל און ער איז אינגאַנצן צענומען.

— פון אייפערזוכט, — קומט דער ענטפער.

— פון אייפערזוכט? — שפּיצן זיך שוין ביי דניאלן די אויגן אויס.

— די מעשה איז נישט איבעריק אינטערעסאַנט און נישט פאַרוויקלט, — באַרויקט אים וואַנדאַ. — ער איז איינמאָל געקומען פון דער אַרבעט און געטראָפן מיט מיר אין שטוב זיינעם אַ חבר, אויך אַ מעכאַניקער. ער איז געווען אַביסל באַטרונקען, ווי געוויינלעך די מעטאַל־אַרבעטער. מיטן פריינט האָט ער זיך דערפריידט, גרייט־געווען מיט אים גיין ווידער טרינקען, נאָר נאָך דעם פריינטס אַוועקגיין, איז ער אַריין אין כעס, איך האָב אים עפּעס געענטפערט, איז ער אַזוי צעיושעט־געוואָרן, אַז ער איז מיך באַפאַלן מיט אַ שפּיציקער פייל, וואָס ער האָט פונקט געהאַט אין קעשענע.

— אָבער פאַרוואָס? — וויל דניאל אַלץ וויסן.

— פאַרוואָס? — ציט וואַנדאַ צוזאַמען די טונקעלע ברעמען און איר פּנים ווערט שטרענג. — פאַרוואָס? — ווערט זי אַביסל אומגעדולדיק. — ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיין פריינט — ער איז געווען אַ בחור אַ יינגער און, ווי אונזערע, וואָס זענען מיט פרויען איבערטריבן איידל, ווי זי וואָלט געווען אַ פאָרצעלייענע ליאַלקע, נישט אַ לעבעדיקער מענטש — רק געשמייכלט צו מיר מיט אַ יום-טובדיק שמייכעלע און גערעדט זייער זיס...

— און ווי אַזוי האָסטו דערויף רעאַגירט? — לאָזט ער נישט אָפּ.

— מיט גאָרנישט... ער איז בטבע געווען אַ גוטער מענטש, ווען נישט דאָס טרינקען.

און זי דערציילט ווייטער:

— ער איז אַ גאַנצע נאַכט דערנאָך געלעגן אויף דער ערד לעבן מיין בעט, אַפילו נישט אונטערגעלייגט זיך גאָרנישט, איך בין דעמאָלט אַלט-געווען נייַנצן יאָר, איך האָב געטראַכט פון נקמה, דערהרגענען אים. אינדערפרי האָב איך אויף אים רחמנות געהאַט. ער האָט דערנאָך מער נישט געטרונקען אַ צייט, איך בין געווען אַ יתומה, אָן אַ היים... ער איז באַלד גערופן געוואָרן אין מיליטער, אַוועק אויף דער מלחמה און מער נישט צוריקגעקומען. איך האָב אים מוחל-געווען, אָבער — פאַרגעסן — ביז היינט נישט. אין מיין מוח איז דאָס נאָך פריש, ווי עס וואָלט ערשט היינט געשען.

— אָבער פאַרוואָס דערציילסטו מיר דאָס היינט פונקט?

— דערפאַר, ווייל, — האָט זי אַ וואָרף-געטון דאָס נייעכטס אויפן טיש, — ווען דו האָסט דאָ אַנומלטן אַזאַ שמועס-געמאַכט מיט פעלון, האָב איך אין דיינע אויגן אַ דערזע-געטון ענלעכס, ווי דעמאָלט אין זיינע אויגן...

— איך בין נישט קיין שיכור.

— יאָ, איך ווייס, אָבער שיכור ווערט מען נישט בלויז פון טרינקען...

זי האָט צוגעגעבן:

— מיך האָט דאָס טאָפּלט געקרענקט — דיין נישט קלוג אָנפֿאַלן אויף אים און דאָס וועלן אָפּשטויסן פֿעלזן פֿון זיך אַלס פֿריינט.

— דיך דאַרף דאָס אייגנטלעך צו שמייכלען: צוליב דירן — האָט ער געוואָלט אַרויף אויף אַ קאַטאָוועס-טאָן.

— מעגלעך, אַז עס דאַרף, נאָר עס שמייכלט מיר נישט. אַ צו האַרט לעבן האָב איך דורכגעמאַכט אין מיינע זעקס-און-צוואָנציק יאָר, איך זאָל מיך האַלטן פֿאַר אַ ליאַלקע, — און זי האָט טיף דעם אָטעם אָפּגעצויגן.

— אָבער פֿעלז געפֿעלט דיר? — גייט דניאל איבער אין אַ לייכט-היימישן טאָן.

— זיכער, ער געפֿעלט מיר, און וואָס אַ מאָל מער. — צוליב דעמזעלבן וואָס דו... דאָס מוז זיין אַן אַלגעמיינער כאַראַקטער-שטריך פֿון יידן... נאָר פֿעלז איז סובטעלער.

— יידן, הייסט עס, זענען איידעלער ווי אַנדערע פֿעלקער? — איז ער גרייט זיך צו צעלאַכן, ווייל אַ סך, גאָר אַ סך מאָל טראַכט ער פּונקט פֿאַרקערט...

— איך מיין נישט, — איידעלער. אָט, אין טאָג-טעגלעכן גראָשנדיקן לעבן ווייזן זיי קיין שום איידלקייט נישט אַרויס, אָבער יידן לעבן אַן אַנדער לעבן, אַ מער גייסטיקס.

— ווייל צום פֿיזישן לאָזט מען זיי נישט צו.

— מעגלעך, אָבער זע, למשל, שיכּרות, אָדער דער חשק צו שלאָגן זיך, שלאָגן אַ ווייב...

דניאל האָט אויך אויף דעם געקאָנט ענטפֿערן און געהאַט וואָס צו ענטפֿערן... אָבער עס האָט זיך אים נישט געוואָלט.

זי האָט נאָך לאַנג גערעדט פֿון פֿעלזן. גערעדט אַ סך ליבע און גוטע רייד וועגן אים — שוין נישט אין שייכות מיט יידן און נישט אַפֿילו מיט דניאלן — דניאלן האָט דאָס נישט געאַרט. זי האָט אַזוי גערעדט, אַז דניאלן האָט דאָס נישט אויפֿגערעגט, פֿאַרקערט: ער איז מינוטנווייז אָנגעשטעקט-געוואָרן, פֿון איר ריין און וואַרעם רעדן. אים האָט אַפֿילו נישט געאַרט, וואָס פֿון אירע רייד האָט זיך געלאָזט אַרויסדרינגען, אַז פֿעלזן

שטעלט זי העכער פון אים: פעלז איז טיפער, סובטעלער...

דניאל אין זיך האָט מיט איר מספּים-געווען, באַדויערט, פאַרוואָס ער איז נישט אַזוי און — מאָדנע — ביז טרערן האָט אים ווײַלנווייז באַנג-געטון, וואָס וואַנדאַ איז נישט פאַררייניקט מיט פעלזן, נאָר מיט אים.

דער קאָפּ איז אים לאַנגזאַם אַראָפּגעזונקען. ער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, צו די רייד פון איר מויל צוגעשאָקלט שוואַך מיטן קאָפּ, און די אויגן זענען אים פייכט-געווען.

ער האָט זי אין דער מינוט געליבט, ביז מסירות-נפש, געליבט מער ווי זײַן לעבן, און איז נישט דרייסט-געווען איר קאָפּ צו זיך אַ צי צו טון. נאָר ווען זי האָט דאָס געטון — איז זײַן קאָפּ, ווי פאַרחלשט אויף איר אַקסל געפאַלן.

— יינגל מיינס, צי לוינט דען די ענערגיע צו צעפּטרן אויף אַזעלכע פּוסטע זאַכן?... און דו שטרעבסט דאָך צו עפּעס, דו ווילסט דאָך עפּעס דערגרייכן אין לעבן...

דאָס פלעמל פון לעמפּל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט קעגנאיבער אין דער פּעך-שוואַרצער שויב, און אויך דאָרט האָט זיך געזען דער טיש מיט די צוויי מענטשן, נאָענט צו זיך — צוויי קעפּ, אַ טונקעלער און אַ בלאָנדער.

קאַפּיטל XXV

אויף דער פאָרשטאָט איז געווען „מאַרק”. דער גרויסער סוף-זומער-יאָר-מאַרק. פעלזס הויז-באַלעבאָס איז געפאָרן אויפן מאַרק מיט אַ וואָגן גרינצייג און אויבס. פעלז איז מיטגעפאָרן. באַלד איז ער געקומען אַרויפצולויפן אויפן באַרג מיט אַ שנור קרעלן — גרויסע, קלאָרע, געלע קרעלן — און מיט אַ לײמען גרין-געמאָלן הענדל, וואָס פייפט, אַז מ'בלאָזט-אַריין.

— פאַרדיינעטוועגן, טײַערע וואַנדאַ, — האָט ער איר די בורשטין-קרעלן אויפן האַלז אָנגעטון, — פאַר דיינעטוועגן, נאַטור-קינד. צום אָנטון אויף דיין האַלז, וועלכער איז שלאַנק און ווייס, ווי דער טורעם פון מלך דוד.

ער האָט זיך ביים אָפענעם פענסטער צעפייפט אויפן ליימענעם הענדל, אַזש די הינער אונטערן האָלץ האָבן זיך דערשראָקן און אַפערגעלאָפן פון די איינגעזויסענע גריבלעך, און דעם האָן איז רויט-געוואָרן דער קאַם און, מעשה-העלד — האָט ער דערהויבן אַ קריגס-געשריי...

— קינדער, — האָט זיך פעלז, ווי אַ פון חדר באַפרייט יינגל געדרייט אויפן אָפּצאַס און אונטערגעטריבן, — לאָזט דאָ אַלץ שטיין און ליגן, און קומטס-אַראָפּ אויפן יאָר-מאַרק, קומטס !..

די שטענדיק ליידיקע פאָרשטאָט-גאַס מיטן גרויסן פלאַץ איז איצט געווען נישט צו דערקענען... אונטער דער שטילער סוף-זומער-זון, אין ליכט אין שאָטן — אומעטום איז געווען איין קנויל פון מענטשן, פערד און בהמות... אַ געהודזשעריי און

גערודער, מענטשן האָבן זיך געקריגט, געריסן זיך די גרגרת און דעם שווייס פֿון פּנים געווישט; פֿערד האָבן געהירזשעט, קי האָבן געמוקעט, עופֿות האָבן אויך די שנעבל אין כאָר אַרײַנגעגעבן, און די כוואַטסקע העל־ און פֿײַער־רויט־קאָלירקע הענער האָבן די רויטע קעפּלעך פֿון די פֿולקאָשקעס אַרויסגעהויבן און זייערע „קו—קו—ריקוס" האָבן זיך דײַטלעך אויסגעטיילט פֿון גאַנצן הו־האַ אַרויס...

גאָר באַזונדער האָט זיך געטון אַ געשטופּעריי און גערעגעניש אַרום די בוידן מיט קאָלירטע פּאַטשערקעס, שפּילעכלעך פֿאַר קינדער און בונט־קאָלירטע קאַפּטיכער, וואָס האָבן די אויגן פֿאַרנומען...

אַז דניאל איז אַראָפּגעקומען, האָט ער געפֿונען וואַנדען און פּעלזן אַרומגיין און כּסדר אַלץ באַקוקן און זיך אַנטציקן. פּעלז איז הײַנט באַזונדערס אומרויק־געווען, אַ באַזונדער מין נערוועזע פֿרייל̈עכקייט האָט הײַנט אין אים געפּלאַטערט.

— איך האָב דאָך אַזאַ יאַר־מאַרק שוין אַזוי לאַנג נישט געזען, פֿון מײַנע פֿריסטע קינדער־יאָרן נישט געזען.

ער האָט אויסגעזען, ווי אַ גליקלעך קינד, און אים — איז געווען צו דערקענען — לעבט איצט און פֿלאַטערט זײַן אויפֿגעוואַקסטע קינדהייט מיט אַ צומיש אומרו פֿון אַ קינסטלער־נאַטור. די אויגן האָבן אים זעלטן געלויכטן, די פֿיס זענען נישט אײַנגעשטאַנען אויף אַן אָרט און מיט זײַן שטימונג איז אויך דניאל אַביסל אָנגעשטעקט־געוואָרן.

זיי, אָט די דריי, האָבן זיך בולט אויסגעטיילט פֿון אַלע אַנדערע אויפֿן מאַרק. זיי זענען אַהער געקומען נישט קויפֿן און פֿאַרקויפֿן, נאָר — קוקן, זיך אָנשטעקן מיטן האַרמידער פֿון מאַרק, אָבער דער געדראַנג און טומל איז געווען צו גרויס, עמעצער זאָל זיך אויף זיי אומקוקן.

אַז פּעלז איז אומגעפֿאַלן איבער אַן אָנגעשיטן באַרג אוגערקעס און עטלעכע צעטרעטן, האָט ער אַרײַנגעטון די האַנט אין טאַש און אַרויסגעשלעפּט אַ זשמעניע געלט און גרייט־געווען צו באַצאָלן פֿאַר די צעטרעטענע אוגערקעס.

ארום האָבן די קופּעס [illegible]ס געשמעקט, די קופּקעס באַרנעס מיט אַ געליכער הויט, ווי ציטרין, האָבן יוסט פֿון די טיִנען און קוישן אַרויסגעקוקט; עפּל מיט רויטע פֿלעקן, ווי די בעקלעך פֿון קליינשטעטלדיקע כּלה־מיידלעך, האָב דאָס אויג פֿאַרנומען, און לענגלעכע — ווי ווייגלעזער, מיט אַן איידעלער גרין־ווייסער הויט, האָבן אַריסטאָקראַטיש אַרויסגעקוקט; און פֿלוימען — רונדיקע, לאַנגע, נאָך מיטן בלאָען האָך — האָבן זיך איינע־און־איינע געטוליעט מיט אַנאַנד, און גרויסע ווייס־פֿליישיקע, אָנגעשטאָפּט מיט זאַפֿט — האָבן אומגעלומפּערט אָבער מיט זעלבסטווערדע אַן אָרט פֿאַרנומען.

און גרינצייג — מערן, פּעטרישקע — אָנגעלייגט, אָנגעוואָרפֿן, ווי ציגל צו אַ מויער; שוואַרצע און ווייסע רעטעכער; געשטופּלטע קילעריבן און הייפּטן קרויט, האָבן — ווי באָרוועסע אָרימעלייט ביי דער טיר — פֿונדעסטוועגן זייער חשיבֿות נישט אָנגעווירן, נאָר באַזונדערס האָבן די גרויסע באַניעס, די קעפּ קאַלאַפּיאָרן און בלוט־רויטע פּאָמידאָרן (אַלס ייִנגל האָט דניאל געמיינט, אַז פּאָמידאָרן זענען אָנגעפּילט מיט חזיר־בלוט...) — פֿון דאָס זייעריקע נישט אָפּגעטרעטן און די גאַנצע חבֿרותא באַשיינט...

און איבער דעם אַלעם אַ געקנאַל פֿון בייטשן, אַ הו־האַ און טומל, מענטשן־קולות, הירזשען פֿון פֿערד, מעקן פֿון קעלבער, בהמות — און דער האַנדל קאָכט, דער שווייס רינט, די מינוט — צאָלט...

— ווו איז פֿעלז? — פֿרעגט וואַנדאַ. אין געדראַנג האָבן זיי אים פֿאַרלוירן.

זיי קוקן זיך אַרום: טאַקע, ווו איז ער אַהינגעקומען? מ׳קאָן אים דאָך איבערפֿאָרן...

נאָר אָט קומט ער אָן, פֿעלז. דער קאָפּ זיינער זעט זיך אַרויס, ער איז אַריינגעשפּאַרט, געפֿאַנגען צווישן וועגן מיט אויפֿגעשטעלטע דישלעס און אויסגעדרייטע פֿערדישע הינטנס. ער קוקט אַרום זיך, אַ פּויער העלפֿט אים זיך אַרויסבראָדזשען. ער קומט־צו מיט אַ גרויס רויט וואָלן־טוך מיט פֿראַנזן. דאָס

טוך איז בלוט־רויט און מיט גרויסע געצאַצקעטע פייגל פון געל, גרין און גאָלד. און נאָך איידער מען הערט פון אים אַ וואָרט איז דאָס טוך אויף וואַנדעס אַקסלען.

— הימל און ערד זעט — מיין קעניגין האָט איר ריכ־טיקן פראַכט געפונען! — שרייט ער און טאָמפּעט מיט די פיס פון באַגייסטערונג און חלשט, זי זאָל דאָס נישט אויסטון.

— דו, טאָכטער פון דער פוילישער ערד! דו, וואָס דיינע האָר האָבן די קאָליר פון זאַנגען (נישט אינגאַנצן ריכטיק — זייער קאָליר איז מער ענלעך צו קופער), און דיינע אויגן — ווי די קאָרן־בלומען — דער קיאַוווער טראַכט איז פאַר דיר, ווי... ווי... אַן איי צו אַ וויין־זופּ...

— נישט גוט פאַרגלייכט, — פאַרקרומט דניאל די נאָז.

נאָר איידער פעלז פאַריכט, אָדער ענטפערט, שרייט מען הינטער זיינע פּלייצעס:

— האָלאַ, האָלאַ! אין אַ זייט!

צוויי פערדישע קעפּ שטייען אים האַרט הינטער די פּליי־צעס, אַ וואָגן אָנגעלייגט מיט שטרוי שלעפּט זיך זיי נאָך, פון הינטן גלייך — אַ פויער מיט אַ קו, אַ צווייטער — מיט אַן אויסגעשפּאַנט פערד, האַלטנדיק עס ביי דער מויל־צוים און — הו־האַ, דער מאַרק זידט, דער האַנדל ברענט...

— פּרינצעסין, גיי פאָרויס, און איך — הינטער דיר, — וויל זעטיקן מיין אויג מיטן פראַכט פון דיין אומהיל...

ווי אַ באַטרונקענער רעדט ער, פעלז. דניאל שמייכלט, אים רעגט דאָס נישט אויף, אַ פיצל נישט. עס וואַרעמט אים, אויב עס אַרט אים יאָ עפּעס, איז עס די האַרבע פראַגע: וואָס איז עס היינט מיט פעלזן?

און וואַנדאַ — יאָ, וואָס איז עס מיט וואַנדען? צי האָט זי נאָך אַזאַ יאָרמאַרק נישט געזען קיינמאָל? צי איז דען דאָס ביי איר אַ נייעס? אויך זי גייט ווי שיכור, אויך אירע אויגן קוקן מיט אַזאַ זעלטענעם קינדישן בליק אַרום זיך.

ס'איז שוין באַלד מיטאָג. די זון ברענט, דער שטויב עסט די אויגן אויס. מ'איז מיד, מ'דאַרפט אַהיים גיין. דערהערט זיך

פלוצלינג שפּילן אַ קאַטערינקע... אַ מאָדנע זאַך — דאָס שפּילן פון אַ קאַטערינקע האָט פאַר דניאלן אויך אַ באַזונדערן רייץ. עס דערמאָנט אָן דער הייטערער דערוואַרטונג פון ערב-פּרילינג. עפּעס דערמאָנט עס פון די קינדער-יאָרן. עס שווימען-אויף דע-רינערונגען, וואָס זענען קיינמאָל נישט געווען, אויסגעחלומטע דערינערונגען אָן הויט-און-פלייש, אָן לעבן, אָבער דורכזיכטיקע האַל-בלאַסע און פאַרבענקטע...

אויף פעלזן איצט מאַכט דאָס שפּילן פון דער קאַטערינקע אַ זעלטענעם רושם. ער ווערט אַזעלכער, ווי נאָך קיינמאָל נישט. ער שטייט לעבן דער קאַטערינקע, ער האַלט אַ האַנ-קליינגעלט און שיט...

— העי, ווער וויל געלט!?...

עס ווערט אַרום אים אַן אָנגעלויף... דערוואַקסענע פּויערן קייקלען זיך אויף דער ערד, וואַלגערן זיך אין שטויב, אום צו כאַפּן אַ פינף-גראָשן-מטבע... וואַרפן וואַרפט ער אָבער נאָר פאַר קינדער.

דער קאַטערינקאַזש דרייט דאָס הענטל פון דער קאַטערינקע. „נוט-נוט, נוט-נוט"... גייט אַ מעלאָדיע אַ היימישע, אַ דאָרפישע מעלאָדיע.

— ווער קאָן טאַנצן! — שרייט פעלז באַגייסטערט.

— טאַנצן! — באַפעלט ער און אַ קופּע געלט פאַלט איבער די קעפּ.

אַ ווייל שפּעטער טאַנצן קינדער אַרום דער קאַטערינקע. פעלז לאָזט זיך אויך טאַנצן, און אָט כאַפּט ער וואַנדען און טאַנצט מיט איר...

„ניין, דאָס איז שוין צו-פיל" — טראַכט דניאל. באַלד ווערט ער אָבער וויכער. דאָס טאַנצן און שפּילן שטעקט-אָן נאָך אַנדערע. עס קומען-צו קאַוואַליערן, דאָרפישע שקצים מיט אַרויס-געקעמטע פלאַקס-האָריקע „פּיאות" און היטלעך מיט דאַשקעס... אָט האַלט איינער שוין אַ „דאַמע", און אָט אַ צווייטער, אַ דריטער... נאָר באַזונדערס נעמט זיך אַרויס פעלזס גראָער קאָפּ האָר און זיין פאַרטנערין — די שלאַנקע וואַנדע אין רויטן טאַך

און האָר, וואָס לייכטן אין דער זון ווי גאָלד, ווי העל גאָלד.

דער פּלאַץ איז גרויס און ליידיק — הינטער די בוידן — די קאַטערינקע שפּילט אַלץ, דער אָנגעלויף איז גרויס; דאָס צוקלאַפּן מיט די פּיס צום טאַקט גייט מיט אַ ווילדן ריטם, מ׳טוישט זיך מיט די דאַמען... אַ פּאָליציאַנט קומט־צו מיט אַ שטרענגער מינע. ער איז גרייט אין כּעס צו ווערן, די וואָגנס שטעלן זיך אים אויף, ווי צוויי דישלעס פון אַ וואָגן. באַלד אָבער ווערט זיין פּנים ווייכער, ער צעשמייכלט זיך אויך, און ער שאַרט נאָך אַוועק די אַרומשטייערס — דער פּלאַץ זאָל זיין גרעסער.

דערנאָך גייט מען אַרויף אויפן באַרג. פּעלזס זענען באַהאָנגען מיט שנירן קרעלן, פּאַרשידן־קאָליריקע און פּאַרשידן־פאָרמיקע, — מ׳קאָן מיינען, אַז ער איז אַ קרעלן־הענדלער. פון די קעשענעס קוקן אים אַרויס ליימענע הענדלעך און פייפלעך.

זיי טרעפן־אָן די געשטופּלטע סטעטען. זי שלעפּט אויף די פּלייצעס אַ שווערן זאַק קאַרטאָפל, פּעלז פאַרלויפט איר דעם וועג און צווינגט זי אַראָפּצולייגן דעם זאַק.

— פאַני, — בעט ער זיך ביי איר — מיר, געזונטע מענער, וועלן גיין ליידיק און דו, אַ פרוי וועסט שלעפּן אַ משא?

אַז זי אַמפּערט זיך, ווייל נישט געבן די לאַסט, סטראַשעט ער:

— נישט אַנדערש די פאַני וויל, איך זאָל מיך אויפהענגען אין וואַלד פון באַליידיקונג, — און אַז גיט דער געשטופּלטער אַ שנור קרעלן און אַ פּאָר ליימענע הענדלעך, איז זי שוין גאָר צופרידן.

די מאַנסלייט שלעפּן דעם זאַק קאַרטאָפל. זי גייט דערלעבן, און איר רויט פּנים איז נאָך רויטער. זי שעמט זיך.

אין שטוב גייט די שמחה ווייטער. אַלע קינדער פון הויז האָבן שוין ליימענע הענדלעך. וויצעק מאַכט דאָס בריהש. ער פייפט און קוויטשעט, און נאָך אים זאָשקע, און דער

רוסישערס קינדער, און אויך שטיינקעס (ער האָט היפּשלעך — קליינע און גרויסע און מיטעלע...) — זיי פּייפן און קוויטשען, אַזש לעמקע איבערשרעקט זיך פון דעם גערודער און קומט אַ קוק-טון. אָבער רעדן, רעדט ער גאָרנישט. ער איז שוין נישט דרייסט, ער פילט זיך שוין נישט אַלס באַלעבאָס, ער קרימט נאָר די נאָז מיט פאַראיבל.

דאָס פענסטער איז אָפן. די זון שיינט-אַריין. עס הערט זיך אַ הוסט פון הינטער דער וואַנט. פעלז, נישט טראַכטנדיק, כאַפּט אַ שנור קרעלן און לויפט-אַריין, ער לויפט גלייך אין צווייטן שטיבל. די קרומריקנדיקע ברוקירערין שטעלט זיך אים אין וועג.

— זי איז קראַנק, נעמט קיינעם נישט אויף.

— אָבער איך בין דאָך אַ דאָקטאָר, — זאָגט דער באַרוישטער פעלז. ער רייסט זיך אַריין, אַזש דאָס קראַנקע אויסגעמאָגערטע שיקסל אין בעט הויבט זיך אונטער אַ דערשראָקענע.

— וואָס איז דיר קינד? — פרעגט פעלז אין אַ שלעכט-אַרויסגערעדט פּויליש, אָבער מיט גרויס געפיל.

זי דרייט אַוועק דעם קאָפּ צו דער וואַנט, ער אָבער באַזיגט זי לסוף — מיט זיינע ווייכע רייד. זי טוט זיך אָן די קרעלן אויפן דאַרן ביינערדיקן האַלז, ער מיטן רעדן מאַכט אָבער אַלץ קאַליע, מיט זיין וועלן זי אויפהייטערן, אַביסל פריילעך-מאַכן. זי מיינט, מוז זיין, אַז ער לאַכט פון איר — און אינמיטן רעדן זיינעם צעוויינט זי זיך פלוצלינג און ווייזט מיט דער האַנט ער זאָל אַרויסגיין.

פון דאָרט קומט פעלז אַרויס אָן דער פריילעכער שטימונג, מיט אַ פאַרשאָטנט פנים.

נאָך דעם איז פעלז מער נישט פריילעך-געוועזן, ער איז טרויעריק-געוואָרן, אַזוי פלוצלינג — ווי פריער פריילעך — און דער טרויער אין אים, איז אַלץ געוואַקסן, גרעסער-געוואָרן.

ער איז געזעסן ביים אָפענעם פענסטער, קעגנאיבער האָט זיך די זון גערוקט צום עק הימל, וואָס איבערן ווינקל וואַלד איבער די ביימער-שפּיצן, אויף דער לאָנקע איז געלעגן אַ שטיק

בלאָסע זון מיט שאָטן־פלעקן, ווי אַ העל, ערטערווייז־צעריסן פֿיילעך, דאָס שוין צוריקגעוואַקסענע מאָגערע גראָז האָט שוואַך געגלאַנצט, ווי אָפּגעבליאַקעוועטער געלער אַטלאַס־שטאָף.

פּעלזס פּנים איז געווען בלאַס, די ראַנדן אונטער די אויגן זענען געווען טונקעלער ווי תּמיד, די גראָע האָר האָבן זיך אים חשק־געהאַט צו צעשיטן איבער די אויגן. די הענט־פלאַכן האָט ער געהאַלטן אויפן פענסטער־ברעטל. די הענט פּעלזס זענען זעלטן פיינע — דינע פינגער, ווי ביי אַן איידעלער פרוי; אין היפּוך צו דניאלן, וואָס האָט גראָבע קורצע פינגער, ווי קלעצלעך. מיט מידע בליקן האָט ער געקוקט אַראָפּ צו דער לאָנקע און וואַלד. ער האָט גערעדט אין אָנהייב בלויז ווערטער, נאָר וואָס אַמאָל האַסטיקער און איבערצייגטער.

ער האָט זיך אַליין קריטיקירט — גערעדט האַרבע רייד וועגן זיין אַרבעט, אַז נישט אַזוי דאַרפט מען היינט מאָלן, נישט די צייט היינט פאַר שיין־מאָלעריי. היינט אין דער צעפלאָשעטער נאָך־מלחמה־צייט און סאָציאַלע קאַמפן, ווען די מענטשן האָבן פון זיך אַלע פייגנבלעטער אַראָפּגעוואָרפן — דאַרפט עס די קונסט אויך טון.

— ווײַ איז מיר, אַ מאַלאַזש בין איך! מיין מאָלן איז „ליטעראַטור”, נישט לעבן...

— אַנדערש, גאָר אַנדערש דאַרפט מען היינט מאָלן...

און מיטאַמאָל נעמט ער רעדן ווי פון שלאָף, אָדער ווי איינער, וואָס האָט היץ־זעונגען — ער רעדט ווי אַזוי ער וואָלט די היינטיקע צייט סימבאָליזירט אויף דער לייוונט. —

— אַ באַשעפעניש — דער בויך — אַ קעסל־פויק, אַ קאָפּ פון אַ קראָקאָדיל מיט געלע שלאַנגען־אויגן, די שטראַלן פון די אויגן זענען פייער, ווי די פלאַמען־צינגלעך פון ברענענדיקן פעך אין אַ האַרבסט־נאַכט; לאַפּעס — פון אַ שפּין מיט אייזערנע נעגל. און מיט אָט די נעגל שלעפּט עס צום גיריק אָפענעם פּיסק מענטשן — אַלט און יונג, קינדער פון די מוטערס בריסט, כּלות פון די חתנים אָרעמס, נאַגט און נאַגט און טשמאָטשקעט. צויש האָט בלוט רינט אים שוין איבער דעם

אומגעהייערן קראָקאָדיל-פּיסק... — אָט אַזאַ לעבעדיקער מולך, וואָס נאָכן אויסנאָגן און אויסזייגן דאָס בלוט און מאַרך פון זיינע קרבנות, ווען דער בויך איז אים שוין אָנגעשוואָלן, ווי אַ באַרג, — פרעסט ער אבר־מוויי זיך אַליין אויף — אָט אַ האַנט, אַ פוס — און דאָס בלוט פון זיינע אייגענע געפרעסענע אברים רינט אים איבערן פיסק, גאַוועדט. —

— און דאָס איז נישט „ליטעראַטור“? — פרעגט דניאל.

— ניין, דאָס איז די היינטיקע צייט. די צייט אָן פייגנבלאַט, ווען אַלע מיני שיינע ריידלעך זענען צוועקגעפאַלן, ווי אומנוציקע שמאַטעס, און גרויזאַם שטייט איין קלאַס קעגן צווייטן, מ׳וויקלט זיך שוין נישט אין פראַזן, אין ליבעראַלע אידייען, נאָר רוי און ציניש:

— איך האָב כוח, — פרעס איך דיך אויף, פאַרקערט: וועסט דו דאָסזעלבע טון!

— ניין, — דערהויבט ער מיטאַמאָל דעם קאָפ, — איך וואָלט די היינטיקע צייט נאָך אַנדערש געצייכנט, — אַ זון, וואָס מאַכט געלט פון דער אייגענער מוטערס שאַנד... איינער וואָס פאַרקויפט דעם פאָטערס ביינער פון קבר אַרויס...

דניאל פרעגט:

— גוט, אַזוי וואָלט איר געצייכנט די אַלטע, אַוועקגייענדיקע וועלט — עס איז דאָך אָבער דאָ נאָך אַ צווייטע, אַ געבוירנווערנדיקע וועלט, וואָס ווערט איצט בלוטיק אויסגעקעמפט, אַ יינגע, אַ נייע וועלט, וואָס וועט סוף-כל-סוף יענערס אָרט פאַרנעמען?

פעלז ענטפערט נישט, ער זיצט פאַרזונקען ווי אין אַ דרימל. מיטאַמאָל קוקט ער זיך אַרום, ווי פון שלאָף אויפגעוואַכט. ער דערבליקט נישט-ווייט פון זיך זיצן וואַנדען. די אויגן ווערן אים גרעסער. פלוצלינג גייט אונטן פאַרביי שטיינקע.

— הער שטיינקע! — רופט פעלז.

אַז שטיינקע קומט-צו צום פענסטער און קוקט-אַרויף, זאָגט פעלז:

— ווילן זי געלט פאַרדינען?

— געלט פֿאַרדינען, — צעשמייכלט זיך שטײַנקע, — אַוודאי וויל ער, אָבער — אַ שאָד — מאָרגן וועט ער דאַרפֿן די פֿערד אײַנדערהיים.

— נײַן, נישט פֿון פֿורמאַנקע.

— פֿון וואָס דען?

— מאָלן וויל איך אײַך.

— מיך מאָלן, צו וואָס, אייגנטלעך?

— אָט, מענטשן זאָלן עס זען.

— אַזוי? — צעשמייכלט זיך שטײַנקע וויכטיק. ער מאַכט זיך גלײַך די געלע וואָנסעלעך:

— הייבן זי אָן! — איז ער גרייט.

— אָבער נישט אים אַליין, נאָר צוזאַמען מיט לעמקען.

— מיט לעמקען צוזאַמען, — זעט מען, אַז שטײַנקע איז נישט צופֿרידן, מוז עס דען דורכויס זײַן צוזאַמען?

— יאָ, אומבאַדינגט.

— פֿאַרוואָס, אייגנטלעך?

— מענטשן זאָלן זען, ווי אַן אַלטער וועדט געבראָטן און געפֿרעסן...

— באַליידיקן זי נישט, — ווערט שטײַנקע שטרענג, — מיר האָבן געמאַכט אַ פּאַפּיר, געזעצלעך.

— נו, דאָס טאַקע איז עס — אָפּגעשאַכטן געריכטלעך און גרייזשעט לויט געזעץ...

אַ מאָדנער הײַנט דער פֿעלז, גאָר נישט ענלעך צו זיך.

לסוף האָט ער זיך צוגעבויגן, אַרויסגעלייגט זײַן האַנט אויף וואַנדעס קאָפּ, שטיל און לאַנגזאַם געגלעט אירע האָר, וואָס האָבן איצט אין דער שקיעה־שײַן אַזוי געבלענדט, און מיט אַ באַדויערנדיקן שמייכל, גערעדט:

— און דיך, מאַי־באַגינען, וועל איך אויך באַלד נישט זען, „דער לעצטער פֿון די טובס"... וועט מיר איבערשיקן פֿון דײַר פֿאַפּירענע גרוסן...

קאַפּיטל XXVI

די זון האָט נאָך פריינטלעך געוואַרעמט: דאָס ווינטל האָט נאָך מער געגלעט ווי געקילט. ס'איז נאָך געווען פעליקער זומער, און שוין האָט מען אין הויז געציטערט פאַרן ווינטער, וואָס וועט קומען.

אויף די ווענט, אין די שטובן, זענען נאָך נישט געווען אינגאַנצן אויסגעטריקנט די ווילגאָטש-פלעקן פון פאַריאָריקן ווינטער: גרויסע טונקעלע פלעקן — און שוין האָט מען מורא-געהאַט פאַרן פרישן ווינטער און ווילגאָטש, וואָס דערנענטערט זיך און קומט, פונקט ווי אין אַ שטוב, ווו די טרערן זענען נאָך נישט אויסגעטריקנט נאָך אַ געשטאָרבענעם און שוין גוססט ווידער אַ היימישער...

די הויז-איינוווינער האָבן געקוקט אין הימל, געציילט יעדן וואָלקן, נאָכגעקוקט יעדער כמאַרע און מיט אומצוטרוי, ווי אַ שונא, אויפגענומען יעדעס שאַרפערע ווינטל, וואָס האָט פון איבערן וואַלד צום דאַך זיך געקאָלערט:

— אָט דער, דער פאַרשאָלטענער וועט שוין ברענגען דעם האַרבסט...

ווידער האָט מען גענומען קלייבן שפענדלעך. דער וואַלד איז איצט מער געהיטן-געוואָרן... יעדעס מינדסטע העלצל, אָדער צווייגל, איז געווען אַ קרן... די קרומרוקנדיקע ברוקירערין האָט זיך געבראַנגט אויפגעקליבענע העלצלעך אַפילו פון שטאָט — פון די רינשטאָקן, פון די קופּקעס אָפּפאַל — — —

סאַמאַרינס דירה איז שוין פאַרנומען־געווען. לעמקע האָט זי נישט געדאַרפט. ער האָט שוין צוריק געוווינט אין זיין דירה. דער קראַנקער בחור, דער שניידער האָט באַקומען אַ בלוט־שטורץ און פאַר דער צייט אַנטלאָפן צוריק אין שטאָט אַריין. אָבער אויך די רוסישע האָט די דירה נישט באַקומען. אַלע אירע באַמיאונגען האָבן נישט געהאָלפן. די דירה נאָך סאַמאַרינען האָט גאָר געדונגען עמעץ פון דער שטאָט — אַ ייד אַ שוסטער. איינמאָל איז געקומען צוגיין אויפן באַרג אַ ייד, אַביסל אַ באַוואַקסענער, אָן קראַגן, דאָס העמד ביים האַלז פאַרקנעפלט אויף אַ ספינקע און מיט פאַרסמאַליעטע הענט. ער איז אַריינגעגאַנגען צו שטיינקען, אים געזאָגט, אַז ער ציט זיך אַריבער פון אַ קליין שטעטל, אַרבעטן וועט ער אין שטאָט ביי עמעצן, און דערווייל, איבערן ווינטער, וויל ער דאָ וווינען. שטיינקע האָט אַביסל געקרימט די נאָז, געלאָזט זיך בעטן, נאָר, אַז ער האָט שטיינקען אַ ווייז־געטון געלט, איז ער געוואָרן ווי אַ הונט, אַז מ׳ווייזט אים אַ ביין, געהייסן זיך געבן פאַר אַ פּאָר חדשים פאָרויס און — פאַרדונגען די דירה. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט שוין דער ייד אויבן געוווינט, ער, מיט אַ קרענקלעך ווייב, אַ גרין און געלע, גייט אויף דינע פיס, ווי אויף שטעקעלעך, און אַ דרייפערטל טוץ קינדער מיט ראַכיטישע הענטלעך און פיסלעך...

— ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס עס איז נישטאָ דאָ אַ היימישע שכנטע, צו וועמען אַביסל אַריינצוגיין — אַזוי, מיט אַלעם איבעריקן דאָ, איז די יידענע צופרידן־געווען.

איבערהויפּט, אַז עס איז נאָך געווען כמעט זומער...

— שליאַמעק, נומעק, דודעק, פּיניע און סאַליע... מירל, העניע.. — האָט זי צוזאַמענגערופן איר „פּולוואַרעק" מיט די קרומע פיס און נישט־ריינע קעפּלעך, ווי אַ קוואָקע די הינדלעך — קומט־אַראָפּ שפּאַצירן ביים וואַלד, און נעמט־מיט די קליינע צוויי.

שמידאָווסקי איז נאָך געווען ביים געגטן ווייב, אָבער דער אמתער שלום איז צווישן זיי שוין נישט געווען. ס׳האָבן

זיך שוין אָפּטער געהערט פֿון דריַיען מחלוקות, און ער איז שוין אַלץ אָפּטער און אַלץ אויף לענגער פֿאַרשוווּנדן אין שטאָט.

אין קורצן האָט מען זיך אין הויז דערוווּסט, וואָס דאָ איז: שמידאָווסקי האָט אָנגעגעבן אַן אָפּערטע און איז שוין כּמעט אָנגענומען־געוואָרן אין דער פּאָליצײַ־קאָמענדע אין שטאָט אַלס פּאָליציאַנט. דערווײַל אָבער, ביז ער וועט שוין ווערן פּאָליציאַנט, האָט ער צוביסלעך נאָכגעשפּירט די קליינע אומלעגאַלע פֿאַרזאַמלונגען אין וואַלד.

זייער אָפֿט פֿלעגן זיך אין אַ ווײַטן ווינקל וואַלד צונויפֿקומען גרופּקעס יינגלעך און מיידלעך, אָפּהאַלטן אין געהיים פֿאַרזאַמלונגען. באַזונדער זענען זיך צונויפֿגעקומען גרופּקעס אַרבעטער און, אין אַנדערע טעג און אין אַנדערע שעהן — געוועזענע שילער און שטאָטישע זינדלעך. קיין שום חברשאַפֿט צווישן די צוויי פֿאַרשידענע גרופּקעס איז נישט געווען. זיי האָבן זיך צווישן זיך אַפֿילו נישט געקענט, אָדער געמאַכט זיך נישט קענען, זיי זענען זיך פֿאַרבײַגעגאַנגען — אַז זיי האָבן זיך אַמאָל צופֿעליק באַגעגנט מיט די אַרבעטער — פֿרעמד און אומבאַקאַנט, מיט דער אַלטער שטענדיק־אַניקער גאווה און פֿון־אויבן־אַראָפּ־בליקל פֿון „העכערע" צום יונג אַן בילדונג און אַן גוט רעקל...

אין הויז האָט מען געשמועסט, אַז די אַלע געהערן צו איין פּאַרטיי, צו יענער פּאַרטיי, וואָס פֿאַר אַ מינדסט אָנגעהערן צו איר, איז מען דאָ אין לאַנד מכבד מיט אַ פּאָר זומערס און ווינטערס תּפֿיסה, — און אָט זיי, האָט שמידאָווסקי, דער קינפטיקער פּאָליציאַנט, נאָכגעשפּיאָנירט.

— שמידאָווסקי, — האָט אים סטעסע געוואָרנט, — איר וועט נאָך כאַפּן אַ קויל אין קאָפּ...

— איך טו עס דען אַלס ספּאָרט, — האָט שמידאָווסקי זיך פֿאַרענטפֿערט און וויכטיק זיך געריבן די הענט, — איך וויל קומען צום פּאָסטן מיט פֿאַרדינסטן...

פֿאַר אָט די „פֿאַרדינסטן" זײַנע האָט אויך די סטעסען מורא־געהאַט, ווײַל אויך פֿור איר שטוב און פֿון אירע זונטיק־דיקע געסט האָט שמידאָווסקי געקאָנט „מאַכן אַ געברויך", און

דערפאַר, אַז די רוסישע האָט שוין געוואָלט אַרויסוואַרפן דעם געוועזענעם מאַן, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז ער האַלט שוין צוריק אין שלום־מאַכן מיטן ווייב אין שטאָט — האָט די סטעסען זי דערפון אָפּגעהאַלטן. זי האָט זיך נישט געוואָלט פאַרפייַנטן מיטן צוקונפטיקן פּאָליציאַנט...

...און אַזוי, אייַנציקווייַז, מיטן טאָג, איז די זון געוואָרן אַלץ בלאַסער, דער וואַלד—מרוקעוואַטער און די נעכט — שוואַרצער, אומהיימלעכער...

אין די נעכט האָבן יאָמערלעך און מיט אַ ברען געוויינט די קראַנקע קינדער ביים שוסטער, דעם נייעם לאָקאַטאָר. ביי דניאלן אין שטוב, אויפן טיש, איז דאָס פאַרענדיקטע ווערק שוין געלעגן פאַרפּאַקט און אָנגעגרייט מיטצוגעבן פעלזן אין דער רעזידענץ־שטאָט צום לאָזן עס דרוקן און פאַרעפנטלעכן.

— און אפשר וועט זיך געפינען אַ פאַרלעגער, וואָס וועט אַרייַנלייגן געלט? — וויל פעלז וויסן, ווי ער זאָל האַנדלען.

— אַז עס וועט זיך געפינען, — האָב איך זיכער נישט דערקעגן, אָבער אַז ער וועט וועלן מאַכן עפּעס ענדערונגען, אָדער אַרויסגעבן עס נישט אַזוי ווי איך האָב אייך געזאָגט — וויל איך בעסער אויף אייגענע קאָסטן.

— דערפאַר אָבער, די הילע — דאָס איז שוין מיין זאַך. און דאָ האָט מיר שוין קיינער נישט אַרייַנצורעדן...

— פונדעסטוועגן, — שמייכלט דניאל, — אָבער פעלז רעדט שוין אַזוי, אַז דניאל ווייסט נישט, צי ערנסט, צי קאַטאָוועסדיק:

— מיין צייכענונג מוז אַרויסברענגען דעם גרונט־שטריך פון בוך — דעגענעראַציע.

— לויטן נאָמען, — פּרוווט דניאל אויף דער גיך אים אָפּצוהאַלטן דערפון—איז דאָ קיין שום דעגענעראַציע נישטאָ, — „דער לעצטער פון דער משפחה טוב”.

נאָר פעלז, ווי די לעצטע צייט, רעגט זיך שוין אויף, קאָכט זיך:

— און איר מיינט, אַז איר אַליין זענט נישט דעגענע-

רירט? אַ מענטש האָט זיך דאָ באַזעצט שרייבן אַ בוך... אַז איר וואָלט געווען ווי אַלע אַנדערע, וואָלט איר געזעסן אין שטאָט און געהאַנדלט מיט שניט־סחורה, אָדער מיט תבואה.

— און — איר?

— איך טאַקע אויך! דאָס יידישע פאָלק שטייט דאָך און חלשט: גיט אונז ביכער, גיט אונז בילדער...

— איך מיין גאָר קיינעם נישט צו באַשענקען, — ווערט זיך דניאל, — איך האָב נישט געשריבן פאַר קיינעמס פאַרגעניגן, גיכער פון אַלעם — פאַר מיין אייגענעם...

— און דאָך, פריינט מיינער, איילסטו דיך עס צו פאַרעפנטלעכן, — לאַכט פעלז אַרויס און דניאל האָט אים ד׳רויף נישט וואָס צו ענטפערן, ווייל אַזוי איז עס דאָך טאַקע און — פאָרט איז אויך וואָר, וואָס ער האָט געזאָגט...

— אַלץ־איינס, מיר זענען דעגענעראַטן,—פּסקנט פעלז אָפּ.

און ווידער זיין אַלטע, שוין עטלעכע מאָל איבערגעחזרטע חכמה:

— בלויז די צושטעלער פון פרעס־אַרטיקלען און ביליקע פאַרגעניגנס אַרבעטן לטובת דעם פאָלק, וויניקסטנס אין דער איצטיקער צייט...

— עס וועט אָבער קומען אַ מאָרגנדיקע צייט...

— דו מיינסט אַן איבערמאָרגנדיקע?... דו אַרבעסט פאַר דער צוקונפט? — און ער לאַכט נערוועז.

אָבער דניאל איז אויך אויפגעקאָכט:

— די, פון וועמען דו רעדסט, זענען נישט דאָס פאָלק, עס איז נאָך פאַראַנען...

— „אַ ברייטע מאַסע”, — כאַפּט אים פעלז פון מויל אַרויס און לאַכט, — נישקשה, דיין „מאַסע” גייט אין יענערס טריט.

וואַנדאַ מישט זיך אַריין:

— איר, פעלז, דאַרפט זיך, דאַכט זיך נישט באַקלאָגן...

— איר רעדט פון מיין רום? — גיט פעלז ביטער אַ לאַך. — וואַנדאַ טייערע, זאָלט איר וויסן, — ווי לאַנג איך

האָב נישט געהאַט דעם „רום״ פון די „מבינים״... זייער ר״ם, נאָך מער ווי זייער אָנפּאַלן, ווי דאָס בייסן פון זייערע פאַרזשאַווערטע ציין — וואָלט אַפילו אַ דאַ׳ ווינטשי געקאָנט פאַרסמען...

„ט אַזעלכער איז ער לעצטנס, פעלז, אָבער דניאל טראַכט, אַז פעלז ווייסט מסתמא אַליין נישט קלאָר, פאַרוואָס ער איז לעצטנס אַזוי נערוועז.

דניאל אָבער, יאָ, דניאל לערנט דרינען אַריין פשט...

...ער האָט שוין אַט היינט־מאָרגן געזאָלט אַרויסנעמען די זאַכן פון זיין שטיבל און אַוועקפאָרן, האָט זיך פונקט געמאַכט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ מחנה ציגיינער און געלאַגערט אין וואַלד — און פעלז האָט דעריבער אָפּגעלייגט זיין אַוועקפאָרן.

* *

*

די ציגיינער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין וואַלד מיט זייערע פערד־און־וועגן, מיט די קופּעס בעטגעוואַנט און רויטע שמוציקע איינשיטן, צעלייגט אויף ברייטע וועגענער, מיט לייוונטענע געצעלטן און מחנות אַרומגעריסענע צעשויבערטע קינדער.

פעלז האָט צופעליק אָנגעטראָפן זייער לאַגער אין וואַלד — ער האָט פונקט באַגעגנט עטלעכע ציגיינער מיט שוואַרצע בערד און ברייטע שוואַרצע קאַפּעליושן מיט גרינע בענדער — גיין אין שטאָט אַריין מיט קופּערנע ראָנדלעס. פעלז האָט געגאַפט זיי אין די בראָנזענע פנימער, מיט די פעסטע באַוועגלעכע פיס, נאָר אַז ער איז ווייטער געגאַנגען, איז אים אַקעגנגעקומען פון אַ געצעלט אַרויס — איינע אַ יינגע ציגיינערין מיט אַ וווקס... פנים... אויגן... און צוויי פעך־שוואַרצע, אַזש בלאָלעכע לאַנגע צעפּ, ווי צוויי שלאַנגען, כמעט ביז די טריט, — איז פעלז מיט אַן אימפּעט געקומען צו לויפן צו וואַנדען אַ פאַרכלינעטער, מיט אַ בקשה:

— אומשטערבלעכע וואַנדאַ, שוין מוזסטו מיט מיר גיין אויספועלן ביי די ציגיינער, זיי זאָלן מיר דערלויבן דאָרט מאָלן.

וואַנדערס בקשה, מיט דער הילף פון פעלוס געלט, האָט אַ פּעולה־געהאַט. פעלז האָט זיך באַלד געגומען צו דער אַר־בעט. דער יונגער ציגיינערין האָט ער אַ נאָמען־געגעבן „קלעאָ־פּאַטרע". זי איז אויף זיין בקשה געזעסן פאַרן געצעלט, ווען ער האָט עס געמאָלט.

שמידאָווסקי איז אַהין־געקומען. ער האָט מיטאַמאָל פאַר־געסן זיינע „פליכטן" אַלס צוקונפטיקער פּאָליציאַנט. ער איז צוגעקלעפּט־געוואָרן צו דער ציגיינערין מיט די צעפּ, איר נאָכ־נאָכגעקראָכן, ווי אַ ייִנגל און נאָר געגלאָצט איר אין פּנים.

אין דער טונקל־שעה זענען די עלטערע ציגיינער צוריק־געקומען פון דער שטאָט. דאָס קליינוואַרג האָט צוזאַמענגע־בראַכט צווייגן, אַ פייער האָט זיך צעפלאַקערט, עמעץ האָט זיך צעשפּילט אויף אַ האַרמאָניע, און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן טענץ, אַז די ערד האָט געציטערט אונטער די פיס.

דער עלטסטער ציגיינער, מיט צוויי אויגן, ווי קוילן ערשט פון פייער אַרויסגענומען — אָנגעטון אין אַ צעריסן רעקל מיט גרויסע זילבערנע קנעפּ, האָט מיט שמידאָווסקין אויסגעטרונקען פריינטשאַפט. (שמידאָווסקי האָט אים דערציילט וואָס ער וועט באַלד זיין...) און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ משוגענע נאַכט ביז איגדערפרי.

די קולות, שפּילן און טומל האָבן געגרייכט ביז איבערן וואַלד. פון הויז איז געקומען די רוסישע, אירע פיס האָבן זיך אַ הויב־געטון צום טאַנץ, און באַלד האָט זיך פאַר איר געפונען אַ ציגיינער און זיי האָבן זיך ביידע אַ לאָז־געטון, ווי אַ ווירבל.

אַז עס איז שפּעט־געוואָרן, דער רוסישערס קינדער האָבן געוואָלט צו דער מאַמען און האָבן געוויינט, האָט זיי די סטעסען דאָ אַהערגעבראַנגט. אַז זי האָט דערבליקט די ווילדע מעכיע און טענץ — איז זי רויט־געוואָרן, דאָס זעעוודיקע אויג האָט זיך איר צעבליצט, און דאָס געשטופּלטע פּנים, ברייט און רונדיק, ווי אַ טעלער, האָט זיך איר פעט צעשמייכלט.

און לסוף האָט זי אויך געפונען אַ בעלן; אַן עלטערן ברייט־פּלייציקן ציגיינער מיט אַ זילבערן רינגעלע אין לינקן

אויער, ווי אַ קאָזאַק. זי האָט נאָך מער דערגרייכט — דער ציגיינער, איר פּאַרטנער — האָט זיך מיט איר פאַרקליבן אין אַ געצעלט אין דער פינסטער, — נאָר צי דאָס איז איינגאַנצן אמת, איז נישט זיכער, וואָרן סך־הכּל האָט דאָס דערציילט די רוסישע, און די רוסישע, איז היינט בייז אויף דער סטעסען, ווייל זי האָט איר מיטגעברענגט די קינדער און זיי האָבן איר געשטערט אין ווייל̈ן זיך.

— דאָס האָט זי מיר מיט צופּלייס געטון, די פּאַרשיווע סוקע, — האָט זי בייז געוואָרטשעט.

פעלז איז די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן. ער איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסן אויף אַ שטאַם פון אַן אונטערגעהאַקטן בוים לעבן פייער, זיך צוגעקוקט דער ווילדער הוליאַנקע, און פון מאָל־צו־מאָל אַ צייכן־געטון אין זיין העפט.

נאָר אַז די געקומענע הויז־איינוווינער זענען דערנאָך טויט־מידע אַהיימגעקומען, האָבן זיי פּאַרן הויז אָנגעטראָפן אַ סצענע.

וויצעק, דער סטעסענס, איז געשטאַנען אין הוילן העמד און באָרוועס, און די שניידערין, איר מוטער און טאָכטער, האַלב אָנגעטוענע, אַרומגעהילטע אין קאָלדרעס און ליילעכער — זענען געשפּרונגען אַרום אים, ווי די צערייצטע הינט און געשריגן און געזידלט...

— וואָס איז, וואָס איז געשען? — אין די סטעסען צוגעלאָפן מציל־זיין איר איינציקן זון.

ווייזט זיך אַרויס: דער שניידערינס מוטער האָט דערהערט עפּעס אַ גערודער אין ערד־שטעלעכל, ווו די ציג שטייט, האָט זי אויפגעוועקט די איבעריקע און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָבן זיי אָנגעטראָפן וויצעקן זייגן מילך פון דער ציג — ער האָט דאָס געמאַכט פּשוט: זיך אַנידערגעלייגט אונטער דער ציגס בויך און מיטן מויל געגאָגט פון אייטער...

וויצעק ווידער האָט געשריגן, אַז ער איז גאָר געגאַנגען הינטערן שטעלעכל, ווייל ער האָט געדאַרפט...

— לאָזט אים אָפּ, ער איז נישט שולדיק, דאָס מאַכט איר אים אַ בילבול, — זאָגט די סטעסטען.

און וויצעק וויינט, ווייל ער שעמט זיך פאַר דער פאַננע אירענאַ — די גימנאַזיסטקע.

— אַ בילבול מאַכט מען אים, — קלאַפּט דער שניידערינס מוטער מיט דעם אָנצייגיקן מויל ווי מיט אַ שטיקל ליים, — ער האָט די ציג געביסן די ציצקעס, איצט וועט זי נישט געבן קיין מילך.

— איך ווייס פון גאָרנישט, — העשעט דער שייגעץ אַ בייז, אַ וויינענדיק.

אָבער די סטעסען מאַכט אַ סוף צום זונס חרפּה, זי נעמט אים אָן ביי דער האַנט, פירט אים אַרויס פון רעדל און זידלט נאָך אָן די שניידערין אין אײדעלן — גראָב האָט זי נישט קיין דרייסטקייט:

— „אַריסטאָקראַטקע״! האָט נישט מער צו טאָן, נאָר צו פּאַסטעווען ביינאַכט נאַקעטע ייִנגלעך.

דערנאָך טשעפּעט זי זיך פּלוצלינג צו דער רוסישער:

— אַלץ זענט איר שולדיק, שמידאָווסקאַ, ווען נישט אייערע קינדער...

דערויף האָט אָבער די רוסישע אַפּנים נאָר אויסגעקוקט:

— און מיטן ציגיינער זאַימאַ האָב איך אויך געשטיפּט אונטער דער לייוונט?

— וואָסערער זאַימאַ, וואָסערער ציגיינער? — הייבט די סטעסען נישט אָן צו וויסן. — איר זענט אַפּנים משוגע-געוואָרן!

— איך משוגע-געוואָרן — פאַרוואָס?

— פאַר דאָס!

— זאָגט איר?...

— זאָג איך! — אין זי האַרט צו איר צוגעטרעטן.

— איר — אַלטע?

— איר — יינגע!..

— איילט אייך, עס וואַרט אויף אייך אויבן דער זשיד שטאָקפּיש! — —

— און אייך האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון די קאַזאַרמעס נאָך פאַר דער מלחמה...

און ביידע, גוט צווישן זיך לעבעדיקע שכנטעס, האָבן אין פאַרבאַגינען, ביים שיין פון בלייכנדיקן מאָרגנשטערן, דאָ אויפן שטילן בערגל לעבן הויז, זיך צעקאָכט אין אַ הייסער מחלוקה...

• •
•

די ציגיינער האָבן געלאַגערט אין וואַלד ביז צוויי וואָכן צייט. זייערע קינדער מיט פאַרפּעדערטע געדרייטע האָר און אין מאָדנע אַרומגעפליקטע קליידלעך, באָרוועסע, שמוציקע — האָבן זיך אַרומגעיאָגט איבערן וואַלד מיט די אויסגעשפּאַנטע פערד; געבראָטנט אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל; פון די וועגן האָט אַראָפּגעקוקט דאָס אָנגעשוואָלענע בעטגעוואַנט — פּערענעס, ווי פאַר אַ גאַנץ פאָלק זעלנער צוצודעקן, און קישנס, ווי די אויפגעלאָפּענע, געשוואָלענע בייכער פון עוג-מלך-הבשנס...

אַרום די לאַגער-פייערן האָבן זיך געדרייערט די אָפּגעלאָזטע פייערן... די יינגע, שיינע ציגיינערין מיטן אָליוון פּנים און מאַנדל-אויגן — האָט מאַגנעטיזירט אַרום די געגנט, אַפילו פון „הויף" איז מען געקומען זי אָנקוקן...

שמידאָווסקי האָט פאַרבראַנגט גאַנצע טעג און נעכט אין לאַגער ביי די ציגיינער. ס'האָט אָנגערוקט די צייט זיך צו שטעלן אין שטאָט אין דער פאָליציי-קאָמענדע. ער אָבער האָט, ווייזט-אויס, נישט געטראַכט דערפון. ער איז רק דאָ געזעסן, געהאָלפן די ציגיינער אַרום די וועגן, אַרום לאַגער... און זיי האָבן זיך מיט אים באַנוצט, ווי מיט אַ דינער באַלד.

— הע, יינגער פאַן!...

— הע, דו, יינגער!...

און ער איז געלאָפן לויטן ווייז פון זייער פינגער, לויט

דער פּאַרע פון זייער מויל, און — מיט דער שיינער האָט מען אים פונדעסטוועגן צופיל נישט געלאָזט.

פעלז האָט שוין געהאַט געצייכנט עטלעכע סקיצן פון ציגיינער-לאַגער, אָבער ער איז אַלץ נישט אָפּגעטרעטן נאָך נאָכאַנאַנד אַרומגעקראָכן אָדער געזעסן און געקוקט.

צו פעלזן האָבן זיי זיך — להיפוך ווי צו שמידאָווסקין — יאָ גוט פאַרהאַלטן, גאָר גוט, גערעדט צו אים מיט רעספּעקט און אים אומעטום צוגעלאָזט.

דער עלטסטער ציגיינער אַליין האָט אים, מוז־זיין, מיט אַ באַזונדערן חסד, אַ רוף־געטון ווייט אין וואַלד, זיך געזעצט אויף אַ פּיעניעק און אים אַ זאָג־געטון:

— נאַ, באַרין, אָט האָסטו מיין צורה, מאָל זי.

ס'איז געווען פריילעך, אָבער סוף־כל־סוף די צייט האָט זיך גערוקט. די ציגיינער זענען אַוועק מיט זייער לאַגער, ס'איז געבליבן בלויז די פלאָקנס אין דער ערד — צייכנס פון די געצעלטן — און אַש פון די ביינאַכטיקע פייערן. פון דער צעזאָדענער תאווה, פון די האַרץ־ווייען — איז גאָרנישט געבליבן קיין אָנצייכנס... (סיידן אין דער נישט־אָנזעעוודיקער לופט, דאָרט ווו גאָרנישט גייט נישט פאַרלוירן...)

די ציגיינער זענען אַוועק, שמידאָווסקי איז אַוועק אין שטאָט, און מער פון דאָרט נישט צוריקגעקומען. אַפּנים שוין געווען פאָלגנע פּאָליציאַנט און געוווינט מיטן צווייטן ווייב צוריק — אַזוי האָט דערציילט די סטעסען (זי ווייסט אַלצדינג)!...

און ביי פעלזן איז שוין געווען פאַרפאַקט די וואַליזע אַוועקצופאָרן.

...היינט אין אָוונט פאָרט פעלז.

ביים מיטאָג, ווען זיי זענען אַלע דריי געזעסן צוזאַמען אויבן אין שטיבל, האָט דניאל, אום צו מאַכן אַ הייטערע שטימונג, אַ זאָג־געטון:

— איז, ברודער, פאָרסטו טאַקע שוין, לאָזט אונז הינטער זיך?

— יאָ, אַלטער יונג, אַז דו וועסט אַמאָל אַ שלוּקעכץ־טון, וועסטו האָבן אַ סימן..

אָבער ס׳איז געווען אַ נישט־נאַטירלעכע, געמאַכטע הייטערקייט. אין די לאַנגע שטומע פּויזעס צווישן איין שמועס און צווייטן, איז די ליידיקייט געווען אָנגעפּילט מיט שווערער שטילקייט, מיט געמיט־פאַרפּרעסטקייט.

נאָכמיטאָג האָט דניאל איבער עפּעס געדאַרפט זיין אין שטאָט, געגרעכנט באַלד אַהיימצוקומען, האָט זיך אים אָבער פאַרשלעפּט ביז פאַרנאַכט. ער האָט לסוף דערליידיקט און אַהיימגעאיילט. ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט אויף דער בריק, מיטאַמאָל האָט עמעץ אויסגעשריגן זיין נאָמען. דניאל האָט זיך אומגעקוקט — אַ דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און ס׳איז ווער צו אים אַרויסגעגאַנגען.

ס׳איז געווען פּעלז.

ער איז שוין געפאָרן צום צוג. אויף דער דראָזשקע איז געלעגן פּעלזס געפּעק. אַ חוץ דעם, צונויפגעבונדענע הילצערנע ראַמען, אָנגעצויגענע לייוונטן און אַ געשטעל...

דניאל האָט געוואָלט מיטפאָרן, באַגלייטן צום וואָקזאַל, נאָר פּעלז האָט אים אָפּגערעדט:

— גיי בעסער אַהיים, וואַנדאַ איז אַליין.

זיי זענען געשטאַנען איינער קעגן צווייטן, געדריקט זיך די הענט, זיך צעקושט און נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל. נאָר טראָץ וואָס דניאלס געמיט איז פול־געווען מיט אַ נאָענטקייט צו דעם אַוועקפאָרנדיקן, איז אָבער זיין צונג שטום־געווען. אַלץ וואָס ער האָט געפילט, איז אים דערגאַנגען ביז דער קעל, נאָר זיין צונג איז שטום־געלעגן, בלויז די אויגן זייערע האָבן גערעדט, טיף געקוקט איינער אין צווייטנס אויגן. די אויגן האָבן געענטפערט מיט פלעמלעך, מיט גלאַנצן, און די מיילער — האָבן גערעדט וועגן גלייכגילטיקע זאַכן, וועגן דער נסיעה, וועגן דעם ווערק, וואָס דניאל שיקט מיט אים מיט און באַפולמעכטיק אים טון דערמיט, ווי ער וועט פאַרשטיין.

און אָט אַזוי, נישט רעדנדיק גאָר פון דעם, מיט וואָס זיי זענען פול-געווען, איז פעלז צוריק אַריין אין דער דראָזשקע. זי האָט גענומען ווייטער פאָרן און זיי אָפּגעטיילט פון אַנאַנד אַלץ ווייטער, אויף קילאָמעטערס, אויף צענדליקער קילאָמעטערס...

ס'האָט דניאלן נישט באַנג-געטון די גרויסע שטאָט, וווּ פעלז פאָרט איצט און ער — בלייבט-איבער דאָ אין העק, צווישן שטאָט און דאָרף — דאָס נישט, לחלוטין נישט.

די שטאָט, וועלכע דניאל האָט פאַרלאָזט שוין מער ווי מיט אַ יאָר צוריק, ווען אָט דער שטאָט מיט שטויב און רויך, וווּ דעם טאָג האָט ער דורכגעלעבט אויף איין פוס, ווי מ'רויכערט-אויס אַ פאַפּיראָס פון געמיינעמשטיקעדיקן טאַבאַק און די נעכט — ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען דעם קאַלטן אַש פון די אַלע אויסגערויכערטע פאַפּיראָסן — האָט דניאל קיין שום אילוזיעס נישט געהאַט, אָבער שווער אויפן געמיט איז אים פאָרט געווען.

אַז ער איז אַהיימגעקומען, איז וואַנדאַ געזעסן ביים פענסטער. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַביסל צראָפּגעלאָזט אויף די אויפגעשטעלטע הענט:

— איך האָב געמיינט, אַז די ביסט נישטאָ, כ'האָב דיך נישט באַלד באַמערקט.

— ניין, מיר טוט אַביסל וויי דער קאָפּ און כ'בין מיד.

איר קול איז געווען, ווי אָנגעזאַפּט, און געקלונגען, ווי פון אַ וואָלקן אַרויס.

איז ער צוגעגאַנגען נענטער, און אין דער האַלב-טונקלקייט איר אַ קוק געטון אין פנים. אירע אויגן זענען געווען רויט, פאַרוויינט און אַז ער האָט מיט פאַרוואונדערונג זי אָנגעקוקט, האָט זי זיך אויפגעשטעלט און אַ פאַל-טוענדיק מיטן פנים צו דער וואַנט, האָט זי זיך אַזוי הייס און הויך צעוויינט, וואָס אַזוינס האָט ער נאָך נישט געזען פון איר.

זי האָט זיך גלייך באַהערשט, און מיט אַ קרענקלעך-בלאַסן אָבער פאָרט נישט-געצווונגענעם שמייכל זיך אָנגערופן:

— גלייב מיר, איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר צום ווײ־
נען גלוסט זיך מיר... איך ווייס נישט, — און גלייך ווידער
געוויינט.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי זאָגט אמת.

אויך אים איז שווער און אויך ער ווייסט נישט פאַר־
וואָס. און דאָס האָט אים נאָך מער געשראָקן.

קאַפּיטל XXVII

— נו, זעען זי דאָך, — נעמט די לעמקען דניאלן אַלס עדות אויף איר גערעכטיקייט און זי ווייזט-אָן מיטן קאָפּ אויפן אַלטן, וואָס זיצט ווי אַן עובר-בטל ביים טיש, און פון נישט האָבן ווי די הענט אַהינצוטון, קראַצט ער מיטן נאָגל פון פינגער די טיש-פלאַך — ער האָט דאָס פאַרמעגן אַוועקגעגעבן דעם שטיינקע, ער האָט געוואָלט שטאַרבן. איצט האָבן מיר נישט קיין איינקונפט. בלויז מיר אַליין דאַרף שטיינקע געבן, און ער, — שטעכט זי אין מאַנס זייט מיטן פינגער, — עסט עס מיר אויף.

— אָבער וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין געזונט-געוואָרן, — פאַרענטפערט זיך דער אַלטער.

— אַז דו וואָלסט נישט געוואָלט, וואָלסטו נישט געזונט-געוואָרן, דאָס האָסטו געטון נאָר מיך צו ערגערן.

דער אַלטער זיצט אין גרויס פאַרלעגנהייט, ער טוט אַ הוסטל און טרייסט זי, ווי אַ קינד, וואָס זאָגט-צו צו פאַרבעסערן — וואָס עס האָט קאַליע-געמאַכט.

— וואַרט, הילדאַ, עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן.

— דאָס זאָגסטו מיר שוין מער ווי צוויי מאָנאַטן...

לעמקע זיפצט שטיל אונטער און שווייגט.

זי שטעלט זיך אויף פון בענקל, דאָס פּנים איז איר טונקל-בלאַס און ציקט, די לאַנגע און בולטע נאָז-פליגלען ציטערן איר. די אויגן בלישטשען מיט אַן אומהיימלעכן גלאַנץ, ווי פאָספאָר, אַ ווייל קוקט זי אַריבער זיין קאָפּ, ווי זי וואָלט אַהין געצילט מיט אַ געלאָדנטער ביקס, און ווען דניאלן

פאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם פון אַנגסטיקער דערוואַרטונג, זעצט זי זיך צוריק און שווייגט פאַרשלאָפן.

...די לעמקען איז היי־יאָר, אין היפּוך צו אַלע אַנדערע יאָרן, אין דער צייט נישט משוגע־געוואָרן. מיט די ריבן פאַר די בהמות האָט זי דאָס יאָר נישט צו טון. זי רעדט נאָרמאַל, טוט נישט קיין אויסטערלישע זאַכן, און זי ווייסט אַפילו צו דערציילן, אַז ווען שטיינקע גייט אין געוועלב אין שטאָט קויפן פאַר איר זייף, אָדער גריפּן, וואָס ער מוז איר צושטעלן חודשלעך — הייסט ער זיך געבן פון ערגסטן סאָרט.

— פאַר מיינע אומזיסטע פּרעסערס, וואָס באַרייסן מיך. — אַזוי זאָל ער האָבן געזאָגט, און די לעמקען, דערציילנדיק דאָס, גיט זיך אַ כאַפּ פון אָרט ווי אַ וויכער אין פעלד. די אויגן צעשפּילן זיך איר, און זי איז גרייט אַריינצולויפן צו שטיינקען מיט דער אָנגעשאַרפטער האַק אין האַנט.

— די קינדער וועל איך אים אויסשעכטן איינציקוויייז, זאָל ער אויך האָבן ווי איך...

שטיינקע אָבער איז געלאַסן, שטיל און רויק, ער רעדט ווי מ'ציילט פּערל, טראָגט אַ פרום מינעלע און שמייכלט שטענ־דיק מיטן בלוטלאָזן פּנים הינטער די געלע וואָנסעס.

...דער האַרבסט איז ענדלעך געקומען און זיך צעלייגט אויף דער באַרג־געגנט מיט ווינטן און בלאָטעס, מיט קורצע בין־השמשות־טעג און שוואַרצע בייזע נעכט...

— גאָטס שטראָף איז נישט אויסצומיידן, — זיפצט די קרומרוקנדיקע ברוקירערין, און הויכט מיט דער פּאַרע פון מויל אויף די הענט. זי געפינט פונדעסטוועגן אַ טרייסט: — דער ווינטער וועט אויך אַמאָל אַוועקגיין און מיר וועלן נאָך דעם נייעם זומער דערלעבן.

איר, דעם אָרימען באַבעלע, איז איצט זייער שלעכט, ווי נאָך קיינמאָל. די טאָכטער איז קראַנק, אַ מין קרענק... דער דאָקטאָר איז איינמאָל געווען. ער האָט געקרימט מיט דער נאָז און געהייסן זי פירן אין שפּיטאָל, אין דער שטאָט. אין שפּיטאָל וויל מען זי אָבער נישט צונעמען, ווייל די פאָרשטאָט איבערן טייך,

געהער צו אַן אַנדערן קרייז... און די מוטער פאַרטרויט זיך וועגן דער טאָכטערס מאָדנער קרענק פאַר דער נייער שכנטע, דער יידענע — דעם שוסטערס ווייב:

— דאָס האָט איר אַ קאַוואַליער געלאָזט אָפּטון אַ בישוף, ווייל זי האָט אים נישט געוואָלט.

די סטעסען, ווען די יידענע האָט דאָס אָפּדערציילט, האָט פאַרבעסערט:

— נישט איין קאַוואַליער — גאָר אַ סך, און נישט געלאָזט אָפּטון, נאָר אַליין אָפּגעטון, — יעדערער אַביסל...

און די רוסישע האָט זיך דערביי צעלאַכט מיט איר ברייט און הויך געלעכטער:

— אַז מ'קאָן נישט קיין פולווער שמעקן, דאַרף מען נישט גיין אין מלחמה! אַזאַ היימיש קאַלב. פריער האָט זי זיך געדאַרפט לערנען, פאַרשטיין...

ס'איז ווידער האַרבסט מיט קעלט און נויט, אַזוי ווי דאָס פאָריקע יאָר... אָבער — עפּעס איז דאָס יאָר פאָרט אַנדערש לעמקע איז שוין היינט אויך דערזעלבער ווי אַלע: ליידט אויך נויט.

די געשטופּלטע האַלט דאָס אין איין דערמאָנען:

— זאָל ער אויך וויסן דעם טעם, נישט זיצן ביים וואַרעמען אויוון מיט דער פולער שיסל און אָפּלאַכן פון די, וואָס האָבן נישט...

• •

•

פעלז האָט געשריבן אין אַ בריוו:

„...ווען איך וואָלט עס געהאַלטן פאַר וויכטיק, וואָלט איך דיר דערציילט, אַז ביי די מבינים, וואָס האָבן דיין ווערק געלייענט אין כּתב־יד — האָט עס זייער אויסגענומען, אָבער — איך מיין, אַז עס לוינט נישט דערוועגן מאַריך צו זיין...”

דניאל וואָלט טאַקע יאָ געוואָלט, פעלז זאָל וועגן דעם מער שרייבן. אים אַרט פעלזס ביטול, סוף־כּל־סוף זעבען דאָך

פאָרט פאַראַן אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען — און דעריבער רופט ער זיך אָן וועגן פעלזן מיט אַ קאָפּ פאַרדרוס:

— ער האַלט פון זיך — נו!..

וואַנדאַ האָט וועגן דעם אַן אַנדערע מיינונג:

— דאָ גייט נישט אין דעם, וויפל ער האַלט פון זיך, ער איז נאָר אין כעס אויף די נישט־באַרופענע קריטיקער, אין זיין געביט איז ער פון דידאַקטיקע גענוג אויסגעשטאַנען, און די מיינונגען זייערע זענען געווען אַזעלכע, אַז ווען ער וואָלט זיי נאָכגעקומען, וואָלט ער שוין לאַנג געווען אין משוגעים־הויז...

אפשר, — טראַכט דניאל, — אַז פעלז האָט מיט איר גערעדט וועגן זיינע ענינים מער, ווי מיט אים, דניאלן.

ווייטער אַריין זענען געקומען מער בריוו פון פעלזן. זיי זענען פאַר דניאלן געווען אָנרעגנדיקע — אָנועקצווזעצן זיך שאַפן... האַלב־פרייליכע, האַלב־סקעפּטישע... מיט אַ נאָכלעסיקער איראָניע האָט ער גערעדט וועגן זיין אייגענעם רום (אַגב— וואָס קיינער דאָ ווייסט שוין נישט וואָגן אַראָפּצורייסן...) און אויך — מיט אַ גוט־באַהאַלטענער בענקשאַפט — וועגן דער אַקאַרשט־פאַרלאָפענער צייט, וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט...

...דאָס ווערק דניאלס האָט זיך שוין געזעצט און האָט געזאָלט נישט לאַנג דערשיינען. געדרוקט האָט עס זיך אויף אייגענע קאָסטן, פאַר דניאלס געלט, וואָס ער האָט נישט פאַרזוימט אַהין צוצושיקן.

אויף דניאלס אָנפרעג, צי עס וואָלט נישט גלייך געווען, אַז צום ווערק זאָל איינער, אַן אָנערקענטער, שרייבן אַ פאָרוואָרט, ווייל „דניאל טוב", אַלס מחבר, איז נאָך אַ נאָמען, וואָס זאָגט גאָרנישט — האָט פעלז מיט זיין געוויינלעכן אַביסל־איבערגעטריבענעם נוסח אַזוי געענטפערט:

„...דו פאַרלאַנגסט אַ „פאָרוואָרט", אָבער צוואָס און אויף וועמען? — אויף אַמאָל, אין דער צוקונפט — ווייסטו נישט, צי דו, דניאל טוב, וועסט נישט זיין מער אויטאָריטעט, ווי דער היינט־באַוווסטער און אָנערקענטער שרייבער; ווידער אויף היינט?

אַדרבא! איך וואָלט גערן פון דיר געוואָלט הערן, ווער, למשל — דו וואָלסט געוואָלט — זאָל דיר דאָס שרייבן? מיר לעבן, ברודער, אין אַ צייט, וואָס דער מין גייסטיקע (קאָנסט אויך אָנרופן מאָראַלישע) אויטאָריטעט איז געשטאָרבן; באַגראָבן, נישטאָ!

פאַראַנען נאָך אויטאָריטעטן — פאַרטיי־פירער — יעדער ביי זיין פאַרטיי — איז סיידן דו זאָלסט נעמען „פאָרווערטער" פון די פירער פון אַלע פאַרטייען, פון יעדער איינער פאַרטיי און פאַרטייעלע, אָבער אויך דעמאָלט, פריינט מיינער, ביסטו ערשט אויפסניי נישט יוצא... אַזוי, אַז ס'גלייכסטע איז פון קיינעם נישט צו נעמען און געדולדיק וואַרטן...

„געדולדיק וואַרטן" — מיינט ער געוויס אויפן רום, אויף די „לאָרבער־קרענץ", אָבער — טראַכט דניאל — איך מיין דאָך נישט דאָס „פאָרוואָרט" צוליב רום.

וואָס דען מיינט ער, דניאל טוב? אינעווייניק פאַרשטייט ער, וואָס ער מיינט, נאָר אַרויסברענגען עס קלאָר קאָן ער נישט.

ער מיינט — דערגריבלט ער זיך — מענטשן זאָלן עס לייענען, לייענען און זיך דורכנעמען מיט דעם צער, וואָס ליגט דערין פאַרפרעסט. נאָר אפשר איז דאָס טאַקע אויך רום, ווי פעלז פאַרשטייט עס?

אָבער אָט די מחשבות, נאָכטראַכטונגען און שמועסן מיט זיך, האָבן אַ סוף־גענומען, אָפּגעטרעטן פאַר ערנסטערע און נייטיקערע, ווייל... ווייל דניאל האָט זיך מיטאַמאָל אַרומגעזען, אַז זיין געלט־זאַפּאַס שעפּט זיך אויס און אָט־אָט בלייבט ער אָן מיטלען צום לעבן.

דאָרט, אין דער גרויסער שטאָט, פון וואַנעט ער האָט ביסלעכווייז, אין ראַטעס, באַקומען אויסגעצאָלט דעם חוב פון פאַרקויפטן הויז און ער האָט נאָך געהאַט צו באַקומען עטלעכע ראַטעס — איז עפּעס קאַליע־געוואָרן!

דער בעל־חוב דאָרט, האָט זיך אָפּגעשטעלט, נישט געוואָלט מער צאָלן, געטענהט, אַז ער האָט נישט. נאָר — צי האָט ער יאָ און וויל נישט צאָלן, אָדער ער האָט טאַקע נישט,

איז שווער געווען צו דערגיין. נאָר דער עיקר, קיין געלט איז מער נישט געווען.

די סומע, וואָס דניאל האָט אויסגעגעבן אויף אַרויסצוגעבן דאָס ווערק, האָט אָט דעם דלות-פּראָצעס נאָך צוגעיאָגט, ווי אַ שווינדזוכטיקער, אַז ער כאַפּט אַ פאַרקילונג.—(כאָטש דאָס געלט, וואָס אים איז געקומען פון הויז, איז געווען פאַרזיכערט און וועט נישט פאַרלוירן-גיין...) און ער, דער איינגאונדרייסיק-יעריקער דניאל פון דער רייכער משפחה טוב — וואָס האָט אין זיין לעבן נישט געוווסט פון בלייבן אָן מיטלען, פון נישט האָבן אויף צו קויפן ברויט צו שטילן דעם הונגער, — איז מיטאַמאָל און כמעט פּלוצלינג געשטעלט-געוואָרן פאַר דעם נאַקעטן, האַרטן פּראָבלעם:

— ווו נעמט מען אויף צו לעבן?

* *

*

ס'איז געווען שוין אמתער האַרבסט, נאָכאַנאַנד האָט גע-גאָסן אַ רעגן, אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער, אָבער כסדר געטריפט. די באַרג-געגנט איז געלעגן איינגעהילט אין שווערן פייכטן נעפּל. אַז מען האָט אַראָפּגעקוקט, איז גאָרנישט געווען צו זען, אַפילו נישט די נאָענטע בריק. אַלץ איז געלעגן פאַר-הילט אין נעפּל, ווי אין אַ וואָלקן, און אַרום איז געווען בלויז נודנער האַרבסטיקער רעגן און בלאָטע.

דאָס הויז איז איינגעשרומפּן-געוואָרן, זיך צוזאַמענגעקאָר-טשעט, ווי מענטשן אין אַ פינסטערער קאַלטער נאַכט אויף אַן עלנד געלעגער, דריקן זיך פעסט צוזאַמען, אום זיך אָנצוואַ-רעמען און אַזוי דעם עלנד נישט צו פילן.

דער עלנד און פאַרוואָרפנקייט האָט זיך איצט שטאַרק געשפּירט דאָ אין העק, ווי ערגעץ אין אַ סיבירישׁ דאָרף ביים אָנקומען פון לאַנגע האָפענונגסלאָזן ווינטער... סטעסע האָט בדעה-געהאַט צו פוס זיך צו לאָזן צו דער לעטישער גרענעץ און זיך בגנבה אַריבערקריגן; לעגאַל האָט מען אים נישט געוואָלט אַהין לאָזן, ווייל ער איז נישט רעגיסטרירט. די רוסישע האָט

אָפּגעשיקט אירע פּאַפּירן צום קאָנסול אין דער רעזידענץ־שטאָט און געוואָרט, אַז אַ ליאַדע טאָג זאָל מען זי אָהין אַרויסרופן מיט די קינדער, און זי וועט פאָרן צו די אייניקלעך. און דניאל האָט זיך אין אָט דער צייט געלאָזט אין שטאָט אַריין זוכן באַשעפטיקונג, וואָסערע ס'איז אַרבעט, אַבי צו פאַרדינען עפּעס.

און צוגעגאַנגען איז עס אַזוי:

תחילת האָט ער געזוכט ביוראָ־אַרבעט. געגאַנגען נאָכאַנאַנד, אויסגעמאָסטן די שטאָט און הינטער־שטאָט, געגאַנגען אויף שטיגן אין האַלב־טונקעלע אָפּיצינעס, זוכנדיק אַרבעט... איבערגעצייגט זיך, אַז ער וועט נישט באַקומען קיין ביוראָ־אַרבעט, האָט ער גענומען זוכן ביליקערע אַרבעט — פאַרפּאַקפּעק, אָפּטראָגן, — אָבער אויך דאָס איז נישט געווען צו קריגן. ביז לסוף — זעענדיק, אַז די נויט האָט זיך שוין האַרט־האַרט צוגערוקט, האָט זיך דניאל אַנטשלאָסן אויף אַזעלכעס, וואָס ער האָט לחלוטין נישט געוווּסט, צי ער וועט דערויף פעיק־זיין, צי זיינע כוחות זענען דערצו—אויף שוואַרצער אַרבעט אין אַ פאַבריק.

אָבער — אויך דאָס האָט ער נישט באַקומען.

— ביי מיר אַרבעט מען שבת, און איך וויל נישט אויף מיין געוויסן טראָגן, אַז אין מיין פאַבריק איז אַ ייד מחלל־שבת בפרהסיה, — האָט אים אויף זיין צודרינגלעכער בקשה געענטפערט אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד מיט אַ זיידן קאַפּעלע אויפן קאָפּ, און בייזע אויגן — אַ פּאַניר־פאַבריקאַנט.

— און אַז איבער אייך הונגערט אַ ייד, ווען איר זיצט ביים שבת־טיש?

— אַזוי! איר האָט שוין חוצפה אויך, איידער איר אַרבעט נאָך! מאַרש אַרויס! אַזעלכע גיב איך נישט קיין אַרבעט.

אַ צווייטער, שוין אָן אַ קאַפּעלע און אָן באָרד מיט אַ גאָלן קאָפּ, איבער וועלכן נאָר עטלעכע האָר זענען צעשפּרייט־געוועזן, אום די נאַקעטקייט אַזוי נישט אַרויסצוזיצן, — מיט קנייטשלעך אונטער די אויגן און אין אַ לעדערן רעקל און הויכע שטיוול, ווי אַן אַדמיניסטראַטאָר אין אַ גוט, — אַן אייגנטימער פון אַ מיל, — האָט אַנדערש געענטפערט. ער וואָלט

אפשר גאָרנישט געענטפערט, נאָר דניאל איז אַהינגעקומען מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון זיין שמאָליקן חבר, הער שאַמאַס.

— איך האָב אַ פרינציפּ נישט אָנצונעמען קיין יידן אין מיין מיל. ס'וועט קיינער נישט וואַגן צו זאָגן, אַז איך בין אַ שלעכטער ייד. וויפל מיך קאָסט אַ יאָר צדקה, פאַרדינען דאָס נישט צען אַרבעטער. דאָס יידישע שפּיטאָל הי איז אויך נאָר אַ דאַנק מיר פאַרענדיקט געוואָרן (דניאל האָט געוווסט, אַז דאָס אין אמת — אויף דער מויער פון דרויסן גלאַנצט־אַראָפּ מיט גאָלד־אותיות זיין און זיין פרויס נעמען), און אַחוץ דעם גיב איך נאָך אויף אַנדערע יידישע באַדערפעניש אויך, אָבער צונעמען יידן צו דער אַרבעט — אפילו אין אויסנאַמספאַלן אויך נישט.

ווידער, אַן אַנדערער פון אַן אייל־פאַבריק — אַ ריינגעגאָלטער מיט שטשור־אייגעלעך, מיט אַ דיקן בויך, אַזש די פיס האָבן זיך אים געבויגן אונטער דער גוף־משא.

דניאל האָט אים פונקט אָנגעטראָפן אין זיין קאָנטאָרל זיצן איבער אַ פּאַק אויפשניט פון אַ פאַרפעצט פּאַפּיר, צוביסנדיק זיסע זעמל און צוטרינקענדיק ביר פון אַ פלאַש אַרויס. ער האָט נאָך אָריגינעלער און, ווי עס פּאַסט פאַר זיין פרעסערישן מהות, געענטפערט:

— איך וואָלט נישט געקאָנט צוקוקן, ווי אַ ייד אַרבעט שווער און ביטער אויף מיר; שלעפּט „קיכנס" און קייקלט סונען־אייל, וועל איך מוזן איינבייגן און אויך העלפן אים. און איך, ווי איר קוקט מיך אָן, בין נישט פעיק שוין מיטצואַרבעטן.

נאָר נאָך אַן אַנדערער — אַן אייגנטימער פון אַ זייף־פאַבריק מיט אַ ברייטער צעקעמטער בלאָנדער באָרד, ווי ערשט פון מרחץ אַרויס — האָט דניאלן אַנדערש געענטפערט אויף זיין בקשה צו געבן אים אַרבעט:

— צוויי טעג אין דער וואָך קאָן מיין פאַבריק נישט רוען, און אַז אַ ייד, ווי איר, למשל, לייגט מיר פאָר צו אַרבעטן שבת, זענט איר ערגער ווי אַ גוי — און אַזעלכן גיב איך נישט צו פאַרדינען. — און אַ פאָר־געבנדיק

ויך מיט אַלע פינף פינגער איבער דער ברייטער און האַלב־רונ־
דיקער באָרד, האָט ער צוגעגעבן מיט אָפענעם פאַראיבל צו איי־
נעם אַ ייִנגערן — קענטיק זיינס אַ זון — וואָס האָט עפעס גע־
שריבן אין אַ קאַנטאָר־בוך:

— אַזעלכע קאָנען מיר נאָך די גויים צעבונטעווען און ס'פאַרמעגנס צעטראָגן.

קאַפּיטל XXVIII

— וואָס גייסטו עפּעס כּסדר אויף גאַנצע טעג אין שטאָט? — פרעגט וואַנדאַ, — צי דאָס האָט עפּעס אַ שייכות צום ווערק, וואָס מען דרוקט דיר?

— אַביסל, — ענטפערט דניאל אויסמיידנדיק, ער וויל בשום־אופן נישט, וואַנדאַ זאָל זיך דערוויסן דעם אמת, פאַר־וואָס ער גייט נאָכאַנאַנד אין שטאָט.

— אַביסל, — זאָגט וואַנדאַ און פאַרטראַכט זיך, — הייסט עס, אַז נישט דאָס איז די סיבה.

זי האָט אים אַ לענגערע ווייל געננוי און שווייגנדיק אָנגעקוקט. צי זי האָט דעם אמת אַראָפּגעלייענט פון זיין פּנים, צי נישט, איז דניאלן נישט קלאָר־געווען; געריידט האָט זי מער נישט דערוועגן. זי האָט אים פּלוצלינג אַרומגענומען און אַ גלעט־געטון איבערן פּנים. דניאל איז געוווינט צו אירע צערטלעכקייטן, דאָך האָט ער נישט באַנומען, פאַרוואָס אירע אויגן האָבן דאָס מאָל מיט נישט־געוויינלעכער האַרציקייט זיך אַ טוק־געטון אין זיינע.

עטלעכע טעג שפּעטער, אין אַ פאַרנאַכט, ווען דניאל איז געקומען פון אומזיסטן אַרומבלאָנקען איבער דער שטאָט און זוכן אַרבעט — איז אינדערהיים געווען צוגעשלאָסן. ער האָט געוואַרט אַ היפּשע צייט, אַראָפּגעגאַנגען אַביסל צו לעמקען, ס'איז שוין געוואָרן פינסטער, און וואַנדאַ איז אַלץ נאָך נישט געווען.

אין דרויסן האָט געזיפּעט אַ שטעכיק רעגנדל, דער פאַר־

נאַכט האָט געפּוילט אַזוי אײַביקדיק און האָפּענונגסלאָז, ווי עס וואָלט פון תמיד אָן אַזוי געווען אָן אָפּוועקסלונג, גלײַך ווי דער פרילינג און זומער וואָלטן געווען אויסגעטראַכט פון מענטשן אין די מעשה-ביכלעך, אײַנצושלעפערן דערמיט קינדער — אַזוי וויסט גראָ און אײַנטעניק איז געווען. אין הויז האָט געלויערט אַ טריבע שטילקייט, אַפילו קיין הונט האָט נישט קיין ביל-געגעבן, קיין הון האָט נישט אַ קראַ-געטון. בלויז די לעמקעס האָט נישט פאַרגעסן אירע טענות צום מאַן, פאַרוואָס ער איז געזונט-געוואָרן...

— ביידע קאָנען מיר נישט לעבן, אַלטער, אָדער דו, אָדער איך, — האָט זי אים מיט די משוגענע אויגן געוואָרנט.
און דער אַלטער האָט הילפלאָז, ווי אַ קריפּל, זי אָנגעקוקט...

וואַנדאַ איז געקומען שפּעטלעך. זי איז געווען רירעוודיק און צופרידן, און דניאל האָט נישט לאַנג געדאַרפט פאָרשן, איז ער געוויר-געוואָרן.

אָט וואָס ער איז געוויר-געוואָרן:

וואַנדאַ האָט שוין לאַנג געהאַט אַ חשד, אַז זײַנע שפּאַצירונגען אין שטאָט, זענען נישט קיין גלאַט שפּאַצירונגען. זי האָט זיך שוין לאַנג משער-געווען, נאָר אַז זי איז עס געווויר דערגאַנגען, האָט זי זיך אויך אַ לאָז-געטון אין שטאָט זוכן אַרבעט און — זי האָט געפונען.

היינט האָט זי שוין געאַרבעט און איצט טאַקע קומט זי פון דאָרט.

— ביי וואָס פאַרא אַרבעט? — אינטערעסירט זיך דניאל, און ער טראַכט מיט ביטערניש, אַז זי — אַ פרוי — וועט איצט פאַר אים אַרבעטן.

זי האָט נישט גלײַך געענטפערט אויף זײַן פרעג:

— ס'איז דען אַן אונטערשיד ביי וואָס, — פּרוווט זי זיך אַרויסמאַכן.

אין ווייטערדיקן שמועס ווײַזט זיך אַרויס, אַז איר איז אויך נישט אַזוי לײַכט אָנגעקומען צו קריגן אַרבעט. קריגן האָט

זי, אייגנטלעך, יאָ וועקאַנט, נאָר נישט אויף באַלד צו באַקומען באַצאָלט. ערשט לסוף האָט זיך איר איינגעגעבן אָנצוקומען בײַ אַן אַרבעט, וואָס זי קאָן, און — באַצאָלט אויך נישט שלעכט.

— אָבער בײַ וואָס? — ווערט שוין דניאל אויך אַן אמת נײַגעריק.

זי שווײַגט אַ ווײַל, רויטלט זיך. דניאלס נײַגעריקייט און אומרו וואַקסט, זי, דערקענט ער, קעמפט מיט זיך, און נאָך אַן אָנשטרענגונג פאַלט איר קלאָרער ענטפער:

— בײַ קירכלעכער אַרבעט.

— אַה! — האָט ער לײַכטער אָפּגעזיפצט און ס'האָט אים אויף זיך אַליין פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַזוי צודרינגלעך געווען, און נאָך מער, וואָס ער האָט געוואָגט צו טראַכטן עפּעס אומרויקס...

— בײַ קירכן־אַרבעט? — פרעגט ער איבער.

— יאָ, אויסנייען און שטיקן פאַר דער קירך און פאַר גלחים.

— און דו קאָנסט דאָס?

— יאָ, אַלס קינד האָט מען מיך דאָס געלערנט בײַ די קרובים.

— פונקט דאָס?

— דאָרט אין הויז איז אויך געווען אַזאַ ווערקשטוב.

...און טעג גייען כסדר איינער נאָכן אַנדערן, קורצע גראָע טעג פאַרשווינדן דאָרט הינטער די געדיכטע וועלדער, שטאַרבן־אָפּ, ווי קינדער־קריפּלס, טריבע, פאַרחושכטע... וואַנדאַ גייט יעדן אינדערפרי צו דער אַרבעט בײַ די קירכן־זאַכן, נייט, שטיקט מיט קאָלירטע פעדעם און מיט גאָלד הייליקע מלבושים פאַר גלחים בעת דער עבודה און פאַר דער קירך...

דניאלן וווּנדערט ווי אַזוי זי קאָן זיך געפינען דאָרט אין אַזאַ סביבה פון עלטערע צניעות, הייליקע שוועסטער און בײַ אַזאַ אַרבעט, אָבער ער פרעגט גאָר נישט. ער עסט נאָך פון איר פאַרדינסט, ער האָט קיין שום עצה נישט. ער קאָן זיך צו גאָר־

נישט נעמען. ער האָט שוין אַפילו געוואָלט ווערן אַ טרעגער ביי דער באַן, אַנידערגעשטעלט זיך ביים וואָקזאַל און געפּרוווט נעמען פּעק פון די צופאָרנגעקומענע, לאָזט מען אים צו דעם אויך נישט צו. ער האָט געוואָלט דווקא האָט נישט קיין סך געפעלט, ער זאָל כאַפּן קלעפּ.

— מיר האָבן א פאַריין, — האָט אים איינער, אין אַ רויט היטל מיט אַ נומער צווויסן־געטון, — און היט אייך אונז צו גיין אין וועג אַריין.

— טאָ נעמט מיך אויך אַריין אין פאַריין, — טענהט דניאל.

— דאָס גייט נישט אַזוי לייכט, — רירט יענער מיט די צוויי אַראָפּהענגענדיקע טונקעלע וואָנסעס, ווי אַ ראַק מיט די הערנדלעך, — און איבעריקנס, ביי אונז איז שוין דאָ גענוג יידן...

— „גענוג יידן" — סך־הכל צוויי יידישע טרעגער זעט דניאל, נאָר גיי טענה, אַז עס איז אַפילו נישטאָ צו וועמען צו טענהן. ס'הייסט: דאָ איז יאָ — זיי שטייען אַרום מיט בייזע פּנימער און פויסטן, גרייט צו שלאָגן, ווי ער וואָלט זיי ממש באַראַבעוועט מיט דעם, וואָס ער וויל אויך פאַרדינען אויף ברויט — נאָר קיין אויערן צו הערן, וואָס ער רעדט, האָבן זיי נישט.

אָט אַזוי איז ער שוין געקומען, דניאל טוב. אַלץ טוט ער — וואַנדאַ זאָל אַרויס פון יענער סביבה און ער זאָל פון איר פאַרדינסט נישט עסן, אָבער — עס העלפט נישט.

גייט וואַנדאַ כסדר יעדן אינדערפרי צו דער אַרבעט דאָרט, און יעדע וואָך ברענגט זי געלט און דניאל, ווי ער וויל דאָס נישט פון זיך פאַרטרייבן, עגבערט אים נאָכאַנאַנד איין געדאַנק: „ווי אַזוי פאַרט קאָן זי זיך געפינען אין יענער סביבה", און קיין שום באַשייד געפינט ער נישט אין זיך.

ער באַמערקט, וואַנדאַ זעט שלעכט אויס — מיט אונטערגעשלאָגענע רייפן אונטער די אויגן. נאָר — צווייפלט ער —

ווער ווייסט, צי דאָס איז פון מאָראַלישע ליידן, אפשר פשוט פון שווערער אַרבעט?

נאָר צי דען קאָן נישט געבן דערויף קיין אָנדייטונג — דאָס, וואָס אַזוי ווי זי קומט נאָר אַהיים, רעדט זי נישט קיין וואָרט אַנדערש ווי יידיש? אפילו נישט קיין איין וואָרט פּויליש — מעגלעך קאָן מען דערין געפינען דעם שליסל צו קאָנען אַריינדרינגען, פון וואָס זי ליידט דאָרט און פאַרוואָס זי זעט שלעכט אויס?

איינמאָל אין אָוונט, נאָכן איבערלייענען צוזאַמען אַ בריוו פון פעלן און פילנדיק זיך אַביסל דערהויבן, האָט וואַנדאַ, אַזוי ווי צופעליק, געלאָזט פאַלן אַ פּאָר ווערטער:

— זעסט, דניאל, איך טראַכט, אַז דער מענטש קאָן זיך אָפּטמאָל אַליין נישט.

— וועגן וואָס מיינסטו?

— ניין, קעגן מיר...

— אַז? — העלפט ער איר אַרויס.

— אין אָנהייב, — זאָגט זי, — איז מיר געווען אַזוי ענג און כ׳האָב מיך געפילט אַזוי שלעכט דאָרט אין דער ווערקשטוב, אַז איך האָב עס שוין געוואָלט וואַרפן מער ווי איינמאָל.

— איך מיין אויך אַזוי, — כאַפּט ער זיך דערין אָן.

— ניין, דו מיינסט נישט ריכטיק. איך האָב מיך אַזוי אויסגעאַרבעט, אַזוי געהאַרטעוועט, אַז איך זיץ דאָרט ווי טויב און שטום. דו וואָלסט מיך נישט דערקענט. איך אַליין דערקען מיך אויך נישט. און ערשט, אַז איך קום אַרויס, ווער איך צוריק די אייגענע.

— וואָס, דו רעדסט דאָרט צו קיינעם קיין וואָרט נישט?

— אין אַ ווערקשטוב מוז מען רעדן, — קלערט זי אויף, — אין אַ ווערקשטוב טאָר מען זיך נישט פונדערווייטנס האַלטן. און איך רעד טאַקע און איך לאַך, אָבער — נישט איך טו דאָס, — אַ מאַשין, אַן אויטאָמאַט רעדט, עמפּעריט זיי און אינטערעסירט זיך מיט דעם וואָס זיי.

— און גראָבע רייד הערט מען דאָרט אויך! — פרעגט ער, און דאָס האַרץ צעגייט אים פון מיטלייד.

— דאָס נישט, דאָרט קומען אָפט אַריין גלחים, קירכן-דינער... נאָר אַזוי ווי עלטערע מיידלעך און פרומע ווייבער רעדן...

— נישט לאַנג, קינד, — גלעט ער אירע האָר און קושט זי, — איך וועל נאָר זיך צו עפּעס דערשלאָגן, איך מיין, אַז ס'וועט מיר פּאַרט געלונגען, און געלט קומט מיר אויך נאָך...

— זאָל דיך דאָס נישט אַרן, — טרייסט זי אים, — איך האָב שוין לאַנג געוואָלט גיין אַרבעטן, און איך באַדויער... — נאָר אַז ער גיט איר אַ קוק אין פּנים, דרייט זי אירס אַוועק, ער זאָל נישט זעען אירע טרערן-פולע אויגן.

נאָך אַ ווייל גיט זי צו:

— שפּעטער, אַז ס'וועט זיך אָנהייבן דער סעזאָן, וועל איך מיך אַרומזען, אפשר ביי אַ שניידערין, איך קאָן אַביסל נייען.

נאָר קיין סך וויל זי דערוועגן נישט רעדן. זי נעמט בעסער שמועסן וועגן דניאלס ווערק, וואָס דרוקט זיך...

— ער הייטערט אונז אויף מיט זיינע בריוו, — זאָגט זי וועגן פעלזן, און דניאל, אום זי פריילעך צו מאַכן, זאָגט-אַרויס אַ סברה, אין וועלכער ער אַליין גלייבט ווייניק, נאָר וואָס פעלז האָט אַמאָל געלאָזט פאַלן:

— אַז עס וועט אַרויס פון דרוק, וועט פעלז אַוודאי אַהערקומען מיט אַן עקזעמפּלאַר.

— דו מיינסט אַזוי? — שטעל זי אויף אים אַן איר בליק און וואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

— נישט איך מיין, נאָר ער האָט מיר אַזוי געזאָגט. פאַרן אַוועקפאָרן האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווען דאָס ווערק וועט אַרויס פון דרוק, קומט ער אַהער אויף אַ פּאָר טעג.

וואַנדערן לייכטן-אויף די בלאָע אויגן:

— אַז ער האָט געזאָגט, וועט ער קומען, זיכער! — זי

זאָגט מער גאָרנישט, נאָר דניאל הערט ווי דרינגען, אין ערשטן שטיבל, ווו זי איז אַריינגעגאַנגען, צעזינגט זי זיך...

און דאָס דערציילט אים פון איר פרייד.

און אים פריידט דאָס. ס'איז דאָך איצט אַזוי זעלטן דאָ אין שטיבל אַביסל פרייד...

* * *

סטעסען איז צוגעגעסן-געוואָרן דאָס לעבן אויפן באַרג און נאָך מער — דאָס אַרבעטן אַלס נישט-קוואַליפיצירטער אַרבעטער אין דער פּאַפּיר-פאַבריק, ער האָט אַלץ אָפטער דערמאָנט זיין אַמאָליק לעבן אין מיליטער, אַלס באַצאָלטער עלטערער וואַכמייסטער, זיין פרייער זאָרגלאָזער טאָג אין דער רוסישער קאַזאַרמע, אַמאָל...

שוין פון סוף זומער האָט ער גערעדט וועגן אַוועקלאָזן זיך אַהיים קיין לעטלאַנד, און אַז דער האַרבסט איז געקומען, אַרבעטן איז אים איצט אויסגעקומען צומיינסטן אין דרויסן ביים סאָרטירן דאָס האָלץ צו דער מיל, — האָט ער אין איינעם אַ טאָג, נאָך דער אויסצאָלונג, געוואָרפן די אַרבעט און אַהיימגעגאַנגען זיך מאַכן דאָס פּעקל.

און אָט איז ער גרייט, סטעסע, אין וועג אַריין.

נאָכמיטאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אין די שטובן זיך געזעגענען, ער איז אַריינגעקומען צו דניאלן. ער האָט אַראָפּגעלייגט פון זיך דעם פּאַק פאַרבונדן אין אַ זאַק. ער האָט געהאַט אויפן קאָפּ אַ שווער אַלט היטל, אויף די פיס — טיפּע טרעפּעס. פון זאַק האָט אַרויסגעקוקט אַ צווייטע פּאָר טרעפּעס מיט נייע הילצערנע זוילן. ער האָט דניאלן געגעבן די האַנט, לאַנג זי געדריקט, וואַנדען האָט ער העפלעך אַ קוש-געטון אין האַנט, געבעטן דניאלן אַמאָל אַ קוק צו טון אַריין צו זיין ווייב און קינדער, זיי זאָלן נישט הונגערן — צוריק אָנגעלאָדן אויף זיך דעם פּאַק, אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און געלאָזט זיך גיין פון באַרג צו דער בריק-צו.

נישט לאַנג דערנאָך, איז אַוועקגעפאָרן די רוסישע מיט

די צוויי קינדער. זי איז געפאָרן בריווחדיקער, לעגאַל, זי האָט זיך לאַנג געמאַכט די פּעק, אויפגעבונדן און ווידער צוגעבונדן... דורכן שליסל-לאָך האָבן אַריינגעקוקט די קרומרוקנדיקע ברוקירערין און דער שניידערינס מוטער; געוואָלט דערקענען צווישן דעם, וואָס זי פּאַקט-אַריין אין קופער, אויך זייערע זאַכן, וואָס זענען זיי דורך דער צייט פאַרלוירן-געוואָרן, אָדער געגנבעט-געוואָרן פון דער שטריק, צי פון פּלויט, ווו די וועש האָט זיך געטריקנט.

— נישט אַמאָל, דאָס — אייערס? אָ-אָ, דאָס רויטלעכע מיט די טונקעלע פּעסלעך... ניין? און אָט דאָס, נאַ, זאָל נאָר די פּאַני קוקן... אַ קלייד צי אַ העמד, בלאָלעך...

— אָ, דאָס איז מיין, זיכער מיין! — האָט די קרומרוקנדיקע ברוקירערין שיער אַ שפּרונג-געטון. — יאַדוויגעס יאַקע, פון דער שטריק-אַראָפּ איז זי מיר פאַרפאַלן-געוואָרן. ניין, — כאַפּט זי זיך באַלד צוריק אַן אַנטוישטע, — דאָס איז דאָך גאָר מייטקעס... האַ, מסתמא האָט זי עס איבערגעמאַכט שוין, די שעלמע קאַצאַפּקע...

— ששש... שרייט נישט אַזוי, זיי וועלן נאָך דערהערן, — וואָרנט דער שניידערינס מוטער.

זיי האָבן אַזוי לאַנג געשעפּטשעט און געמורמלט הינטער דער טיר, ביז מ'האָט דרינען דערהערט. די געשטופּלטע האָט האַסטיק און ברייט אַן עפן-געגעבן די טיר, און די רוסישע האָט הילכיק אַ געשריי-געטון מיט אַ ברייטן מאַך מיט דער האַנט:

— פּראָשען, קומט-אַריין אינעווייניק!

זענען זיי זיך צעלאָפן ווי די מייז, און די רוסישע האָט אַביסל דערהויבן איר קול הינטער דער ברוקירערינס טיר שוין...

זי האָט נישט לאַנג געשריגן, די רוסישע, אַפּנים נאָר ווי פון יוצא-וועגן. זי האָט נישט לאַנג צייט געהאַט. עס איז געקומען דער [illegible]ר וואַלד-וועכטער, אַ נעם-געטון איר פּאַק און גשיאַנגע. הינטער אים די רוסישע מיט די צוויי אויסטערליי[illegible]דיק און שווער פאַרבאַבלטע קינדער, וואָס האָבן זיך

קוים געקאָנט רירן, און די מוטער האָט זיי געמוזט אונטערשטופּן, ווי צוויי קעלבלעך...

דערנאָך, שפּעטער, איז דער וואַלד-וועכטער אַליין צוריקגעקומען, אַ טרעט-אָפּ געטון בײַ דער סטעסען און אַוועגעגאַנגען.

די רוסישע איז אַוועקגעפאָרן, סטעסע — פון פריער נאָך נישט געווען, סאַמאַרין האָט שוין לאַנג נישט געוווינט דאָ. די הויז-אײַנוווינער האָבן זיך אָנגעהויבן איבער דער וועלט צעשפּרייטן. דאָס הויז האָט געבענקט נאָך זיי. ס'איז געווען טויטשטיל און אומעטיק אין די אָוונטן איז געווען אַזוי שאַ-שטיל, אַזש אומהיימלעך שטיל. — בלויז די קעץ אויפן בוידעם אונטערן דאַך האָבן געמיאַוקעט, געריסן זיך די גאָרגלען, ווי קליינע קינדער וואָלטן געקלאָגט, און די ווינטן פון איבערן וואַלד האָבן באַוואַכט דאָס הויז. די קינדער בײַ די שוסטערין — די יידענע, האָבן אין די נעכט געיאָמערט. ווײַטער איז געווען שטיל שטום, ווי ערגעץ הינטער די הרי-חושך, און נאָר זעלטן אַמאָל אין דער טיפער נאַכט, אַז דער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט, ווי אַ קראַנק נערוועז קינד, אַז עס שלאָפט אויף אַ ווײַל אײַן — איז געווען אַזוי זעלטן שטיל, אָנגענעם שטיל, אַזש עס האָט זיך געהערט, ווי אונטן אויפן טראַקט פאָרט אַ וואָגן, אָדער ווי דער צוג לויפט-דורך אויף די רעלסן פון יענער זייט טײַך, און ס'איז אַזוי שטיל-געווען, ביז דער קאַפּריזנער ווינט האָט זיך אויפגעכאַפּט און ווידער גענומען בייז ברומען, רוישן...

דאָס איז געווען שוין טיף אין שפּעט-האַרבסט, און דעמאָלט האָט זיך געמאַכט, אַז דניאל האָט נאָך לאַנג און אָנגעשטרענגט זוכן — געפונען אַרבעט אין אַ געשעפט פון פאַרב, שמירעכטס און אײַזן — פון אַלעם צו ביסלעך, — אַלס פּאַקער און אָפּטראָגער. נאָך אַ וואָך זײַן, האָט ער שוין עפּעס פאַרדינט, און נאָך אַ חודש — עפּעס מער.

קאַפּיטל XXIX

האָט זיך איינמאָל דער לעמקען פאַרגלוסט זיך אויסצופוצן. זי האָט זיך אָנגעטון אַ קרעם לאַנג קלייד מיט אַ קריגאָלינע, אַ קורץ, געפּאַסט אַלט-פרענקיש יאַקל, באַפּוצט מיט טיול און שפּיצן, שיך — פון ווייסן זיידענעם שטאָף מיט לאַנגע אויסגעצויגענע דינע שפּיצן... אין אָט דער גאַנצער גאַרדעראָבע פון פאַר פופציק יאָר צוריק, צו איר חתונה — האָט זי זיך אויסגעסטראָיעט, און גענומענדיק אין האַנט אַ שירעמל — צוגעפּאַסט צו דעמדאָזיקן „שטאַט" — האָט זי זיך שטאָלץ און מיט זעלבסטווערדע געלאָזט גיין פון באַרג צו דער שטאָט, נישט זעענדיק גאָר און נישט מאַכנדיק זיך דערפון, וואָס אַ מחנה קינדער און דערוואַקסענע לויפן איר נאָך...

דאָס איז געווען איינגאַנצן מיט אַ האַלב יאָר צוריק, זומער-צייט אין אַ זונטיק, דעמאָלט האָט זיך נאָך די לעמקען געפילט אַלס באַלעבאָסטע, און דאָס איינציקע, וואָס האָט געקוועלט איר אַלטן חסר-דעהדיקן קאָפּ, איז געווען: אַז זי האַלט זיך נישט אויף דער געהעריקער מדרגה פון אַ פאַרמעגלעכער לאַנדווירטין, גייט נישט אָנגעטון גרויסאַרטיק, ווי די „הערשאַפטן פון דער שטאָט".

יענע צייט איז שוין איצט אַוועק, היינט איז איר שוין נישט דער קאָפּ צו דעם און נישט דאָס געמיט. היינט איז לעמקען אַזוי שלעכט, ווי זיינע אָרימע איינוווינער אויבן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך כסדר ווארפן... ניין, נאָך ערגער איז אים...

שטײנקע איז באַלעבאָס, און לעמקע — װאָס איז בײ אים לעמקע? אַ בעטלער, אַ שמאַטע, אַ הונט, װאָס מ'איז מחויב צוצװואַרפן פון צײט־צו־צײט אַ בראָקן. אַ הונט היט כאָטש דערפאַר דאָס פאַרמעגנס, לעמקע אָבער — גאָרנישט, ער פרעסט אומנײטיק ברױט — זײן, שטײנקעס, ברױט, און מ'מוז נאָך נאָך אים לאָזן רײניקן דאָס מיסט־גרוב. שטײנקע פאַרגינט זיך נישט צו נעמען עמעצן צום רײניקן דאָס מיסט פון גרוב. שטײנקע טוט עס אַלײן; אַלײן שטײט ער ביז צו די קני אין מיסט און נעמט־אַרױס מיט אַ „װידלע" „קוכנס" מיסט... װען ער טוט דאָס, טראַכט ער נישט אַזױ װײט פון די אײנװױנער, װאָס װױנען דאָ „כמעט בחינם" און ער קאָן זײ נישט אַרױס־װאַרפן, װײל דאָס געזעץ דערלױבט עס נישט — נאָר פון לעמקען טראַכט ער, פון דעם בערגל, װאָס לעמקע לײגט־צו צו דעם מיסט... נאָר דאָס האָט ער אין זין, און עס קרענקט אים און דער כעס קאָכט אין אים, און ער װאַרפט בײזע בליקן צום פענסטער פון לעמקעס שטוב...

— אַלטער בלוטזױגער, פאַרפלוכטער...

ער, לעמקע, מײדט טאַקע אױס שטײנקען. ער פילט, מוז זײן, װאָס שטײנקע טראַכט װעגן אים, ער מײדט אים אױס, נאָר זאָגט אים פונדעסטװעגן דרך־ארצדיק „גוט־מאָרגן". לעמקע פילט זיך שױן אײנגאַנצן אַלס עובר־בטל, נישט װי שטײנקע װאָלט אים אױסגענאַרט ס'פאַרמעגן, נאָר װי ער װאָלט ס'גאַנצע לעבן געגעסן לאַסקע־ברױט פון שטײנקען — זי אָבער, די לעמ־קען, שװײגט נישט, זי בײגט נישט דעם קאָפּ פאַר שטײנקען...

שיקט איר שטײנקע אַרײן צום חודשלעכן אַלימענט אַ שטיק געמײנע זײף, װאָס שױמט זיך נישט און פרעסט־אָפּ די הױט, — עפנט זי די טיר און װאַרפט עס אים צוריק אין קאָפּ, אַז עס גײט אַ הוק, װי עס װאָלט געװען נישט זײף, נאָר אַ שטיק ציגל. — לײגט ער אָפּ צװײגן און פאַרלײגט דער־מיט לעמקעס פענסטער, — אַז אין שטוב װערט פינסטער איבערן באַרג צװײגן, — לאָזט זי זיך קעגן אים מיט אַ דראָנג; טומלען זײנע קינדער אין הױז — שעדיקט זי זײ אָפּ, אַז זײ

לויפן-אַריין מיט אַ געוויין, אַז דער פּאָטער קומט זיך אויס-טענהן — קוקט זי אים אָן מיט איר צעבּרענטן בּליק:

— רויבּער! בּאַנדיט! איך אָדער דו — איינער פון אונז בּיידע וועט מוזן קאַפּוט-גיין! — און אַז שטיינקע מעלדעט אונטן, אַז זי סטראַשעט אים מיט טויט און עס קומט-אַרויף אַ פּאָליציאַנט, — אַנטלויפט מיטאַמאָל פון איר דאָס משוגעת אויף אַ ווייל און זי רעדט קלאָרע דיבּורים:

— פאַרוואָס מאַטערט ער אונז מיט הונגער און קעלט, מיר האָבּן אים געטרויט...

דער פּאָליציאַנט פאַרטראַכט זיך און געפינט צולעצט פאַר נייטיק מתרה צו זיין:

— סטראַשען מיט טויט טאָר מען נישט, עס קומט דער-פאַר אַ שטראָף.

ענטפערט זי דערויף אויך מיט שכל, ווי נאָך קיינמאָל נישט:

— איך סטראַשע נישט, איך מיין עס גאַנץ ערנסט; ער קאָן צו אַלעם בּרענגען, ווידער, וואָס שייך די שטראָף — וועט זי יעדנפאַלס נישט זיין האַרבּער, ווי דאָ זיצן און אויסקוקן אויף שטיינקעס געוואָד...

נאָר דאָס אמתע אָפּקומעניש האָט פון איר — לעמקע...

* *

*

אינם פאַרבּן- און אייזן-געשעפט, ווו דניאל אַרבּעט, איז אים אין אָנהייב צוגעגאַנגען שווערלעך מיטן צוגעוויינען זיך צו די ריחות: פאַראַנען פאַרבּן, וואָס שטיקן דעם אָטעם, אַנ-דערע רופן-אַרויס אַ בּרענונג אין דער בּרוסט, און פון די פאַרשידענע איילן, טראָנען, שמירעכצער האָט די ערשטע צייט געאיבּלט ביים האַרץ, אַז ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו ברעכן.

דער אייגנטימער פון געשעפט איז אַ הויכער, דאַרער מיט אַ שטילן, וויגנדיקן גאַנג, מיט אַ שטייף-דערהויבּענעם

קאָפּ. ער איז פון די, וואָס מ'רופט אָן „אָרנטלעכער מענטש". מיט די אָנגעשטעלטע — אַ חוץ דניאלן, נאָך איינער בײַם בוך — רעדט ער קיין איבעריק וואָרט נישט, — נישט גוטס, נישט שלעכטס, — נאָר זיין בלאָנד-געל שפּיציק בערדל און דער זייטיקער נישט-ביהאַדיקער בליק פון זיינע קאַלטע פיש-אויגן דערציילן פון זיין פאַרביסנקייט; ער איז אַ מרוק און ווי ער רעדט נישט, וויל ער פונדעסטוועגן אַלצדינג וויסן, צו יעדנס ריר מיט די ליפּן איז זיין אָנגעשפּיצט אויער אָנגעשטעלט.

מוסרן אָדער פאַרהאַלטן די „מענטשן" — דאָס נישט. נאָר — פאַר אַ ליאַדע-וואָס — זאָגט ער אָפּ פון פאָסטן... ער האָט אַ סך חסרונות, דערדאָזיקער באַלעבאָס. ער האָט אָבער איין מעלה: ער צאָלט-אויס פּינקטלעך דעם לוין. יעדע וואָך, — און דאָס איז אויף אַלעם מכפּר.

— אַריינברענגען פינף פּוד נעגל „זעכצן צוויי און דריי-סיק", צוויי פּוד „ניינצן צוויי און פערציק" און איין פּוד...

דניאל ווייסט שוין, אַז אַ קעסטל נעגל וועגט אַ פּוד. ער ווייסט אָבער נאָך נישט, ווי אַזוי מ'זוכט-אויס די נומערן. אין דעם ציפערן-סיסטעם איז ער נאָך נישט גוט באַקאַנט... אָבער זאָגן דאָס — טאָר מען נישט, דאָס ווייסט ער שוין, ער לויפט איילִיק, ווי צו אַ זאַך, וואָס איז אים גוט באַקאַנט. אין שפּייכלער קוקט ער זיך גוט צו, אָריענטירט זיך. ער ברענגט-אַריין די נעגל. דערנאָך טוט ער אַנדערע אַרבעט.

ווען ער דאַרף שוין אַהיימגיין, ווען די צייט איז שוין, ברענגט מען פּונקט אַ פלאַטפאָרמע טשוועקעס פון דער באַן. על-פּי-דין דאַרף עס דער „מענטש" שוין נישט טון: איצט איז די צייט אַהיימצוגיין. דניאל ווייסט אָבער, אַז צוליב אַזאַ ענ-לעכן ענין איז דאָ אָפּגעזאָגט-געוואָרן אַ „מענטש"; נישטאָ קיין ברירה, מען מוז זיך אַ נעם-טון.

די אַרבעט איז שווער און עס געדויערט און נאָך שווע-רער איז עס, ווייל ס'איז איצט נאָך דער אַרבעט-צייט... לסוף, אַז די אַרבעט איז שוין געטון, געפעלט נישט דעם באַלעבאָס דער

אופן ווי אַזוי די קעסטלעך טשוועקעס זענען אויסגעטודרט. ליוט זיין געוווינהייט דאַרפן די נומערן פון די קעסטלעך אַנדערש זיך פאָרן. זיין אויג איז געוווינט אַנדערש זיי צו דערבליקן...

— נייע מאָדעס האָב איך פיינט אין מיין געשעפט.

נישטאָ קיין עצה, ווידער אַ שעה אַרבעט; אַרבעט, פאַר וועלכער מען באַקומט נישט באַצאָלט, און הונגעריק איז ער אויך, ווייל אויף מיטאָג גייט ער נישט אַהיים. עס איז צו ווייט — עסט ער דאָ, וואָס ער ברענגט ·יך מיט.

נאָך אַלעם, נאָך דער גאַנצער פּראַצע, אַז דניאל טוט זיך שוין אָן אַהיימצוגיין, וואַרפט אים דער באַלעבאָס צו אַ ווערטל, וואָס זאָל אַפּנים דינען אַלס שמייכעלע, אָבער עס אָרט מער, ווי אַ זידל:

— וועט איר האָבן מער אַפּעטיט צום עסן —

ער דערמאָנט זיך, אַפּנים, אַז דניאל האָט ווייט אַהיימצוגיין און ער קאָן אַמאָל מאָרגן פאַרשפּעטיקן אויפן חשבון פון היינטיקן לענגער דאָ זיין — גיט ער צו מיט אַ שטרענגן פאַרכמורע דאָס ציגענע פּנים:

— מאָרגן — נישט אַזוי שפּעט.

עס איז שווער און עס דריקט. דניאל פילט זיך זייער דערשלאָגן. נישט די אַרבעט דערדריקט אים, ניין! בשום-אופן נישט די אַרבעט, נאָר דאָס האָבן איבער זיך אַ באַפעלער, אַ געביטער. דו,—דו אַליין ביסט נישט דיין, נאָר עמעצנס. עפּעס איינער אַ באַלעבעסל, — פון יענע באַלעבעסלעך, וואָס דניאל האָט זיי קיינמאָל נישט געזען, נישט באַמערקט, זיין אויג האָט זיך פאַרביי זיי געגליטשט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך צומאָל אויף זיי... — אָט אַזעלכער איז איצט זיין האַר.

דניאל איז צו דעם נישט געוווינט. ער האָט נאָך ביז אַהער דעם טעם דערפון נישט געוווּסט. ער האָט נאָך נישט געוווּסט פון האָבן איבער זיך אַ באַלעבאָס; ער האָט נאָך ביז איצט געאַרבעט אויך נישט, אָבער די אַרבעט איז אים ליב, און וואָס שווערער און וואָס אָנשטרענגנדיקער די אַרבעט איז— אַלץ ליבער איז זי אים... אָבער אויף וויפל די אַרבעט איז

אים ליב, — איז דער באַלעבאָס דער געביטער אים פאַרהאַסט.

אָבער יעדע וואָך פינקטלעך באַקומט דניאל דעם לוין. און דאָס געלט — איז געלט, שוין נישט דאָס „געלט" פון פאַר אַ פאָר יאָר צוריק, וואָס איבער נאַכט האָט עס פאַרלוירן די האַלבע ווערט, אַזוי, אַז פאַר אַ וואָך אַרבעטס־לוין, אויב די האָט עס נאָר אַביסל געלאָזט ליגן, האָסטו קוים אַ לאַבן ברויט געקאָנט דערפאַר קויפן, — נאָר שוין פעסט, אמתדיק געלט פון דער נייער וואַליוטע. פאַר אַ וואָך לוין קאָן מען לעבן, און וואַנדאַ קאָן זיך אַביסל אָפּרוען. וואַנדאַ איז לעצטנס כסדר עפּעס נישט געזונט — נישט קראַנק, נאָר — נישט געזונט אַביסל, מאָדנע נישט געזונט.

* *

נאָך די לאַנגדויערנדיקע האַרבסט־רעגנס איז צוריק אַביסל שיין־געוואָרן. ס'איז געווען טרוקן און לינד און ווײַלנווייז האָט אַ בלאַסע זון געשײַנט ; אַ פאַרשפּעטיקטע פליג האָט קוים גע־רירט מיט די פיסלעך און אַ צווייטע, אַ נוטה־למותדיקע, האָט קרענקלעך געזוממט אויף דער באַשימערטער שויב. און דער וואַלד האָט געשוויגן, שטיל געשטאַנען אין בלאַסן האַרבסט־טאָג, מיט די ביימער־שפּיצן געקוקט צום בלאָ־בלאַסן, קרענק־לעכן הימל.

שבת נאָכמיטאָג איז דניאל פון אונטן, פון פאָרשטאָט, צוריקגעגאַנגען אַהיים אויפן באַרג.

דאָרט, ווו דער זאַמד הייבט זיך אָן און ביימער וואַקסן שיטער צעשטעלט, האָט דניאל דערבליקט אַביסל פאָרויס גיין אַ וואַנדערער. ער האָט געהאַט אויף זיך אַ פּאַק און שווער געהויבן די פיס. אַז דניאל איז יענעם נאָענט־געקומען, איז ער פאַרוווּנדערט־געוואָרן, דערבליקנדיק אין דעם וואַנדערער — סטעסען.

— איר זענט עס ?! — האָט דניאל איבערראַשט אויס־געשריגן.

— יאָ, איך, זיכער איך, — האָט סטעסע זויער געלאַכט און צוגעגעבן:

— אַז מ׳האָט נישט קיין גליק, איז — ווי איר זעט. —

איצט האָט אים דניאל נאָכאַמאָל אָנגעקוקט און דערזען, אַז ער קוקט-אויס גאָר צרהדיק, ווי נאָך אַ קרענק.

אויבן, לעבן ברונעלע, האָט זיך פונקט די סטעסען גע-האַלטן אין קריגן מיט אַ פויערטע אַ פאַרבייגייערין. די סטע-סען האָט געטענהט, אַז די באָבע האָט זיך די פיס געוואַשן אין ברונעלע, פון וואַנעט דאָס הויז נוצט וואַסער.

— אַזאַ פאַרשיווע כאַמקע, — האָט די סטעסען געגוואַל-דעוועט און געמאַכט מיט די הענט, אויסדריקנדיק דערמיט נאָך מער ווי מיט רייד, — זי מוז נאָך האָבן ערגערס געטון... און מיר טרינקען דאָס וואַסער...

— ס׳איז ליגן, — האָט די מגושמדיקע פויערטע געברומט. די שיך האָט זי זיך פאַרענדיקט אָנטון, זיך איינגעהילט אין דיקן וואָלענעם טוך און גענומען איר האַנט-קויבער. — בלויז די הענט האָב איך מיר אָפּגעוואַשן, ווייל איך האָב נישט געוווּסט.

— נישט געוווּסט האָט זי, — איבערחזרט די סטעסען מיט אַ נצחון, — אַלע טאָג גייט זי דאָ און ווייסט נאָך נישט... — נאָר דערזעענדיק אָנקומען דעם מאַן און גוט זיך איינקוקנדיק אין אים, צי זי האָט נישט קיין טעות — איז זי צוגעלאָפן:

— דו, פּיעטרעק — שוין צוריק?!

— איך וואָלט נאָך פריער געווען, — האָט ער גענענט-פערט מיט אַ ביטער געלעכטער, און דאָס פּאַק פון די פּלייצעס אַראָפּגעוואָרפן, — איך וואָלט נאָך דיזעלבע וואָך צוריק גע-ווען, נאָר איך בין געזעסן אין תפיסה, פאַר וועלן גנבענען די גרענעץ.

— שטילער רעד, דו, — האָט זי אַ דריי-געטון מיט די צוויי אויגן מיטן בלינדן און מיטן זעעוודיקן און מאַרביסן אַ ליפּ, — זאָל כאָטש קיינער נישט וויסן.

...וואַנדאַ איז נאָך נישט אינדערהיים געווען. דניאל האָט זיך אומגעדרייט ביים וואַלד און פאַר דער טיר... חייטלען

אַרויף זויף אַ בערגל שטייט אַ מלחמה-מאָנומענט פון אַ שלאַכט, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען פאַר עטלעכע יאָר. היינט איז דאָרט עפּעס אַ יום-טוב, אַן אָנדענק-טאָג. אַ גרויסער עולם איז דאָרט געשטאַנען מיט גלחים, מיט הייליקע פענער... איצט איז שוין פאַרענדיקט. דער עולם שטראָמט-צוריק.

אַ קאָליריקע מענטשן-שנור שלענגלט זיך צום טראַקט פאַרביי דער מיל, דורך די גאָלע פעלדער און מיט פאַרוועלקטע גראָז באַדעקטע לאָנקעס.

דאָ, אַרום דניאַלן, איז דאָרפיש איינטעניק. דער סאָד — שוין לער, שיט פון זיך די לעצטע בלעטער, געלע און קרענקלעך רויטע; דער וואַלד האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שטילן געפּרודער, רוישט פאַר זיך אַליין; דער הונט שטעקט-אַרויס דעם קאָפּ פון דער בודע, — אַז ער טוט זיך אַ ריר, גיט אַ קלונג די קייט. דאָס בילד זיינס איז שוין אויך אַנדערש, ווי זומערצייט אין די שיינע טעג, איצט איז עס אַ פויל און שלעפעריק בילד, ווי פאַר יוצא-וועגן — און איבער אַלעם, אַרום אין דער לופט הויערט אַן אומעט, אַן איינזאַמקייט פון אָנקומענדיקן ווינטער.

שטיינקע פירט כּסדר צו פעלדריבן. ווי יעדעס יאָר, איז אויך היי-יאָר אָנגעשיט אַ הויכער באַרג ריבן, און דער באַרג וואַקסט אַלץ העכער פון נאָכאַנאַנדיקן צופירן. אָבער דאָס יאָר איז די לעמקען מער נישט דאָרט. די געשטופּלטע סטעסען און די ברוקירערין די קרומרוקנדיקע, טוען אַרומרייניקן, און די שטיינקען מיטן מעוברתן בויך, מיט די ווייסע גלעזערנע אויגן און ווייך פאַרבויגן נעזל, קאָמאַנדעוועט איבער זיי — פירט מיט זיי אָן.

די לעמקען איז אַרויסגעקומען פון איר שטוב. ווען זי איז פאַרביי-געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט פונקט די שטיינקען זיך געבייזערט איבער דער סטעסען, פאַרוואָס זי איז אויף אַזאַ לאַנגע ווייל געווען אַוועקגעגאַנגען פון דער אַרבעט און קומט ערשט צוריק:

— איך וועל אייך אָפּרעכענען. איך וויל מיך נישט לאָזן

באַרויבן. אייער צייט איז — מיינע. איך צאָל דערפֿאַר...

די סטעסטען האָט איר גאָרנישט צוריקגעזאָגט, אײַליק זיך אַ לייג־אַרום געטון דעם זאַק אַרום די לענדן, אַ כאַפּ־געטון דאָס מעסער און גענומען מיט התמדה ווייטער אַרומשניידן די ריבן.

די שטיינקען האָט אָבער אַלץ ווייטער גערעדט, געהאַט טענות און געבייזערט זיך... דער שטייגנדיקער כּעס האָט אין איר מויל געבוירן איין פּרעטענזיע נאָך דער אַנדערער... די לעמקען, אין דורכגיין, האָט זיך אַ רגע אָפּגעשטעלט אויף דער שטיינקענס הויך רעדן. אַ בליק־געגעבן אויף דעם באַרג ריבן — זענען איר די אויגן געבליבן שטיין אויפגעריסן און ברייט. נאָר, אַז איר בליק האָט דערכאַפּט די שטיינקען, האָבן איר די ליפּן זיך אויסגעבויגן ווי צום וויינען, די נאָז איז איר געוואָרן בלאַס און שאַרף און די אויגן האָבן איר אויפגעלויכטן מיט אַן אומהיימלעכן בלישטש, ווי דער גלאַנץ פֿון אַ ניי שטאָלן מעסער.

אָבער זי האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר ווייטער געגאַנגען אַראָפּ פֿאַרביי דעם קו־שטאַל, אָבער — האָט דניאל באַמערקט — מיט אַ גיכערן, פֿעסטערן גאַנג.

דניאל האָט צופֿעליק אַ קוק־געגעבן אין פֿענסטער, דערבליקט דרינען לעמקען, איז ער אַריינגעגאַנגען.

— גוטן אָוונט.

— גוטן אָוונט, הערר טאָוו, זעצן זי זיך, — האָט לעמקע זיך שטאַרק דערפֿריידט, — אין דאָס וואָר, אַז סטעסטע איז צוריקגעקומען?

— יאָ, געקומען.

— ווי וווּנדערלעך דאָס איז, — האָט לעמקע געוואָלט אַ שמייכל־טון, אָבער די ליפּן זענען אים בלויז געבליבן אויסגעקרימט אין אַ נעבעכדיקער גרימאַסע, — געגלייבט איך שוין קיינמאָל מער נישט צו זען, און אָט איז ער צוריק.

דעם אַלטן האָט אַפּנים כּטעסטעס צוריקקומען, ווער ווייסט פֿאַרוואָס, געפֿריידט, אָבער זיצנדיק אַזוי פֿאַרשוויגן, האָט זיך אים די אויפֿגעלעבטקייט געלאָשן, ווי דאָס צאַנקען פֿון אַ ליכט. אין פֿאַרנאַכט־שאָטן האָט זיין פּנים אויסגעזען, ווי געשטאָרבן.

דער גאַנצער אַראָפּהענגענדיקער קאָפּ מיטן דאַרן איינגעשרומפּע־נעם פיגורל האָט דערמאָנט אַ סקעלעט, און דאָס אָנרופן זיך זיינס — די רייד, וואָס זענען אים פון מויל געקומען, האָבן נאָך מער באַשטעטיקט דעם שאָטן פון טויט, וואָס שוועבט אי־בער אים.

— דענקען זי נישט, הערר טאָוו, אַז שטאַרבן איז גאָר נישט אַזוי שרעקלעך, עס גלוסט זיך גאָר נישט, אַזוי ווי עס גלוסט זיך נישט ווינטער אַרויסצוקריכן פון אַן אויסגעוואַרעמט בעט, אָבער אַ מינוט דערנאָך איז שוין גאָרנישט.

— צוואָס, הער לעמקע, נוצט דאָס טראַכטן אַזוי? איר זענט דאָך ערשט געזונט־געוואָרן.

— דענקען זי ווירקלעך, אַז איך וועל נאָך לעבן?

— זיכער.

— אויף אַן אמת?

— אַוודאי אויף אַן אמת, ווי דען?

ער פאַרטראַכט זיך, ווי ער וואָלט געדרימלט און רופט זיך אָן מיט אַ ציטערנדיק קול:

— מעגלעך, זי האָבן רעכט, אַז איך וועל נאָך לעבן, — דער אַלטער ווערט אויף אַ רגע הייטערער, ווי אַ קינד, אַז מ'פאַרשפּילט עס.

— אָבער איך בין דאָך אַזוי אַליין, קיינער קען מיך שוין נישט.

— דאָס זענען קלייניקייטן.

— זאָגן זי נישט אַזוי, אַמאָל איז דאָס ביי מיר געווען קלייניקייטן, היינט איז דאָס־אַלץ.

— איבעריקנס, — מאַכט דער אַלטער נאָך אַ פּויזע, — איך וועל שוין גאָר נישט באַדויערן, אַז איך וועל שטאַרבן, נאָר אַן גרויסע שמערצן.

און אַז דניאל ענטפערט גאָרנישט, רעדט דער אַלטער ווייטער:

— מיין זיצן דאָ איינער אַליין, מיט „איר" איז אויך נאָר טויט־שמערצן...

— איר ווײנט דאָך מיט איר נישט פֿון הײנט.

— יאָ, אָבער...

די אַלטע איז אַרײַנגעקומען מיט אַ האַסטיקן עפֿן די טיר. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער טונקלקייט פֿון שטוב:

— פֿון וואָס רעדט איר דאָ?

— פֿון פֿאַרשידנס, — ענטפֿערט דניאל.

— איר האָט מיט אים פֿון גאָרנישט צו רעדן, — ווענדט זי זיך צו דניאלן, — ער איז שוין נישט אײַער הויזווירט, איר דאַרפֿט שוין צו אים נישט קומען. גײט אײַך צו סטעסען, ער איז שוין צוריק, — און אָן שום פּויזע זיך אַ ווענד-געטון צום אַלטן מיט אַ פֿאַרשלאָפֿענעם, אָבער שאַרסטקע טאָן:

— אַלטער, אַ פֿולער באַרג ריבן ליגט דרויסן, מענטשן שנײַדן זײ און די שטײנקע רעגירט. אַז איך זאָל נעמען אײן ריב, וועט זי מיך אַוועקטרײַבן, פֿאַרוואָס קומט דאָס שטײנקען? דאָס איז דאָך אַלץ מײַן פּראַצע.

דער אַלטער נעמט נעבעכדיק שטאַמלען:

— אָבער, הילדאַ, דו — האָסט — דאָך אַלײן — געהײסן — אים פֿאַרשרײַבן...

— ווײַל איך האָב געמײנט, אַז דו וועסט שטאַרבן.

— און — אַז — איך — וואָלט — געשטאָרבן, — וואָלט — בעסער — געווען?

— זיכער! עס וואָלט פֿאַר מיר בעסער-געווען, — און נאָכשלעפּנדיק גיט זי צו, — און פֿאַר דיר — אויך, אַז מ'איז טויט, דאַרף מען שוין גאָרנישט, אַ לעבעדיקער מוז עסן...

אַז די אַלטע איז ווידער אַרויסגעגאַנגען, האָט אין שטוב געהערשט אַ טריבע שטילקייט. דניאלן האָט זיך געדאַכט, אַז דער אַלטער האָט אַ קרעכץ-געטון. אין ווינקל צווישן די צווײ ווענט, וווּ דער אַלטער איז געזעסן, איז געווען שוין טונקלדיק, — דניאלן איז פֿאָרגעקומען, אַז דאָרט איז אַ קבֿר... ער האָט בשום-אופֿן נישט געקאָנט פֿון זיך פֿאַרטרײַבן אָט די פֿאָרשטעלונג, און דאָס, צוזאַמען מיטן שווײַגן, האָט שווער און פּחדימדיק גע-ווירקט.

— זי קאָנען דאָ בלייבן נאָך אַביסל?

— אַביסל. איך מוז באַלד אַרויפגיין צו זיך, שטילקייט.

— און מאָרגן וועלן זי קומען?

„מאָרגן איז זונטיק, מאָרגן איז דער איינציקער טאָג אין דער וואָך, ווען וואַנדאַ איז אינדערהיים" — טראַכט דניאל.

— מאָרגן ווייס איך נישט, איבערמאָרגן — זיכער.

— איבערמאָרגן ערשט! — האָט דער אַלטער אויסגערופן דערשראָקן, — מאָרגן — נישט! אַך, הער טאָוו!

— איך קאָן אויך מאָרגן אַביסל אַריינקומען, אַז עס איז אייך אַזוי געלעגן.

אָבער דער אַלטער ענטפערט שוין מיט רעזיגנאַציע:

— אַזוי זייער וויכטיק איז עס דאָך נישט... איך מיין נאָר אַזוי עטוואָס, — ער דערהויבט זיך, קריכט-אַריין אין צווייטן צימער. דרינען איז פינסטער ווי אין אַ גרוב, בלויז נאָר דאָס בעטגע-וואַנט פון שטענדיק צעוואָרפענעם בעט בלייכט זיך שרעקיק אין דער טונקלקייט.

און דניאל, בלייבנדיק אַליין אין דער האַלב-טונקעלער קיך, ווו בלויז אַ גריל האָט געצירצירט און דאָס אייל-שווימערל — וואָס די אַלטע האַלט-אויף, אום נישט צו געברויכן קיין שוועבעלעך — האָט געפלעמלט, רויטלעך באַשימערט דעם טויט-טריבן אומעט דאָ, ווי אין אַ „סקלעפּיעניע" פאַר מתים, האָט זיך דניאל אומהיימלעך אַרומגעקוקט.

זייער דערדריקט איז דניאל אַרויסגעגאַנגען פון לעמקען, און לאַנג האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם שווערן אומעט, וואָס ער האָט פון דאָרט מיט זיך אַרויסגע-טראָגן. די סיבה פון דעם אומעט האָט ער נישט פאַרשטאַנען; מיטן שכל האָט ער זי נישט באַנומען, אָבער געפילט האָט ער זי, — שטאַרק געפילט.

ער איז לאַנגזאַם געגאַנגען לענג-אויס ראַנד-וואַלד. דער אָוונט האָט זיך גיך און איילִיק געלייגט איבער דער באַרג-

געגנט — אַ געדיכט שטיק פינסטערניש, אָן אָנהייב און אָן סוף, אַ האַרבסט-אָוונט.

אין שטאָט האָבן שוין געברענט לאָמפּן, און פון איבערן טייך פון צווישן דער פּייכטער פינסטערניש, האָבן אַהערגעריסן זיך ליכט-פלאַמען, קליינע, ווי ווייטע שימערנדע שטערן, און אַ סך, אַ סך, ווי די מאַסן ברעקלעך-שטערן אין אַן אלול-נאַכט.

און דער הונט אין דער בודע — אַ געלער אַ גרויסער, וואָס שטיינקע האָט זיך אים ערשט פריש איינגעשאַפט (ער האָט שוין אַפילו לעמקעס הונט אויך נישט געטרויט), האָט זיך פלוצלינג אין זיין לאָך יאָמערלעך צעוואָיעט, לאַנג און אויסגע-צויגן געוואָיעט, און זיין יאָמערדיק געהייל האָט אימהדיק אין דער פינסטער געציטערט. עס האָט דאָס האַרץ פאַרכאַפּט, ס'האָט זיך געוואָלט מיטיאָמערן אויף עפּעס אַן אומגליק, וואָס איז שוין דאָ, לויערט שוין, נאָר דער קלאָרער שכל פאַרשטייט עס נאָך נישט.

פון איר קוים באַלויכטענעם פענסטערל — אין דער שטוב פון דרינען — האָט זיך געוויזן די קליינע קרומרוקנדיקע ברו-קירערין, איר פנים איז פעסט צוגעדריקט-געווען צו דער שויב, וועלנדיק אַפּנים דערבליקן אונטן די סיבה פון הינטס וואָיען.

דניאל איז אַרויפגעגאַנגען אָנצינדן די לאָמפּ, וואַרטן אויף וואַנדען.

זי איז געקומען ערשט אין אַ גוטער שעה אַרום. זיי האָבן זיך געזעצט עסן. אַז דאָס עסן איז שוין געווען גענע-דיקט, אָבער זיי זענען נאָך ביים טיש געזעסן, האָט וואַנדאַ זיך אָנגערופן:

— כ'בין געווען היינט ביים דאָקטאָר.

— געווען?

— יאָ.

— און וואָס האָט ער געזאָגט, דער דאָקטאָר?

— ער האָט געזאָגט, אַז כ'בין נאָרמאַל געזונט.

— נאָרמאַל געזונט, — האָט ער זי אָנגעקוקט, — און דאָס, וואָס דו ביסט אַזוי אָפּט נישט געזונט, ברעכסט און?...

— דאָס איז אַלץ נאָרמאַל, — האָט זי געצוווּנגען אַ שמייכל־געטון.

— וואָס הייסט דאָס נאָרמאַל נישט געזונט?

— דאָס הייסט אַזוי.

— אַז וואָס?

נאָר פּלוצלינג האָט ער עפּעס אַרויסגעלייענט פון איר בליק. ער האָט זיך אַ כאַפּ־געטון אויף די פיס.

— דאָס קאָן נישט זיין?...

— עס קאָן שוין יאָ זיין, — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט.

— אַז?!...

— יינגל! — האָט זי אומעטיק אַביסל אים אָנגעקוקט.

— הייסט עס!... — האָט ער מיט היץ אויסגעשריגן. ער האָט געוואָלט זאָגן: „הייסט עס, אַז איך בין שוין נישט „דער לעצטער פון דער משפחה טוב", אַז איך וועל עס מער נישט זיין" — אָבער זיין באַגייסטערונג, וואָס האָט די ערשטע רגע אויסגעשאָסן, ווי דער פּראָפּן פון אַ פלאַש ביר, וואָס דער גאַז יאָגט אים אַרויס מיט כוח — איז פּלוצלינג, נאָך אין דערזעל־בער מינוט געפאַלן מיט דערזעלבער גיכקייט, וואָס זי האָט זיך ערשט געהויבן. און דניאל איז געבליבן זיצן ביים טיש טיף פאַרטראַכט און קעגנאיבער אים איז געזעסן וואַנדאַ אויך אַזוי פאַרטראַכט. און אין דער זייט — פון הינטער זיין רוקן און פאַר איר פנים — האָט דורכן פענסטער אַריינגעקוקט אַ פעך־שוואַרצע נאַכט.

קאַפּיטל XXX

עטלעכע טעג זענען אַוועק, זינט דניאל איז דאָס לעצטע מאָל דרינען געווען בײַ לעמקען. ער איז דורך דער צײַט עט־לעכע מאָל צוגעגאַנגען דאָרט צו דער טיר, געוואָלט אַרײַנגיין. ס'איז אָבער געווען פֿאַרמאַכט. ער האָט אָנגעקלאַפּט, נאָר קיי־נער האָט נישט געעפֿנט. אַזוי אַ צוויי־דרײַ מאָל.

אין איינעם אַ טאָג, סוף וואָך, פֿאַרנאַכט איז עס געווען.— וואַנדאַ איז פֿאַרנומען־געווען אין קיך מיט אָנגרייטן עסן — איז זי פּלוצלינג אַרײַנגעקומען און אַ שעפּטש־געטון:

— עמעץ קלאַפּט דרינען, כ'מיין, אַז ס'איז די לעמקען. איך האָב איר נישט געעפֿנט.

— פֿאַרוואָס? — האָט דניאל זיך געוווּנדערט — כ'מיין, מ'קאָן איר עפֿענען.

וואַנדאַ אָבער איז געשטאַנען מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, אַ דערשראָקענע.

— וואָס איז דיר?

— כ'ווייס נישט. עפּעס האָב איך מיך דערשראָקן, אַז כ'האָב דערהערט אירע טריט און דערנאָך דאָס אָנקלאַפּן.

— ביסט נערוועז, — מאַכט עס דניאל אַוועק. ער דער־הייבט זיך אַרײַנצוגיין עפֿענען די טיר. ער דערבליקט, אַז וואַנדאַ איז בלאַס.

די לעמקען האָט קוים געמאַכט אַ טריט אין שטוב אַרײַן, נאָך פֿון דער שוועל טוט זי צו וויסן:

— ניין, איך קום נאָר אויף אַ מינוט: דער אַלטער איז טויט, געשטאָרבן.

— וועלכער אַלטער? — פאַרשטייט נישט דניאל.

— נו, מיין אַלטער, דער היינריך, — איבערחזרט זי מיט דער געוויינלעכער פאַרשלאָפנקייט.

— וואָס הייסט געשטאָרבן? — איז דניאל נאָך אַלץ צע־טומלט, — ווען?

— היינט — נעכטן, וואָס איז דער אונטערשיד, קומען זי אַראָפ, — וועלן זי זיך איבערצייגן.

אונטן אין שטוב האָט אויסגעזען, ווי שטענדיק, מיט גאָרנישט אַנדערש, אין קיך אויפן קאַפּטער איבער דער פּליטע, האָט געברענט דאָס אייביקע שווימערל אין אייל, אין דער צווייטער שטוב זענען די לעדן געווען פאַרמאַכט. אויפן טיש האָט געברענט אַ שטיקל ליכט אָנגעטריפט אָנ׳ם פלאַט פון טיש. די בעטן זענען געווען פאַרבעט.

ווי דניאל איז נאָך אַזוי געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט, געווען זיכער, אַז די אַלטע האָט אים גענאַרט אָדער גערעדט פון זינען און דער אַלטער איז געוויס אַרויסגעגאַנגען און וועט באַלד אַריינקומען — איז געקומען אַריינצוגיין די אַלטע; זי האָט מיט זיך געפירט עטלעכע איינוווינער פון אויבן. פאַר אַלע איז געגאַנגען סטעסע.

— ווי, פרוי לעמקע? ער איז דאָך גאָרנישט דאָ? — האָבן זיי געפרעגט און זי אָנגעקוקט, ווי מ׳קוקט־אָן אַ משוגענע.

די אַלטע האָט זיך גאָרנישט געאיילט; מיט דערזעלבער פאַרזיכטיקער נישט־געאיילטקייט, וואָס זי מעסט און פאַרקויפט אַ קוואָרט מילך, איז זי צוגעגאַנגען צום הויך־פאַרבעטן בעט, אָװעקגעמאַכט צופוסנס די אויבער־קאָלדרע, אַ ווייל זיך געפּאָ־רעט, אָפּגעדעקט אַביסל און צוגערופן דעם דערשטוינט־שטייענ־דיקן עולם — מיט אַ פאַרבייג דעם פינגער:

— זעט איר, איינוווינער, איך האָב נישט גענאַרט — דאָ זענען די פיס!..

און די צוגעגאַנגענע האָבן געזען אָפּגעדעקטע מענטשן־פיס...

אַ שטילקייט. אויסגעגלאָצטע אויגן קוקן אויף די אַביסל־אָפּגעדעקטע מאָגערע פיס, ביים שיין פון איינציקן שטיקל ליכט. זיי קוקן מיט שרעק, רוקן זיך הינטערווייַלעכטס וואָס ווייטער פון דער אַלטער, וואָס פאַרהאַלט נאָך דאָס בעטגעוואַנט, עס זאָל נישט צוריק פאַרדעקן.

דער ערשטער קומט צו זיך סטעסע. ער מאַכט אַ באַוועגונג אַראָפּצושלעפּן דאָס בעטגעוואַנט פון דער צווייטער זייט בעט.

— ניין, — מאַכט די אַלטע — פלעגמאַטיש, אָבער שטרענג, — דאָרט נישט, ביים קאָפּ דאַרף מען נישט, ער ווינטשט זיך דאָס נישט.

— אָבער איר זאָגט דאָך, אַז ער לעבט נישט.

— געוויס, אָבער פאַרן טויט האָט ער מיך געבעטן...

זעענדיק, אַז מ׳פאָלגט זי נישט, האָט זי זיך מיט צעשפּרייטע אָרעמס, ווי אַ קוואָקע, וואָס וויל נישט צולאָזן צו אירע הינדלעך — אַ לייג־געטון איבער דער ברייט בעט, ליגנדיק איינגאַנצן מיט איר קערפּער ביים צוקאָפּנס.

דערווייל האָבן זיך די פיס מער אָפּגעדעקט, דאַרע טויטע פיס — מיט שיטערע האָר באַוואָקסן, קאַלטע, האַרטע, ווי צוויי שמאָלע דרענגלעך.

— אָבער לאָזן זי דאָך! נעמען זי אָן אַ פּאָר איינוווינער, פּרוּוון זי אַראָפּשלעפּן.

זי איז שטאַרק, זי לאָזט זיך נישט, בריקעט מיט די פיס, בייסט, וואַרפט מיטן קאָפּ... בשום־אופן האָט זי נישט געוואָלט צולאָזן.

— מעגלעך לעבט ער נאָך... — הייבט די סטעסען אָן אַזויערנאָך.

— ער לעבט שוין לאַנג נישט, — גיט זי אַ זאָג און סאָפּעט פון אָנשטרענגען זיך ביים ראַנגלען.

און מיטאַמאָל דערהויבט זי זיך פון באַשיצן דאָס בעט,

— אַרויס פון מיין שטוב! — זי כאַפּט אַ דרענגל, מיט וועלכן זי מישט זופּ פאַר די קי. — איך האָב אייך שוין געוויזן און יעצט — אַרויס, אַלע אַרויס! — און די אויגן אירע ביידן צעצונדענע, קוקן זיך אַרום, ווי אַ ווילדע חיה.

...די סטעסען איז אַראָפּגעלאָפן אין פּאָליציי־פּאָסטן, זי האָט געמיינט, אַז זי ברענגט מיט איר נייעס אַהין אַ גאַנצע בהלה. אויפגענומען האָט זי דער עלטסטער פון פּאָסטן, גאַנץ גראָב און קיל אויסגעהערט וואָס זי האָט דערציילט, מיט הימשלעכן פאַרדאַכט געקוקט אין איר מויל, און לסוף גאַנץ גלייכגילטיק מיט איר מיטגעשיקט אַ פּאָליציאַנט.

דער פּאָליציאַנט האָט זיך אויבן נישט לאַנג געזוימט, אַרומגעקוקט זיך, אויף דער גיך געכאַפּט אַ שמועס מיט דער לעמקען, זי האָט אים געענטפערט ענלעך, ווי די איינוווינער — און ער האָט גענומען אַוועקגיין.

— אָבער פּאַניע, — לויפט די סטעסען נאָך דעם פּאָליציאַנט אַן אַנטוישטע, — ווו גייסטו?

— אַהיים גיי איך. ס׳איז איצט אָוונט, וואָס וועל איך דאָ זיצן?

— אָבער מ׳קאָן דאָך נישט „זי" לאָזן אַזוי.

— מ׳וועט אים שוין נאָכאַמאָל נישט הרגענען.

— פאַרשטייט זיך, — איז די סטעסען אָן חשק מסכים. זי האָט זיך דעם היינטיקן אָוונט אַנדערש פאָרגעשטעלט...

פון דערדאָזיקע, נאַכט האָט מען אין הויז געהאַט צו דערציילן, אַז צוליב לעמקעס טויט איז געקומען צו אַ מחלוקה און שיער אַ געשלעג צווישן דעם יידישן שוסטער און זיין ווייב, די קרענקלעכע מיט די דינע פיס, ווי אייגעבויגענע שטעקעלעך: זי, די יידענע, געוווּר־ווערנדיק, אַז אין הויז אונטן געפינט זיך אַ מת און דאָס מת ליגט אָט קוים אונטער איר דיל, אַז מ׳זאָל אַזוי דאָ אויסמאַכן אַ לעכל — קאָן מען אַראָפּקוקן גלייך אין בעט, ווו ער ליגט — איז זי שיער אַליין געשטאָרבן פון שרעק. זי האָט באַקומען אַ ספּאַזמאַטישן אָנפאַל,

ווי אַ משוגענע זיך געוואָרפן אויפן מאַן, אַז זי וויל, שוין־שוין, די אותו־רגע, גיין אין שטאָט נעכטיקן.

— נו, גיי, — האָט דער מאַן געזאָגט, — איך לאָז דיך דען נישט?

איז אָבער די מעשה, וואָס אום צו גיין אין שטאָט, מוז מען דאָך קודם־כּל אַראָפּגיין פון די טרעפּ און גיין דורכן פּע־דער־הויז אונטן און נאָך... און זי האָט מורא אַפילו די טיר צו עפענען אין דער נישט באַלויכטענער קיך.

האָט זי געוואָלט, דער מאַן זאָל זי באַגלייטן ביז אַהין צו דער קרובה אין שטאָט.

דער מאַן אָבער ליגט שוין אין בעט. ער איז נישט גע־זונט, אַ זייט רייסט אים, — זאָגט ער:

— ווי קאָן איך דיך אָפּפירן, איך בין דאָך נישט געזונט.

טענהט ער, טענהט זי... דערמאָנט זי זיך אָבער אינמיטן, אַז אָט אונטן ליגט אַ טויטער... אַן אמתדיק טויטער... צווישן איר און אונטן דעם טויטן, איז נאָר אַ דינע פּאָדלאָגע און דאָרט ווו דער טויטער ליגט, איז פינסטער, אַ פינסטערע שטוב מיט אַ טויטן און מער קיינער נישט — ווערט זי ווילד, היס־טעריש, און אַז דער מאַן ווייזט נישט אַרויס קיין גרייטקייט איר אַקעגנצוקומען, פאַלט זי צו אים צו מיט די נעגל און פויסטן... ווערט אַ טומאַטאָכע, אַ געשריי, כאַפּט זיך אויף דאָס בינטל קליינוואַרג — די קינדער — זעען זיי, דער טאַטע מיט דער מאַמען שלאָגן זיך, ווערט אַ געוויין און געקוויטש פון אַ קנאַפּ טוץ קינדער, און די מאַמע העלפט צו געוואַלדעווען און דער טאַטע שוויגט אויך נישט... אַרום אָפּגעזונדערטן הויז אויפן באַרג, איז אַ קאַלטע אומהיימלעכע האַרבסט־נאַכט און די קולות טראָגן זיך מיטן צפון־מזרח־ווינט אַראָפּ איבער דער פאַרשטאָט, אַז דער נשמה פון אַלטן אומגעקומענעם לעמקע, האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אָט דאָ ביים נייעם לאָקאַטאָר דעם שוסטער באַקלאָגט מען איר מיט געוואַלד שיידן זיך פון גוף...

צומאָרגנס, אינדערפרי באַלד איז געקומען אַ פּאָליציאַנט

פון „פאָסטערונעק", זיך אָוועקגעזעצט לעבן בעט פון געהרגעטן און זיך שוין פון דאָרט נישט אָוועקגערירט.

די לעמקע ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָט פאַר זיך געמאַכט עסן, געטון אין דער ווירטשאַפט, ארויסגעטראָגן געבראָקעכטס פאַר די הינער, אַרייגעבערעגט די היו, וואָס דאַרף לייגן, זי גערופן „פופכען", ווי שטענדיק, און קושנדיק די הון און דריקנדיק זי צום האַרץ, אַריינגעלאָזט אין פינסטערן ווינקל, זי זאָל דאָרט לייגן.

שפּעטער אויפן טאָג זענען געקומען עטלעכע פּאָליציאַנטן פון שטאָט. ס'האָט געטראָפן, אַז צווישן די פּאָליציאַנטן האָט זיך געפונען שמידאָווסקי — דער סטעסענס אַלטער באַקאַנטער. דאָס איז שוין אָבער נישט געווען דער שמידאָווסקי פון אַמאָל — אַ גאָר אַנדערער! אָנגעטון אַלס פּאָליציאַנט מיט אַ שווערדל ביי דער זייט און רעוואָלווער ביים פּאַס; אין פיינע געפּאַסטע שטיוועלעך, גראַנאַטענעם ראָק, היטל מיט אַן אָדלער און נומער...

שמידאָווסקי האָט פאַר זיין אַלטער באַלעבאָסטע סאַלוסירט, פון וואָס זי איז אינגאַנצן רויט-געוואָרן און איר פּנים, אַ רונדיקס און צערויטלטס האָט אויסגעזען, ווי טיילמאָל פאַרנאַכט-צייט זומער די לבנה ביים אויפגיין. נאָך מער: שמידאָווסקי האָט איר העפלעך און קאַוואַליערמעסיק אַ קוש-געטון אין האַנט; גענומען דערציילן פון זיין לעבן איצט: אַלץ פיין, אַלץ גוט... און מ'האָט גענומען רעדן וועגן דעם ענין לעמקע...

און די קרומרוקנדיקע ברוקירערין, וואָס איז פונקט דורכגעגאַנגען, מיט איר קורצזיכטיקן בליק, האָט געזען, אַז די געשטופּלטע שטייט און רעדט מיט אַזאַ פיין-אָנגעטוענעם פּאָליציאַנט, ווי מיט אַ ברודער, האָט דאָס זי איבערראַשט און געקרענקט. זי האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן איר טאָכטערס קרענק און איר בייזע נויט און גייענדיק אַרויף, האָט זי נאָר פון דעם געטראַכט, און מיט קנאה, נישט פאַרגינעריש:

— אַזאַ געשטופּלטע, אַזאַ געשטופּלטע סוקע, — האָט זי זיך דאָס האַרץ געקילט מיט ברומען אין זיך אַריין.

ס'איז געקומען אַ דראָזשקע מיט באַאַמטע, ציווילע און

פּאַליציייאישע. תחילת האָט זיך די לעמקען צו גאָרנישט נישט געוואָלט מודה-זיין. מ׳האָט זי צוגעפירט צום געהרגעטן, אויף דער שלייף איז אים געווען אַ ברייטע ווונד פון אַ טעמפּ אייזן און דער קאָפּ איז געווען צעהאַקט און פאַרשמירט מיט פאַר־טריקנט בלוט.

— פון וואָס איז דאָס? — האָט איר געפרעגט אַ ציווילער.

זי ווייסט נישט.

— ווער האָט דאָס געטון?

זי קאָן דאָס נישט וויסן.

ערשט, אַז מ׳האָט געפונען די האַק פאַרשמירט מיט פאַר־טריקנטע בלוט-פלעקן, — די האַק איז געווען באַהאַלטן אויפן בוי־דעמל אונטערן היי, — האָבן די אויספאָרשער זיך געוואָלט נעמען צו שטיינקען, ווייל דער בוידעם געהערט צו אים, — נאָר די לעמקען, דערזעענדיק די געפונענע האַק אין דער האַנט פון פּאָליציאַנט, האָט זי זיך מיט איינמאָל אויפגע־הערט צו עקשנען. זי האָט פאַראיבלדיק אַ זאָג-געטון:

— נו, יאָ. אָבער ווי לאַנג האָט ער דען נאָך געזאָלט לעבן? — ער איז דאָך שוין גענוג אַלט-געווען.

— און איר אַליין זענט דאָך אויך אַלט, — פרעגט זי דער אויספאָרשער, אַן עלטערער מענטש מיט אַראָפּהענגענ־דיקע לויזע באַקן און קרענקלעכער צערע.

— יאָ, אָבער איך האָב דאָך צו עסן, מיר מוז דאָך דער שטיינקע געבן. עס איז דאָך פאַרשריבן, — און אַ קאַלטע אַ פאַרשלאָפענע — האָט זי ווייטער זיך גענומען צו איר אַרבעט.

מ׳האָט זיך גענומען אַוועקפירן די לעמקען. זי האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן. זי מוז דאָ זיין, דאַרפט אַכטונג-געבן אויף די הינער; האָט נישט אויף וועמען איבערצולאָזן דיווירט־שאַפט... ניין, זי וועט בשום-אופן נישט גיין.

— איבעריקנס, זי וועט אים שוין גאָרנישט טון. און גע־טון האָט זי דאָס, נאָר ווייל ער האָט דאָס געוואָלט איר טון...

— ווי איז עס צוגעגאַנגען? — פרעגט איינער פון דער קאָמיסיע.

— גאָרנישט, — מאַכט זי מיט אַ ביטול־מינע, — ער איז געשלאָפן, האָב איך אים געגעבן איינמאָל מיט דער האַק און שוין.

— און נאָך אַמאָל אין קאָפּ?

זי טראַכט אַ מינוט:

— יאָ, נאָך אַמאָל, — מעגלעך אַז נאָך אַמאָל. איך געדענק נישט גענוי.

איצט וויל מען זי ווידער נעמען און זי לאָזט זיך נישט.

אָן אָנגעטועגע אין ברוינעם פּליושענעם זשאַקעט, ווי שטענדיק — שטייט זי אָנגעשפּאַרט מיט די צוויי פיס אָן דער ערד. די פיס האַלט זי צעשפּרייט, ווי אַ קו, וואָס וויל זיך נישט לאָזן פירן, מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט מיט צעבליצטע משוגענע בלוט־דורשטיקע אויגן און די נעגל, ווי אַ משוגענע קאַץ, אַזש די צוויי פּאָליציאַנטן האָבן מורא צוצוטרעטן.

די לייט פון דער קאָמיסיע שמייכלען.

— אַרויספירן זי! — באַפעלט דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט. ער איז אַביסל ענלעך צו שמידאָווסקין, נאָר פולער און עלטער, און וואָנסעס האָט ער גרעבערע.

אָבער די לעמקען בריקעט מיט די פיס, בייסט מיט די ציין, קראַצט מיט די נעגל זיי די פּנימער, ווי אַ בייזער הונט און די פּאָליציאַנטן, מיט נאָך איינעם צו הילף, שוויצן אַזש ביים נעמען זי.

נאָך דער לעמקענס אַרויספירן און אַראָפּפירן זי דערווייל אונטן אין דער וואַך אויף דער פאָרשטאָט — הייבט זיך אָן די רעוויזיע, דאָס דורכזוכן די שטובן לויט דער אָנפירונג פון פּאָליציי־עלטסטן.

איצט שלאָגט די שעה פאַר שמידאָווסקין!...

ער, שמידאָווסקי, אַלס דאָ באַקאַנטער, ווייל ער האָט דאָ געוווינט — ווייסט ווו צו זוכן (ביי דער סטעסען איז אָפּט גע־

וואָרן אַרומגערעדט פון די לעמקענס באַהעלטעניש...) שמידאָווסקי ברענגט פון פאַרשידענע לעכער טאָרבעס מיט אַלטע צאַרישע רובלס, אָנגעשטאָפּט ווי אַ פּויעריש קישן מיט פעדערן — זעק מיט דייטשע מאַרקן פון דער אָקופּאַציע-צייט, קלענערע טאָרבעלעך מיט היינטיק געלט און פון הינטער דעם הינטערשלאַק פון אַלטע יאַקעס און קליידער — געפינט ער אויס זילבערנע מטבעות.

אָבער עס איז נישט באַשערט-געווען שמידאָווסקין צו זיין שוין איבגאַנצן דער העלד פון טאָג. אָט געפינט אַן אַנדערער פּאָליציאַנט אין אַן אַלטן פאַרשימלטן שיך אַ פּעקל גאָלד-רובלס...

דאָס האָט אַ צווייטער געפונען, — אויף שמידאָווסקיס קרענקעניש.

דורך דער צייט ווען די קאָמיסיע האָט געזוכט, האָט דערווייל די געשטופּלטע מיט איר וויצעק אין געהיים געגראָבן אין גאָרטן. זיי האָבן געשוויצט און געזוכט אויף דעם אָרט, ווו דאָס אַלטע הויז איז געשטאַנען אַמאָל. זיי האָבן עפּעס געוווסט — און נאָך לאַנגען זוכן, שוויצן, פּראַכן און אַרבעטן, גראָבן מיט טויט-שרעק און האַרץ-פּלאַטערניש... האָבן זיי זיך אין אַן אָרט אין דער ערד אונטער שווערע שטיינער — אָנגעשטויסן אָן האַרטע זאַכן: רונדיקע און שווערע אייזערנע טעפּ...

דעמאָלט האָבן זיי צוריק פאַרדעקט פון אויבנאויף, ווי עס איז און, ווי קיינמאָל גאָרנישט, אַרויפגעגאַנגען אין שטוב.

זיי זענען דעם טאָג געזעסן אינדערהיים, ווי אין היץ, און געפּלאַנעוועט, געשפּינען פיבערדיקע חלומות, וואָס זיי זאָלן טון מיט דעם אוצר—זיכער-געווען, אַז היינט ווערן זיי רייך...

— איר מוזט אָבער פאָרזיכטיק זיין, — וואָרנט סטעסע זיין בני-בית, — ביים אַרויסשלעפּן און איבערן וועג, עס זאָל קיינער נישט זען.

די מינוטן זענען זיי צו לאַנג-געווען, די שעהן—ווי יאָרן, און דער טאָג — אַן אייביקייט.

אין אָוונט שפּעט, ווען דרינען ביי לעמקען אין שטוב,

ביים שיין פון אַ לעמפּל, איז פאָרגעקומען דאָס פּאַלמעסן דעם קערפּער, דרויסן איז געווען אַזוי טויט, אָפּגערוימט, אַז מער ווי דער ווינט האָט קיינער די שטילקייט נישט געשטערט און די ערד נישט באַרירט — האָט די געשטופּלטע מיט וויצעקן געשלעפּט די, ווי שטיינער שווערע, אייזערנע טעפּ; סטעסע איז געשטאַנען אויף דער וואַך און ביי זיין גאַנץ קאַלטבלוטיקייט — אויך געפּיבערט.

ענדלעך זענען די טעפּ מיט טויט-שרעק אַרויפגעברענגט-געוואָרן און — זיי שטייען שוין אין שטוב: דריי שווערע אייזערנע טעפּ, שוין פאַרראָסטעט פון ליגן לאַנג אין דער ערד און פאַרשמירט מיט ליים אויבן ביי דער עפענונג.

מיט ציטערדיקע פינגער זענען די טעפּ אָפּגערייניקט-געוואָרן פון ליים. אַלע דריי טעפּ זענען שוין אָפן-געווען און מ'האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט פולע הויפנס... אייזערנע און בלעכענע פינף-, צען- און פינפאונצוואַנציק-פעניג-שטיק פון דער אָקופּאַציע-צייט.

די סטעסען האָט נאָך דעם געקריגן קאָפּווייטיק. אַזאַ שרעקלעכן קאָפּווייטיק, אַז זי האָט דריי טעג נישט געקאָנט פון בעט אַרויסגיין און גאָרנישט עסן...

און שוין! דערמיט האָט זיך דאָס גאַנצע געשעעניש געענדיקט. די הויז-איינוווינער האָט מער קיין שום איבעראַשונג נישט דערוואַרט. עס האָט זיך געענדיקט וואָכעדיק און ניכטער, ווי אַלע אַנדערע געשעענישן דאָ: לעמקען — נאָכן עפענען און אונטערזוכן, נאָכן אַרויסזאָגן און באַשרייבן די אַלע טיפזיניקע סברות און אויספירונגען „ווי אַזוי דער טויט איז געקומען"... און איינשרייבן עס אין פּראָטאָקאָל — איז אַלץ צוריק אַריינגעלייגט-געוואָרן אין געעפנטן בויך, צוריק צוגענייט, די הויט פון קאָפּ צוריק אַריבערגעצויגן, עס זאָל לפּנים אויסזען, ווי אַ נישט-גערירטער מענטשלעכער קערפּער. די קאָמיסיע איז אַוועק. דערנאָך איז געקומען אַ צווייטע קאָמיסיע, ווידער מיט אַ פּאָליציי-פאַרשטייער. אַלץ וואָס איז הויז איז געפונען-געוואָרן, פון מינדסטן פעדעמל ביז גאָלד-מטבעות, איז געוואָרן פאַרשריבן.

מ׳האָט עס איבערגעגעבן שטײנקען, אַלס אַפּוטרופּוס איבער דער אַלטער. ער האָט אַליין צוגענומען מיט אַ נעבעך-מינעלע, ווי זיין שטייגער. ער האָט זיך אונטערגעשריבן אויף אַ פּאַפּיר, אַז ער וועט עס גוט היטן, צושטעלן עס, ווען מ׳וועט עס פון אים פאָדערן, אָבער אין אמתן — עס גענומען, קיינמאָל מער נישט צוריקצוגעבן, ווייל מ׳האָט עס שוין פון אים מער נישט געפאָדערט; נישט געווען ווער ס׳זאָל עס צוריקפאָדערן און ער האָט עס געירשנט, ווי אַלעס איבעריקע...

דער טויטער איז געלעגן ביז צומאָרגנס, האָט אים שטיינקע איינגעאָרדנט אַ לוויה. מ׳האָט אים געפירט נישט אין שטאָט אַריין, נאָר אין דערנעבנדיקן דערפל, וווּ עס געפינט זיך אַן צוואַנגעלישער בית-עלמין פאַר אָרימע. און אַ לוויה האָט אים שטיינקע איינגעאָרדנט — לויט דער סטעסענס ווערטל — ווי פאַר אַ בעטלער, וואָס האָט ס׳גאַנצע לעבן נישט פאַרמאָגט זיין אייגנס קיין העמד אויפן לייב און איז געשטאָרבן אין רינשטאָק...

מ׳קאָן אים אָבער אויך פאַרטיידיקן מיט דער קרומרוקנדיקער ברוקירערינס ווערטער (וואָס די געשטופּלטע זאָגט, מוז זי זאָגן פאַרקערט):

— ס׳איז דען דעם טויטן אַ חילוק, ווי אַזוי מ׳פירט אים צום גרוב? דאָס איז דאָך אַלץ נאָר פאַר די לעבעדיקע.

— דאָס האָט זי געזאָגט צו דער שניידערינס מוטער. יענע האָט דערויף געענטפערט מיט דעמזעלבן טאָן:

— פאַרשטייט זיך, אַז נאָר פאַר די לעבעדיקע.

„די לעבעדיקע" — זענען שטיינקע און זיין ווייב, און פאַר זיי איז די לוויה גוט געווען.

אַרויסגענומען דעם טויטן פון הויז, איז צוריק אַלץ שטיל-געוואָרן, ווי דאָס הויז וואָלט ווידער איינגעדרימלט אין האַרבסטיקן דרימל.

די יידענע, די שוסטערקע, איז צוריק אַהיימגעקומען; געוואָרן „העלדיש", זיך אויפגעהערם שרעקן (אַביסל האָט איר גאָך פונדעסטוועגן דאָס האַרץ געקלאַפּט, אַז זי איז פאַרבייגע-

גאַנגען אונטן פֿאַר דער פֿאַרמאַכטער טיר...) און נאָך פֿאַר די שכנטעס זיך געבֿעריעט, אַז זי האָט באַלד נישט קיין מורא־געהאַט...

— אַבי מ׳האָט געזאָגט, — וואַרפֿט די סטעסען אַריין כיטרע...

— אַז מ׳האָט געזאָגט, האָט מען געזאָגט ליגנט! איך האָב געוויילט אין שטאָט אַ פּאָר טעג בײַ מײַן קרובֿה, גלאַט אַזוי.

— אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע עפּעס אַנדערש, — איז די סטעסען גענייגט צו גלייבן און, אַז זי זעט, אַז די זשי־דוווקע איז פֿריינטלעך געשטימט, טוט זי בײַ איר אַ בעט: אַ שטיקל ציקאָריע און אַ פּאָר קערנער קאַווע.

— ביז מאָרגן־איבערמאָרגן, אַז מײַן מאַן וועט נאָר קריגן די „וויפּלאַטע".

די יידענע האָט איר דאָס געבאָרגט און פֿון דעמאָלט־אָן זענען זיי געוואָרן גוטע פֿריינט, צוזאַמען געפּליאַטקעוועט אויף די איבעריקע שכנטעס און באַזונדערס איינע הינטער דער צווי־טערס פּלייצעס...

די לעמקען איז נאָך דערווייל געזעסן אונטן אויף דער פּאָרשטאָט, מ׳האָט זי געזאָלט איבערשיקן אין שטאָט און פֿון דאָרט אַוועק ערגעץ אין אַ משוגעים־הויז.

ס׳איז אים גוט צוגעשפּילט־געוואָרן, שטיינקען. איצט איז אים פֿריי און גרוים. קיין שום וואָלקן האָט איצט זײַן האָרי־זאָנט נישט פֿאַרשטעלט. ער גייט־אַרום געלאַסן. אַלע אַרבעטן טוט ער זיך אַליין, איז רויק, מיט אַ באַהאַלטן שמייכעלע הינ־טער די געלע וואָנסעס, האָט ליב דעם גראָשן, איז קאַרג ווי אַמאָל לעמקע... אָבער — צווישן זײַנע אַכט קינדער, איז נישטאָ קיין איין געזונטס... יעדעס האָט אַן אַנדערן מום, — אַ קער־פּערלעכן, צי אַ גייסטיקן און עטלעכע — ביידע צוזאַמען.

איינמאָל אין אָוונט, שטעלט שטיינקע אָפּ דניאלן און פֿאַרטרויט זיך אים:

— זי וויסן...

ס׳האָנדלט זיך אין דעם, אַז דעם אָוונט, וואָס די לעמ־

קען האָט דעם מאַן געהרגעט, איז זי געווען שטאַרק ווילד, האָט זי מיט דער האַק פריער זיך געוואָלט אַרייַנרייסן צו אים, שטיינקען, און ערשט, אַז ער האָט זי נישט אַרייַנגעלאָזט, האָט זי דאָס, מוז־זיין, געטון יענעם...

— בעסער אַזוי — נישט וואָר? — קוקט אים שטיינקע אין די אויגן. — איך בין יינג און האָב קינדער. און דער לעמקע איז דאָך, ווייניקסטנס, שוין גענוג אַלט־געווען.

אין שטאָט לויפט שטאָקפיש אונטער, כאַפּט דניאלן אַזש ביים אַרבל:

— לעמקע טאַקע געהרגעט?

— געהרגעט.

— „זי" האָט עס אים געטון?

— זי.

נאָר ווען דניאל וויל שוין ווייטער גיין, גיט פלוצלינג שטאָקפיש אַ זאָג, ווי גאָרנישט זיין שטייגער, כמעט מיט צער:

— געבוירן־געווען אַ מענטש מיט אַ געזונטן קאָפּ — געלעבט אַ הינטיש, קאַרג לעבן און אומגעקומען, ווי אַ הונט...

— אין דעם טאָן פון די רייד איז געווען מער צער, ווי אין די ווערטער אַליין, אַזש דניאל האָט דערפילט צו אים — ס'ערשטע מאָל — זייט ער קען אים, אַ סימפּאַטיע.

אָרימער לעמקע!..

אין דיין שאַנק הענגט נאָך דיין חופּה־אָנצוג, אַ ריינער אַ נישט־געטראָגענער. איצט טראָגט אים שטיינקע, אַלע זונטיק טוט ער אים אָן אין דער קירכע אַריין; ער גייט דעמאָלט שטאָלץ, ווי אַ פּריץ. און זי, די שטיינקען — טראָגט דער לעמקענס קליידער מיטן קליינעם היטעלע און שערעם.

אָרימער, נאַרישער לעמקע...

און דער הער שאַמאַס, וואָס אַ חוץ זיין אָפּן געשעפט, גיט ער זיך אויך אָפּ מיט ליכווע און וווכער; דניאל קומט דאָרט אָפטמאָל אַריין, אַמאָל געשעפטלעך, וואָס דער באַלעבאָס פון פאַרבן־געשעפט שיקט אים אַריין, אַמאָל אויך — זייער

זעלטן — גלאַט אַזוי, אין פאַרבייגיין, — רעדט ער זיך אָן וועגן לעמקען:

— ער איז געווען קאַרג — וואָס דען, ער האָט געדאַרפט פאַרהוילטייען ס'פּאַרמעגנס, צעטיילן, אָדער וואַרפן אין גאַס אַריין?— אַזוי וועט עס האָבן דער יורש, און ער וועט עס נאָך פאַרגרעסערן.

און טאַקע:

— צו וואָס דען לעבט אַ מענטש?!

און זי, די פרוי, הויך און דיק, ווי אַ פילאַר פון דער גרויסער בריק — איז מפסיק פון פודערן און שמינקען דאָס אָפּגעלעבטע פּנים, וואָס „לעבט"-אויף הינטער אירע הענט, ווי אַ מאַסקע — און וואַרפט אויך צו אַ וואָרט וועגן דעם ענין לעמקע, וואָס איז היינט אין שטאָט דער שמועס פון טאָג:

— יעדנפאַלס איז ער געווען אַ רייכער מאַן, די צייטונג האָט עס אויך דערמאָנט...

עטלעכע טעג נאָך לעמקעס לוויה, איז דניאל אַמאָל פאַרבײַ אַהיימגעגאַנגען פון דער שטאָט. אויף דער בריק, האָט ער געטראָפן סטעסען און זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען.

דער וועג פירט פאַרביי דעם פּאָליציי-פּאָסטן. פון דאָרט האָט מען אויף זיי אַרויסגעקלאַפּט.

דרינען האָט זיי אויפגענומען דער פּאָליציי-עלטסטער.

— איר וווינט דאַכט זיך אויבן אין לעמקעס הויז?

— יאָ.

בעט ער, זיי זאָלן זאָגן דעם יורש שטיינקע, ער זאָל שיקן פאַר דער אַלטער וואַרעם אָנצוטון, ווייל זי קאָן נישט אַזוי פאַרן. ס'איז נישט זומער...

ער רעדט זיך אויף, דער פּאָליציי-עלטסטער:

— וואָס מיינט ער זיך, דער שטיינקע. שוין אַזויפיל מאָל אַרויפגעשיקט און ער איילט זיך אַלץ נישט, מוז ערשט אויסמאַכן, — דאָס פּנים ווערט אים באַלויכטן פון אַ פּיפּיק שמייכעלע: — אָדער, אפשר מיינט ער טאַקע, די אומגליקלעכע

זאָל אומקומען אויפן וועג, ער זאָל נישט דאַרפן דאָרט פאַר איר צאָלן?

— וואָס ווייסן מיר, — מאַכט סטעסע, — מיר וועלן אים דערמאָנען.

ביים אַרויסגיין, האָט מען זיי אַריינגעפירט צו דער לעמקען. זי איז געזעסן הינטער הילצערנע קראַטעס, ווי אַ הונט אין היצעלס בודע. איר פנים האָט זיך געשפּאַרט צווישן די שיטערלעכע שטאַכייטן, מיט אַ פינגער האָט זי זיי צוגערופן, און אַז זיי זענען צוגעקומען, האָט זי געפרווּט, ווי אַ בלינדער, וואָס וויל זיך איבערצייגן, צי ער האָט נישט קיין טעות — אָנצורירן זייערע פנימער, די באַקן, געפרעגט פון הינטער די קראַטן, צי לעמקע לעבט שוין טאַקע נישט, געפלאַפּלט, אַז זי האָט עס אַזוי נישט געמיינט... נאָר לסוף האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, ווי אַ באַעוולט קינד:

— ברענגען זי מיר דאָך מיין ווייס הינכען, מיין פופּכען. איך וויל עס נאָך איינמאָל זען!...

*　　*

*

דניאלן האָט דעמאָלט שוין באַגלייט דער שאָטן פון אַן אייגענעם צער —

וואַנדאַ...

קאַפּיטל XXXI

אויף דניאלן האָט געוואַרט אַן איבעררעשונג.

אַז ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געפונען אַ פּעקל, וואָס מ׳האָט אים געבראַכט פון דער פּאָסט. ער האָט עס געעפנט, איז עס געווען אַ פּאַק געדרוקטע פּאַפּירן — די קאָרעקטורן פון זיין ווערק, וואָס דרוקט זיך.

כּעלז האָט עס אים צוגעשיקט.

אינאָוונט איז דניאל שעהנווייז, שעהנווייז געזעסן איבערגעבויגן איבער די קאָרעקטור-בלעטלעך. ער האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט און נאָר אין די בלעטלעך פאַרטיפט-געווען; שמערצלעך אויפגעציטערט, אַז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ דרוק-גרייז און — צעפלאַמט געוואָרן, אַז ער האָט געפונען אַ באַזונדער געלונגענעם אויסדרוק.

דרויסן איז געווען נאַכט, דרויסן איז געווען קאַלט. דער וואַלד אינגאַנצן און יעדער בוים באַזונדער, האָט גערוישט, געבויגן זיך ביז דער ערד אונטער דעם מעכטיקן ריס פון האַרבסט-ווינט; פאַרצווייפלט געקעמפט פאַר זיין לעבן; די בלעטער זענען שוין געווען אַראָפּגעפּליקט, געוואַלגערט זיך אין בלאָטע, אין די שוואַרצע, קאַלטע קאַלוזשעס, און בלויז נאָר דער הוילער שטאַם און מאָגערע צווייגן, האָבן זיך געוואָרפן, ווי אין קאָנוווּלסיעס — נישט געוואָלט אומקומען.

דרויסן איז פאָרגעקומען אַ קאַמף אויף טויט און לעבן צווישן פלאַנץ און ווינט, צווישן אָנגעזאַמלטער ענערגיע פון זומער און — אַלץ-פאַרניכטנדיקן ווינטער; צווישן ווילן צום לעבן און — בייזע, פראָסט- און טויט-ברענגענדיקע ווינטן... און אין

שטוב, הינטערן קוים מיט אָנדערהאַלבן ציגל און ביסל ליים פונדרויסן אָפּגעטיילטן מויערל, איז דניאל געזעסן ביים טיש און געשלונגען די שורות פון די קאָרעקטן פון זיין אייגן ווערק.

וואַנדאַ איז אויף די שפּיץ-פינגער געגאַנגען איבער דער שטוב, קוים מיט די פיס באַרירט די ערד. זי האָט זיך געהיטן צו-הויך נישט אַן אָטעם צו טון, אים נישט צו שטערן. זי, וואַנדאַ, האָט געהאַט עפּעס וויכטיקס, אויסערסט וויכטיקס מיט אים צו רעדן, נאָר, ס'איז איר גאָרנישט איינגעפאַלן צו וועלן אים שטערן.

אָבער דאָס וואָס זי האָט געהאַט מיט אים צו רעדן, איז אויך געווען וויכטיק, — אפשר נאָך וויכטיקער ווי דאָס לייענען זיינס, אַ סך וויכטיקער. זי האָט עס מיט אים שוין מיט אַ צייט פריער געוואָלט רעדן, אָבער עס האָט זיך אַלץ נישט געמאַכט קיין געלעגנהייט. דערנאָך, דאָס אומגליק מיט לעמקען — איז ווידער נישט געווען קיין צייט און נישט קיין געלעגנהייט צו רעדן דערפון. אַזוי האָט די אָרימע אַלץ געוואַרט. אויף היינט האָט זי שוין געהאַט אויף זיכער באַשטימט צו רעדן מיט אים, איז ער ווידער פאַרנומען.

אָבער צומאָרגנס און איבערמאָרגן אינאָוונט איז ער אַלץ נאָך געזעסן איבער די בלעטלעך. ער האָט געלייענט, דערמאָנט זיך, אַז אָט דאָס, האָט ער געשריבן טאַקע דאָ ביי דעמזעלבן טיש אין אַ שפּעטער אָוונט-שעה. ער האָט דעם געדאַנק אויסגעשמידט פאַר זיך ביחידות און איצט וועט ער די וועלט זען, ווערן אַלעמענס. די בילדער, וואָס ער האָט געזען, ווי דורך אַ נעפל, דורך אַ הייסן נעפל, זעען זיך איצט דורך ווערטער, קלאָר און דייטלעך.

ווי ווונדערלעך דאָס אַלץ איז, ווי ווונדערלעך און ווי שיין... צי איז דען דאָס אַליין נישט דער העכסטער — אַפילו אויך כמעט פיזישער — געניוס אין לעבן? צי איז דען גאָר דאָ נאָך אַזאַ פאַרגעניגן, ווי דער פּראָצעס פון שאַפן?

נו — צי האָט ער דען גאָר געקאָנט וויסן, אָט דער עגאָ-איסט (ווי דען אַנדערש קאָן מען אים אָנרופן?...) אַז בשעת ער

קוויקט זיך און איז אַנטציקט פֿון די בלעטלעך — לײדט דער־ווײל וואַנדאַ? אַט דאָס שטילע האַרציקע נאַטור־קינד; אַט דאָס פֿון דער פֿרעמד־געקומענע מײדל, וואָס אַלץ־אַלץ האָט זי אים אָװעקגעגעבן, וואָס שטענדיק איז איר אויג אָפֿן פֿאַר אים, וואָס איר האַרץ פֿאַרגיט אים אַן עוולה קעגן איר, נאָך אײדער ער האָט איר ווײ־געטאָן, אײדער ער איז זי נאָך באַגאַנגען.

אַז דאָס מײדל לײדט, ווערט געדולדיק מיט אים זיך אַדורכצושמועסן און — ווײסט אין דערזעלבער צײט, אַז מיט יעדן טאָג שפּעטער, ווערט דאָס אַלץ געפֿערלעכער פֿאַר איר געזונט און מעגלעך, אַז אויך נאָך פֿאַר איר לעבן...

ווען זי איז געווען בײם דאָקטאָר איז שוין אויך גע־ווען... איצט איז שוין באַלד נאָך אַ חודש שפּעטער.

די נעכט פֿאַרברענגט זי שלאָפֿלאָז, ליגט אויפֿן רוקן, האַלט אָפֿן די אויגן אָנגעשטעלט צום באַלקן און טרויעריקע בילדער גײען איר פֿאַר די אויגן. טײלמאָל גרויזלט איר און זי שרעקט. און קײן שרעקעדיקע איז זי קײנמאָל נישט געווען. זי ליגט און האָרכט זיך צו צו זיך אַלײן. צו איר אײגן לײַב. וואָס קומט דאָרט איצט פֿאָר אין איר לײַב? וואָס פֿאַראַ מין וואונדערלעכס און אין דערזעלבער צײט דראָענדעס, שאַפֿט זיך דאָס אין איר אײגן לײַב?

אָבער דניאל — זי דערצײלט אים גאָרנישט. אינדערפֿרי שטײט זי אויף, טוט אַלץ ווי שטענדיק. זי קוקט אים שטיל נאָך, צי ער מערקט גאָרנישט אויף איר פּנים קײן ענדערונג. אָבער, ער, מוז זײַן, טראַכט גאָרנישט פֿון איר, איז אַפּנים פֿאַר־נומען מיר נאָר אַנדערע געדאַנקען. זי איז אים נישט חושד צום שלעכטן, אַ פּיצל נישט. פּשוט — טראַכט זי — ער פֿאַר־שטײט זיך נישט, פֿרעגט זי צומאָל אַ וואָרט און — מער גאָר־נישט.

האָט זי געשוויגן די גאַנצע צײט, אָבער אַז ער פֿרעגט פּאָרט נישט און דורכרעדן מוז מען זיך דאָך אַמאָל. ס'איז אויסערסט וויכטיק אַפֿילו פֿאַר אים. און אַזוי איז אַדורך נאָך אַ וואָך, ביז זײ איז אויסגעקומען זערווענג צו רעדן:

— געדענקסט דניאל, וואָס מיר האָבן גערעדט שוין מיט אַ חודש צוריק?...

— יאָ, — האָט ער זיך שווער דערמאָנט. ער האָט אויף איר די אויגן אָנגעשטעלט, נאָך זייענדיק מיט די געדאַנקען בײַ די אָקאָרשט-געלייענטע קאָרעקטור-בלעטלעך. נאָר אַזוי אָנקוקנדיק זי, האָט ער דערזען, אַז זי קוקט אויס — נישט אַזוי ווייט שלעכט, ווי — אַנדערש, אַז די לעצטע צייט, האָט זיך איר דאָס פּנים געענדערט, אַביסל אַן אַנדערע פאָרם און צערע געקריגן. — מיינסט, אַז איך פאַרגעס דערין?

— און דו פרעגסט מיך גאָרנישט, — איז זי אָפּהענטיק-געוואָרן, באַנעמענדיק אין דער מינוט, אַז ער איז אין אמתן ווייט פון אירע מחשבות.

— וואָס איז דען געשען דורך דער צייט? — האָט ער זיך דערשראָקן.

— געשען איז גאָרנישט, — האָט זי אים אומעטיק באַרויקט, — ס'איז פונקט אַזוי, נאָר שוין מיט אַ חודש שפּעטער, ווי דעמאָלט.

— איז דאָך גוט, — האָט ער דערלייכטערט אָפּגעצויגן דעם אָטעם.

— מיט וואָס איז עס אַזוי גוט? — האָט זי די הענט אַראָפּגעלאָזט פון טיש אויף די קני.

ער האָט אַ שמייכל-געטון, זיך אַ שאַר-געטון מיט דער האַנט איבער דער קני, ווי ער וואָלט פון דאָרט אַראָפּגעשטויבט אַ שטויבל און לייכט איבערגעהזרט:

— אָט, די צייט וועט קומען, און ס'וועט גוט-זיין.

— דו פאַרטראַכסט דיך גאָרנישט וועגן שפּעטער? — האָט זי געפרעגט אויסערלעך רויק.

— פאַרקערט: איך טראַכט אַ סך, איך זאָג עס נישט גלאַט.

— און?... — האָט זי אים געקוקט גלייך אין די אויגן.

— איך האָב באַשלאָסן, אַז נישקשה, — איז אים שוין קאָמיק דערדאָזיקער שמועס אַביסל איבעריק-געווען.

— דאָ — אין דער דירה? — האָט זי פון צעטומלטקייט איבער זיין לייכטזיניקן רעדן שוין אַליין נישט געוווּסט וואָס זי רעדט.

— וועט זיין אין אַן אַנדערער דירה.

— ווי נאַיוו דו רעדסט! — האָט זי שיער די הענט פאַרבראָכן. נאָר זיי גלייך צוריק אַראָפּגעלאָזט, אַ שאָטן האָט איר פּנים באַדעקט, נאָר זי האָט גלייך צוריק אָנגעהויבן צו רעדן רויק ווי פריער:

— און אונזער עקזיסטענץ איז געזיכערט צו ברענגען אַ באַשעפעניש אויף דער וועלט?

נאָך אַ ווייל פאַרטראַכטן זיך, האָט ער זיך אָנגערופן:

— מיין ווערק וועט אַרויס, וועט האָבן דערפאָלג... ווען איך האָב עס געשריבן, האָב איך נישט געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן, נאָר... פעלן האָט מיר אויך געשריבן...

זי האָט געשוויגן און ביטער צוגעשמייכלט ביי זיין רעדן. זי האָט אים גאָרנישט איבערגעשלאָגן, געלאָזט אים אויסרעדן. נאָר באַלד, פונקט, ווי איין־איינציק, ווייניקער וויכטיק בעדאַנקל, אַרויסגענומען פון אַ גאַנצן קנויל שווערע, פאַרפלאָנטערטע — האָט זי אָנגעהויבן שטיל, נאָר שטרענג ערנסט. — און וועגן אונזער צוזאַמענלעבן אין שייכות מיט אַ קינד... איך מיין, צי דו פאַרטראַכסט דיך דערוועגן, ווי עס דאַרפט צו זיין, נישט אויף איין פוס... נאָר... מיר לעבן דאָך נישט צוויי אַליין אויף אַ וועלט, נאָר אין אַ געזעלשאַפט מיט פאָראורטיילן, מיט געזעצן, און מיר זענען דאָך אָפּהענגיק פון אָט דער געזעלשאַפט, קומען מיט איר אין באַרירונג... מילא, מיר צוויי באַמערקן עס נישט, ווילן עס נישט באַמערקן, אָבער אין שייכות צו אַ קינד... דו — אַ ייד, איך — אַ קריסטין... און דאָס איז דאָך נאָך נישט אַלץ...

איצט האָבן זיי שוין ביידע געשוויגן, געזעסן פאַרטראַכט יעדערער פאַר זיך. —

* *

דניאל האָט זיך אַזש די אויגן פֿאַרשטעלט און האָט גע־טראַכט:

„אַז דער לעצטער פֿון דער משפּחה טובֿ זאָל גאָר זײַן אַ קריסט" — דאָס איז אים קיינמאָל נישט אײַנגעפֿאַלן...

פֿון אויסטערלישקייט און שיער ווייטיק, וואָס דאָסדאָזיקע באַוווסטזײַן האָט אים פֿאַרשאַפֿט, האָט ער זיך נערוועז צע־לאַכט:

— האַ האַ!.. — זײַן, דניאלס בלוט־און־פֿלייש — אַ פּאָ־ליאַק־קאַטאָליק!...

— מיר וואָלטן דאָס קינד געקאָנט דערציִען אַלס אָן־גלוי־ביקן,—האָט ער געהאַט געזאָגט.

— מעגלעך, אַז מ'קאָן, — האָט אים דערויף געהאַט גע־ענטפֿערט וואַנדאַ,—כאָטש דאָ אין לאַנד איז דאָס אויך שווער, רײַכע קאָנען זיך מסתּמא אַן עצה־געבן... אָבער מיר זענען נישט רײַך און אַ קינד דערציט זיך דאָך אויך צווישן אַנדערע קינדער און אין שול...

דניאל דערטראַכט זײַן אָנגעהויבענעם געדאַנק ביזן סוף:

„שמדן זיך, איבערגיין אין אַן אַנדערן גלויבן — דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, אָפּגעלעבטע זאַכן, ווי דער אָפּגעטראָגע־גענער אויסגעריבענער מאַנטל פֿון אַ גענעראַל אויף די געבוי־גענע פּלייצעס פֿון אַן אַלטן בעטלער". — צי וואָלט דען גאָר געלוינט דערוועגן צו טראַכטן, צו מאַכן דערפֿון אַ ווען.

דער עיקר איז דאָך אינגאַנצן און נאָר — דער מענטש, די פּערזאָן.

גוט! אָבער ווען וואָלט דאָס ריכטיק־געווען, אַז יידן וואָלטן געלעבט דאָ מיט דער איבעריקער באַפֿעלקערונג, ווי צוויי גוטע שכנים טיר־בײַ־טיר מיט גלײַכע רעכט אויף דער ערד, ווו מ'לעבט. — אין דער צײַט אָבער, ווען יידן האַלט מען נאָך כּמעט ווי אין מיטלאַלטער — אַלס יידן, און די נגישות, וואָס מ'ווענדט צו זיי אָן, זענען אויך כּמעט מיטלאַל־טערלעכע, און די אַטמאָספֿערע אַרום זיי — אויך די אַמאָליקע... דעמאָלט נעמט דער גאַנצער ענין אָן אַ גאָר אַנדערן באַטײַט. דאָס

אנטלויפן פון יידן ווערט דעמאָלט נישט ווי אַ זאַך פון גלאַט אַזוי, נאָר — איבערגיין פון די געשלאָגענע צו די שלעגער, פון דער מחנה נרדפים צו די — רודפים, ווערן אַ רענעגאַט און אַזעלכער זאָל זיין, זיין, דניאלס בלוט־און־פלייש, זיין קינד?

אָבער פּראַקטיש גערעדט, איז אים דאָך איצט דער געדאַנק פאַרקראָכן קיין „האָצעפּלאָץ" — איז דען דאָס אַלץ דער עיקר? — ווען נאָר דאָס זאָל זיין די מניעה, — בלויז דערמיט וואָלט מען זיך גאָר לייכט געקאָנט אַן עצה־געבן... דער שווער־פּונקט ליגט גאָר נישט אין דעם, דער שווער־פּונקט דערפון ליגט גאָר אַנדערש־ווו:

— זיי זענען אָרים, וואָס זיי אַרבעטן זיך נישט אויס — האָבן זיי נישט. דאָס געלט, וואָס אים קומט נאָך, וועט ער שוין מסתמא קיינמאָל נישט צוריקקריגן. די צייט ווערט וואָס אַמאָל ערגער, און אַפילו אַז יאָ צוריקקריגן, איז עס אויך נישט אַזוי פיל. — וואַנדאַ אַרבעט נאָר צו עטלעכע שעה אין דער וואָך, ווייל עס איז נישטאָ קיין אַרבעט. ער, דניאל, ווייסט אויך נישט, ווי לאַנג ער וועט נאָך האָבן אַרבעט, זיין באַלעבאָס פאַרלאַנגט צופיל פון אים, רויבט אים די שעהן, איז נישט קיין מענטש צום דורכקומען מיט אים. די פאָריקע וואָך איז אויסגעקומען צוליבן לענגער אַרבעטן — אַז אָט־אָט וואָלט ער געוואָרפן די אַרבעט. אויב דניאל זאָל מדקדק־זיין אויף זיין רעכט נאָר האַלבלעך אַפילו — וואָלט ער דאָרט נישט געקאָנט זיין, איין טאָג אויך נישט. קורץ, ער קאָן נישט וויסן, ווי עס וועט זיין אין אַ חודש אַרום, אין אַ וואָך. און ווי „לייכט" עס איז צו קריגן ערגעץ אַרבעט, ווייסט ער שוין פון פּראַקטיק... און דאָס לעבן ווייט פון דער שטאָט אין העק אויפן באַרג, איז — ווי די גאַנצע אומזיכערע עקזיסטענץ, וואָס שאָקלט זיך, ווי אַ לייוונטן געצעלט אויפן פעלד אין אַ שטורעם־ווינט, ביי אַזאַ מין אומבאַשטימטקייט, — צי קאָן ער זיך דען דערלויבן צו ברענגען נאָך אַ באַשעפעניש אויף דער וועלט? צי איז דאָס נישט קיין פאַרברעך? דאָס איצטיקע מיט וואַנדען — דער צו-

שטאַנד — איז דאָך נאָר אַ צופאַל. ער האָט דאָך לכתחילה עס ניִשט געוואָלט, און וואַנדאַ אויך ניִשט...

אַזוי ווי ער איז פריער געווען דערצו גלייבגילטיק —
אַזוי האָט ער איצט נאָך געהעריק אַרומטראַכטן דעם ענין —
אַלץ מער זיך אויפגערעגט:

„צי קאָן ער זיין אומבאַשטימט לעבן און עקזיסטענץ און נאָך מער — וואַנדעס עקזיסטענץ — באַשווערן אַזויערנאָך?"...

און נאָך:

ער איז דאָך דער לעצטער פון דער משפחה טוב, פון דער דעגענערירטער משפחה, וואָס שטאַרבט-אויס צווישן דריי-סיק-פערציק יעריקן עלטער. און ער, איז שוין נאָך די דריי-סיק... ווי וועט זיך דעמאָלט די אָרימע וואַנדאַ אַהינטון מיט אַ קינד?

און לסוף נאָך:

אין זיין משפחה איז געווען אויך גייסט-דעגענעראַטן, ווי זיין ברודער אלחנן, למשל, און נאָך עטלעכע, צי קאָן ניִשט אַמאָל זיין קינד אויך זיין עפעס ענלעכס?...

קלאָר, אַז ער, דניאל איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער צוקונפט, אַזוי פאַר וואַנדעס, ווי אויך פאַר דעם באַשעפעניש, וואָס קאָן לייכטזיניק אויף דער וועלט געבּרענגט-ווערן — אין בעסטן, בעסטן פאַל צו פאַרמערן נאָך די אַרמיי הונגעריקע, פאַרוואָרלאָזטע — ניִשט וויסן, אַז ער וועט אים קאָנען געבּן אַ געהעריקע דערציונג...

דאָס און נאָך. און ס'איז געווען קלאָר, — קלאָר און לאָגיש, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר.

פונדעסטוועגן, נאָך דעם אַלעם, איז פּאָרט ניִשט אַזוי לייכט-געווען זיך דערויף צו באַשליסן...

אָבּער באַשליסן זיך דערויף האָט מען געמוזט און וואָס גיכער: עס איז שוין געגאַנגען צום סוף צווייטן חודש און — —
זיי האָבּן באַשלאָסן...

אונטן אויף דער פּאָרשטאָט געפינט זיך אויף אַ פּלויט אין אַ ראָג־געסל אַ שילדל פון אַן אַקושערקע; מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ לאָזט זיך דניאל אַהין גיין.

אַ שטיל, ציכטיק הויפל. אינמיטן אַ קליין גערטנדל מיט ליידיקע האַרבסט־ביימער און פאַרוועלקטע פלאַנצן... אין דער לופט דרייען זיך קליינע, האַרטע גרייפּעלעך — דער ערשטער שניי.

דריינען אין געבויטן הייזל מיט קליינע, נאָר היימלעכע שטובן, האָט דניאל געוואַרט, געזעסן אַביסל אין וואַרט־שטוב ביי אַ רונדיקן טיש אַרום מיט ווינער־שטולן און געמאָלעוועטע יאַרמאַרק־בילדער אויף די ווענט. דערנאָך האָט זיך אַ טיר געעפנט אין אַ צווייטער שטוב. דניאל איז אַהין אַריין.

פאַר אים איז געזעסן אַ מיטליעריקע פרוי מיט אַ פול געזיכט, מיט צוגעקעמטע שוואַרץ־גראָע האָר. די פרוי איז נידעריק און פול־לייביק, דיקער ווי העכער, און מיט אַ שווערן, טאָפּלטן גוידער.

— מ׳קאָן, — האָט זי געענטפערט אויף דניאלס אָנבאָט, — פאַרוואָס זאָל מען נישט קאָנען, — פאַר געלט קאָן מען אַלץ.

— און געפערלעך איז עס נישט אַמאָל?

— ס׳קאָן יאָ זיין געפערלעך, — אָבער נישט אַז אַ ספּעציאַליסטקע מאַכט עס, — רעדט זי מיט אַ זעלבסטבאַוווסטזיין און מיט לאַנגע זיכערע פויזעס צווישן איין וואָרט און צווייטן.

— איז דאָך גוט, — שטראַלט דניאלן אויף דאָס פנים.

— עס קאָן גוט זיין, — צעלייגט זיך דער פרוי נאָך אַ גוידער, אַ דריי־טאָפּלטער — מ׳קאָן, מוי פּאַניע, אַלץ מאַכן, אָבער, ווי איר ווייסט, איז דאָס געזעצלעך פאַרבאָטן.

— אָבער די פּאַני זאָגט דאָך, אַז עס איז נישט געפערלעך.

די פרוי צעלאַכט זיך פון זיין נאַיוקייט:

— געפערלעך איז עס נישט, אַז איך נעם עס מיך אונטער, איז עס נישט געפערלעך, אָבער פאַרבאָטן איז עס באַזונדער. די מאַכט פאַרפאָלגט עס...

יאָ, דאָס האָט ער גאָר געהאַט פאַרגעסן, דניאל, ער האָט

בלויז באַרעכנט די מאָראַלישע זייט דערפון, אין שייכות צו אים און וואַנדען. —

— אַלזאָ? — וועט ער שוין אַביסל אומגעדולדיק פון איר באַריידעוודיקייט.

— דער פּאַן איילט זיך אַזוי שטאַרק? — באַטראַכט זי אים נאָכאַמאָל פון קאָפּ ביז די פּיס. איר בליק בלייבט לענגער צוגעקלעפּט צו זיינע אַביסל צעריסענע, אָפּגעטראָגענע שיך. — וואָס, דער פּאַן איז פאַרנומען?

— יאָ, איך בין אויף אַ פּאָסטן אין שטאָט.

זי וויל וויסן אויף וואָס פאַראַ פּאָסטן.

ער זאָגט איר.

— אַזוי, — מאַכט זי קיל, — פאַרדינט דער פּאַן נישט אַזוי פּיל? — זי קייעט די ווערטער לאַנגזאַם, אַזוי לאַנגזאַם, ווי זי וואָלט זיך אַליין צו פאַרשטיין-געגעבן, און הייבט ווייטער אָן:

— איך, דעם אמת געזאָגט, גיב מיך נישט אָפּ מיט אַזעלכע ענינים, נאָר אַזוי ווי איך בין אַן אַקושערקע, אַן ערשטקלאַסיקע, ווייס איך ווי מ'מאַכט דאָס. איך ריזיקיר אָבער דערביי מיט מיין פּראַקטיק, אַז מ'זאָל עס דערגיין...

— די פּאַני קאָן גאַנץ רויק-זיין...

זי אָבער רעדט נאָך דער הפסקה ווייטער, ווי דניאל וואָלט גאָרנישט גערעדט:

— און אַז איך ריזיקיר, — וויל איך פאַרדינען...

— וויפל? — פרעגט דניאל, זעענדיק, אַז זי וואַרט, ער זאָל עס פרעגן.

זי זאָגט אַ פּרייז און אַ גאַנץ היפּשן פּרייז, אַזש דניאלן ווערט קאַלעמוטנע ביים דערהערן אים.

ער שטייט אַביסל צעטומלט און שמייכלט אין פאַרלעגנהייט.

— אַנדערש לוינט מיר נישט, — לייגט זי צו.

דניאל פּרוווט אָפּהאַנדלען, אַביסל גייט עס. זי וויל וויסן, צי ביי דער פרוי איז עס דאָס ערשטע מאָל.

אַז זי הערט, אַז יאָ — דאָס ערשטע מאָל, איז זי געצייגט אַביסל אָפּצולאָזן.

צומאָרגנס גייט דניאל נאָך אַמאָל אַהין אַריין. דאָס מאָל מוז ער לענגער וואַרטן. ער זיצט אין וואַרט־זאַל אפשר אַ שעה צייט. דאָס דינסט־שיקסל זאָגט: די פּאַני איז נאָך נישטאָ. דניאלס אויער פאַרנעמט אָבער פון דרינען אַ רודערן און ער פאַרשטייט, אַז זי איז יאָ דרינען.

סוף־כּל־סוף עפנט זיך די טיר און מ׳רופט אים אַריין.

דרינען, איבערצייגט זיך דניאל, אַז זי איז טאַקע די גאַנצע צייט יאָ דאָ געווען. אויפן טיש ליגט אַן אָפן בוך. זי מוז האָבן געלייענט אַביסל נאָכן מיטאָג; אַז דניאל וואַרפט אַ בליק אין אָפענעם בוך, זעט ער, אַז עס איז אַ קאָך־בוך, עס איז פונקט אויפגעמישט, ווי אַזוי צו מאַכן אַ זיסע „לעגומינע“ פון יינגע חזיר־פיסלעך...

זי גייט אָנגעטון אין אַ ברייט לויז קלייד — נישט אַרומגעבונדן אין מיטן און זי זעט־אויס דערין צוויי מאָל אַזוי ברייט, און דערויף גייט זי נאָך אָנגעטון אַ לייוונטענעם קיטל.

— דער פּאַן זעט, מ׳איז רק פאַרנומען, — פאַרמאַכט זי ס׳בוך און רוקט עס אַוועק, — די פּאַציענטן לאָזן נישט אָפּ־עטעמען.

— נו? — פרעגט זי וועגן דעם צוועק פון זיין אַריינקומען.

ער זאָגט, אַז ער וואָלט איר גערן געגעבן וויפל זי בעט נאָר לײדער, אַזוי פיל האָט ער נישט.

— טאָ צוּוואָס זענט איר געקומען מיר אַ קאָפּ דרייען, איך בין אַ פאַרנומען מענטש.

ער איבערבעט זי און לייגט איר פאָר, אַז ער וועט איר אָפּצאָלן ראַטעסווייז.

זי וויל זיך אויפרעגן.

— ביי מיר איז נישט קיין קראָם אויף ראַטעס. איך האָב נישט קיין אינקאַסענט.

נאָר לסוף, אַז דניאל וויל שוין אַרויסגיין, לייגט זי אים פֿאָר:

— פֿון אויף ראַטעס איז נישט צו רעדן. זי וועט ליבערשט נאָך עפּעס נאָכלאָזן, נאָר באַלד צו קריגן דאָס געלט.

די סומע איצט איז שוין מער צוטריטלעך, נאָר ביז דניאל קאָן דאָס געלט צוזאַמענקריגן פֿאַרגייט דערווייל די גאַנצע וואָך. ערשט די צווייטע וואָך, מאָנטיק, מוט זיך וואַנדאַ אָן אַהינצוגיין.

דניאל באַגלייט זי דאָרט ביז פֿאַר דער טיר.

ער וואַרט אַביסל צו, נאָר אַז ער דערוואַרט זיך נישט, גייט ער צו דער אַרבעט.

ביי דער אַרבעט אין געשעפט דעם טאָג, האָט זיך דניאל באַמיט גאָרנישט צו טראַכטן דערפֿון. ער האָט מיט געוואַלט געשטופּט פֿון זיך דאָס נאָכקלערן, געשטופּט עס, כאָטש זיין גאַנצער קאָפּ און ער אינגאַנצן איז דערמיט פֿול געווען.

ער האָט דעם נאָכמיטאָג געמאַכט אַ פֿעלער ביים איינפּאַקן אַ באַשטעלונג פֿאַר אַ קונה. ערשט נאָך אָט דעם, איז אים געלונגען צו פֿאַרטרייבן פֿון זיך דאָס נאָכקלערן. ער האָט עס נישט פֿאַרטריבן, נאָר — איינגעשלעפֿערט, ווי מ׳שלעפֿערט איין אַ צאָנווייטיק און יעדע רגע גיט עס אַ ציק, אַ ריס און דערמאָנט, אַז עס לעבט.

אין אָוונט, אַז דניאל איז אַרויס פֿון דער אַרבעט, אויפֿן וועג אַהיים — געקומען אויף דער בריק, איז זי געווען באַדעקט מיט אַ וויס ווייך שנייעלע, אַ פֿינגער די דיק. אין דער שטאָט האָט מען דעם שניי אינגאַנצן נישט געזען, מסתמא געווען שוין צעטרעטן און פֿאַרבלאָטיקט, נאָר דאָ אויף די פּאָרענטשעס פֿון דער לאַנגער בריק, איז געלעגן אַ שיכטל שניי — ווייסער, ווייכער שניי.

ביים ערשטן דערבליק דעם שניי, האָט דניאלן עפּעס אויפֿגעטויכט אין האַרץ, אַן אָפּקלאַנג פֿון קינדערישער פֿרייד, פֿון גוטער האָפֿענונג און מיט אַ קלאָר פֿאַרגעפֿיל, אַז עפּעס גוטס דערוואַרט אים, האָט ער גיך און איילִיק צעהיימגעאיילט.

ער האָט געעפנט די טיר און אַריינגעגאַנגען אין שטוב. אויפן טיש איז געשטאַנען די אָנגעצונדענע לאָמפּ. זיין בליק האָט אַ נעם-אַרום געטון מיט איין קוק וואַנדעס נאָך אַלץ שלאַנק געשטאַלט, ווי ער וואָלט מיטן בלויזן דערזע געוואָלט מיט איין כאַפּ דערגיין די ענדערונג, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען פון נאָכמיטאָג ביז איצט.

אָבער דערזען האָט ער גאָרנישט. אויפן טיש איז שוין געשטאַנען געגרייט צום עסן, און ער האָט זיך געמוזט באַגנוגענען דערמיט, וואָס וואַנדאַ האָט אים דערציילט, אַז די אַקושערקע האָט איר געגעבן אַזעלכע פילן צום שלינגען און האָט איר פאַרשריבן נאָך עטלעכע זאַכן צום טון.

— און דאָס איז אַלץ? — ס'האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז ווייניק.

— מער גאָרנישט. זי האָט געזאָגט, אַז עס איז גענוג, נאָר עס וועט אַוודאי אַביסל געדויערן ביז צום רעזולטאַט.

— דאָס אינגאַנצן, און אַזוי פיל געלט גענומען?

— זי זאָגט, אַז פון אַנדערע נעמט זי נאָכמער, פון רייכע.

— דאָס קאָן זיין. נאָר פאַרוואָס, כ'בעט דיך, טוען דאָס רייכע?

— זיי האָבן זיך געוויס אויך זייערע אורזאַכן,—שמייכלט וואַנדאַ פון זיין קינדישער פראַגע, — עס זאָל נישט שטערן, אַ קינד שטערט אַמאָל...

— אַך, — גיט דניאל אַזש אַ געשריי-אויס — וואַנדאַ! אַז איך וואָלט געוווּסט, אַז כ'וועל קאָנען אַ קינד דערציען, ווי עס דאַרף צו זיין, אים גענוג-טוען, כאָטש מיט דאָס מינדסטע... איך וואָלט שוין אויף אַלעם איבעריקן גאָר נישט געקוקט, נישט אמת, וואַנדאַ, זאָגסט אויך אַזוי, האַ?—און נישט וואַרטנדיק גאָר, וואָס זי וועט זאָגן, נעמט ער זי אַרום און רעדט אַזוי צאַרט, אַזוי ווייך, ווי נאָך קיינמאָל נישט:

— טייערע וואַנדאַ, ליבע, איינציקע, אַ קינד! דיין, מיין... אונזער ביידנס קינד. אַזאַ קינדעלע מיט קליינע הענטלעך און פיסלעך, אַזאַ שפרינגעדיקס... „טאַטאַ“ וועט עס מיך רופן און

דיך „מאַמאַ“... אוי, וואַנדאַ! — איז זיין קאָפּ אַ פּאַל־געטון אויף איר אַקסל, אַזש זיינע טרערן זענען גערונען איר הינטערן קאָלנער פון קלייד אַראָפּ, איבערן הוילן רוקן, — אָרימע מענטשן, — האָט ער אין איר אַריינגעהעשעט, — קאָנען זיך גאָרנישט פאַרגינען...

— וואָס איז דאָ צו רעדן, — צאָלט זי אים אָפּ מיט אַ קוש אין מויל אוןווישט זיך אויך אויס די אויגן, — צעהייך דיך נישט די פאַנטאַזיע מיט אַזעלכע בילדער... די ווירקלעכקייט איז אַנדערש, אַ קינד איז נישט קיין שפּילעכל... גיי, דניאל, גיי עסן.

— יאָ איך גיי, איך גיי, — איז ער צום טיש צוגעגאַנגען, זיך אַנידערגעזעצט צום עסן, כאָטש די קעל איז אים געווען ווי צוגעשלאָסן.

די ווייטערדיקע טעג, האָט וואַנדאַ גענוי אַלץ געטון לויט דער אַקושערקעס פאָרשריפטן. אָבער עס איז אַוועק אַ וואָך און נאָך מער, און קיין שום רעזולטאַט האָט זיך נישט געוויזן. די פּילן זענען אויסגעגאַנגען. מ׳האָט געבראַכט נאָך אַ שאַכטל און פּריש געלט באַצאָלט דערפאַר. וואַנדאַ איז יעדן טאָג געגאַנגען אין שטאָט אַריין — אויף לויט די פאָרשריפטן. די צווייטע שאַכטל פּילן איז אויך אויסגעגאַנגען. ס׳איז שוין באַלד ווידער אַ חודש געווען אַוועק און — גאָרנישט.

— וואָלסט אפשר אַהינגעגאַנגען איר דערציילן, פרעגן...

— ניין, — זאָגט וואַנדאַ, — איך וועל דאָרט מער נישט גיין.

— אַז דו מוזט אָבער גיין?

— אַז איך מוז — וועל איך גיין, — באַזינט זי זיך, — אָבער איך וועל עס זייער, זייער נישט גערן טון, — און זי ווערט שטאַרק רויט.

ווערט דניאלן קשה, ער קאָן וואַנדען נישט פאַר אַזאַ נעמט ער פאָרשן:

— זי האָט דיך באַליידיקט?

— פאַרוואָס — באַליידיקט?

— נאָר וואָס דען?

וואַנדאַ פּרוווט זאָגן היינטיגס, אַז זי האָט זי נישט געוויסן מער קומען, מ׳זאָל זי נישט זען דאָ... דאָס, פאַרשטייט דניאל, איז אויך אמת, נאָר ענדלעך, איז אים געלונגען צו דערגיין (וואַנדאַ איז איצט ווייניקער פאַרשלאָסן אין זיך — אַמאָל וואָלט זי דאָס בשום אופן נישט דערציילט), אַז יענע, די אַקושערקע, האָט זי געפרעגט, פאַרוואָס עפּעס פאַר אירעטוועגן איז געקומען אַ זשיד, און בכלל זי צו-גרינגשעציק טראַקטירט.

— איך וועל אַליין אַהינגיין, — זאָגט דניאל און די אויגן צעבערענען זיך אים.

— דו ווילסט עס איר פאָרהאַלטן? — קוקט אים וואַנדאַ אָן, — דו וועסט דאָך דאָס נישט טון.

— און אַז זי האָט דיך באַליידיקט?

— פאַרוואָס באַליידיקט, אַז דו ביסט מיט מיר איז דען אַ בושה?

— אָבער, זי האָט עס דאָך געזאָגט — צו באַליידיקן.

— לאָז גיין, דניאל, עס לוינט נישט, מיך קרענקט מער די בליקן, מיט וועלכע זי קוקט אויף מיר.

— דאָס אַרט דיך אַזוי?

— יאָ, ס׳איז [illegible] איר אין שטוב, איך און זי...

אָבער דניאל איז נאָך דעמזעלבן טאָג אַראָפּגעגאַנגען אַהין. ער האָט ווידער היפּשלעך געוואַרט. דערנאָך האָט זי אים אויפגענומען און קאַלט געפרעגט, וואָס ער וויל.

— ס׳איז קיין שום רעזולטאַט נישט, — האָט ער קורץ און אויך קאַלט צוגעוויסנגעטון.

— נו, וואָס בין איך שולדיק?

— מוזט איר אַנדערש מאַכן.

— ניין, קיין פאַרבאָטענע אָפּעראַציעס מאַך איך נישט.

— אָבער איך ווייס, אַז איר מאַכט יאָ. —

דניאל האָט דאָס גלאַט אַזוי געזאָגט פון אויפרעגונג, אום זי צו קרענקען, ווייל איר צופרידן גווידער-פנים האָט אים אויפגערעגט. זי אָבער האָט רויק געענטפערט:

— אוודאי מאַך איך, אַז מ׳ברענגט אַן אָפּיציעלע דערלױ־בעניש פון פּאָװיאַטאָװע־דאָקטאָר, אַז די פרוי איז אַ האַרץ־לײדנדע, אַז דאָס שװאַנגערן איז פאַר איר געפערלעך: מיט אַזאַ צעטל מאַך איך, און יעדע אַנדערע אַקושערקע אױך.

— װעל איך אױך ברענגען.

— ניין, איר װעט נישט ברענגען, — האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט די קליינע טונקעלע אייגעלעך זיין „רייכן״ הילוך, — אייער... אייער פרוי, — זי האָט דאָס װאָרט „פרוי״ באַזונדער באַ־טאָנט, — איז געזונט; איבעריקנס, װאָס גייט דאָס מיך אָן, גייט און ברענגט.

ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן:

— איר האָט אונז אויסגענאַרט געלט, באַשװינדלט...

— פּאַניע, — האָט זי מיטאַמאָל אָנגענומען אַ שאַרפן אָפיציעלן טאָן, — איך קאָן אייך גאָרנישט; איך בעט אַרויס־גיין פון מיין שטוב!

זי האָט גענומען נאָך העכער רעדן, אַז די דינסט אין קיך, זאָל עס הערן:

— עפּעס אַ משוגענער קומט מיך כסדר טשעפּען... איך בעט מיט גוטן צו פאַרלאָזן מיין שטוב, װאָרן איך שריי אויף מענטשן, — און זעענדיק, אַז ער רירט זיך נישט פון אָרט, נאָר שטייט און קוקט זי אָן, האָט זי גענומען רופן אין קיך אַריין, װוּ עס האָט זיך געהערט די דינסט קלאַפּן מיטן געפעס ביים װאַשן עס:

— קאַזשאַ, קאַזשאַ! — האָט זי כסדר געשריגן.

— קאַזשאַ, גיי נאָר אַריין נאָך דעם פּאַן באַנאַשעק, זאָל ער נאָר אַריינקומען, קאַזשאַ, גיכער, רוף אים!...

דניאל איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ הויכן קלאַפּ מיט דער טיר, נאָר מיט אַ זייער דערשלאָגן געמיט. ער האָט זיך געמוזט צואײלן, װייל פון דער צװייטער טיר, איז דאָס דינסט־שיקסל געלאָפן נאָך מענטשן.

אָט אַזוי האָט עס זיך דערװייל געענדיקט, דער ערשטער פרוו און ס׳איז װידער געװען פונקט װי פריער — גאָרנישט.

קאַפּיטל XXXII

מיט יעדן טאָג קריכט וואַנדאַ אַלץ טיפער אַריין אין דער צייט. אַז דאָס גיט זיך דניאלן אַ דערמאָן, ווערט ער שיער משוגע פון שרעק און פיין.

איצט, ווען אַלע „פאַרוואָסן" זענען שוין גענוג אַרומגע־שמועסט און באַטראַכט — שטייט יעדער „דערפאַר" באַזונדער פאַר די אויגן, ווי אַ שרעקלעכער באַרג, וועלכן ס'איז אוממעג־לעך מיטן בלויזן געדאַנק אפילו צו איבערשטייגן...

דניאל איז צערודערט און אויפגערעגט; וואַנדאַ — איז נערוועז און אומרויק. זיי קוקן זיך אָן מיט פרעגנדיקע, צע־שראָקענע בליקן... יעדער טאָג פאַרגרעסערט די שרעק און צע־רודערונג. עס גייען־אַוועק טעג אָן זיי זאָלן רעדן איינער צום צווייטן, און פון וואָס איז דען נאָך צו רעדן, אַז מ'איז יעדער פאַר זיך פול מיט דעם איינעם, און דאָס איינע בריט אין מוח, ווי אַ הייסער שטיין. יעדער טראַכט מיט אַ שטילן פאַראיבל וועגן צווייטן...

נאָך אַביסל און — זיי וועלן זיך פיינט־קריגן.

יאָ, זיי וועלן זיך פיינט־קריגן. דער „פלאַנט" צו אָט דער שנאה ווערט מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה אַלץ מער רייף:

— ביסט געווען? —

— כ'בין נישט געווען.

— פאַרוואָס נישט, — האָסט יאָ געדאַרפט גיין.

אָדער:

— מוזסט איצט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַוועקוואַרפן אויף

אַ צייט אָט די קליינשטעטלדיקע בושה... ס'איז דאָך נאָר ביז אַ צייט...

— יאָ, אָבער, אַז דאָס איז קעגן מיין כאַראַקטער, קעגן מיין נאַטור...

און אָט די אָנגעשטרענגטע שווייגעניש, וואָס טרעט־אַריין נאָך יעדן פון דעם מין געשפּרעכן, מאַכט טאַקע אָט דעם „פּלאַנט" און איז עלול צו ברענגען צווישן זיי צו אַן אָפּע־נעם האַס.

אין די אָוונטן שפּעט גייען זיי, כמעט טאָג־טעגלעך, ביי־דע אין דער שטאָט אַריין.

אַרום איז שטיל און פינסטער. די באַרג־געגנט ליגט אַ קאַלטע, אַ שטומע און נאַכטיק־שוואַרצע, ווי אַן אָפּגעהויבענער בר־מינן, אָן אָנגעצונדענע ליכט צוקאָפּנס.

מיט אַראָפּגעהאָנגענע קעפּ און שווייגנדיק, ווי אַבלים, גייען זיי פון באַרג אַראָפּ. פון אָנגעטרעטענעם שניי, איז גלי־טשיק. דניאל העלפט וואַנדען אַראָפּגיין פון באַרג. דער וועג איז שטאַרק משופּע און ביידע זענען איינגעשטעלט. דורך איין נישט פאָרזיכטיקן טריט אַראָפּצופאַלן.

איינמאָל איז זי טאַקע שיער אַראָפּגעפאַלן, און ביי דער גאַנצער שרעק דעמאָלט, האָט אין דניאלס קאָפּ אַ פלעמל־אויפ־געטון אַן אומגעבעטן געדאַנקל:

„וואָלט „דאָס" אָן אַלעם אַ סוף־גענומען..."

ער איז אויף זיך אַליין אין כעס־געוואָרן פאַר דעם — כלומרשט אָן זיין ווילן — געדאַנק, אָבער געווען איז ער און געבוירן־געוואָרן אין דניאלס קאָפּ און קיין שום אַנדערער מענטש האָט אים אַהין נישט אַריינגעזאָגט.

זיי קומען־אַראָפּ פון באַרג, גייען־אַדורך די גרויסע פאַר־שוויגענע פאָרשטאָט־גאַס. דערנאָך די לאַנגע בריק און קו־מען־אָן אין שטאָט.

דאָרט גייען זיי, בלאָנדזשען אין פאַרשידענע גאַסן און הינטער־געסלעך, זוכן אויף די הייזער, פאַר די טירן, שילדלעך פון „ספּעציאַליסטנס". אַז זיי געפינען, גייט אַהין אַריין וואַנדאַ

בלויז. ער בלייבט-שטיין ווארטן אין אַ טויער, אָדער אויפן טראָטואַר.

וואַנדאַ פאַרטראַכט זיך אַלץ ווייניקער, צעגערט שוין קנאַפּ, נאָר גייט גלייך אַהין אַריין. אָפטמאָל הערט דניאל פון דרויסן דאָס עפענען איר די טיר. ער טראַכט: „וועט זי ריכטן, אָדער נישט?"

ער פּרוּווט זיך פאָרשטעלן אין דמיון איר אַרויסקומען און דערבליקן זי מיט זיין אינערלעך אויג — די מינע פון איר פּנים, צי זי ריכט דרינען.

ס׳רוב וואַרט ער לאַנג, נאָר ס׳טרעפט אויך, אַז זי קומט באַלד אַרויס מיט אַ קורצן ענטפער:

— ניין.

אָדער:

— פאַרלאַנגט צופיל געלט. —

און זיי נעמען ווייטער גיין, ווי דערשלאָגענע, אומגליק-לעכע דאָרפסלייט אין שטאָט.

ס׳האָט אויך געטראָפן: איינע אַן עלטערע פרומע קריס-טין, האָט זיך איבער וואַנדען אָפּגעבייזערט, וואָס זי קומט צו איר מיט אַזאַ פאָרשלאָג, אָבער לסוף האָט זי אויף איר מיט-לייד געהאַט, איבערגעחזרט, אַז זי טוט נישט אַזעלכעס, גע-פּרוּווט וואַנדען אָפּרעדן און דאָך לסוף איר געגעבן אַן עצה, אַן אומשולדיקע עצה: — אַ סך גיין, שפּרינגען נאָכאַנאַנד גיין... און ענלעכס — אומדירעקטע מיטלען אַזעלכע, און קיין באַ-צאָלט נישט געוואָלט דערפאַר נעמען.

די מיינסטע אָבער, ווילן אַ סך געלט און דאָס האָט זי נישט צו געבן.

...וואַנדאַ איז ערגעץ אַריינגעגאַנגען. דניאל האָט געוואַרט קעגנאיבער אין אַ הויז. מיטאַמאָל האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. אין מיטן דעם ווינטער-אָוונט, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו רע-גענען. תחילת איז עס געווען אַ רעגנדל, נאָר מיט יעדער רגע אַלץ שטאַרקער, ביז עס איז געוואָרן אַן אייליקער, דיקער רעגן, ווי אין אַ שפּעט-זומערדיקן אָוונט; פון דער רינע לעבן דער

הויז-טיר, איז שוין געלאָפן וואַסער ווי פון אַ פּלומפּ און דער ריינ-שטײַן האָט זיך גענומען אָנפילן.

„ווי אַזוי וועלן מיר זיך איצט אַרויפקריגן אויפן באַרג?“ — האָט דניאל געטראַכט און דאָס וואָס וואַנדאַ זוימט זיך אַזוי לאַנג, האָט אים געמאַכט האָפן.

אַז וואַנדאַ איז אַרויסגעקומען, האָט דער רעגן שוין גע-האַט אויפגעהערט. ס'איז ווידער געווען אַ ווינטער-אָוונט, נאָר די ברוק-שטיינער זענען נאָך געווען נאַס און האָבן געגלאַנצט אין שיין פון די עלעקטרישע לאָמפן.

דערנאָך, ווען זיי זענען שוין געגאַנגען, דערזעט ער פּלוצלינג, אַז וואַנדאַ לאַכט. אויף זיין פאַרוואונדערטן קוק, האָט זי זיך אָנגערופן:

— האָט מען מיך דאָס איצט געבוטעוועט אויף דיר.

— ווער?

— דרינען די.

— זי קאָן מיך דען?

— ניין, נאָר זי האָט מיך אָנגענומען אַלס פאַרפיר-מיידל און געהעצט מיך קעגן דעם פאַרפירער.

— אַז?...

— כ'זאָל פון אים ציען געלט.

— ער וואָלט נאָר אַזויפיל געהאַט, — האָט דניאל זיך אויך צעלאַכט, נאָר גלייך ערנסט-געוואָרן:

— און וואָס האָסטו דרינען געריכט?

— אויך דאָס אייגענע: זי וויל, נאָר פאַר אַ סך באַצאָלט.

דערנאָך זאָגט וואַנדאַ, ווי צו זיך אַליין:

— אָבער אַזוי איז דרינען אָרנטלעך, זויבער, אַז זי וואָלט נאָר נישט פאַרלאַנגט אַזוי פיל...

זיי גייען אַזוי שווייגנדיק ביז צו דער בריק. די ברע-טער פון דער בריק זענען נאַס און גליטשיק, ווי נאָך אַ זו-מער-רעגן. די לאָמפן פון יענער זייט טייך — די פלאַמען זייערע, באָדן זיך אין נעפל, ווי אין גראָער מילך, מיט אַ שוואַרצן הינטערגרונט. דאָס דערמאָנט אָן זומער און די אָנגע-

שטרענגקייט פון געמיט לאָזט אַביסל נאָך. זיי גייען אויף דער בריק, אַן אויטאָ פליט־פאַרביי און אונטן דער איצט־שוואַרצער טייך מיט די שווימענדיקע אייז־קריעס — ווערט אויף אַ רגע באַלויכטן... מיטאַמאָל רופט זיך דניאל אָן:

— וואַנדאַ, איך האָב עפּעס דערטראַכט, נאָר איך וויל דיין הסכּמה עס אַרויסצוזאָגן. — זי, מוז נישט וויסן נאָך, וואָס דאָס וואָרט „הסכּמה" באַטייט, זאָגט זי:

— נו, וואָס, זאָג.

— אַז דו וועסט מסכּים־זיין.

זי טראַכט אַ ווייל, קענטיק, זי פאַרטייטשט זיך דאָס וואָרט „הסכּמה", דערנאָך זאָגט זי:

— אָבער איך ווייס דאָך נישט וואָס.

— אַלץ איינס — דיין וואָרט.

— נו, זאָג.

— ווי ווילד עס זאָל נישט זיין?

— דו מאַכסט מיך שוין אומרויִק.

— ס'איז דאָך נאָר אַ פאָרשלאָג.

— אַלזאָ — זאָגן?

— יאָ.

— נאָך איין וואָרט: דאָס איז נאָר מיינס אַ דורכלויפנ־דיקער געדאַנק.

— זאָג.

— ס'איז אַזוי גרויס און אַזוי ווילד, ווי... שרייבן צו פעלזן, ער זאָל מיר באָרגן געלט.

— אָך!.. — זי האָט, קענטיק, געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר נישט געזאָגט, אָפּגעהאַקט, שטיל־געבליבן.

— איז, וואָס זאָגסטו צו דעם פאָרשלאָג?

— און אים שרייבן, אויף וואָס דו דאַרפסט דאָס געלט?

— געוויינטלעך, מער־ווייניקער אָנמערקן.

— און אַנדערש גייט נישט?

— איך וועל דאָך נישט גלאַט בעטן געלט. איבערהויפּט, אַז איך ווייס נישט, צי איך וועל עס אים קאָנען צוריקגעבן.

זי, אָבער, איז אין מיטן רויקן גיין און שמועסן, אַרויסגעקומען פון גלייכגעוויכט, און וואָס אַ רגע מער.

— דניאל, — האָט זי אים ביי דער האַנט אָנגעכאַפּט, נערוועז אָנגעכאַפּט, — דערלויב מיר זיך צו איבערלייגן דאָס, צו איבערטראַכטן, און פריער זאָלסטו נאָך גאָרנישט שרייבן, ביז איך וועל דיר זאָגן ענטפער.

— גוט, — האָט ער איר צוגעזאָגט.

נאָר קיין ענטפער האָט זי אים קיינמאָל נישט געזאָגט. זיי האָבן מער דערוועגן נישט גערעדט און ער האָט נישט געשריבן אַהין.

און די טעג האָבן זיך ווייטער גערוקט, בעגאַנגען, געגאַנגען און וואַנדען אַלץ ווייטער אַריינגעפירט...

* *

*

אונטן, די פּאָרשטאָט, — שטעלט זיך דניאל פאָר אין דער מחשבה — איז אייגנטלעך אַ שטעטל פאַר זיך, מיט מעשׂיות, פּליאָטקעס, רכילות און אָפּדערציילעכצער...

עס איז זייער מעגלעך, — טראַכט דניאל ווייטער, — אַז עמעץ האָט באַמערקט אים אַריינגיין צו דער אַקושערקע אין שטוב, אָדער וואַנדען. ס'קאָן אָבער נאָך מעגלעכער זיין, אַז דאָס לעצטע מאָל, ווען ער האָט זיך דאָרט מיט יענער שאַרף צעווערטלט — האָט עס די דינסט דערנאָך צעטראָגן... און ס'דאַרף גאָר נישט זיין קיין חידוש, אַז די געשטופּלטע סטעסען איז עס געוווּיר-געוואָרן דירעקט פון דער דינסט דאָרט, ביים טרעפן זיך מיט איר אין געוועלבל, אָדער פון אַ צווייטער האַנט, געכאַפּט אַ נייעסל וועגן דעם זשיד אויבן, וואָס וווינט מיט אַ קאַטאָליטשקע...

דניאלן איז שטאַרק דערין געלעגן, דאָס אין מוח זיך קלאָר צו מאַכן און, אַז ער מאַכט זיך דאָס מער-ווייניקער קלאָר, קאָן ער ערשט פאַרשטיין די סטעסענס באַווּף אין זיין

שטוב און איר געבן זיי אַן עצה אומדירעקט, אָבער מיט אַ בולטער כּוונה...

דאָס איז געווען אַנומלטן, שבת פאַרנאַכט. די סטעסען פלעגט אָפטערס אַריינקומען, אָבער אירע ביז־איצטיקע אַריינקומונגען זענען געווען קורצע און זאַכלעכע: עפּעס נעמען געבאָרגט, אָדער בעטן אים מיטצוברענגען עפּעס פון שטאָט, אַז ער וועט פונקט זיין. — דאָס מאָל איז זי אַריינגעקומען, זיך אַנידערגעזעצט, אָנגעהויבן שמועסן גלאַט־אַזוי וועגן שווערן ווינטער; וועגן דעם „ניעבאָשטשיק" לעמקע; געהאַט פאַר זיין אָנדענק בלויז שבחים: ער איז פאָרט נישט געווען נאָך דער ערגסטער, גאָר קיין פאַרגלייך מיט דעם „גאַלגאַן" — מיט דעם געלן הונט, שטיינקע, מיט די גנבישע וואָנסעלעך און פרום מינעלע... פאַרגעזאָגט אים אַ גיכן סוף. זי האָט געהאַט דערויף ראיות: ער קרענק כּסדר; ער האָט געמוזט פאַרקויפן דאָס שטיק פעלד אונטן ביים טייך; ער איז פאַרבאָדן אין חובות, קאָן נישט פירן דיווירטשאַפט...

זאַט געשמועסט זיך פון שטיינקען, האָט זי גענומען רעדן פון די שכנים אַרום... זי האָט געוווסט, אַז די סאַמאַרינענס מומע אין שטאָט — די, וואָס האָט איר דעמאָלט אַרויפגעברענגט די צוויי הינער — איז געשטאָרבן... איצט האָט זי דערציילט אינטערעסאַנטע זאַכן וועגן שמידאָווסקין, דעם פּאָליציאַנט... באַלד וועגן דרינען דער קרומרוקנדיקער ברוקירערינס טאָכטער — יאַדוויגעס קרענק, אַז דאָס איז דאָס ריכטיקע... זי פוילט לעבעדיקערהייט שטיקערווייז... פון אַלעם האָט זי דערציילט צוביסלעך, אָבער גרינטלעך, כאָטש עס האָט זי קיינער ביי דער צונג נישט געצויגן — —

נאָר, אַז זי איז אין שמועס אַרויפגעקומען וועגן דער אַוועקגעפאָרענער רוסישער, האָט זי אַזוי געמיטלעך און גלייכגילטיק דערציילט, צומאָלט נישט קיין איבעריקן קוק געבנדיק אויף וואַנדען — וועגן דער רוסישער פּאַראַיאָרן, ווען זי איז געווען אין אַנדערע אומשטענדן, נישט געוווסט וואָס צו טון מיטן „פּעקל", ווי אַזוי עס ,ויז צו ווערן, און אַז טאַקע זי,

די וואָס זיצט דאָ — די סטעסען — האָט איר אַרויסגעהאָלפֿן. זי האָט דאָ וווינען אַן אַלטע באַקאַנטע. ס'הייסט — נישט אירס קיין חברטע, נאָר זי קען זי נאָך פֿון אַמאָל אין דער גרויסער שטאָט קיעוו. דאָרט איז יענע געווען אַ באַרימטע אַקושערקע, אַ געענדיקטע, מיט אַ דיפּלאָם — הײַנט וווינט זי דאָ הינטער דער שטאָט, פּראַקטיקירן איז איר נישט דערלויבט, ווײַל זי האָט דאָ קיין עקזאַמען נישט באַלייגט, און אַן עקזאַמען האָט זי נישט באַלייגט — נישט חלילה — ווײַל זי קען נישט איר פֿאַך — פֿאַרקערט: זי קען די אַקושערסטווע שוין אײנמאָל גוט, נאָר זי איז נישט קיין פּוילישע, אַ פּראַוואָסלאַווגע איז זי, קאָן רעכט נישט קיין פּויליש רעדן.

— אַז יענע איז אַ כאַכלאַטשקע פֿון אוקראַינע, — און וואָס מיינט דער פֿאַן און די פֿאַני, — גיט די סטעסען זיך אַ ווענד אויך צו וואַנדען מיט איר מעשה, אָבער גאַנץ רויק און גלייכגילטיק, — יענע דאָרט פֿאַרדינט גענוג געלט, כאָטש זי באַרייסט נישט, נאָר נעמט לויט דער פּערזאָן. זי האָט שוין אַ סך פֿרויען אַרויסגעהאָלפֿן. פֿאַראַיאָרן פֿון דער רוסישער — דער פֿאַן געדענקט דאָך געוויס, — גיט זי זיך אַ ווענד צו דניאלן, — גראָשנס האָט זי פֿון איר גענומען און אין אײן וואָך-צײַט איז זי געווען אין אָרדענונג, צוריקגעשטעלט, ווי קיינמאָל גאָרנישט...

און אַז די סטעסען איז אַוועקגעגאַנגען, האָט שוין דניאל געַנוי געוווּסט, ווו יענע וווינט און אַלץ איבעריקע, כאָטש די סטעסען האָט עס פֿלומרשט נאָר דערציילט אַלס מעשה צווישן אַנדערע מעשיות.

צו די פֿירונצוואַנציק שעה, ווי די סטעסען איז געזעסן און דערציילט אירע מעשיות — צומאָרגנס פֿאַרנאַכט, האָט דניאל געבלאָנדזשעט אין אַ ווייטן שטאָט-קוואַרטאַל, ערגעץ פֿון יענער זײַט באַן-סטאַציע. ער איז ענדלעך אַרויסגעקומען אין אַ לאַנגער אומגעברוקירטער גאַס, באַשטעלט פֿון ביידע זײַטן מיט נידעריקע הײַזער און קרומע פּלויטן. ס'איז געווען זונטיק פֿאַר- נאַכט. די גאַס איז געווען אָפּגערוימט און ליידיק. פֿון אַ באַ-

ליכטיגער שענק האָבן אַרויסגעשאַלט שיכּורע קולות. אינמיטן גאַס איז געלעגן אַ שוואַרצע בלאָטע, דורכגעשניטן פון רעדער און צעקאָפּעט פון פערדישע קאָפּיטעס. אַ קאַלטער, שאַרפער ווינט, האָט געבלאָזן נידעריק צו דער ערד און אונטער זיין פּראַסטיקן הויך, האָט די בלאָטע געפרוירן אין גרודעס...

עפּעס איינער אַ דיקער מענטש, מיט איין פוס, און דעם צווייטן אַ הילצערנעם, האָט ערגעץ געאיילט, טראָגנדיק הינטערן אָרעם אַ גראַמאָפאָן. ער האָט הויך געשנייצט זיך די נאָז און אָפּגעווישט מיט דער פּאָלע פון דער בורקע. אַזוי ווי אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטעקן און אין דער צווייטער דעם גראַמאָפאָן — האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן ביים שנייצן, אַוועקשטעלן דעם שטעקן לעבן זיך, און מיט דער פרייער האַנט מיט איין עק פויסט שנייצן די נאָז, פאַרהאַלטנדיק זיך בשעת מעשה דאָס צווייטע נאָז-לאָך און גלייך, מיט דערזעלבער האַנט, אָנכאַפּן אַן עק פון דער גרויער דיקער בורקע און דערמיט גאָכווישן, ווי מיט אַ ווישעטש...

ווייטער איז געלאָפן אַ הונט, — אַ ברוינער הונט איז אַרויסגעלאָפן פון אַ הויז, געלאָפן איבער דער ברייט גאַס אין פון אַן עקסטרע דערצו געעפנט פענסטער, האָט אַ יינגער שייגעץ אים נאָכגעוואָרפן אַ ליידיקע פלאַש פון בראָנפן. ער האָט אים געטראָפן. דער הונט האָט זיך מוראדיק צעוואָיעט און יענער, מיט אַ נאַקעטן עלנבויגן — האָט צוריק פאַרמאַכט דאָס פענסטער מיט אַ הירזשעדיק געלעכטער, ווי ער וואָלט דורך אָט דעם זעץ דעם הונט — באַגליקט-געוואָרן.

— ווו איז דאָ נומער 61? — האָט דניאל זיך געוואָנדן צו אַן אַלטער איינגעהויקערטער פרוי, וואָס איז געגאַנגען אָנגעלענט אָן אַ שטעקן און אין אַ שוואַרץ טוך איינגעהילט, — נומער 61, ווייט פון דאָ?

— ווייס איך דען, גוטער מענטש, — איז געקומען אַן ענטפער פון אַ צעקנייטשט אָן-ציינערדיק אַלט מויל, — איך בין דאָך בלינד, פאַרלוירן די שיין פון די אויגן — און אַ פּאָר

אָפענע אויגן מיט ווייסלעך איבערגעצויגענע — האָבן אים אָנגעקוקט.

אין דעמדאָזיקן אָפּגעלעגענעם אַרבעטער-קוואַרטאַל, איז נישט נאָר וואָס די גאַס איז געווען נישט געברוקירט און די ערד שוואַרץ פון קוילן-שטויב, ווייל דאָ אַרום איז געגאַנגען דער פראַכט-דורכפאָר פון דער באַן — נאָר אויך די נומערן פון די הייזער זענען געווען נישט-דייטלעך און פאַרפלאָנטערט.

קוים מיט שווערע מי, איז דניאלן געלונגען אויפצוזוכן דאָס הויז; דערקענט האָט ער עס נישט דורכן נומער, נאָר דורכן גרויסן שטיין, וואָס איז געלעגן דאָרטן שטאָטס אַ שוועל, און די גאַס-לאָמפּ פון דער אַנדערער זייט, און דאָס הויז איז געווען נאָכגעשט פאַרטינקעוועט — מיט די בלויזע ציגל נאָך — דאָס זענען געווען דער סטעסעס סימנים — אַרויסגעזאָגטע גלאַט-אַזוי, אַלס מעשה, כלומרשט, — אַזויערנאָך האָט דניאל דערקענט דאָס הויז.

די טיר, האָט ער אויך געדענקט, האָט זי געזאָגט, רעכטס צום הויף-צו. ער איז צוגעגאַנגען, אָנגעקלאַפּט. ער איז אַריינגעקומען אין אַ נידעריקער ריינער שטוב, אַ לאָמפּ איז געהאָנגען איבערן טיש, אוןביים טיש איז געזעסן אַ מיטליעריקע פרוי מיט אַ פּנים שוואַרץ, ווי אַ ציגיינערין און אויגן — אויך אַזעלכע שוואַרצע, ציגיינערישע.

— וואָס ווינטשט זיך דער פאַן? — האָט זי געפרעגט מיט אַ רוסישלעכן אַקצענט.

דניאל האָט זי אַ ווייל אָנגעקוקט און נישט-וויסנדיק, ווי אַזוי אָנצוהייבן, האָט ער צוריק געפרעגט:

— צי די פּאַני קען די סטעסען?

טראַכטנדיק אַ ווייל און אָנקוקנדיק אים שאַרף, האָט זי זיך אָנגערופן:

— די געשטופּלטע פון באַרג איבערן טייך, וואָס די רוסישע האָט ביי איר געוווינט? און גלייך געשעפטלעך געפרעגט:

— זי שיקט אייך צו מיר?

— ניין, אָבער פון איר האָב איך געהערט וועגן אייך.

— אַזוי, גוטס כאָטש? — זי האָט דניאלן שוין פריינטלעכער אָנגעקוקט, צוגעגאַנגען, פאַרקייטלט די טיר; אַז זי איז צוריקגעקומען צום טיש, האָט זי דניאלן צוגערופן צו דער ברייטער, אַלטער סאָפע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ צווייטן ווינקל. זי האָט זיך געזעצט, דניאל — דערלעבן אויף אַ שטול, און זיי האָבן גענומען רעדן צו דער זאַך — וועגן ציל פון זיין קומען אַהער.

אַ האַלבע שעה שפעטער, איז דניאל פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען. דער פרייז איז שוין געווען אָפגערעדט. וואַנדאַ דאַרף קומען מאָרגן פאַרנאַכט אין דער צייט. אויף קיין פאַל נישט פריער, ווי, אַז ס'וועט שוין פינסטער־זיין. און — אין דניאלן האָט געפלאַטערט די זיכערקייט, אַז דאָסמאָל וועט עס שוין זיין, ווי עס געהערט צו זיין.

— איר קאָנט מיר פריער געבן נאָר אַ טייל געלט, דאָס איבעריקע — אַז אַלץ וועט שוין זיין אַריבער, איך האָב נישט קיין מורא, איך בין זיכער.

נאָר אין דניאלן האָט ביים וואָרט, אַז „אַלץ וועט שוין זיין אַריבער“ — אַ גראַבל־געטון, ווי אַ האָפענונג און שרעק.

ווען ער איז צוריק אַרויסגעקומען, האָט ער זיך אויף אַ ווייל אָפגעשטעלט, איבערגעטראַכט, ווי ער איז אַהערגעקומען, זיך אַרומגעקוקט און מיט פאַרוואונדערונג אַ קלער־געטון אין זיך:

„אָבער דאָס אַלץ האָב איך דאָך שוין אַמאָל איבערגעלעבט“. ער האָט זיך געגנוי אַרומגעקוקט, אויפגעוועקט אין זיכרון אַלץ פון דעם וועג אַהער, און אויך דרינען — און עס נאָכאַמאָל באַשטעטיקט אין געדאַנק:

„יאָ, דאָס אַלץ...“

זיינע אויגן זענען געווען ברייט אָפן, נישט אַ ריר־געטון זיך, נישט מיט אַ לעדנדל און נישט מיט די וויעס, אָנגעשטעלט־געווען אין דער זייט, ווו עס איז געלעגן בחברותא דער ליכט־און־שאָטן פון דער קעגנאיבערדיקער גאַז־לאָמפ און צוגעגעבן אין געדאַנק:

„גאָר שוין גאַנץ לאַנג, לאַנג...“

ער איז אין דעם זיכער-געווען, דניאל, און אַלץ מער זיך דערמאָנט.

אָבער אין אמתן — צי האָט דניאל דאָס דאָ שוין געהאַט אַמאָל געזען? — ניין! קיינמאָל נישט. זיין פוס איז נאָך קיינמאָל אין לעבן דאָ נישט געווען. דאָס האָט זיך אים נאָר אַזוי געדאַכט, ווייל ער איז געווען שטאַרק איבערגענומען מיט דעם, וואָס ער איז דאָ געקומען דערליידיקן... געטראַכט דערפון ביי-טאָג און ביינאַכט; אַפילו אומבאַוווסטזיניק, און די סימנים, וואָס ער האָט געהערט פון דער סטעפען, זיי געטראָגן אין זיך און ס'האָט זיך אים געפלאָנטערט אַפילו אין שלאָף.

קאַפּיטל XXXIII

דניאלן זענען פֿאַרבליבן אין זכּרון עטלעכע מאָמענטן פֿון צוזאַמענגעדיקן אָוונט:

ווען וואַנדאַ האָט זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל צום אַהינצוגיין דאָרט — האָט ער באַמערקט אויף איר פּנים אַזאַ טיפֿן צער, אַזאַ האָפֿענונגסלאָזיקייט און רעזיגנאַציע; אים איז אַ לויף־געטאָן דורכן מוח: „ווי אַז מ׳גייט אין אַ שלאַכט", — אָבער דאָס איז נישט געווען די ריכטיקע באַצייכענונג דערפֿאַר, ווײַל ער האָט זי אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס גייט אַנטקעגן דעם בלינדן, אַכזריותדיקן גורל. מעגלעך, אַז אויך דאָס איז נישט ריכטיק; נישט ער האָט עס געקאָנט גענוי באַצייכענען, און נישט זי האָט עס אַוודאי גאָר באַוווּסטזיניק געפֿילט, אָבער איר פּנים האָט אויף אַ ווײַל זייער באַטריבט אויסגעזען. אַז זי האָט באַמערקט, אַז ער קוקט אויף איר, אַז זײַנע אויגן זענען אָנגעשטעלט אויף איר פּנים — האָט זי זיך געצוווּנגען אַ שמייכל צו טאָן, נאָר — בלויז אַ גרימאַסע איז אויף איר פּנים דערפֿון אַרויסגעקומען. די אונטערשטע ליפּ, האָט איר אַ ציטער־געטאָן, זיך אויסגעקרימט און אַזוי פֿאַרבליבן.

און אויך דער דאָזיקער טיף טרויעריקער רעזיגנאַציע־שמייכל, איז פֿאַרבליבן דניאלן אין זכּרון.

ער האָט גיך אַ לעש־אויס געטאָן די לאָמפּ, פֿינסטער־געמאַכט, אום זי זאָל נישט זען דעם צעטראָגענעם אויסדרוק אויף זײַן פּנים, וואָס איז געווען פּונקט ווי דער ענטפֿער אויף אירן.

דניאל האָט זי באַגלייט, דער וועג איז געווען ווײַט — פֿון איין עק שטאָט צום צווייטן. זיי זענען געגאַנגען שווײַגנ־

דיק און גיך. ס'איז געווען נאָכנישט שפּעט אין אָוונט. אין שטאָט איז נאָך געווען די געוויינלעכע באַוועגונג. די געשעפטן זענען אָפן-געווען. די טראָטואַרן פול און די אויטאָס און דראָזשקעס האָבן גערוישט... דאָס האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו גיין איינער לעבן צווייטן שווייגנדיק, יעדער מיט זיין געמיט פאַר זיך אַליין.

פאַרן הויז, דאָרט, ווו די אַקושערקע וווינט, האָבן זיי זיך אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט. לעבן הויז, קעגנאיבער, שטייט אַ גאַס-לאָמפּ — אַ רונדיקער, פון עלעקטריש ליכט באַהעלטער באַלעם, ווי אַ קליינע זון, קוקט-אַראָפּ פון אַ הויכן סלופּ. זיי האָבן זיך דאָרט אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט. וואַנדאַ האָט אַביסל גליייך-געמאַכט אויף זיך די מלבושים נאָכן וויטן וועג. — אין דעם, ווי זי איז אַזוי געשטאַנען, איז אַ גרויסער הונט, ווי אַ שאָטן אַדורכגעלאָפן האַרט פאַרביי וואַנדעס פיס; „אַך!”— האָט זי געטון אַ פלאַטער-אויף פון הונטס באַרירונג ביי אירע קניען. איר פנים איז אויף אַ ווייל געוואָרן פאַרשטאַרט און אַ שרעקלעכע אימה האָט עס אויסגעדריקט.

דניאל האָט זיך אויך דערשראָקן; דערשראָקן האָט ער זיך, ווייל ער ווייסט, אַז וואַנדאַ האָט ליב שטוב-חיות, איבערהויפט הינט, און קיין מורא האָט זי נאָך קיינמאָל פאַר זיי נישט אַרויסגעוויזן.

— ס'איז דאָך אַ הונט, — האָט ער זי באַרויקט און געפרוווט אויסלאַכן איר שרעק, — מוזט האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַ וואָלף, אָדער אַ טיגער, עקסטרע אַהערגעבראַנגט פון אַפריקע?

— ניין, כ'זע דאָך, — האָט זי שוין אויך זיך באַמיט צו לאַכן, — און איך, זעסטו, האָב מיך פלוצלינג אַזוי דערשראָקן...

און אויך אָט דער מאָמענט, איז אויף לאַנג דערנאָך געבליבן דניאלן אין זיכרון; אָט דאָס מיט גרעלן ליכט באַלויכטענע ווינקל, אויף דער אומבאַקאַנטער גאַס לעבן ציגל-הייזל. דער שאָטן פון פאַרביילויפנדיקן הונט און וואַנדעס נישט-געוויינלעך דערשראָקן פנים זענען לאַנג, לאַנג געבליבן

אין דניאלס געמיט און אים געפּייניקט מיט זייער לעבעדיקער בולטקייט.

דניאל האָט געוואַרט דאָרט פאַרן הויז ביז נאָענט פאַר האַלבער נאַכט. אַז וואַנדאַ איז אַרויסגעקומען איז די „אָפּעראַציע" שוין געווען געמאַכט; האַלב געמאַכט. אויף דעם רעזולטאַט האָט מען נאָך געדאַרפט וואַרטן.

— ווי לאַנג? — וויל דניאל וויסן און ער קוקט, ווי וואַנדאַ דערהויבט קוים די פיס ביים גיין און זי איז זייער בלאַס.

— ווי לאַנג קאָן מען נישט וויסן, אַמאָל גאָרנישט לאַנג און אַמאָל — די צווייטע וואָך אויך נאָך נישט.

...איצט זענען ביי זיי געגאַנגען מאָדנע שטילע און שווערע טעג. אין זייער שטוב האָט זיך נישט געהערט קיין פריילעך וואָרט און קיין פרייע מינע האָט זיך נישט געוויזן אויף זייערע פּנימער. זיי זענען אַרומגעגאַנגען ענלעך ווי שווערע פאַרברעכער מיט אַ נישט-ריין געוויסן. די איינציקע ווערטער, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אַדורכגעוואָרפן, איז געווען:

— נו, שוין?

זי, ווי פאַרשולדיקט:

— ניין, נאָכנישט...

— נאָך אַלץ — נישט? — און אַ פאַרצווייפלטע מינע אויף זיין פּנים, און דערדריקטע יסורים אויף איר אויסגעמאַטערט בלאַס-געל געזיכט.

אין דידאָזיקע „דערוואַרטונגס"-טעג, איז דניאל אַריינגעצויגן-געוואָרן אין געהיימען לאַבירינט פון אַזוי פיל נישט-ניטאדיקע געהיימנישן און געשלעכט-סודות, וואָס שוין בלויז דאָס איז בכוח-געווען אים דאָס לעבן צו פאַרמיאוסן אויף יאָרן-לאַנג. אָבער — אים האָט דאָס נישט נאָר נישט געעקלט, נאָר ער האָט זיך אַלץ מער דערמיט פאַראינטערעסירט, געוואָלט וויסן, אָבער — אַלץ איינס — וואַנדען האָט ער דערמיט סיי-ווי נישט געקאָנט פאַרגרינגערן — נישט געקאָנט צוזאָגן...

די „וויזיטן" צו יענער פרוי אין וויטן שטאָט-פערטל,

האָט וואַנדאַ געמוזט פאַרזעצן יעדע פּאָר טעג. זי האָט זיך גע־מוזט היטן אַהין נישט צו גיין בייטאָג, נאָר דווקא אין דער פינסטערער נאַכט, ווי אַ גנב, אַן איינברעכער...

זי האָט דאָרט נישט געטאָרט קלינגען אין טיר־גלעקל — די שכנים זאָלן נישט הערן, נאָר קוים־קוים קראַצן מיטן פינ־גער. זי האָט טייל מאָל געטראָפן די פרוי זיין פאַרנומען אויך מיט אַזאַ פּאַציענטקע ווי זי... דעמאָלט האָט זי געמוזט צו־וואַרטן אין דער פינסטערער קאַלטער קיך אויף איר ריי, שטיין אין אַ ווינקל דאָרט. די, וואָס איז דרינען געווען, איז אַרויסגעלאָזט־געוואָרן דורך אַ צווייטער טיר... אַמאָל האָט זיך פון דרינען געהערט אַ הויכער קרעכץ, אָדער אַ ווי־געשריי, און באַלד דערויף, ווי אַ וואַסער, וואָס לעשט אַן אויפגעכאַפּטע פייער — אַ געבייזערדיק מורמלען פון דער באַלעבאָסטע...

טייל מאָל, ווען וואַנדאַ האָט געוואַרט אין דער פינסטע־רער קיך, האָט זיך פונקט געהערט אַ שטילער קלאַפּ אין טיר פון דרויסן, גלייך איז פון דער צווייטער שטוב געקומען אַריינ־צולויפן אויף די שפּיץ־פינגער — די אַקושערקע, לויפנדיק אי־בערן וועג, זיך געריבן די פייכטע, אָבער נישט ריינע הענט אַן „ווייסן״ פאַרטוך; געעפנט אַ שפּעלטעלע פון דער טיר און עפּעס אַרויסגעפליסטערט, צוריק פאַרמאַכט די טיר און אויך אַזוי שטילינקע, זיך אַריינגעשלייכט צוריק דרינען אַריין.

און מיט אָט די שרעקיקע בליקן און געהיימע פליסטע־רייען, האָבן זיך אָנגעשטעקט די אַלע באַזוכערינס דאָ. דניאל האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן אין וואַנדעס אויפפירונג אַ דער־שראָקענע באַהאַלטנקייט, ווי ביי אַ נאַכטיקן איינברעכער, אַן אַרומקוקן זיך אין אַלע זייטן און האָרכן מיט אויפגעשפּיצטע אויערן און צעשראָקענע אויגן.

יאָ, די אַלע אומגליקלעכע, דאָרט־אַריינקומענדיקע פרויען זענען געווען פאַרברעכער, אַלס אַזעלכע האָט דאָס געזעץ זיי פאַרפאָלגט — זיי האָבן קאַליע־געמאַכט די פרוכט פון זיי־ער לייב; קאַליע־געמאַכט – נישט חלילה, ווייל אַ קינד־האָבן האָט זיי געקאָנט שטערן צו הוליען (אַזעלכע האָבן געפונע

בעסערע ערטער און באַקוועמערע באַדינגונגען — לעגאַל...) נאָר דאָס רוב פאַרפירטע פאַבריק־מיידלעך, שטוב־דינסטן און אָרימע — האָבן זיי נישט געוואָלט און נישט געקאָנט ברענגען אויף דער וועלט דאָס קינד נאָך צו פאַרגרעסערן זייער אָרימקייט, וויסנדיק פריער, אַז זיי וועלן עס נישט קאָנען אויפציִען, און אויך נישט געוואָלט פאַרמערן די פינדל־הייזער, זיי צו שטייער געבן אויפצוציִען פאַרברעכער, אָדער — אין בעסטן פאַל — שקלאַפן..

און וויפיל פון אַט די אומגליקלעכע פרויען און מיידלעך, האָבן געוויינט ביים פאַרהאַנדלען מיט דער אַקושערקע, געוויינט און — פאָרט עס געטון, געצוווּנגען־געווען עס צו טון — פון דער נויט, פון דעם איינגעשטעלטן לעבנס־סדר, געצוווּנגען...

...אָט, דידאָזיקע „דערוואַרטונגס"־טעג, האָבן שרעקלעך געווירקט אויף דניאלס לעבן און פירונג. ער איז געוואָרן צעטראָגן און אומרויִק ביי דער אַרבעט אין געשעפט. ער האָט געמאַכט פעלערס און אומפּינקטלעכקייטן. דער באַלעבאָס האָט אָפטערס איינגעגראָבן אין אים זיין שטאָלענעם בליק... און נערוועז איז ער איצט געווען, דניאל, אַז עמעץ האָט זיך צו אים געוואָנדן מיט אַ רוף, אָדער פרעג, האָט ער אויפגעציטערט אַ צעטומלטער, אַ נישט־דאָ־וועלטיקער... דניאל האָט געוווּסט, אַז דער שעף איז נישט צופרידן פון אים, וועט אים אַ ליאַדעטאָג אָוועקהייסן פון דער אַרבעט. און וואָס אים דערוואַרט באָכדעם, האָט ער אויך געוווּסט. ער האָט דאָס אַלץ געוווּסט און פאַרשטאַנען, אָבער — ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפן.—

* *

*

און דער רעזולטאַט איז ענדלעך געקומען:

איינמאָל, אַז דניאל איז אין אָוונט אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט ער געפונען וואַנדען אין בעט, אַ מידע, אַן אָפּגעשוואַכטע און קראַנקע. און אַזוי איז געווען מאָרגן, איבערמאָרגן און די ווייטערדיקע טעג.

דניאל איז מער נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט; ער

האָט געמוזט אינדערהיים זיין און גיין אַרום דער קראַנקער... נייע וועש איז צעריסן-געוואָרן אויף שטיקלעך, העמדער און ליילעכער, ווייל עס זענען נישט געווען קיין אַלטע שטיקלעך. אַ סך איז צעריסן-געוואָרן און מ'האָט אַלץ געדאַרפט נאָך און נאָך...

ווי גיך דניאל האָט זיך צוגעוויינט צו דער קיך. אַמאָל, און אַפילו ערשט מיט אַ יאָר צוריק, ווען ער האָט געגעסן אונטן ביי לעמקען, האָט ער אַפילו נישט געוווּסט, ווי אַזוי אַ טעפל טיי אויפצוקאָכן, ווי אַזוי צו מאַכן פייער — היינט קאָן ער שוין אַלץ, אַפילו אָפּקאָכן אַ גריץ-זופּ פאַר וואַנדען; היינט קאָן ער אַפילו אָפּקאָכן אייער אויף שיטער; אָפּפּאַסן, אַז דאָס איי זאָל נישט זיין האַרט און אויך נישט צו שיטער, און — ווי אַזוי מ'דערקענט דאָס...

און נאָך אַנדערע זאַכן ווייסט ער שוין, דניאל... און דאָס אַלץ האָט ער זיך אויסגעלערנט אין די דאָזיקע פאַר וואַנדען — און אויך פאַר אים — שווערע טעג.

— ווי פילסטו דיך איצט? — פרעגט ער.

— זאָרג נישט, דניאל, אַזוי, נישט שלעכט, — און זי שמייכלט.

דניאל באַמערקט, אַז זי נייט זיך צו שמייכלען. ער זעט, אַז איר פנים איז געל, געל ווי אַ לימענע, און דאָס האַרץ ציטערט אין אים אויף.

— אַריינרופן די סטעסען? וועט דיר אַביסל היימלעכער זיין.

— ניין, איך בעט דיך, מיר איז מיט דיר אויך גענוג היימלעך... דערנאָך, אַז איך וועל שוין געזונט-זיין, — ער באַמערקט, אַז אַפילו דאָס רעדן, קומט איר שווער אָן.

עטלעכע טעג שפּעטער, האָט דניאל אַהינגעטראָגן דער אַקושערקע די רעשט געלט. ער האָט איר דערציילט, ווי צס האַלט.

— גאָרנישט. ס'איז אין אָרדענונג. וואָס זאָגט איר?... ניין, עס שאַדט נישט, אַזוי דאַרף עס זיין.

זי האָט געבעטן, ער זאָל איר דערלייגן עפּעס צום פּרייז, ווייל זי איז עס ווערט.

אָבער אַז דניאל האָט לסוף, ביים אַוועקגיין שוין, זיך עפּעס דערמאָנט, וואָס וואַנדע האָט געהייסן איר איבערגעבן, און ער האָט עס איר איצט צו וויסן־געטון, איז זי אויף אַ מינוטקעלע שטיין־געבליבן, ווי צערודערט אַביסל.

— נאָך נישט, זאָגט איר? און וויפיל איז שוין היינט, טעג, מיין איך? אוממעגלעך! — האָט זי בייז אויסגעשריגן. — זי מוז האָבן נישט באַמערקט... — האָט זי צוגעגעבן. דערמיט אָבער, האָט זי זיך געטרייסט, די „ספּעציאַליסטקע", און באַלד עס פּראָפעסיאָנעל אַ מאַך־אַוועק געטון מיט דער האַנט:

— גאָרנישט — גאָרנישט, ס'איז אין אָרדענונג!

די ווייטערדיקע טעג, איז אַלץ געגאַנגען ווי עס דאַרפט צו זיין. דניאל האָט געוווירטשאַפט און וואַנדאַ איז געקומען צו די כּוחות. זי האָט זיך פון צייט־צו־צייט דערהויבן פון בעט, ווייל אַזוי האָט די ספּעציאַליסטקע געהייסן:

— באַוועגן זיך אַביסל, וועט עס העלפן...

אָבער זי האָט זיך געמוזט צוריקלייגן באַלד, ווייל זי איז נאָך צו שוואַך־געווען.

אַזוי זענען אַוועק נאָך אַ פּאָר טעג, איינציקווייז איז וואַנדאַ צוביסלעך אַרויס פון בעט. די שכנטעס פון אַרום מוזן זיך האָבן עפּעס געמערקט. די געשטופּלטע סטעסען, איז אָפּטמאָל געקומען אין קיך אַריין נעמען עפּעס געבאָרגט, בגנבה געפּלעגט אַריינקוקן דורכן פאָרהענגל פון דער טיר אין צווייטן שטיבל, אָבער קיין איבעריקס — נישט געפרעגט, און אַזוי איטלעכעס מאָל.

און אַז וואַנדאַ איז שוין צו ביסלעך אַראָפּגעגאַנגען פון בעט, האָט דניאל זיך דערמאָנט, אַז די גראָשנס גייען־אויס. ער האָט עס אַרויסגעזאָגט איין מאָל אויף אַ קול און וואַנדאַ, האָט אים געראָטן, צו גיין צוריק צו דער אַרבעט.

— דו זעסט דאָך, אַז איך בין שוין אויף די פיס.

— גוט, — האָט דניאל מספּים־געווען. ער איז געגאַנגען

אין שטאָט געוואָויר-וואָרן, צי זיין פאָסטן איז נאָך כאָטש פריי...

דער באַלעבאָס האָט אים קאַלט אויפגענומען, אָבער פאָרט דערלויבט קומען צו דער אַרבעט.

דניאל האָט עס פאַרשטאַנען, אַז ווייל עס איז שוין נאָענט צו די חגאות, און איצט איז נאָך נישט סעזאָן אין דעם מין סחורות — אַנדערש וואָלט ער אים שוין נישט געוואָלט צוריק.

דער שעף האָט אים כלאחר-יד אַ פרעג-געטון, פאַרוואָס ער איז אַזוי לאַנג נישט געקומען צו דער אַרבעט, און דניאל האָט אים דערויף נישט געקאָנט קלאָר ענטפערן.

„קראַנק-געווען" — האָט נישט געניצט צו זאָגן, ווייל ער איז נישט געקומען, אָדער געשיקט עמעצן נעמען אַ קוויט אין דער קראַנקן-קאַסע — האָט דניאל נאָר אַ זאָג-געטון:

— איך בין נישט היי-געווען.

— ווי הייסט נישט היי-געווען? — האָט יענער פאַריבל-דיק אים אָנגעקוקט. — איך בין געגאַנגען אויף דער פאָסט אַנומלטן פאַרנאַכט, האָב איך אייך געזען גיין דאָרט אין דער זייט פון וואָקזאַל, קעגנאיבער.

יאָ, דניאל איז דעמאָלט געגאַנגען צו דער אַקושערקע דערציילן, ווי עס האַלט און פרעגן אויף ווייטער... ער האָט נישט געהאַט דערויף וואָס צו ענטפערן דעם שעף, האָט ער געשוויגן.

אָבער דער שעף האָט אים פונדעסטוועגן געהייסן קומען צו דער אַרבעט, — נאָר אָנגעזאָגט:

— דאָס איינע מאָל לאָז איך אַזוי אַדורך. נאָכאַמאָל — דאַרפט איר שוין גאָרנישט קומען, פרעגן אויך נישט...

האָט דניאל שוין געזאָלט מאָרגן גיין צו דער אַרבעט, אָבער פאַרנאַכט-צייט, דעמזעלבן טאָג, אַז דניאל איז אַהיימגע-קומען פון שטאָט, האָט וואַנדאַ באַקומען שמערצן, בײנאַכט איז זי שוין קראַנק-געווען און צומאָרגנס — שוין איינגאַנצן געפלאַ-קערט אין היץ.

*

דניאל, אַ צערודערטער, אַ אויף טויט דערשראָקענער, איז געלאָפן אין שטאָט צו דער אַקושערקע, יענע האָט אים קאַלט, פשוט פיינטלעך אויפגענומען, געהייסן דער קראַנקער געבן צו שלינגען אַספירין און — מער נישט קומען אַהער.

— איך בעט, מיך לאָזן צו רו, — האָט זי געשנאָדערט מיט אַ באַזונדער מין דרייסטער חוצפה און שרייענדיק קול. — איך וויל אייך גאָרנישט ענטפערן אויף אייערע העזהדיקע רייד. איך זע אייך דאָס ערשטע מאָל און איך וויל נישט, איר זאָלט מיר מער דאָ אַריינקומען!...

איר פנים איז דערביי געווען מיאוס, ווי דאָס פנים פון אַן אַלטער בייזער אַף.

דניאל קומט צוריק אַהיים, וואַנדאַ ליגט אין אַ פלאַקער פייער. זי בייסט זיך די ליפן, די ליפן זענען טרוקן, פאַרשרפעט, איבערגעצויגן מיט אַ ווייסער, ערטערווייז געשפּאָלטענער הויט.

אַז די היץ פאַלט איר אַביסל אָפּ, און די יסורים לאָזן אַ ווייל נאָך, באַמיט זי זיך צו ווייזן אַ הייטערע מינע.

— איך האָב גערעדט עפּעס נאַרישקייטן? — וויל זי וויסן.

— און ווי פילסטו דיך? — פרעגט ער נאָכאַנאַנד. פון צעטומלטקייט ווייסט ער גאָרנישט מער צו זאָגן.

— איך בין נישט געזונט, זעסט דאָך. און דער דאָקטאָר, — פרעגט זי נאָך אַ פויזע, — איז דער דאָקטאָר נאָך נישט געווען?

— ניין, — זאָגט דניאל פלומרשט גלייכגילטיק, אָבער מיט אַ באַהאַלטענער צעזאָרגקייט, — ער וועט מסתמא באַלד קומען.

אינעווייניק ציטערט ער אינגאַנצן פון אויפרעגונג: נעכטן נאָך האָט ער באַשטעלט דעם דאָקטאָר, און היינט אויך דאָרט געווען; צוגעזאָגט באַלד צו קומען, און ס'איז שוין באַלד ווידער דער טאָג אַוועק.

אַך, די דאָקטוירים! זיי האָבן גענוג אין שטאָט צו טון, אַהער דאָ לאָזן זיי זיך אויף צום לעצט.

— ס'וועט אפשר אַדורך אָן אַ דאָקטאָר, — רופט זי זיך אָן אין אַ ווײַל אַרום און ציט שווער דעם אָטעם.

ער מיינט, אַז זי זאָגט דאָס, ווײַל אַז דער דאָקטאָר וועט קומען, קאָן ביים פאָרשן די סיבה פון דער קרענק עפּעס אַרויסשפּרינגען. ער אָבער טראַכט צעווייטיקט, אַז עס וואָלט גוט-געווען צו רופן אַ דאָקטאָר פּריוואַט, נישט פון דער קראַנקן-קאַסע, וואָלט ער גיכער געקומען און בעסער אונטערזוכט. יאָ, עס וואָלט אוודאי בעסער-געווען, אָבער — ווײ-און-ווינד, ווײ-און-ווינד צו זיין לעבן — נישטאָ אין שטוב קיין געלט, און די שכנים האָבן אויך נישט.

— נישטאָ קיין גראָשן געלט צו ראַטעווען וואַנדען. — נישטאָ!...

* * *

שפּעט ביינאַכט איז דניאל געזעסן ביי וואַנדעס בעט. זי איז געלעגן מיט אַ צעפלאַמט רויט פּנים, און געשלאָסענע אויגן, און קוים, קוים שטיל געציפּנקעט. פּונקט ווי אַ יינג שוועלבעלע אָן אַראָפּגעפאַלנס פון דער נעסט אויף דער ערד אַראָפּ — רירט קוים מיטן נאָך געלן שנעבעלע... אויפן טיש האָט געברענט די לאָמפּ, און ס'זענען געשטאַנען עטלעכע פלעשלעך פון דער אַפּטייק און פּראָשקעס.

דער פּראָסט פון בייטאָג מוז האָבן געהאַט אַביסל נאָכגעלאָזט, דאָס אייז פון די שויבן איז אָפּגעקראָכן, הינטער די, ווי טינט שוואַרצע שויבן, האָט געוואָיעט אַ ווינט און אַ שניי. אין גאַנצן הויז איז געווען אַזאַ טיפע נאַכט-שטילקייט, גלייך קיינער וואָלט נישט געלעבט, נישט געצויגן דעם אָטעם און אין דער שטילקייט, האָבן נאָך שמערצלעכער אָפּגעקלונגען די קוים צו הערן קרעכצן פון דער קראַנקער.

זיצנדיק אַזוי, פון מידקייט, פון דערשלאָגנקייט, פון נישט רוען שוין עטלעכע נעכט, און פון דער נאַכטיקער שטילקייט, איז ער איינגעדרימלט-געוואָרן און אַזוי, ווי די אויגן האָבן זיך

אים נאָר פאַרמאַכט, און דער קאָפּ אויף דער ברוסט זיך אַראָפּגעלאָזט, איז ער גלייך ווי אין אַ אָן-דנאָדיקן תהום אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן קאָשמאַר-חלום. און אַז ער האָט זיך מיט אַ געשריי (דאָס געשריי האָט ער אַליין פון זיך דערהערט), ווי פון אונטער אַ פרעס-אַפּצר אויפגעכאַפּט פון אָט דעם גיהינום-דיקן קאָשמאַר — האָט געדויערט ביז ער איז אויף אַזוי ווייט צו זיך געקומען, אַז ער האָט געקאָנט באַנעמען, וווּ ער איז, און וואָס אַרום אים טוט זיך.

נאָר אַז ער האָט אויף אַזוי פיל דאָס באַוווסטזיין צוריקגעקריגן, האָט ער דערבליקט די לאָמפּ אויפן טיש, דערהערט דעם בייזן ווינטן-ברום הינטערן פענסטער, האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און אַ קוק-געטון פאַר זיך: די קראַנקע איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, הויך געצויגן דעם אָטעם און מיט די פינגער געצופּט די קאָלדרע, קוים-קוים געצופּט, ווי זי וואָלט בלויז מיט די פינגער גערירט.

און אַז אויך דאָס האָט ער באַנומען, איז ער אויפגעשפרונגען און זיך אַרומגעקוקט מיט ווילדע, משוגענע אויגן. ער האָט געוואָלט עפּעס טון. זיך שחטן, אַראָפּוואַרפן פון פענסטער, אָדער — שרייען, ברילן, ווי אַן אָקס אויף דער שחיטה-באַנק און זיך דעם קאָפּ אין דער וואַנט האַקן.

נאָר אָט, ווי ער איז אַזוי געשטאַנען אינמיטן שטוב מיט די הענט איינגעגראָבן אין די אייגענע האָר, מיט אַ פול, איבערפולט האַרץ און משוגענע אויגן, איז מיט איינמאָל, גיך ווי אַ בליץ, אַ ברענענדיקער געדאַנק אין זיין קאָפּ אַריין:

— וואָס שטיי איך? ראַטעווען, ראַטעווען, ווי לאַנג עס איז נאָך צייט!

מיט אַ בהלה האָט ער אָנגעקלאַפּט ביי די סטעסען. ער האָט די סטעסען אויפגעריסן פון שלאָף, זי אַריינגעפירט צו זיך אין שטוב. ער האָט מיט געוויין זי געבעטן, דאָ צו זיצן. ער האָט איר די הענט געקושט, זיך געבעטן ביי איר, ווי אַ צום טויט-פאַרמשפּטער בעט זיך אָפּ דאָס לעבן. זי איז דאָ געבליבן, געזעצט זיך אויף דניאלס אָרט, ביים בעט,

און ער איז אָן אויבערמאַנטל, אין בלויזן לייכטן רעקל געלאָפֿן אין שטאָט אַריין נאָכן דאָקטאָר.

ס׳איז נאָך געווען גאָר פֿאַרטאָגס, אַפֿילו נאָך נישט אָנגעהויבן צו גראָען. זעלטן האָט זיך געזען אַ דורכגייער. די נאַכט-סטרוזשעס אין די שווערע פּעלצן און גראָבע שטעקנס אין די הענט זענען נאָך אַרומגעקראָכן אין די שטאָטישע גאַסן אויף די טראָטואַרן. דניאל האָט אָנגעקלונגען ביים דאָקטאָר, געצויגן דעם גלאָק אַהין-און-אַהער, געריסן, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָנגערופֿן.

ער האָט געקלונגען נאָך ביי איינעם, געדריקט נאָכאַנאַנד דאָס עלעקטרישע קנעפּל און, — אויך אָרנישט. אַזוי ביי צוועלפֿעכע. ביי איינעם האָט אים נאָך אַ סטרוזש אַוועקגעיאָגט; געמיינט, אַפּנים, אַז ס׳איז אַ נישט-נאָרמאַלער — און זיך נאָך פֿאַרמאָסטן מיטן שטעקן:

— אַוועק, מענטשן שלאָפֿן! מאַרש! — און נישט געלאָזט צו זיך רעדן.

ערשט, אַז עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָג צו ווערן, איז ער אָנגעקומען צו אַ דאָקטאָר און מיט תחנונים, מיט געבעט און דערנידערונג, האָט דער דאָקטאָר אים נאָכגעגעבן און מיט אים געפֿאָרן, אָבער פֿריער האָט ער אים געזאָגט אַ פּרייז:

— אַזוי ווייט און אַזוי פֿרי, באַגינען, דאָס ווערט נאָך גערעכנט אַלס נאַכט-וויזיט...

אויבן, אין שטוב, איז דער דאָקטאָר אַביסל פֿרייגטלעכער-געוואָרן. אַ ווייל זיך געפּאָרעט ביי דער קראַנקער און צוויסן-געטון:

— אַן אָפּעראַציע, דורכאויס! שוין אַן אָפּעראַציע!

— הער דאָקטאָר! — איז אים דניאל צו די פֿיס געפֿאַלן.

— איך וואָלט עס געטון, אָבער, ליידער—איך בין נישט צו אַזעלכע קרענק, דאָ דאַרף מען אַ גינעקאָלאָג...

דער דאָקטאָר, מיט אַ זעלבסטצופֿרידן פּנים, מיט אַ בערדל, איז דאָ, אַפּנים, עפּעס דורכגענומען געוואָרן; האָנאָראַר

האָט ער גענומען, וויפֿל די סטעסען האָט אים אַריינגעשטופּט און ער האָט נאָך מיט זיך אויף דער בריטשקע מיטגענומען דניאלן אין שטאָט אַריין...

ס'איז געווען אַ טאָג דעמאָלט; נישט קיין טאָג, נאָר שטיקער אויפגעפלאַמטער האַרץ-ווייטיק און מוח-ברענונג, ברע-גונג ביז משוגעה. ביים שעף אין געשעפט, איז נישט געווען קיין סך מענטשן. ער, דער שעף, איז געשטאַנען ביי דער ביוּרקע — נישט ווייט, און עפּעס גערעכנט.

אויף דניאלן האָט ער קוים אַ קוק-געגעבן, זייטיק, מיט אַ האַלב אויג און ווייטער געחשבונט. דניאל האָט גערוואָרט.

אַז ער האָט דעם קאָפּ דערהויבן פון פּאַפּירל, האָט אים דניאל פאָרגעלייגט, ער זאָל אים באָרגן עפּעס געלט...

— אייך קומט גאָרנישט, — האָט ער געענטפערט.

— אָבער איך וועל עס אָפּאַרבעטן.

— אַז ס'איז שוין נישט נייטיק, — האָט ער דניאלן גע-וויזן מיט דער האַנט, אַז אויף זיין אָרט שטייט שוין אַן אַנ-דערער — אייגער, אַ גאַנץ הויכער און מאָגערער, מיט אַ בלאַס פּנים, איז געשטאַנען און געפּאַקט פּעק.

— איך בעט אייך, באָרגט מיר, כ'וועל אָפּגעבן.

דער שעף האָט אים גאָרנישט געענטפערט.

— זאָגט מיר נישט אָפּ.

ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך זאָג דען אָפּ? עס קומט אייך נישט און איך האָב נישט קיין געלט אויף גלאַט באָרגן.

— זאָגט דאָס נישט, — פּלאַטערט דניאל אויף, — זאָגט מיר נישט — ניין! פאַרמשפט מיך נישט, אַפילו אַז איר וואָלט געוווּסט, אַז איך וועל אייך נישט אָפּגעבן; איר האָט אַזאַ גע-שעפט מיט סחורה, איר זענט רייך, ביי אייך איז עס נאָר — נאָך געלט. און ביי מיר... אַך, זאָגט מיר נישט אָפּ. איך דאַרף ראַטעווען אַ קראַנקן.

— ווער איז ביי אייך קראַנק — אַ מוטער?

דניאל שווייגט.

— נו, פאָרט — ווער? אַ שוועסטער?

יאָ, אַ שוועסטער, — האָט דניאל הייזעריק צוגעשטימט.

דער באַלעבאָס האָט אים שאַרף און נישט-צוטרויִלעך אָנגעקוקט:

— איך גלייב איין נישט. איר זאָגט ליגנט.

— אָבער עס איז וואָר, מיין נאָענטסטער איז מיר קראַנק, זייער שווער קראַנק, אַז איך ווער דעם נאָענטסטן... וועל איך מער קיינעם נישט האָבן, קיינעם אין דער גאַנצער וועלט... און איר — איר האָט די מעגלעכקייט מיר צו העלפן...

— אַז איר וועט מיר נישט זאָגן קלאָר ווער — בעט איך מיר נישט צו דרייען קיין קאָפּ.

— זעט, — האָט דניאל ווייטער אָנגעהויבן שטיל און די טרערן זענען אים אין די אויגן געשטאַנען, — איך האָב ביי אייך געאַרבעט איבערשעהן. איר האָט מיר דערפאַר נישט באַצאָלט, איך האָב אויך נישט געפאָדערט באַצאָלט, און איצט... —

— וויפל קומט אייך, אַז אינגאַנצן האָט איר דאָ געאַרבעט קוים צוויי חדשים... נאָר געבוג דערמיט, אייך קומט גאָרנישט און איר האָט אויף גאָרנישט צו וואַרטן... — און דער שנף איז אַרויסגעגאַנגען פון געשעפט.

ווי שיכּור איז דניאל אַרויס פון דאָרט. געגאַנגען, געגאַנגען און, פאַרבייגייענדיק, אַריין צו שטאָקפּישן.

שטאָקפּיש איז נאָך געווען נישט אָנגעטון, געשטאַנען אין די אונטער-וועש און זיך געוואַשן.

ער האָט דניאלן גענוי אָנגעקוקט, פאַרזשמורענדיק די קורצזיכטיקע אויגן:

— אָ, אַ גאַסט! וואָס הערט זיך אויפן באַרג? — און גלייך אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן, וואָס ער שטייט אַזוי שפּעט אויף:

— מיין פרוי איז נישט הי און איך בין נעכטן געגאַנגען שפּעט שלאָפן.

נאָר, אַז ער האָט געהערט פון דניאלן, צו וואָס ער איז

געקומען — האָט ער זיך צעלאַכט, ווי פֿון גרעסטן נאַרישקייט.

— מענטש! פֿון וואַנעט האָב איך געלט צו באָרגן, איך בין דען אַ געשעפֿטס-מענטש — איך לעב דאָך נאָר פֿון-האַנט-צו-מויל.

דניאלן איז ווייך-געוואָרן ביים האַרץ. די גאַנצע אין אים אָנגעגרייטע דאַנקבאַרקייט, האָט אים געפּרעסט, ווי אַ שטיין, און אַ כוואַליע וואַרעמקייט האָט אים צוגעשלאָגן צום האַלז:

— זעט, — האָט ער אים הייס ביי דער האַנט אָנגעכאַפּט, — איך האָב אייך אַמאָל נישט געקאָנט ליידן, איך זאָג עס אייך אַליין, אָבער איר קאָנט זיך אין איין רגע קויפֿן סימפּאַטיע, איר זענט דאָך באַלעזן, איר ווייסט דאָך, וואָס אַ גוטע טאָט באַטייט פֿאַר אַ מענטש... ביי מיר איז עמעץ קראַנק, מיין טייערסטע, מיין נאָענטסטע, און איך האָב נישט אַ פּאָר גילדן פֿאַר אַ דאָקטאָר.

— טאָ גייט אין דער יידישער גמינע.

— זאָגט מיר נישט אָפּ, איינער האָט מיר שוין אָפּגעזאָגט. עס וועט אַלץ שפּעטער, דערבאַרעמט אייך, אַז איר האָט נישט — באָרגט אייך, כ'בעט אייך, ווי האָט איר נישט אַ פּאָר גילדן?

— ווער איז ביי אייך קראַנק, נישט אַמאָל דאָס שיינע שיקסל?

נאָר אַז דניאל איז אַלץ געשטאַנען און געפּרעפּלט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט זיך שוין שטאָקפּיש אַ בייזער-געטון:

— וואָס האָט איר צו מיר? גייט צו כלל-טוערס, צו אַ חברה, איך מוז מיר נאָך היינט שאַפֿן, מיטצוגעבן מיין ייִנגל אין שול, מ'האָט מיר אים נעכטן אַהיימגעשיקט.

...אין דער גמינע איז געזעסן אַ מיידל ביי אַ שרייבמאַשין און געקלאַפּט. איינער, אין ברילן, האָט צוגעאיילט צו דניאלן:

— איר זענט אַ היגער? וווּ וווינט איר:

געהערט אַן ענטפֿער, האָט ער זיך אָפּגעשאָקלט:

— איבערן טייך? — דאָס געהערט נישט צום היגן ראַ־בינאַט.

— אָבער באָרגט מיר אַ פּאָר גילדן.

— מוזט איר האָבן זשיראַנטן און מ׳מוז וואַרטן איבער אַ זיצונג, אַז מ׳וועט באַשטעטיקן, וועט איר אַריינגעשריבן־ווערן אין דער רשימה...

סוף־כּל־סוף איז דניאל אַריינגעגאַנגען צו זיין אַמאָליקן חבר פון די קינדער־יאָרן — סענדער שאַמאַס.

— זעץ דיך, נאָר — ברען נישט אַזוי! ווער איז קראַנק? אַז איך ווייס, אַז דו האָסט נישט קיין קרובים...

— ווילסט נישט זאָגן — איז נישט, ווייס איך נישט. אַלץ איינס, אַז איך וואָלט נאָר נישט געהאַט היינט אַזויפיל וועקס־לען צו צאָלן.

— דו האָסט נאָך געלט, קאָנסט קריגן ביי סוחרים. דער־מאָן דיך פון אַמאָל, אַז מ׳איז ביידע געווען קינדער...

— דו — רייך, איך — אָרים.

— אמת, אָבער איך בין אויך צו דיר נישט שלעכט־געווען.

יענער האָט טרוקן אַ זאָג־געטון:

— איך געדענק שוין נישט, ווי דו ביסט צו מיר געווען. איך וויל נישט צוליב דיר לאָזן גיין וועקסלען צום פּראָטעסט, מ׳זאָל מיך האַלטן פאַר באַנקראָט.

— גיב מיר אַ וועקסל, — האָט דניאל קוים מיט די ליפּן געריררט, — וועל איך אים צו געלט מאַכן.

— ניין, — האָט שאַמאַס זיך באַליידיקט, האַלטנדיק די הענט אין די קעשענעס פון רעקל, — אַזוי ווייט האַלט עס נאָך נישט, מ׳זאָל מיינע וועקסלען אַרומשלעפּן אין די גאַסן, — און באַלד צוריק פריינטלעך:

— נאָר אפשר ביסטו פּשוט הונגעריק? זאָג, שעם דיך נישט, געלט וועל איך אפשר מאָרגן האָבן —

און איבערגעחזרט:

— יאָ, מאָרגן אַוודאי.

— זאָגסט מיר אויך אָפּ, — רעדט דניאל מיט ביטערניש, —

גלייבסט מיר אויך נישט? אַז איך וואָלט געדאַרפט אויף עסן, אום נישט פון הונגער צו שטאַרבן, וואָלט איך צו דיר נישט געקומען, אָבער דאָס איז נאָך נייטיקער, פאַרשטייסט — נאָך נייטיקער און — דו, וואָס דו קאָנסט — ראַטעווע מיך!

אַ ווייל, אַ לאַנגע ווייל, האָט שאַמאַס געשוויגן, נאָר ווען ער האָט זיך שוין אָנגעטון דעם פעלץ אַרויסצוגיין, האָט ער דניאלן צוגעוואָרפן:

— איך וואָלט דיר גערן געהאָלפן, נאָר בלייבן איבער דיר אַ באַנקראָטניק קאָן איך אויך נישט, — און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.

איצט איז דניאל ווידער געשטאַנען אין גאַס. די הייזער האָבן זיך געדרייט פאַר זיינע אויגן, געגאַנגען ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע באַשעפענישן און געהאַט פיס...

ער איז געגאַנגען רויק גאַס-אויס, גאַס-איין. אַזוי רויק און געלאַסן, ווי ער וואָלט געשפּאַצירט נאָך אַ רייכן מיטאָג. ער איז געקומען אין דער הויפּט-גאַס און דאָרט אויך אַזוי געלאַסן אָן נערוון, קוים אַ פוס הויבנדיק, געשפּאַצירט איין מאָל לענגאויס און ווידער אַמאָל לענגאויס. אין קאָפּ איז אים געווען פוסט, ווי אַ וואַסער וואָלט דאָרט אויסגעטריקנט, און רויק איז ער געווען. דאָס איז געווען פון יענעם מין רויקייט: פונקט ווי די אומבאַגרייפלעכע היץ, וואָס הערשט אין בויך פון דער ערד, וואָס מוזכּח אומגעהייערקייט, איז — אַזש אַ גלייכגעוויכט, און אַזויערנאָך האַלט זי אויף זיך די קאָרע פון דער ערד. —

נאָר מיטאַמאָל, אָט אַזוי צווישן די אַלע מענטשן, וואָס האָבן פאַרביינעשוועבט פאַר זיינע אויגן, אין דעמדאָזיקן ווינטערדיקן פאַרמיטאָג, מענטשן אין פוטערס און מענטשן אָנגעטון אין מאַנטלען און קאַפּעליושן און היטלען... איז זיין בליק צוגעצויגן-געוואָרן צו איינעם אַ נידעריקן יינגן מענטש, וואָס האָט געשפּאַצירט אָן אַ הוט מיטן בלויזן קאָפּ — באַדעקט מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר און אָפענעם האַלז. אַזוי ווי דניאלס בליק האָט זיך לענגער אויף אים אָפּגעשטעלט, איז ער, אָן אַפילו זיך צו איבערקלערן, צוגעגאַנגען און זיך אָנגערופן:

— דערלויבט מיר, נישט איר קאָנט מיך און נישט איך קאָן אייך, אָבער מיר זענען מענטשן און איך — דערלויב עס מיר... מיין באָבעטסטע, מיין אייניקע, מיין פריינדין איז קראַנק, זייער קראַנק און איך קאָן זי נישט ראַטעווען...—און... נאָך איידער יענער האָט דאָס מויל געעפנט עפעס צו זאָגן, פון בלויזן אויסדרוק פון פנים — האָט דניאל געקריגן קוראַזש און ווייטער גערעדט, אייליק, מיט דער גאַנצער ברענענדיקער היץ און ווייטיק, וואָס האָט אין אים אויפגעוואַכט, נאָך דער פריערדיקער גלייכגילטיקייט:

— איך בין שוין געווען אין דער גמינע און בין שוין געווען ביי באַקאַנטע — און זי ווערט... אָן מיין הילף... — טרערן זענען אים גערונען איבער די באַקן. ער האָט זיי בשום־אופן נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַרום אים זענען מענטשן געגאַנגען אויפן טראָטואַר, געאיילט אין אַלע זייטן.

— איר וווינט דאָ?

— יאָ, איבערן טייך.

— אַ סך דאַרפט איר?

דניאל האָט אָנגערופן אַ סומע.

— וואַרט נאָר אַ ווייל.

דניאל איז געבליבן שטיין, נישט געוווּסט ווו יענער איז אים אַהינגעקומען. דאָס האָט געדויערט אַ מינוט קוים, נאָר ווען דניאל האָט שוין געוואָלט פאַרצערט אָן האָפענונג, ווייטער גיין, איז יענער, ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואָקסן — אַרויסגעקומען פון אַ געוועלב דערלעבן און דניאלן דערלאַנגט אַ גרעסער געלט־פאַפּירל.

— דאָס קאָן איך אייך באָרגן; אַז איר וועט האָבן, וועט איר מיר אָפּגעבן. איך בין נישט רייך. מיין אַדרעס דאַרפט איר אייגנטלעך נישט. אַז איר וועט פרעגן אויף דעם, וואָס גייט שטענדיק אָן הוט, וועלן אייך אַלע ווייזן.

איצט האָט דניאל געהאַט געגוג געלט און ס'האָט אים גענומען טרייבן, יאָגן, ווי מיט בייטשן, ווי ביקסן־קוילן וואָלטן אים נאָכגעפלויגן...

ביז דניאל האָט געקריגן פריי דעם דאָקטאָר גינעקאָלאָג און ביז ער איז שוין מיט אים געזעסן אין דער דראָזשקע, איז שוין געווען נאָכמיטאָג. די לופט האָט זיך געגראָט, אויף דער בריק האָט זיך געלייגט אַ האַרטער שרון. די קריעס אויפן טייך זענען וואָס אַמאָל זאַכטערער געגאַנגען, זיך צוזאַמענגעהעפט און אַזוי צוזאַמענגעפרוירן-געוואָרן אין איין שטיק.

דער דאָקטאָר האָט פאַרשלאָפן געקוקט פאַר זיך. לעבן אים איז געזעסן דניאל און געהאַלטן דעם דאָקטאָרס לעדערנע רענצל מיט די מכשירים. דער דאָקטאָר האָט זיך צו אים נישט אָנגערופן מיט איין וואָרט נישט, און דניאל איז אויך געזעסן לעבן אים ווי שטום. נאָך די אַלע אויפרעגונגען און איבערלעבענישן פון טאָג, איז אַלץ אין אים איצט געלעגן טעמפּ און שטאַר.

ווען זיי זענען געקומען צום באַרג, גענומען אַרויפפאָרן, איז זיי אַקעגנגעקומען פון אַ זייטן-וועג אַ גלח, און לעבן דעם גלח איז געגאַנגען אַ קירכן-דינער מיט אַן אויסגעלאָשן לעמפּל אויף קייטעלעך און אַ צוזאַמענגעלייגטן קיטל אויפן אָרעם.

דניאל האָט אין דעם גלח דערקענט דעם פון נאָענטן דערפל נאָכן וואַלד. ער איז טאַקע געגאַנגען דורך אַ לאָנקע-וועג אַהין אין יענער ריכטונג.

עפּעס איז דניאלן אויף אַ רגע אַ פלי-געטון אַ געדאַנק, ווו דער גלח קאָן דאָ זיין געווען אויף דער באַרג-געגנט, אָבער געטראַכט דערפון האָט ער נישט. ער האָט איצט איבערהויפּט פון גאָרנישט געטראַכט. אַלץ אין אים איז געווען שטאַר און געפרוירן, ווי דאָס אייז אויפן טייך — אַזאַ גראָע אַפּאַטיע האָט אים אַרומגענומען, אַז גאָרנישט איז אים איצט אָנגעגאַנגען, נאָר דער געדאַנק „וואַנדאַ", וואָס האָט אין אים מעכאַניש געקלאַפּט, ווי דער ווייטיק פון אַ צאָן.

אַז די דראָזשקע איז צוגעפאָרן, זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז און דניאל איז אַרויפגעגאַנגען פאַרן דאָקטאָר, ווייזנדיק אים, ווו צו גיין, האָט אים אויבן אין הויז, אַ שלאָג-געטון צו דער נאָז אַ מאָדנער ריח, אַ קירכן-ריח, ווי פון ווייררויך.

בּיי אים אין שטוב, זענען די צוויי טירן זיינע געשטאַנען אויפגעפּראַלט. די יידישע שכנטע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך אַ שפּאַלט פון איר טיר, מיטן פוס, האָט זיך געזען, פאַרהאַלט זי אינעווייניק אירע קינדער, זיי זאָלן איצט נישט אַרויסלויפן — דאָס אַלץ האָט דניאל געזען גאַנץ קלאָר און דייטלעך.

אַז ער איז צוגעקומען צו זיין שטוב, צו דער אָפענער טיר, איז ער געבליבן שטיין פאַרגאַפט, אָן לשון, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן:

אַלע קריסטלעכע שכנטעס — אַפילו די קרומרוקנדיקע פּרוקירערין — האָבן געקניט. און ביים בעט איז געשטאַנען די סטעסען און דער שניידערינס מוטער, זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט צוויי גרויסע אָנגעצונדענע ליכט, געלויכטן מיט זיי אין די פאַרשטאָרבענע בלויע אויגן און אין בעט איז געלעגן אַ טויטע מיט אַ געל אויסגעצויגן פּנים. —

וואַנדאַ איז געלעגן אין בעט טויט, און אַרום איר האָבן זיך געפּאָרעט מיט זינגענדיקע תּפילות די פרומע קאַטוילישע שכנטעס.

דניאל איז געשטאַנען ווי אַ שטיין. נישט אַ ריר צו טון זיך, נישט מיט קיין ברעם גערירט, און אַרום אים די קניענדיקע ווייבער, האָבן אויך אויף אים זיך נישט אומגעקוקט, נאָר ווייטער געזונגען זייערע קירכן-געבעטן אַרום דעם טויטן גוף, אַרום דער געשטאָרבענער וואַנדאַ.

קאַפּיטל XXXIV

ס׳איז געגאַנגען אַ קריסטלעכע לוויה צום בית-הקברות, וואָס אין דאָרף, אַן אָרימע לוויה מיט אַ צלם פאָרויס, מיט קירכן-פענער, אַ פּראָסט-הילצערנע טרומנע אויף אַ וואָגן... מ׳האָט געזונגען „רעקוויעס״... צווישן דעם קוים-צענדליק מיטגייער, האָט זיך געפונען אויך דניאל. ער איז געגאַנגען נישט אויף זיינע פיס, געדרירט — נישט מיט זיינע הענט, געקוקט — נישט מיט זיינע אויגן. אַ פולשטענדיקער גולם, איז ער מיטגעגאַנגען אויף וואָגדעס לוויה.

אויפן צמענטאַזש איז צוגעקומען דער גלח. ער האָט עפּעס געזאָגט אין אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך. אַלע האָבן אַני-דערגעקניט. מ׳האָט אַראָפּגעלאָזט די טרומנע, גענומען פאַרשיטן דאָס קבר. עמעץ האָט דניאלן שטיל אָנגענומען ביים אָרעם, אים אַ דריק-געטון מיטפילנד די האַנט, סטעפּעס פּנים האָט פאַר אים זיך אַ ווייז-געטון. דניאל האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. ער האָט געגלאָצט מיט טרוקענע, מאַטע אויגן, ווי אַ חסר-דעה.

דערנאָך איז ער אינדערהיים געזעסן אין זיין שטיבל, די סטעפּען איז אַריינגעקומען, זי האָט איינגעהייצט אין אויוון, אויפגערוימט אַביסל, אַריינגעברענגט און פאַר אים געשטעלט עסן. עפּעס גערעדט צו אים. ער האָט נישט געענטפערט, געזעסן ווי אַ תם. ס׳איז פינסטער-געוואָרן, צוריק טאָג-געוואָרן און ווידער נאַכט-געוואָרן.

ער איז געזעסן אויף זיין אָרט, ווי אַ גולם. צו גאָרנישט זיך נישט צוגערירט. נאָר געזעסן, ווי אַ גלאָמב, ווי אַ פאַרפרוירענער.

און ס׳זענען ווייטער געגאַנגען טעג, ער האָט זיך שוין יאָ צוגעריירט צום עסן; אַז די סטעסען האָט אָנגעהאַלטן, האָט ער געגעסן, האָט זי נישט דערמאָנט — האָט ער נישט געגעסן.

אין שטוב, הינטער זיין רוקן, איז עפּעס פאָרגעקומען; געוואָרן פלוצלינג אַ טומל. עמעץ האָט געשריגן, עמעצן האָט מען געמינטערט, עמעץ האָט געוויינט — אים איז גאָרנישט נישט אָנגעגאַנגען.

און ס׳זענען ווייטער געגאַנגען טעג; טאָג נאָך טאָג... צוזאַמען מיט דניאלן איז נאָך עמעץ געווען אין שטוב. אויך געזעסן אַזוי שטום און געבויגן, ווי ער. דניאל האָט נישט געוווּסט, צי דער צווייטער איז אויך — ער אַליין, צי ער איז ביידע, אָדער צי יענער איז ער, און ער אַליין — דניאל — איז גאָרנישט, לעבט שוין נישט, איז נישטאָ.

אים איז צומאָל עפּעס אַ פלי־געטון דורכן מוח, נאָר אַ רגע קוים און באַלד פאַרפרוירן־געוואָרן אין מוח צוזאַמען מיט די חילדע בערג אייז, וואָס דאָרט זענען געלעגן אָנגעלייגט.

אַזוי איז איינמאָל צו אים צוגעקומען דער צווייטער, וואָס אין שטוב:

— דניאל, האָט אַ קלינג־געטון אין שטוב אַ מענטשלעך קול, — דערקענסט מיך נישט? איך בין דאָך פעלז.

ער האָט דערויף בלויז אַ ריר־געטון מיט אַ ברעם און ווייטער געגלאָצט.

— דניאל, קום דאָך צו זיך, זעסט, אָט איז דיין בוך, דיין ווערק, וואָס איך האָב דיר געבראַנגט. עס איז שוין אַרויס און מען רימט עס. —

עפּעס האָט אין די אויגן אויפגעלויכטן, די ליפּן האָבן זיך אַ ריר־געטון, ווי צו אַ לאַך, אָדער וויין, נאָר אין מיטן נאָך, שטיין־געבליבן פאַרשטאַרט, טויט, געפרוירן...

איצט איז שוין נישט געווען, ווי אין די ערשטע טעג. דניאל האָט געגעסן, געגאַנגען אַרויף־און־אַראָפּ, אָבער אַלץ געטון, ווי אַ מאַשין, אָן לעבן, ווי אַ זייגער גייט.

נאָר איינמאָל, אין אַ מיטן־טאָג, ווען דניאל איז אַרויסגע־

קומען פון אונטן, געגאַנגען מיט זיין לעבלאָזן גאַנג און זיך געוואָלט, ווי געוויינלעך איצט, אַ זעץ-טון אויף זיין אָרט לעבן פענסטער — אַראָפּצוגלאָצן, האָט אים עפּעס אַ שוועב-געטון פאַר די אויגן, אַ קעפּל מיט בלאָע אויגן און טונקל-בלאָנדע האָר. דער קוק, דער אָנבליק האָט אים עפּעס דערמאָנט, עפּעס אויפגעוועקט אין אים. ער האָט מיט אויפגעריסענע, פינקלדיקע אויגן, געקוקט אויף דער געמאָלטער לייוונט, וואָס פעלז האָט ביי זיין נישט דאָ-זיין מיט צופלייס אים געשטעלט פאַר די אויגן — ער זאָל עס זען.

ער האָט געקוקט אויף דעם פּנים און אין זיין קאָפּ האָבן געיאָגט ווינטן... פּונקט ווי אַ שטורעם-ווינט גיט זיך אַ כאַפּ-אַריין צווישן די שמיגעס פון אַ ווינט-מיל און רייסט זיי און דרייט זיי מיט אַ ווילד-בהלהדיקער גיכקייט... פּונקט אַזוי איז איצט אין זיין קאָפּ פאָרגעקומען: די פאַרשטאַרטע פּנים-ליניעס, האָבן זיך גענומען באַוועגן, רירן, פּונקט ווי אַ האָפּעבונגסלאָז פאַרשטיינערט אייז פון טייך נעמט זיך רירן און רייסן, אונטער דעם שטראַל פון דער אויפגעלעבטער זון — אַזוי האָבן זיך איצט זיינע פּנים-שטריכן באַוועגט און גערירט; און נישט נאָר די פּנים-שטריכן, און נישט נאָר די ליפּן און שפּיץ-באַקן, נאָר אויך די אויגן אינעווייניק אין זייער איינפּאַסונג, האָבן זיך געצונדן און געלאָשן און ווידער געצונדן... ביז זיי זענען שטיין-געבליבן, צעצונדענע, גרויסע און פאַרצערטע. ער האָט אַ געשריי-געטון און געפאַלן צו דער ערד. — —

אַז מ'האָט אים געלייגט אין בעט און דערמינטערט, האָט ער געוויינט אַ טאָג, אַ נאַכט, און נאָך לענגער. ער האָט געוויינט מאוימדיק, ווי אַ קו, וואָס מ'האָט איר דאָס קעלבל צוגענומען און זי רירט זיך נישט צו צו קיין עסן, נאָר מוקעט און מוקעט יאָמערדיק מיט אַן אויסגעצויגענעם קאָפּ.

— מו—ו—ו!... מו—ו—ו!... — מיט אַזאַ יאָמער וואָס צערייסט דאָס האַרץ.

ער האָט געשריגן ווילד, הויך און מגושמדיק, ווי אַן אָקס נאָכן איינשחטן אים אין האַלז, ווען ער וואַרפט פאַר-

צווייפֿלט מיטן קאָפּ און נאָך יעדן זעץ מיטן אומפּעכטיקן קאָפּ שפּרינגט אָפּ אַ שטיק האָרן, פּלאַצט אַ ביין...

ער האָט געיאָמערט ווי אַ הונט אין אַ בייזער האַרבסטנאַכט, ווען מערדערס גנבענען זיך אונטער צום באַלעבאָס, אים מיט אַ האַק איבערן קאָפּ צו דערלאַנגען און דער הונט שפּירט דאָס און וואָיעט; ער האָט לסוף שוין אָן כּוח געיענקעט, ווי אַ קאַץ, וואָס מ׳נעמט איר די קעצלעך צו און וואַרפט זיי אין וואַסער; ער האָט געוויינט און געוויינט און צום סוף שטיל־געוואָרן פון וויינען — אַריינגעפאַלן אין אַ היץ־קרענק.

ער איז קראַנק־געווען, אָבער איצט איז דאָ געווען אַ דאָקטאָר, מ׳האָט געבראַנגט רפואות און די כטעסען האָט געהאָלפן פּעלזן, גיין אַרום דעם קראַנקן.

אין דער היץ האָט דניאל אַראָפּגערעדט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווערע נשמה־לאַסטן, אַרויסגעשריגן דעם אין אים באַגראָבענעם צער פון דעם לעצטן טאָג פון וואַנדעס לעבן און ס׳איז אַדורך אַ צען טעג און די קרענק האָט גענומען נאָכלאָזן.

ס׳איז אייגנטלעך מער נישט געווען, ווי אַן איבערגאַנגסקרענק — דער איבערגאַנג פון דעם גרויסן שווערן צער צום נאָרמאַלן לעבן און זיינע כּוחות האָבן דערצו צוגעהאָלפן. ער, דער לעצטער פון דער משפּחה טוב — האָט אַפּנים יאָ געהאַט אין זיך געזונט בלוט, פאַר אַלע געשטאָרבענע אַרויס, און ווי אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל נישט — ער איז געוואָרן געזונטער־און־געזונטער און גאָר גיך געוואָרן אינגאַנצן געזונט, נאָר נאָך אַביסל אָפּגעשוואַכט.

איצט האָט ער שוין צו ביסלעך גערעדט און די אויגן האָבן שוין געקוקט, ווי ביי אַ לעבעדיקן מענטש.

די סטעסען איז אַריינגעקומען, ווי געוויינלעך, עטלעכע מאָל אין טאָג — אָפּגעטון דאָס איריקע, איז זי אַרויסגעגאַנגען.

— איך וואָלט געוואָלט זי זאָל נישט אַריינקומען, — האָט דניאל אַ זיפץ־געטון. — זי איז אַ סך שולדיק.

— ביסט נישט גערעכט, דניאל, — האָט פּעלז זיך אָנגערופן

און אים אַ לייג־צו־געטון די האַנט צום קאָפּ, צי ער איז נישט הייס, צי מ׳קאָן מיט אים רעדן, — זי איז אין גאָרנישט שולדיק.

— דו ווייסט נישט...

— איך ווייס, איך ווייס אַלץ. זו האָסט, ווען דו ביסט געלעגן אין היץ אַלץ אַראָפּגערעדט. איך ווייס אַלץ, פאַרשטייסט — אַלץ!

— נו, ווייסטו דאָך —

פּעלז האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן:

— גוט, זי האָט דיר צוגעשאַנצט דאָס אומגליק, — די באָבע דאָרט. איך וועל נאָך צוגעבן, אַז זי האָט פון יענער באַקומען דערפאַר באַצאָלט אַ געוויסן פּראָצענט — איז אָבער נאָך אויך גאָרנישט געדרונגען: וואָלט זי עס נישט צוגעמעקלט, וואָלט עס אַן אַנדערע געטון, אָדער, וואָלסט דיר אַליין אויסגעזוכט. פאַר אַזאַ באַצאָלט וואָלסטו בעסערס נישט געקריגן. און איך קאָן דיר נאָך צוגעבן, אַז אַלע טוען אַזוי און נישט ווייניק שטאַרבן טאַקע.

— אַזוי? — האָט זיך דניאל אַזש אַ צאַפּל־געטון.

— יאָ, און פּאָליציי פּאָרשט און זוכט און — ס׳בלייבט ווי געווען. אָט איז ביי דיר אויך געווען אַ פּאָליציאַנט, האָט געפּאָרשט, געשריבן און — אַוועקגעגאַנגען.

— ווען איז ער געווען? איך געדענק גאָרנישט.

— נאָך איידער ביסט קראַנק־געוואָרן. די ערשטע טעג באַלד.

— און וואָס קלערן זיי צו טון?

— גאָרנישט! דאָס פּאַפּיר וועט דורכמאַכן אַ פּאָר אַמטן און פאַרשווינדן־ווערן ערגעץ אין שטויב, אָבער — צו דער זאַך: שולדיק, ווי איך זאָג, איז דיר קיינער נישט, איבערהויפּט נישט קיין יחיד...

אין דער שטילקייט, וואָס איז אַריינגעטרעטן נאָך פּעלזס זאָג, האָט זיך געהערט פון דרינען, הינטער דער וואַנט — אַ שניידיקער הוסט פון דער קרומרוקנדיקער ברוקירערינס טאָכ־

טער. דאָס איז געווען אַ הוסט פון אַ שוין גאָר־צעפּרעסענער לונג.

— הערסט דעם הוסט? אָט דערזעלבער, וואָס איז שולדיק אין איר, דריגען דעם מיידלס קרענק, איז שולדיק אויך אין דיין אומגליק.

— דאָס איז נישט דאָסזעלבע, — האָט דניאל זיך אָנגערופן מיט פאַראיבל און דעם קאָפּ צו דער וואַנט אַוועקגעדרייט, ווייל עס האָט אים געאַרט דאָס פאַרגלייכן.

— דאָס דאַרף דיך נישט צו פאַרדריסן, דניאל, איך וויל דו זאָלסט עס פאַרשטיין, דיין צער דאַרף דיך נישט בלינד צו מאַכן. הער, דניאל, און איך זאָג נאָך מער: אַפילו לעמקעס אומגליקלעך לעבן און מיאוסן טויט, איז אויך דערזעלבער שולדיק, און ווייסטו ווער דער איז: איך, און דו, און אַלע... די גאַנצע וועלט, אַלע צוזאַמען...

נאָר פּלוצלינג, ווען דניאל האָט זיך פאַרטראַכט וועגן בעלזס ווערטער, האָט יענער אַ געשריי־אַרויס געגעבן:

— דניאל, אומגליקלעכער, פאַרוואָס האָסטו דערצו צוגעלאָזט? פאַרוואָס האָסטו צו מיר נישט געשריבן, פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען צופאָרן צו מיר? ביסט געלאָזן צו מענטשן נאָך געלט, האָסט דיך מיאוס־געמאַכט, — פאַרוואָס ביסטו נישט געפאָרן מיט איר צו מיר, ווייט פון דאָ, פון דעם פאַרשאָלטענעם הויז?

טרערן זענען אים גערונען פון די אויגן, גרויסע, קיילעכדיקע טרערן:

— אומגליקלעכער, מיר וואָלטן זי דאָך נאָך געהאַט, ווען נישט אַזוי...

דניאל איז שוין איצט געווען מער דורכגעבראַכט און ער האָט שוואַך געענטפערט:

— איך וויל שוין נישט קלערן, צי איך האָב געדאַרפט אַזוי, צי אַנדערש צו טון... אָבער פון וו האָסטו געוווּסט צו קומען פּונקט נאָך דער צייט?

— איך? פון קיינעם נישט. איך בין געקומען מיט דיין

װערק, דאָ אַ פּאָר טאָג צו פֿאַרברענגען, מיטגעברענגט דאָס בילד, װאָס איך האָב פֿאַר איר געמאַכט און ס'איז פּונקט געװען דער פֿערטער טאָג דערנאָך —

און זײ האָבן בײדע געשװיגן.

* *

*

נישט לאַנג נאָכדעם איז געװען אַ טאָג. דניאל און פּעלז האָבן זיך שױן געגרײט אַװעקצופֿאָרן. אַלץ אין שטוב איז שױן געװען אַװעקגעגעבן די שכנים, זײערע זאַכן — אײנגעפּאַקט אין צװײ װאַליזעס מיטצונעמען.

ס'איז געװען אַ פֿראָסטיק זוניקער טאָג. זײ זענען געװען אױפֿן קלײנעם קאַטױלישן קברותל, לאַנג געזוכט צװישן די אָרימע קברימלעך מיט פֿראָסט־הילצערנע צלמים, ביז זײ האָבן געפֿונען דאָס, איצט הױך מיט שנײ־פֿאַרשיטע קבר. זײ זענען לאַנג געשטאַנען דאָרט, שװײגנדיק, מיט געבױגענע קעפּ.

אַז זײ זענען צוריק אַהײמגעקומען, האָט זײ די סטעסען אַרײנגעברענגט מיטאָג — דאָס לעצטע הײמישע מיטאָג.

ס'איז אַרױפֿגעקומען שטײנקע, איבערגענומען די שטוב, און מער האָבן זײ נישט געהאַט דאָ צו טון.

— קאָן איך עפּעס בעטן די הערן? — דרײט זיך שטײנקע צוריק פֿון דער טיר.

— װעגן װאָס, — איז פּעלז טשעקאַװע?

— אַזױ װי די הערן פֿאָרן איצט אין די רעזידענץ־שטאָט, דאָרט װױנען דאָך די מיניסטאָרן און ס'איז דאָך אַװדאי יאָ דאָ גערעכטיקײט, װאָלט ער, שטײנקע, געװאָלט מען זאָל אים טאָן אַ געפֿעליקײט און אױספֿועלן, ער זאָל נישט דאַרפֿן צו צאָלן פֿאַר דער לעמקען אין משוגעים־הױז.

— זי װעט מיך צום בעטל־שטאָק ברענגען, אױב זי זאָל נאָך אַ פּאָר יאָר לעבן, װעל איך מוזן גײן בעטלען... און זי איז דאָך געפֿערלעך פֿאַר אַלע מענטשן, פֿאַרװאָס זאָל איך דען אַלץ אַלײן צאָלן? — נאָר זעענדיק, אַז קײנער הערט זיך

נישט צו צו זיין רעדן, איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט אַ זיפֿצן.

ווען זיי זענען פֿאַרבײַגייענדיק אַרײַנגעגאַנגען צו סטעַ-סען זיך געזעגענען, איז דרינען פּונקט געווען מיטאָג.

— שוין? — שוין אַוועק? אַך, מײַן גאָט! אַלע פֿאַרלאָזן אונדז! — האָט די סטעסען די הענט פֿאַרבראָכן.

סטעסע האָט זיך דערהויבן פֿון זיץ.

— ליבער שכן, — האָט ער זיך צו דניאלן אָנגערופֿן, — ליבע פֿרײַנט, — האָט ער שוין דניאלס און פֿעלוס הענט אין זײַנע געהאַלטן און ווײַטער גערעדט...

ער איז געשטאַנען אַ הויכער מיט שוין כמעט אינגאַנצן גראָע האָר און אײַנגעבויגענע פּלייצעס, אין אָפּגעטראָגענע אַרומגעריסענע מלבושים — אַ פֿאַרמאַרעטער פֿון נישט-דערעסן און שווערער האָרעוואַניע, ווי אַ האַלב-אײַנגעבראָכענער בוים, אָבער די רייד, וואָס ער האָט איצט גערעדט זענען געווען — יינג און קלוג.

ער, דער געוויינלעכער סטעסע, האָט איצט גערעדט וואָרעם און פֿון האַרץ, געפֿונען אין זיך אַזעלכע זעלטענע ווערטער, וואָס נאָר ביים געזעגענען זיך מיט אײַנגעלעבטע מענטשן, וועלכע מ'האָפֿט שוין נישט נאָך אַמאָל אין לעבן ווידער צו זען, קאָן מען אַזוי רעדן...

— פֿרײַנט מײַנע, שכנים... איך באַנעם... איך פֿאַרשטיי... איך... — האָט ער לסוף שוין געשטאַמלט פֿון גרויס געַ-רירטקייט — —

נאָר פֿעלו האָט זיך נישט אָנגערופֿן. ער האָט געקוקט מיט אַ ליכטיקן בליק אויף דעם רעדנדיקן און געשמייכלט. דניאלן איז דאָס געמיט געווען פֿול, איבערפֿולט, און ער האָט גאָרנישט געקאָנט רעדן. —

זיי זענען אַראָפּגעקומען, גענומען גיין. ס'איז געווען אַ זוני-קער פֿראָסט-טאָג. ווײַט, נאָך דער שטאָט, די נאָך נישט-באַבוישטע בערג — מיט וואַלד און מיט שניי-באַדעקטע, — האָט די ווינטער-זון באַשײַנט און זיי האָבן געפֿינקלט; אַהערצו, אין דעם געמיש

ייכער און קוימענס פון דער שטאָט, איז געלעגן ערטערווייז צ שאָטן, א גראָער שאָטן; אַלע הויכע הייזער זענען מיט די מויערן געלעגן אין שאָטן. פון די פאַבריק־קוימענס האָבן גע־זעצט רויכן און די רויכן האָבן זיך, ווי שטיקער שוואַרצע וואָלקנס, געצויגן און געפאַלן אויף די הויכע רייכע הייזער... דאָרט, אין די פאַבריקן, האָבן געהערשט מאַטאָרן. ס'האָבן זיך געדרייט און געיאָגט טראַנסמיסיעס. ס'האָט געהערשט אַזש ביז דאָ אַהער; די באַן האָט געהודזשעט, צעטראָגנדיק אין דער לאַנגער קייט וואַגאָנעס — אין דער וועלט אַריין די שפע פון יענע פאַבריקן. און אַהין דאָרט, צו יענעם וועג, האָבן זיך געלאָזט גיין דניאל טוב און עקיבא פעלז, זיי און מיט זייער געפעק.

סוף

פון דעם זעלבן אויטאָר אין בוך-פאָרמאַט:

פעלדבלומען, לידער, 1921.

פאַרפּלאָנטערטע וועגן, ראָמאַן אין 4 טיילן, 1923 (אויסצאַרקויפט)

זומפּ, ראָמאַן אין 3 טיילן, 1927.

אין געוויש פון מאַשינען, ראָמאַן אין 2 טיילן, 1928.

„1905“, ראָמאַן אין 2 טיילן, 1929.

Free Public Library, Newark, N. J.